STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06129

BARIMTE REDES FUN DI SHIKAGO'ER MARTIRER

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

באַרימטע רעדעס

פון די

שיקאַגאָ'ער מאַרטירער

מיט א פאָרוואָרט פון אלעקסאנדער בערקמאַן

אידיש פון א. פרומקין

ארויסגעגעבן פון דער אמשאל-קראפאטקין גרופע

ניו יאָרק, 11טן נאָוועמבער, 1933

234

אינהאַלט־פֿאַרצייכעניש

זייט

פֿאָרוואָרט, פֿון אַלעקסאַנדער בערקמאַן 5

אויגוסט שפּיז'ס רעדע 15

מיכאעל שוואַב'ס רעדע 50

אָסקאַר נעעבע'ס רעדע 59

אַדאָלף פֿישער'ס רעדע 70

לואיס לינג'ס רעדע 74

געאָרג ענגעל'ס רעדע 81

סעמועל פֿילדען'ס רעדע 90

אַלבערט ר. פּאַרסאָנס' רעדע 149

אונזערע מאַרטירער

אויגוסט שפּיז, אלבערט ר. פּאַרסאָנס, סעמועל פילדען, מיכאעל שוואַב, געאָרג ענגעל, אַדאָלף פישער, לואיס לינג און אָסקאַר נעעבע. — דאָס בילד אין צענטער איז דער מאָנומענט באַ זייערע קברים אף דעם בית עולם פון וואַלדהיים.

פאָרוואָרט

זעקס און פערציק יאָר זיינען פארביי זינט עס זיינען אין אמעריקא פאָרגעקומען יענע גרויסע געשעענישן, וועלכע האָבן דערגרייכט זייער העכסטן פונקט אין דער היימארקעט טראגעדיע פון דעם 11טן נאָוועמבער, 1887. די מענטשן האָבן א מערקווירדיק קורצן זכרון, און די מערסטע ארבעטער פון היינט האָבן ניט די מינדסטע אידייע וועגן דעם וואָס עס איז דאן געשען. דאָך גענינסן די ארבעטער היינט־צו־טאָג די גוטע רעזולטאטן פון דער ארבעט, פון די כוחות וואָס עס האָבן אוועקגעלייגט יענע מענער, וועלכע זיינען מארטיריזירט געוואָרן אין שיקאגא אין 1887. יענע סאָציאלע פיאָנירן, וועלכע זיינען באקאנט אלס די שיקאגאָ׳ער אנארכיסטישע מאָרטירער, האָבן באצאָלט מיט זייערע לעבנס, כדי צו דינען די אינטערעסן פון דער ארבעטער באוועגונג. זייער טויט איז געווען א מורא׳דיקע טראגעדיע פאר דער ארבעטערשאפט און פאר דער מענטשהייט, אָבער נאָך גרעסער איז די טראגעדיע פון דער אומוויסנהייט און גלייכגילטיקייט פון די מאסן צו די מארטיריזירטע פיאָנירן פון זייער באוועגונג.

דער אכט־שטונדן־טאָג איז שוין לאנג צוריק געוואָרן א דורכגעפירטער פאקט, ניט בלויז אין אמעריקא, נאָר אויך אין די מערסטע אנדערע טיילן פון דער וועלט. אבער די וואָס זיינען געווען פון די ע ר ש ט ע, וועלכע האָבן אנגעפאנגען די באוועגונג אין אמעריקא, האָבן באצאָלט מיט זייערע לעבנס פאר זייערע אָנשטריינגונגען. דער דורכשניטלאכער אמעריקאנער ארבעטער פון היינט וואָלט געווען זייער שטארק איבערראשט צו הערן, אז אנארכיסטן זיינען געווען פון די ערשטע צו פראָקלאמירן די דאָזיקע פאָדערונג, פון די ערשטע צו ארבעטן פאר איר און די ע ר ש ט ע צו שטאַרבן פאר איר. אָבער עס איז זייער נויטיק, אז די ארבעטער זאָלן עס וויסן. ניט בלויז דערפאר ווייל עס איז א היסטאָרישער און וויכטיקער פאקט; אויך ניט בלויז צוליב וואָס פאר עס איז סענטי־

מענטאלע אורזאכן, און אפילו ניט אין גערעכטיקייט און אכטונג פאר די מענער, וועלכע האָבן מקריב געווען זייערע לעבנס פאר דער ארבעטער זאך. עס איז נויטווענדיק, אז די מאסן זאָלן זיך באקענען מיט דעם וואס עס איז געשען אין די יאָרן 1886 און 1887, כדי זיי זאָלן וויסן, ווער עס זיינען די וואס קעמפן אָן מורא און מיט איבערגעבנקייט פאר דער ארבעטער־זאך. די ארבעטער ווערן אזוי אפגענארט און פארפירט פון יעדער פאליטישער פארטיי און יעדן אזויגערופענעם „ליבעראל" און כלומר'שטער רעוואָלוציאָנערער גרופע, אז עס קאָן ניט זיין קיין האָפנונג פאר וואס פאר עס איז סאָציאַלער קלאָרקייט ביז די מאסן וועלן איינזען, ווער עס זיינען זייערע פריינט און ווער זייערע שונאים, וואס זייערע קאָלירן זאָלן ניט זיין. ווען די מאסן וועלן זיך דערוויסן, אז פאליטיקער האָבן זיי שטענדיק פאראטן, אז דער סאָציאַליזם איז געוואָרן די שטארקסטע שטיצע פון דעספאָטישע רעגירונגען און פונ'ם קאפיטאליזם איבער דער גאנצער וועלט; אז באָלשעוויזם מיינט א צוריקקער צו פעאָדאלער דיקטאטור און געמיינער שקלאפעריי, — ווען די ארבעטער וועלן דאס דערפארן, און ווען מ'וועט זיי ווייזן, אז בלויז אנארכיסטן האָבן קיינמאָל ניט געזוכט צו באהערשן און עקספּלואטירן די מאסן — אז גראָד פארקערט, די אנארכיסטן זיינען שטענדיק געווען די מארטירער פאר דער ארבעטער־זאך, ווי אונזערע שיקאגא'ער קאמעראדן און פילע אנדערע איבער דער גאנצער וועלט זיינען געווען — דאן וועלן די מאסן זיך בעסער צוהערן צו די אידייען און אידעאלן פונם אנארכיזם.

ביישפיל איז די מעכטיקע הויב־קראפט וואס באוועגט די וועלט. דער מוסטער פון אונזערע היימארקעט־מארטירער — זייער לעבן און זייער טויט — איז מעכטיק גענוג אויפצוקלערן די מאסן, ווען מיר זאָלן נאָר קאָנען זיי פולשטענדיק באקאנט מאכן מיט דעם דאָזיקן ביישפיל. דאס דארף זיין איינע פון אונזערע הויפט שטרעבונגען.

אָבער 46 יאָר איז זייער א לאנגע צייט צוריק. לאָמיר דארום בקיצור איבער'חזר'ן די געשעענישן פון יענע טעג.

די אמעריקאנער ארבעטער זיינען אין יענע טעג געווען געצוואונגען צו שקלאפן 12, 14 און צייטנווייז זאגאר 16 שעה, ווי אומגלויבלאך אזעלכע לאנגע שטונדן זאָלן ניט אויסקוקן היינט־צו־טאָג. אין זייער זעלטענע אויסנאמען, בלויז אין עטלאכע איינ־

דוסטריען, איז דער ארבעטס־טאג געווען צען שטונדן. עס זיינען געווען די פארטגעשריטנסטע עלעמענטן פון יענע טעג — די רעוואלוציאנערע סאציאליסטן, באזונדערס יענע פון זיי, וועלכע האבן זיך גערופן אנארכיסטן — וואס האבן גענומען די איניציאטיווע און ארויסגעשטעלט די פאדערונג פון די ארבעטער פאר דעם אכט־שטונדיקן ארבעטס־טאג. עס איז דאמאלס געווען אן „עקסטרעמערע" פאדערונג, ווי א צוויי־שטונדיקער ארבעטס־טאג וואלט געווען היינט. פאר די פארלאמענטארישע סאציאליסטן פון יענער צייט איז די נייע פאדערונג געווען בלויז א פראגע פון טעארעטישע דיסקוסיעס און קאנגרעס רעזאלוציעס. אבער די רעוואלוציאנערע סאציאליסטן, וועלכע האבן זיך געהאט באפרייט פון פארלאמענטאריזם, און באזונדערס די אנארכיסטן, האבן פראקלאמירט די מאטא פון אן אכט־שטונדן־טאג אף אן ענערגישן און אנטשיידנדן אופן. זיי האבן אנגעהויבן ארגאניזירן די ארבעטער, כדי צו מאכן די פאדערונג פראקטיש, זי דורכצופירן אין לעבן.

אזוי איז אנטשטאנען דער אנפאנג פון דער אכט־שטונדן באוועגונג אין אמעריקא. צו קאנסטאטירן א היסטארישע ווארהייט מוז איך דא דערמאנען, אז זאגאר געוויסע אנארכיסטן פון יענער צייט האבן נים געהאט גענוג וויטזיכטיקייט צו פארשטיין דעם ארגאניזאציאנעלן, פראפאגאנדיסטישן און רעוואלוציאנערן ווערט פון דער דאזיקער באוועגונג. מאנכע פון זיי, ווי יאהאן מאסט צום ביישפיל, האבן נאיוו געגלויבט, אז עס וואלט געווען פונקט אזוי לייכט צו אינספירירן די ארבעטער צו סטרייקן געגן דעם גאנצן קאפיטאליסטישן סיסטעם, ווי צו ווירקן אף זיי אז זיי זאלן סטרייקן פאר דעם אכט־שטונדן טאג. די געשעענישן האבן, פארשטייט זיך, באוויזן, אז זיי האבן א טעות געהאט. די ארבעטער־מאסן, באזונדערס אין אמעריקא, זיינען געווען צו־ווייט פון צו זיין סאציאל אויפגעקלערט, אז זיי זאלן אפילו קאנען חלומ'ן וועגן אפשאפן דעם קאפיטאליזם — און אין פאקט, קוקן זיי זאגאר היינט־צו־טאג נים אויס צו זיין א סך אויפגעקלערטער. אבער א סטרייק פאר א קירצערן ארבעטס־טאג — דאס האבן זיי גאנץ גוט געקאנט פארשטיין. נאכמער, זיי האבן געפילט, אז דאס איז פארבונדן מיט זייערע באלדיקע טעגלאכע אינטערעסן, און אזא קאמף האט דארום שנעל אפעלירט צו די ארבעטער־מאסן.

די באוועגונג פאר דעם אכט־שטונדן־טאג האט געפונען איר

פראקטישן אויסדרוק אין שיקאגא דעם ערשטן מאי, 1886, און האט זיך באלד פארשפרייט איבערן גאנצן לאנד. זי האט זיך אנגע־פאנגען מיט סטרייקס אין די מערסטע גרויסע אינדוסטריעלע צענ־טערס. פינף און צוואנציק טויזנט ארבעטער אין שיקאגא האבן אוועקגעלעגט די ארבעט אין דעם ערשטן טאג פונם סטרייק, און אין צוויי טעג האט זיך זייער צאל פארדאפלט. די שיקאגא'ער אנאר־כיסטן, באזונדערס די גוטע רעדנער צווישן זיי — אלבערט פאר־סאנס, אויגוסט שפיז, אדאלף פישער, מיכאעל שוואב און סעמועל פילדן — זיינען געווען דאס הארץ און די נשמה פון דער באוועגונג. זייער יארנלאנגע טעטיקייט צווישן די ארבעטער־מאסן פון אילינאיס האט געוואונען פאר זיי די אכטונג און די אויפמערקזאמקייט פון די ארבעטער. מ'האט געקוקט אף זיי ווי אף אמת'ע פריינט און לערער, און מ'האט זיך צוגעהערט צו זייערע רייד. אונזערע קאמע־ראדן האבן דערמוטיקט און באגייסטערט די סטרייקער דורך זייער אומדערמידלאכער און איבערגעבענער טעטיקייט. די באלדיקע פראקטישע פאדערונג פאר א קירצערן ארבעטס־טאג האט זיי אויך געגעבן די געלעגנהייט אויפצוקלערן די מאסן וועגן די איבלען פון דעם גאנצן קאפיטאליסטישן און רעגירונגס־סיסטעם.

ארום דעם 4טן מאי זיינען כמעט אלע יוניאן ארבעטער פון שיקאגא געווען אין סטרייק. די בורזשואזיע פון אילינאיס האט איינגעזען, אז די אכט־שטונדן־באוועגונג, אף וועלכער זי האט צו־ערשט געקוקט ווי אף אן אוטאפיע, צעוואקסט זיך און ווערט א ווירקלאכע געפאר פאר די באלעבאטים. די קאפיטאליסטן האבן געפילט, אז דער ארבעטער־אויפשטאנד, וועלכער האט זיך פאר־שפרייט איבערן גאנצן לאנד און איז אנגעפירט געווארן פון אינטעלי־גענטע און ערלאכע, אומבאשטעכבארע מענער, ווי אונזערע שיקא־גאער קאמעראדן, האט געדראט די סאמע יסודות פון עקספלוא־טאציע און שקלאפעריי. עס האט דערפאר ניט גענומען לאנג און די באוואפנטע מאכט פונם געזעץ איז שנעל געקומען צו הילף פון די באלעבאטים. די קאפיטאליסטישע פרעסע, וועלכע איז שטענדיק די דינערין, דאס פארקויפטע ווערקצייג פון דער הערשנדער מאכט, האט געבושעוועט געגן די סטרייקער און געפאדערט, אז מען זאל באנוצן גוואלט געגן זיי.

די פאליציי איז געווארן טעטיק. מ'איז באפאלן מיטינגען פון סטרייקער; ארבעטער זיינען ארעסטירט און מיסהאנדלט געווארן.

די נידערטרעכטיקסטע אטאקע אף די סטרייקערס איז פאָרגעקומען בא דער דרעש־מאַשינען־פאַבריק פון מעקאָרמיק אין שיקאגא. די פּאָליציי און פּינקערטאָנס האָבן קאַלטבלוטיק אָפּגעפּייערט א זאַלפּ פון קוילן אין א פאַרזאַמלטער גרופּע פון סטרייקערס, טויטנדיק פיר און פאַרוואונדנדיק א פּאָר צענדליק אנדערע.

צו פּראָטעסטירן געגן אָט דער גוואַלט־טאַט פון דער פּאָליציי איז שנעל פאַררופן געוואָרן א מיטינג אין היימארקעט סקווער אף דעם 4טן מאַי, 1886. די פאַרזאַמלונג איז אדרעסירט געוואָרן פון אלבערט פאַרסאָנס, אויגוסט שפּיז, סעמועל פילדן און אנדערע. הגם דער עולם איז מיט רעכט געווען אויפגעבראכט אף דער פּאָליציי פאר די אבזיכטלאכע מאָרדן וואָס זי איז באַגאַנגען געגן די ארבעטער, דאַך איז דער מיטינג געווען רואיק און אין אָרדנונג. דער מעיאָר פון דער שטאָט, קארטער האריסאָן, איז אָנוועזנד געווען. ער האָט זיך צוגעהערט צו עטלאכע רעדעס און דאַן — לויט דעם ווי ער האָט אליין עדות געזאָגט שפּעטער אין געריכט — האָט ער זיך אומגעקערט צוריק אין דער הויפּט־קוואַרטיר פון דער פּאָליציי און מיטגעטיילט דעם טשיף און פּאָלים, אז די פאַרזאַמלונג איז א פרידלאכע. עס האָט אָנגעהויבן ווערן פינסטערלאַך — שווערע וואָלקנס האָבן באַדעקט דעם הימל און ס׳האָט אויסגעקוקט, אז עס וועט רעגענען. דער עולם האָט אָנגעהויבן זיך פאַנאַנדערגיין, און בלויז אומגעפער דריי הונדערט פּערזאָן זיינען געבליבן אף דער פאַרזאַמלונג. דאַן איז פּלוצלונג דערשינען א מחנה פון 170 פּאָליסלייט אפן מיטינג־פּלאַץ. פּאָלים קעפּטיין וואַרד האָט אויפגעהויבן זיין בולאווע און געהייסן די פאַרזאַמלטע זיי זאָלן זיך פאַנאַנדערגיין. סעמועל פילדן, וועלכער האָט אין יענעם מאָמענט אדרעסירט דעם מיטינג, האָט געענטפערט: „דאָס איז א פרידלאכע פאַרזאַמלונג“. קעפּטיין וואַרד האָט זיך אויסגעדרייט צו זיינע לייט און זיי געגעבן עפּעס א באַפעל. אָן א שום ווייטערדיקער וואָרנונג האָט זיך די פּאָליציי א וואָרף געטאָן אף די פאַרזאַמלטע און געקלאַפּט מיט די בולאוועס איבער די קעפּ פון מענער און פרויען. אין דעם מאָמענט האָט זיך דערהערט עפּעס א גערויש דורך דער לופט. א באָמבע איז געפאַלן אין די רייען פון די פּאָליסלייט און האָט עקספּלאָדירט מיט א מוראדיקן קראַך. זיבן פּאָליסלייט זיינען דער׳הרג׳עט און זעכציק פאַרוואונדעט געוואָרן; פון די ארבעטער זיינען געווען פיר טויטע און פופציק פאַרוואונדעטע.

קיינער האָט ניט געוואוסט, ווער עס האָט געוואָרפן די באָמבע; זאָגאָר ביז היינטיקן טאָג איז ניט פעסטגעשטעלט געוואָרן ווער עס האָט עס געטאָן. עס איז באַגאַנגען געוואָרן אַזויפיל ברוטאַליטעט פון דער פּאָליציי און פון די פינקערטאָנס געגן די אַרבעטער, אַז עס איז ניט געווען קיין איבעראַשונג אַז אימיצער זאָל דורך אַזאַ אַקט האָבן אויסגעדריקט זיין פּראָטעסט געגן דעם. אין איין צייט האָט מען געֿרעט דערפון, אַז דער אַנאַרכיסט רודאָלף שנאובעלט, אַ שוואָגער פון מיכאעל שוואב, האָט געוואָרפן די באָמבע. אָבער דער קלאַנג איז קיינמאָל ניט באַוויזן געוואָרן. העכסט ווארשיינלאך האָט זיך דער קלאַנג גענומען דערפון וואָס שנאובעלט איז באַלד נאָכדעם פארשוואונדן פון שיקאגא. אָבער שנאובעלט אַליין האָט עס גאַנץ אַנטשידן אָפּגעלייקנט אין דער אייראָפּייאישער אַנאַרכיסטישער פרעסע און דערקלערט, אַז ער האָט ניט געוואָרפן די באָמבע.

אָבער ווער עס האָט עס זאָל פאַקטיש ניט האָבן געוואָרפן די באָמבע, די ווירקלאַך פאַראַנטוואָרטלאַכע פערזאָן פאַר דער גאַנצער טראַגעדיע איז ניט געווען קיין אַנדערער, נאָר דער פּאָליציי אינספּעקטאָר באָנפילד. אַ ווײַלע פאַר דער קאַטאַסטראָפע האָט ער געקראָגן אַ באַפעל פון מעיאָר האַריסאָן זיך אומצוקערן מיט זיינע פּאָליסלייט צוריק אין סטיישאָן, דערקלערנדיק אַז זיי זיינען מער ניט נויטיק, ווייל די פאַרזאַמלונג איז אַ פרידלאַכע און איז באַלד געענדיקט. אַנשטאָט דעם האָט אינספּעקטאָר באָנפילד געגעבן קעפּטיין וואָרד אַ באַפעל צו אַטאַקירן די פאַרזאַמלונג, אַזוי גיך ווי מעיאָר האַריסאָן האָט פאַרלאָזן דעם הײמאַרקעט.

ס'איז ניט געווען קיין סוד אין יענע טעג אין שיקאַגאַ, אַז אינספּעקטאָר באָנפילד איז געווען דאָס באַצאָלטע ווערקצייג פון דער „סיטיזענס אַסאָסיאיישאָן", די אָרגאַניזאַציע פון די גרויס־קאַפּיטאַליסטן פון שיקאַגאָ, וועלכע זיינען געווען אַנטשלאָסן צו דערשטיקן דעם אַרבעטער־אויפשטאַנד אין דעם בלוט פון די אַרבעטער. זיי האָבן אָפן דערקלערט, אַז זיי וועלן אונטערדריקן די אַכט שטונדן באַוועגונג און אַז זיי וועלן „לערנען דרך ארץ מיט די רעבעלן". די געלט־זעק פון שיקאַגאַ און פונם שטאַט אילינאָיס האָבן זיך שוין פון לאַנג געהאַט באַרימט, אַז זיי וועלן „קריגן" די „אַנאַרכיסטישע פירער". זיי האָבן געמיינט צו טעראָריזירן, אָפּצושרעקן די אַרבעטער דורכדעם וואָס זיי וועלן דערמאָרדן זייערע אינטעליגענטסטע און איבערגעבנסטע וואָרט־פירער, און די דאָזיקע זיינען געווען

אלבערט פּאַרסאָנס, אַ זון פון אַן אַלטער אַמעריקאַנער פאַמיליע, וועמעס זיידעס האָבן געקעמפט אין דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע; אויגוסט שפּיז, רעדאַקטאָר פון דער שיקאַגאָ׳ער „אַרבעטער צייטונג"; אַדאָלף פישער, געאָרג ענגל, לואיס לינג, מיכאַעל שוואַב, סעמועל פילדן און אָסקאַר נעבע.

דער פּראָצעס פון יענע אַכט מענער איז געווען די טייוולישסטע פאַרשווערונג פון קאַפּיטאַל קעגן אַרבעט אין דער גאַנצער געשיכטע פון אַמעריקאַ. פון דעם ריכטער דזשאָזעף ע. גערי, שטאַטס־פּראָקוראָר גרינעל, אַרונטער ביז די אויסגעזוכטע, אויסגעקליבענע דזשורי־לייט און אונטערגעקויפטע אָדער טעראָריזירטע עדות — די גאַנצע באַנדע האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך דעם העכסטן פּונקט פון געריכט־לאַכן שווינדל און געזעצלאַכן מאָרד. געמיינע פעלשונגען, אונטערגעקויפטע עדות, פּאָליציייסקע ראַבע, אונטערשטיצט פון די ווילדע קולות און דאָס בושעווען פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּרעסע — דאָס אַלעס האָט זיך פאַרבונדן אינאיינעם דורכצופירן די קאַלטבלוטיקע דערמאָרדונג פון אונזערע שיקאַגאָ׳ער גענאָסן.

פּאַרסאָנס, שפּיז, פישער, ענגל, לינג, שוואַב און פילדן זיינען פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט, און אָסקאַר נעבע איז פאַראורטיילט געוואָרן צו פופצן יאָר געפענגניש. דער אורטייל פון שוואַב און פילדן איז שפּעטער אומגעביטן געוואָרן פון טויט אויף לעבנסלענגלאַכער תפיסה. לינג, דער יונגער און פאַרביסענער רעבעל, האָט פאַרגעצויגן זיך אַליין צו נעמען דאָס לעבן. די אַנדערע פיר האָבן געפונען זייער טויט אויף דער תליה.

קיינמאָל איז ניט פאָרגעקומען קיין גרעסערע נאָכקרימעניש פון גערעכטיקייט ווי דער כלומר׳שטער פּראָצעס פון די דאָזיקע מענער, וועלכע זיינען מיט רעכט אריינגעשריבן געוואָרן אין דער געשיכטע אַלס די שיקאַגאָ׳ער אַנאַרכיסטישע מאַרטירער. וואָס פאַר אַ סקאַנדאַל דער פּראָצעס און דער אורטייל זיינען געווען, זאָגאַר פון אַ געזעצלאַכן שטאַנדפּונקט, קאָן מען אורטיילן פון דער האַנדלונג פון דעם שפּעטערדיקן גאָווערנאָר פון אילינאָיס, דזשאָן פּ. אַלטגעלד. נאָכדעם ווי ער האָט פאָרזיכטיק איבערגעקוקט די פאַרהאַנדלונגען פונם פּראָצעס פון די שיקאַגאָ׳ער אַנאַרכיסטן האָט ער דערקלערט, אַז די הינגעריכטעטע און די איינגעשפּאַרטע מענער זיינען געווען די אָפּפער פון אַ פאַרשווערונג פון די פאַבריקאַנטן, פון די געריכטן און פון דער פּאָליציי. ער האָט ניט געקענט צונישט

מאַכן די יוסטיץ־מאָרדן — ער האָט ניט געקאָנט ברייינגען די דער־מאָרדעטע צוריק צום לעבן. אָבער ער האָט אַף א מוטיקן אופן באַפרייט די אַנאַרכיסטן, וועלכע זיינען נאָך געזעסן אין געפענגניש, דערקלערנדיק עפנטלאַך, אז דאָס איז פון זיין זייט ניט קיין אַקט פון רחמנות און אז ער „באַגנאַדיקט" זיי ניט; אדרבה, האָט ער געזאָגט, ער מאַכט בלויז גוט, אזוי ווייט ווי עס ליגט אין זיין מאַכט, דעם שרעקלאַכן פאַרברעכן וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן געגן די פאַר־משפּט'ע מענער.

די נקמה פון די עקספּלואַטאַטאָרס איז געגאַנגען אזוי ווייט, אז זיי האָבן געמאַכט גאָווערנאָר אלטגעלד פאַר זייער קרבן: זיי האָבן אים באַשטראָפט פאַר זיין מוטיקן שריט דערמיט וואָס זיי האָבן אים באַזייטיקט פונם פּאָליטישן לעבן פון אמעריקא. יאָ, די ערשטע און די פאַרברעכערישסטע „ראַקעטירס" פון אמעריקא זיי־נען די פּאָליטישע און אינדוסטריעלע באַלעבאַטים פון לאַנד.

דער היימאַרקעט פּראָצעס, ווי די מאַרטירערייַ פון אונזערע שיקאַגאָ'ער גענאָסן ווערט אָפיציעל אָנגערופן, איז דער מעכטיקס־טער ביישפּיל פון דעם סאָרט גערעכטיקייט וואָס די מאַסן קריגן פון זייערע באַלעבאַטים. די געשיכטע פון דער אמעריקאַנער ארבעטער באַוועגונג איז פול מיט אזעלכע ביישפּילן. אין א קלענערער מאָס ווערן די שיקאַגאָ'ער יוסטיץ־מאָרדן פון 1887 ווידערהאָלט אין יעדן ארבעטער קאַמף. דערמאָנט זיך אָן דער דערמאָרדונג פון אומבאַ־וואָפנטע סטרייקערס אין די האָפן־פעלדער פון ווהיטלענד, קאַלי־פּאָרניע, אין 1913; דעם קאַפּיטל „לודלאָוו" אין דעם שטאַט קאָלאָ־ראַדאָ, ווען די מיליץ האָט אונטערגעצונדן די ביידלאַך פון די סטריי־קערס און פאַרברענט מענער, פרויען און קינדער לעבעדיקערהייט, אין 1914; דענקט וועגן דער ענלאַבער באַהאַנדלונג פון סטרייקנדע ארבעטער אין עווערעט, וואַשינגטאָן, אין 1916; אין טולסא, אָק־לאַהאָמאַ; אין ווירדזשיניא און קענזעס און אריזאָנאַ; אין די קופּער־מינעס פון מאָנטאַנא, און אין פילע אנדערע פּלעצער איבערן גאַנצן לאַנד.

דענקט אויך וועגן דעם מוני־בילינגס פאַל און וועגן דעם סאַקאָ־וואַנזעטי פּראָצעס. דאָס זיינען צו־פרישע געשעענישן, אז מ'זאָל זיי דאַרפן דאָ איבערדערציילן מיט איינצלהייטן. דער מוסר־השכל פון די דאָזיקע צוויי פּראָצעסן, ווי פון די אַלע אנדערע, איז דער זעלביקער ווי דער מוסר־השכל פון דער היימאַרקעט מאַרטירערייַ;

קיין זאַך רופט ניט אַזוי שטאַרק אַרויס דעם האַס און די נקמה פון די עקספּלואַטאַטאָרס און די הערשער ווי דער פּאַרזוך אויפצוקלערן זייערע קרבנות. דאָס איז אַזוי אמת היינט־צו־טאָג, ווי עס איז געווען אין דער צייט פון דער אינקוויזיציע. קאַפּיטאַל און רעגירונג פאַלן ארויף און צוררייסן אף שטיקער יעדן איינעם וואָס וואַגט צוצו־טרייסלען די יסודות פון זייער טיראַנייע און דעספּאָטיזם. לערנט די אַרבעטער, אַז זיי זאָלן אויפהערן האָפן אף „גערעכטיקייט". ס'איז ניטאָ און עס קאָן ניט זיין וואָס פאַר עס איז גערעכטיקייט אין א געזעלשאַפטלאַכן סיסטעם פון עקספּלואַטאַציע און רויבעריי. באַ־פרייט די מאַסן פון זייערע פּאָליטישע אבערגלויבנס און קינדערשע סאָציאַלע באַגריפן. צווישן קאַפּיטאַל און רעגירונג אף איין זייט און די אַרבעטער־מאַסן אף דער אַנדער זייט איז פאַראַן א קאַמף אף לעבן און טויט. בלויז די אָרגאַניזירטע עקאָנאָמישע מאַכט פון די אַרבעטער מאַסן, אינספּירירט פון א באַוואוסטזיניקן סאָציאַלן צוועק, קאָן באַפרייען די מאַסן פון זייער שקלאַפעריי. האַלט הויך פאַר זייערע אויגן דעם ביישפּיל און די אידעאַלן פון אונזערע שיקאַ־גאָ'ער מאַרטירער, כדי זיי צו באַגייסטערן אין דעם גרויסן קאַמף פאַר א נייער וועלט.

אלעקסאנדער בערקמאַן.

ניצא, פראַנקרייך.

אויגוסט שפּיז'ס רעדע

ביאָגראַפישער נאָטיץ

אויגוסט שפּיז איז געבאָרן געוואָרן דעם 10טן דעצעמבער, 1855, אין פרידעוואלדע, וואָס געפינט זיך אין העסנקאסל (דייטשלאנד). זיין פאָטער איז געווען א וואלד־אויפזעער. דער קליינער אויגוסט האָט געקראָגן א היימישע דערציאונג; דער פאָטער האָט אים געגומען לערער אין הויז אריין, ביז ער האָט געקאָנט אָנהויבן גיין אין גימנאזיע. דערנאָך האָט מען אים אַוועקגעשיקט קיין קאסל אין פּאָליטעכניקום, כדי זיך דאָרט צוצוגרייטן פאר זיין קאריערע אלס וואלד־אויפזעער.

ווען שפּיז איז אלט געוואָרן 16 יאָר איז ער שוין געווען א טיכטיקער קענער פון געאָמעטריע. דער יונגער בחור איז געווען זייער פלייסיק. צוזאמען מיט זיינע פאך־למודים האָט ער זיך אויך פארנומען מיט לייענען די דייטשע קלאסיקער, באזונדערס די ווערק פון קאנט, פייערבאך, מאָלעשאָט און אנדערע. צו זיבעצן יאָר איז ער שוין געווען א פרייַדיינקער.

נאָכדעם ווי ער האָט שטודירט איין יאָר אין קאסל איז זיין פאָטער געשטאָרבן. דער יונגער מאן האָט צוליב דעם געמוזט אויפגעבן זיין שטודיום, און ער האָט באשלאָסן אויסצוואַנדערן קיין אמעריקא, וואו עס האָבן זיך געפונען עטלאכע קרובים פון זיין מוטער, וועלכע זיינען געווען אין גוטע פארהעלטנישן.

אין 1872 איז שפּיז אָנגעקומען קיין ניו יאָרק. אויף דער עצה פון זיינעם א פעטער האָט ער זיך אויסגעלערנט א מלאכה; ער איז געוואָרן א טאפּעצירער.

אין יענער צייט איז ער נאָך געווען אן ענטוזיאסטישער פארערער פון ביסמארק'ן און דעם דייטשן קייזער. פון סאָציאליזם האָט ער גאָר־נישט געוואוסט. אין די צייטונגען האָט ער געלייענט די באריכטן וועגן דער פאריזער קאָמונע און האָט געגלויבט, אז די סאָציאליסטן און די קאָמוניסטן ווילן פארטיילן דאָס גאנצע אייגנטום. שפּיז האָט דאָס געהאלטן פאר פשוט'ן אומזין.

נאָכדעם ווי ער האָט זיך אויסגעלערנט די מלאכה איז ער אוועקגעפאָרן אין די וועסט. אָבער ער האָט אלס טאפּעצירער ניט געקאָנט

געפינען קיין אַרבעט, האָט ער זיך געווענדט צו דער געשעפטס־וועלט; ער איז געוואָרן א בוכהאַלטער און שפּעטער אן אגענט.

אין 1877, נאָכדעם ווי ער האָט איבערגעלייענט א טייל פון דער סאָציאליסטישער ליטעראטור, האָט זיך שפּיז אָנגעשלאָסן אָן דער ארבע־טער באוועגונג. ער איז געוואָרן א מיטגליד פון דער שיקאגאָ׳ער סעקציע פון דער סאָציאליסטישער ארבעטער פּארטיי און איז געווען זייער טעטיק אין פּארלויף פונם וואל־קאַמפּיין פון יאָר 1878, ווען די סאָציאליסטן אין שיקאגאָ האָבן ארויסגעשטעלט דר. ערנסט שמידט אלס קאנדידאט פאר מעיאָר. ער, שפּיז, אליין איז אויך עטלאַכע מאָל נאָמינירט געוואָרן פאר פארשידענע עמטער.

אין 1880 האָט שפּיז איבערגענומען די שטעלע פון פארוואלטער פון דער שיקאגאָ׳ער „ארבעטער צייטונג״, וועלכע איז געשטאַנען אַפן שוועל פון באַנקראָט. דורך זיין ענערגיע און זיין אומדערמידלאכער אַרבעט האָט די צייטונג באַלד אָנגעהויבן אויפבליען. די רעדאקציע האָט נאָך דאמאָלס פארטיידיקט די פּאָליטישע אגיטאַציע. אָבער גאָר אינגיכן איז עס געקומען צו א שפּאלטונג צווישן די מיטגלידער פון דער סאָציא־ליסטישער סעקציע, און שפּיז, ווי אויך די רעדאקטאָרן פון דער „ארבע־טער צייטונג״ זיינען אריבער צום „ראדיקאַלן פליגל״. אפן „קאָנגרעס פון די רעוואָלוציאָנערן״, וואָס איז אָפּגעהאלטן געוואָרן אין יאָר 1882 אין פּיטסבורג, איז שפּיז ארויסגעטראָטן פאר דער „פּראָפּאגאנדע פון טאַט״. ער האָט דערקלערט, אז די וואל־שווינדלען אין שיקאגאָ האָבן אים איבערצייגט, אז די ארבעטער קאָנען דורכן שטימקאַסטן גאָרנישט דערגרייכן.

זינט דאן האָט ער זיך גערופן אנארכיסט, און ווי ער אליין האָט דערקלערט, איז ער געקומען צום אנארכיזם הויפּטזאכלאך לייענענדיק די ווערק פון פּרודאָן און באקונין.

שפּיז האָט איבערגעלאָזט אן אלמנה, די גענאָסין נינא וואן זאנדט, מיט וועלכער ער האָט זיך פאראייניקט בעת ער איז שוין געווען אין געפענגניש, און וועלכע האָט נאָך זיין טויט ארויסגעגעבן זיין אויטאָ־ביאָגראפיע.

הער ריכטער! אדרעסירנדיק דעם דאָזיקן געריכט, רעד איך ווי דער פאַרשטייער פון איין קלאַס צו דעם פאַרשטייער פון אַן אַנדער קלאַס. איך וועל אָנהויבן מיט די ווערטער, וועלכע זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן מיט פינף הונדערט יאָר צוריק באַ אַן ענלאַכער געלעגנהייט, ווען דער אָנגעקלאָגטער ווענעציאַנישער „דאָדזשע“ (הויפּט־מאַגיסטראַט) האָט אדרעסירט זיינע ריכטער און געזאָגט: „מיין פאַרטיידיקונג איז אייער אָנקלאָגע; די אורזאַכן פון מיין כלומר’שטן פאַרברעכן — אייער געשיכטע!“ איך בין געשטעלט געוואָרן צום געריכט אויף א קלאַגע פון מאָרד, אַלס א טיילנעמער אָדער מיטשולדיקער. אויף דער דאָזיקער קלאַגע בין איך געפונען געוואָרן שולדיק. די אָנקלאַגע האָט ניט געבראַכט קיין שום פאַקטן צו באַווייזן אָדער זאָגאַר אָנדייטן, אַז איך האָב געהאַט וואָס פאַר עס איז ידיעה וועגן דעם מאַן וואָס האָט געוואָרפן די באָמבע, אָדער אַז איך אַליין האָב געהאַט וואָס עס איז צו טאָן דערמיט, סיידן, פאַרשטייט זיך, אויב איר וועגט דאָס עדות־זאָגן פון דעם פּראָקוראָר’ס און באָנפילד’ס מיטהעלפער, דאָס עדות־זאָגן פון טאָמפּסאָן און גילמער, דורך’ן פּרייז וואָס זיי האָבן געקראָגן באַצאָלט דערפאַר.

אויב עס זיינען ניט געווען קיין פאַקטן צו באַווייזן, אַז איך בין געזעצלאַך פאַראַנטוואָרטלאַך פאַר דער טאַט, דאַן איז מיין פאַראורטיילונג און די אויספירונג פון’ם אורטייל ניט קיין אַנדער זאַך נאָר אבזיכטלאכער, רשעות’דיקער און באַרעכנטער מאָרד, אַזאַ געמיינער מאָרד ווי מען קאָן נאָר געפינען אין דער געשיכטע פון רעליגיעזער, פּאָליטישער, אָדער וואָס פאַר עס איז אַנדער פאַרפאָלגונג. עס זיינען באַגאַנגען געוואָרן אסך יוסטיץ־מאָרדן, וואו די אָנקלעגער, די פאַרטרעטער פון’ם שטאַט, האָבן געהאַנדלט ערלאַך, גלויבנדיק אַז זייערע קרבנות זיינען באמת געווען שולדיק אין דער קלאַגע, אין וועלכער זיי זיינען אָנגעקלאָגט געוואָרן. אין דעם דאָזיקן פאַל קאָנען די אָנקלעגער זיך ניט באַשיצן מיט אַן ענלאַכן תירוץ. וואָרים זיי אַליין האָבן פאַבריצירט די מערסטע „באַווייזן“, וועלכע זיינען באַנוצט געוואָרן אַלס אויסרייד אונז צו פאַר’משפּט’ן, אונז צו פאַר’משפּט’ן דורך א דזשורי וואָס איז אויסגעקליבן געוואָרן לכתחילה צו פאַר’משפּט’ן!

פאַר דעם דאָזיקן געריכט און פאַר דער עפנטלאַכקייט, וואָס ווערט כלומרשט פאַרגעשטעלט אַלס דער שטאַט, קלאָג איך אָן דעם

פראַקוראָר און באַנפילד'ן אין דער נידערטרעכטיקער פארשווערונג צו באגיין מאָרד.

איך וועל דאַ איבערגעבן א קליינעם אינצידענט וואָס קאָן ווארפן ליכט אף דער דאָזיקער קלאגע. אין דעם אָוונט, ווען די „קייזערלאכע לייב־גוואַרדיע", די וועכטער און באשיצער פון דער סיטיזענס אסאָסיאיישאָן, פון די באַנקירן, די באַרד אָוו טרייד לייט און די אייזנבאַן־מאַגנאטן, האָבן אַטאַקירט די ארבעטער־פארזאַמלונג אף דעם היימַמאַרקעט, מיט מערדערלאכער אבזיכט — יענעם אָוונט, ארום אַכט אזייגער, האָב איך באַגעגנט א יונגן מאַן מיט'ן נאָמען לעגנער, וועלכער איז א מיטגליד פון דעם „אַרבייטער טורן פאראיין". ער האָט מיך באַגלייט און איז ניט אָפּגעטראָטן פון מיר אף קיין איין מינוט, ביז איך בין ארונטערגעשפרונגען פון דעם וואַגן, עטלאכע סעקונדן פאר דעם איידער די באָמבע האָט עקספּלאָדירט. ער האָט געוואוסט, אז איך האָב ניט געזען שוואב'ן יענעם אָוונט. ער האָט געוואוסט, אז איך האָב מיט קיינעם ניט געהאַט אזא געשפּרעך, ווי מר. מארשאל פילד'ס „פּראָטעזשע", טאָמפּסאָן, האָט עדות געזאָגט. ער האָט געוואוסט, אז איך בין ניט ארונטער־געשפּרונגען פון וואַגן אַנצוצינדן א שוועבעלע און עס דערלאַנגען דעם מאַן וואָס האָט געוואָרפן די באָמבע. ער איז ניט קיין סאָציאליסט. פארוואָס האָבן מיר אים ניט געבראַכט אפן עדות־שטול? ווייל די געערטע פאַרשטייער פון'ם שטאַט, גרינעל און באַנפילד, האָבן אים אָפּגעראַמט פון וועג. אָט די ערנהאַפטע הערן האָבן געוואוסט אלצדינג וועגן לעגנער'ן. זיי האָבן געוואוסט, אז זיין עדות־זאָגן וואָלט באוויזן אָז וואָס פאר עס איז צווייפל, אז טאָמפּסאָן און גילמער האָבן פאַלש געשוואָרן. לעגנער'ס נאָמען איז געווען אף דער ליסט פון די עדות פאר דער אָנקלאגע. ער איז אָבער ניט פאָרגערופן געוואָרן, צוליב אויגנשיינלאכע אורזאכן. יאָ, לעגנער האָט דערציילט עטלאכע פריינט, אז מען האָט אים אָנגעבאָטן 500 דאָלאַר, אויב ער וועט פאַרלאָזן די שטאָט, און מען האָט אים געסטראַשעט מיט אלערליי צרות, אויב ער וועט בלייבן דאָ און אויפטרעטן אלס עדות פאר דער פארטיידיקונג. ער האָט געענטפערט, אז מען קאָן אים ניט קויפן און ניט אָפּשרעקן צו דינען אזא שענדלאכע און נידערטרעכטיקע פארשווערונג. ווען מיר האָבן געוואָלט קריגן לעגנער'ן, האָט ער ניט געקאָנט געפונען ווערן; מר. גרינעל האָט געזאָגט — און מר. גרינעל איז אן ערנהאפטער מאַן! —

אז ער אליין האָט געזוכט דעם יונגן מאַן, אָבער ער איז ניט געווען אימשטאנד אים צו געפינען. אומגעפער דריי וואָכן שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אז אָט דערזעלביקער יונגער מאַן איז געקידנעפּט געוואָרן פון צוויי פון די גלענצענדע „היטער פון געזעץ און אָרדנונג", צוויי שיקאַגאָ׳ער דעטעקטיווס, וועלכע האָבן אים אוועקגעפירט קיין באַפאַלאָ, נ. י. זאָל מר. גרינעל, זאָל די סיטיזענס אַסאָסיאיישאָן, זיין באַלעבאָס, — זאָלן זיי אָפּגעבן רעכענונג דערפאר! זאָל דאָס פאָלק זיין דער ריכטער און משפּט׳ן איבער די באַרייטוויליקע מערדער!

ניין, איך זאָג נאָך אמאָל, די אָנקלאַגע האָט ניט פעסטגעשטעלט אונזער געזעצלאַכע שולד, ניט קוקנדיק אַף די געקויפטע און געפעלשטע דערקלערונגען פון געוויסע עדות, און ניט קוקנדיק אַף דעם אָריגינעלן אופן ווי אזוי דער דאָזיקער פּראָצעס איז געפירט געוואָרן. און אזוי לאַנג ווי דאָס איז ניט געטאָן געוואָרן, און איר גיט ארויס נעגן אונז דעם אורטייל פון א באַשטימטער „ווידזשילענס־קאָמיטע", וואָס האָט כלומר׳שט געהאַנדלט אלס דזשורי, זאָג איך, אז איר, די אָנגענומענע פאַרטרעטער און אויבער־פּריסטער פון „געזעץ און אָרדנונג", — אז איר זיינט די אמת׳ע און איינציקע געזעץ־ברעכער, און אין דעם דאָזיקן פאַל גייט איר ביז מאָרד. ס׳איז גוט, אז דאָס פאָלק זאָל עס וויסן. און ווען איך רעד וועגן דעם פאָלק מיין איך ניט די עטלאַכע פאַרשווערער פון גרינעל, די נאָבעלע פּאָליטישנס, וועלכע נעדייען אַף דעם עלנד און נויט פון די מאַסן. אָט די דראָנען, די ליידיק־גייער, מעגן זיך זיין דער שטאַט, זיי קאָנען זיך קאָנטראָלירן דעם שטאַט, זיי קאָנען זיך האָבן זייערע גרינעלס, זייערע באָנפילדס און אַנדערע פאַרקויפטע נשמות! ניין, ווען איך רעד וועגן דעם פאָלק מיין איך די גרויסע מאַסע פון מענטשלאַכע בינען, די ארבעטער, וועלכע זיינען צום אומגליק נאָך ניט באַוואוסט וועגן די לומפּערייען וואָס ווערן באַגאַנגען אין „נאָמען פון פאָלק", — אין זייער נאָמען.

די געפּלאַנטע דערמאָרדונג פון אַכט מענער, וועמעס איינציקער פאַרברעכן איז וואָס זיי האָבן געוואַגט צו זאָגן דעם אמת, וועט פיליכט עפענען די אויגן פון אָט די ליידנדע מיליאָנען, וועט זיי צוטרייסלען און זיי אויפוועקן. יאַ, איך האָב באַמערקט, אז אונזער פאַראורטיילונג האָט שוין אויפגעטאָן וואונדער אין דעם דאָזיקן פּרט. דער קלאַס וואָס פאָדערט אונזערע לעבנס, גוטע,

איבערגעבענע קריסטן, האָבן פּאַרזוכט אויף יעדן אופן, דורך זייערע צייטונגען און אנדערע מיטלען, צו באַהאַלטן די אמת׳ע און איינציקע פראַגע אין דעם דאָזיקן פּראָצעס. דורכדעם וואָס זיי האָבן איינפאַך באַצייכנט די אָנגעקלאָגטע אלס אנארכיסטן און זיי געשילדערט אלס א ניי־אַנטדעקטן שבט אָדער א מין פון קאַניבאַלן, און דורכדעם וואָס זיי האָבן אויסגעטראַכט שרעקלאַכע און שוידערלאַכע געשיכטעס וועגן פינסטערע פאַרשווערונגען, וואָס אָט די אנאַרכיסטן האָבן כלומר׳שט געפּלאַנעוועט, — דורכדעם האָבן אָט די גוטע קריסטן געזוכט צו באַהאַלטן דעם נאַקעטן פאַקט פון די ארבעטער און אנדערע רעכטדיינקנדע מענטשן, נעמלאַך: אז אין דעם אָוונט פון 4טן מאַי האָבן צוויי הונדערט באַוואָפנטע מענער, אונטער דער קאָמאַנדע פון א באַרימטן בויאן, אַטאַקירט א פאַרזאמלונג פון פרידלאַכע בירגער! מיט וואָס פאַר אן אבזיכט? מיט דער אבזיכט זיי צו דערמאָרדן, אָדער אַזויפיל פון זיי וויפיל זיי וועלן קאָנען. איך פאַרוף זיך דאָ אויף די אויסזאָגונגען פון צוויי פון אונזערע עדות. די לוין־ארבעטער פון דער דאָזיקער שטאָט האָבן אָנגעהויבן פּראָטעסטירן געגן דעם וואָס מען שינדט זיי צו־פיל די הויט — זיי האָבן אָנגעהויבן זאָגן מאַנכע זייער אמת׳ע זאַכן, אָבער זיי זיינען געווען שטאַרק אומאַנגענעם פאַר אונזער פּאַטריציער־קלאַס; זיי האָבן ארויסגעשטעלט — נו, עטלאַכע זייער באַשיידענע פאָדערונגען. זיי האָבן געדיינקט, אז אכט שטונדן שווערע ארבעט א טאָג פאַר קנאַפּע צוויי שטונדן געצאָלט איז גענוג. אָט דער „געזעצלאָזער המון” האָט געמוזט שטיל געמאַכט ווערן! דער איינציקער וועג ווי זיי שטיל צו מאַכן איז געווען זיי איבערצושרעקן און דערמאָרדן יענע, צו וועמען זיי האָבן ארויפגעקוקט אלס זייערע פירער. יאָ, אָט די „אויסלענדישע הינט” האָבן געמוזט קריגן א לעסאָן, אַזוי אז זיי זאָלן קיינמאָל מער ניט שטערן די רויבערישע עקספּלואַטאַציע פון זייערע גוטהאַרציקע און קריסטלאַכע באַלעבאַטים. באַנפּילד, דער מאַן וואָס וואָלט רויט געמאַכט פאַר שאַנד די מערדער פון דער „סט. באַרטאָלאָמיי נאַכט” — באַנפּילד, דער גלענצנדער העלד מיט א געזיכט וואָס וואָלט געקאָנט דינען אלס אויסגעצייכנטער מאַטעריאַל פאַר ד אָ ר ע ׳ ן, בעת ער האָט געמאָלן די טייוואָלים פון דאַנטע׳ס גיהנום—באַנפּילד איז געווען דער מאַן וואָס האָט זיך אם בעסטן צוגעפּאַסט אויסצופירן די פאַרשווערונג פון דער סיטיזענס אסאָסיאיישאַן, פון אונ־

זערע פּאַטריציער. ווען איך וואָלט געוואָרפֿן יענע באָמבע, אָדער איך וואָלט פּאַראורזאַכט אז זי זאָל געוואָרפֿן ווערן, אָדער ווען איך וואָלט געוואוסט וועגן דעם, וואָלט איך ניט איבערגעטראַכט קיין רגע און וואָלט עס געזאָגט. ס׳איז אמת, אז עטלאכע לעבנס זיינען פארלאָרן געגאַנגען — פילע זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן. אָבער הונדערטער לעבנס זיינען דורכדעם געראַטעוועט געוואָרן! ווען ניט יענע באָמבע, וואָלטן געווען הונדערט אלמנות און הונדערטער יתומים דאָ וואו איצטער זיינען פאַראַן עטלאכע. אָט די פאַקטן זיינען אַף א פּאָזיכטיקן אופן אונטערדריקט געוואָרן, און מיר זיינען אָנגעקלאָגט און געפונען געוואָרן שולדיק אין פארשווערונג דורך די אמת׳ע פארשווערער און זייערע אַגענטן. דאָס, געערטער ריכטער, איז איין גרונט פאַרוואָס קיין אורטייל דאַרף ניט ארויסגעגעבן ווערן פון א יוסטיץ־געריכט — אויב דער דאָזיקער נאָמען האָט איבערהויפּט וואָס פאר עס איז באַדייטונג.

„אָבער“, זאָגט די אָנקלאַגע, „איר האָט פאַרעפנטלאַכט אַרטיקלען וועגן דער פאַבריקאַציע פון דינאַמיט און באָמבעס“. ווייזט מיר א טעגלאַכע צייטונג דאָ אין שטאָט, וואָס האָט ניט געדרוקט ענלאַכע אַרטיקלען! איך געדיינק זייער דייטלאַך א לאַנגן אַרטיקל אין דער „שיקאַגא טריביון“ פון׳ם 23טן פעברואַר, 1885. די צייטונג האָט אַנטהאַלטן א באַשרייבונג און צייכענונגען פון פאַרשיידענע מינים אויפרייס־מאַשינען און באָמבעס. איך געדיינק באַזונדערס דעם דאָזיקן אַרטיקל, ווייל איך האָב געקויפט די צייטונג אַף אן אייזנבאַן־צוג, און איך האָב געהאַט גענוג צייט עס איבערצולייענען. אָבער זינט יענער צייט האָט די „טיימס“ אָפט געדרוקט ענלאַכע אַרטיקלען מכח דער פראַגע, און א טייל פון די דינאַמיט־אַרטיקלען וואָס מען האָט געפונען אין דער „אַרבעטער צייטונג“, זיינען געווען איבערזעצטע אַרטיקלען פון דער „טיימס“, געשריבן פון די גענעראַלן מאָלינוי און פיטץ דזשאָן פּאָרטער, וועלכע האָבן פאָרגעשלאָגן צו געברויכן דינאַמיט באָמבעס געגן סטרייקנדע אַרבעטער אלס די ווירקזאַמסטע וואַפע געגן זיי. מעג איך וויסן, פאַרוואָס די רעדאַקטאָרן פון די דאָזיקע צייטונגען זיינען ניט אָנגעקלאָגט און פאַראורטיילט געוואָרן פאר מאָרד? איז דאָס דערפאַר ווייל זיי האָבן אַגיטירט צו געברויכן דעם דאָזיקן צושטערונגס־מיטל בלויז געגן דעם „פּראָסטן המון“? איך בין נייגעריק צו וויסן. פאַרוואָס איז מר. סטאָון פון די „ניוס“ ניט

געמאכט געוואָרן פאר אַן אָנגעקלאָגטן אין דעם דאָזיקן פּראָצעס? מען האָט באַ אים געפונען א באָמבע. חוץ דעם האָט מר. סטאָון אין יאנואר פארעפנטלאכט אן ארטיקל, וואָס האָט געגעבן פולע אינפאָרמאציע וועגן דער פאבריצירונג פון באָמבעס. אויף דער דאָזיקער אינפאָרמאציע האָט יעדער איינער געקאָנט מאכן א באָמבע, גרייט זי צו געברויכן, און עס האָט געדארפט קאָסטן ניט מער ווי צען סענט. די „ניוס" האָט וואַרשיינלאך צען מאָל אזויפיל לעזער ווי די „ארבעטער צייטונג". איז דאָס ניט מעגלאך, אז די באָמבע וואָס איז באנוצט געווארן דעם 4טן מאי איז געוועזן איינע וואָס איז געמאכט געוואָרן לויט דעם מוסטער פון דער „ניוס"? אזוי לאנג ווי אַט די מענער ווערן ניט אָנגעקלאָגט אין מאָרד און פאר׳משפּט, באשטיי איך דארויף, ערווירדיקער ריכטער, אז אזא דיסקרימינאציע צו גונסטן פון קאפּיטאל איז אומפּאראיינבאר מיט גערעכטיקייט, און דער אורטייל דארף דערפאר ניט אויסגעפירט ווערן.

גרינעל׳ס הויפּט ארגומענט נעגן די אָנגעקלאָגטע איז געווען: „זיי זיינען אויסלענדער; זיי זיינען ניט קיין בירגער". איך קאָן ניט ריידן פאר די אנדערע. איך וועל ריידן נאָר פאר זיך אליין. איך האָב געוואוינט דאָ אין דעם דאָזיקן שטאָט אזוי לאנג ווי גרינעל, און איך בין וואַרשיינלאך געוועזן אזא גוטער בירגער — יעדענפאלס, איך וואָלט ניט וועלן פארגליכן ווערן מיט אים. גרינעל האָט געהאלטן אין איין אפּעלירן צו דעם פּאטריאָטיזם פון דער דזשורי. אויף דעם ענטפער איך מיט די ווערטער פון דזשאנסאָן, דעם ענגלישן ליטעראַט: „אָן אפילו צום פּאטריאָטיזם איז דאָס לעצטע מיטל פון א שורקע".

מיין ארבעט צו העלפן די מיליאָנען פון אָרעמע און אונטערדריקטע, מיין אגיטאציע אין דער דאָזיקער ריכטונג, די פּאָפּולאריזירונג פון עקאָנאָמישע לערעס — אין קורצן, די בילדונג און אויפקלערונג פון די לוין־ארבעטער, ווערט דערקלערט אלס „א פארשווערונג נעגן דער געזעלשאפט". דאָס וואָרט „געזעלשאפט" ווערט דאָ אויף א קלוגן אופן אוועקגעשטעלט אָנשטאָט דעם שטאָט, ווי ער ווערט רעפּרעזענטירט פון די היינטיקע פּאטריציער. ס׳איז שטענדיק געווען די מיינונג פון די הערשנדע קלאסן, אז דאָס פאָלק מוז געהאלטן ווערן אין אומוויסנהייט, וואָרים וואָס אינטעליגענטער די מענטשן ווערן, אלץ מער און מער פארלירן זיי זייער שקלאפעריי, זייער באשיידנקייט און זייער געהארכזאמקייט צו דער

הערשנדער מאכט. די בילדונג פון א שווארצן שקלאף איז מיט א פערטל יאָרהונדערט צוריק געווען פאררעכנט פאר א פארברעכן. פארוואס? ווייל דער אינטעליגענטער שקלאף וואלט אום יעדן פרייז אראפגעווארפן פון זיך זיינע קייטן. פארוואס קוקט מען היינט־צו־טאג אף דער בילדונג און אויפקלערונג פון די ארבעטער ווי אף א פארברעכן געגן דעם שטאט? צוליב דערזעלבער אורזאך! אבער די אנקלאגע האט אף א פּראַקטישן אופן אויסגעמיטן דעם דאַזיקן פונקט אין דעם אנגאנג פון'ם פּראָצעס. פון די בלומר'שטע באווייזן וואס זיי האבן געבראכט מוז מען קומען צום שלוס, אז מיר האבן אין אונזערע רעדעס און שריפטן ניט געפרייזדיקט קיין אנדער זאך, נאר פארניכטונג און דינאמיט. דאס געריכט האט היינט אין דערהפרי דערקלערט, אז אין דער געשיכטע איז ניטאָ נאך אזא פאל ווי דער דאַזיקער. איך האב באמערקט אין פארלויף פון דעם דאַזיקן פּראָצעס, אז די הערן יוריסטן אונזערע זיינען ניט גוט באהאוונט אין געשיכטע. אין אלע היסטארישע פּראָצעסן פון דעם סארט האט דער אמת געמוזט פארדרייט און צוקאליעטשעט ווערן דורך די פּריסטער פון דער באשטייענדער אָרדנונג, וועלכע האט געהאלטן באם צוזאמענברעכן.

וואס האבן מיר געזאגט אין אונזערע רעדעס און שריפטן?

מיר האבן קלאר געמאכט דעם פאלק זיין צושטאנד און זיינע באציאונגען אין דער געזעלשאפט. מיר האבן דערקלערט די ארבעטער די פארשיידענע סאציאלע דערשיינונגען און די סאציאלע געזעצן און אומשטענדן, אונטער וועלכע זיי קומען פאר. דורך וויסנשאפטלאכער אויספארשונג האבן מיר אף אן אומבאשטרייטבארן אופן באוויזן און זיי באקאנט געמאכט מיט דעם פאקט, אז דאס לוין־סיסטעם איז דער ווארצל פון די איצטיקע געזעלשאפטלאכע אומגערעכטיקייטן — אזעלכע אומגערעכטיקייטן, אז זיי זיינען פשוט הימל־שרייענדיק. מיר האבן אחוץ דעם געזאגט, אז דאס לוין־סיסטעם, אלס א ספּעציפישע פארם פון געזעלשאפטלאכער אנטוויקלונג, וועט, דורך דער נויטווענדיקייט פון לאגיק, מוזן אפטרעטן דעם וועג פאר העכערע פארמען פון ציוויליזאציע; אז דאס לוין־סיסטעם מוז שאפן דעם יסוד פאר א געזעלשאפטלאכן סיסטעם פון קאאָפּעראציע — דאס הייסט, סאציאליזם. מיר האבן זיי געגעבן צו פארשטיין, אז עס איז ניט א פראגע פון אויסוואל, נאר פון היסטארישער נויטווענדיקייט, צי די אדער יענע טעאריע, דער

אָדער יענער פּלאַן וועט אָנגענומען ווערן, און פאר אונז קוקט די ריכטונג פון פּראָגרעס אוים צו זיין אַנאַרכיזם, דאָס הייסט, א פרייע געזעלשאפט אָן קעניגע אָדער קלאַסן — א געזעלשאפט פון „סואַווערענען", אין וועלכער פרייהייט און עקאָנאָמישע גלייכהייט פון אַלעמען וועלן שאַפן א פעסטן, אומצוטרייסלבארן גלייכגעוויכט אלס א פונדאמענט פאר נאטירלאַכער אָרדנונג.

עס זעט ניט אוים וואַרשיינלאַך, אַז די הערן באָנפּילד און גרינעל זאָלן קאָנען משיג זיין א געזעלשאפטלאַכע אָרדנונג וואָס ווערט ניט געהאַלטן גאַנץ און אומבאַשעדיקט דורך דעם פּאָליציסט'ס בולאַווע און רעוואָלווער, און אויך ניט א פרייע געזעלשאפט אָן געפענגענישן, תליות און פּראָקוראָרן. אין אזא געזעלשאפט קאָנען זיי וואַרשיינלאַך ניט געפינען קיין פּלאַץ פאר זיך. און איז דאָס די אורזאַך, פארוואָס אנארכיזם איז א „שענדלאַכע און פארדאַמונגס-ווערטע לערע"?

גרינעל האָט אונז געגעבן אָנצוהערן, אַז דער אנארכיזם איז דאָ געשטאַנען פאר'ן געריכט. די טעאָריע פון אנארכיזם געהערט צו דער וועלט פון ספּעקולאַטיווער פילאָזאָפיע. קיין איין וואָרט איז ניט געזאָגט געוואָרן וועגן אנארכיזם אַף דעם הייםארקעט מיטינג. אַף יענער פארזאַמלונג האָט מען גערעט איבער דער זייער פּאָפּולערער טעמע פון פארקלענערן די ארבעטס-שטונדן. אָבער „אַנארכיזם איז פאר'ן געריכט!" שרייט מר. גרינעל, און שוים לויפט אים פון מויל. אויב דאָס איז דער פּאַל, ערווירדיקער ריכטער, זייער גוט; איר קאָנט מיך פאר'משפט'ן, וואָרים איך בין אַן אנארכיסט. איך גלויב צוזאַמען מיט באָקל'ן, מיט פּעין, דזשעפערסאָן, עמערסאָן, ספּענסער און פילע אנדערע גרויסע דיינקער פון דעם דאָזיקן יאָרהונדערט, אַז דער צושטאַנד פון אָפּגעזונדערטע קאַסטעס און קלאַסן — דער צושטאַנד, וואו איין קלאַס באהערשט און לעבט אַף דער ארבעט פון אַן אנדער קלאַס, און רופט דאָס אָן אָרדנונג, — יאָ, איך גלויב, אַז אָט די באַרבארישע פאָרם פון סאָציאַלער אָרגאַניזאַציע, מיט איר לעגאַליזירטן רויב און מאָרד, איז פאר'משפט צו שטארבן און מאכן פּלאַץ פאר א פרייער געזעלשאַפט, פריייוויליקע אַסאָסיאַציע אָדער, אויב איר ווילט, אַלגעמיינע ברידערלאַכקייט. איר קאָנט ארויסגעבן דעם אורטייל איבער מיר, געערטער ריכטער, אָבער זאָל די וועלט וויסן, אַז אין יאָר 1886, אין דעם שטאַט אילינאָיס, זיינען אַכט מענער פאר'משפט געוואָרן צום

טויט, דערפאר וואס זיי האבן געגלויבט אין א בעסערע צוקונפט; דערפאר וואס זיי האבן ניט פארלארן זייער גלויבן אין דעם ענדגילטיקן זיג פון פרייהייט און גערעכטיקייט!

„איר האט געפריידיקט די צושטערונג פון געזעלשאפט און ציוויליזאציע,“ זאגט גרינעל, דער ווערקצייג און אגענט פון די באנקירן און פון דער סיטיזענס אסאסיאיישאן. אט דער מאן דארף נאך לערנען וואס אזוינס איז ציוויליזאציע. ס'איז די אלטע, אלטע טענה געגן מענטשלאכן פראגרעס. לייענט די געשיכטע פון גריכנלאנד, פון רוים; לייענט די געשיכטע פון ווענעציע; קוקט דורך די פינסטערע בלעטער פון דער קירכן־געשיכטע און פאלגט נאך דעם דארנדיקן וועג פון דער וויסנשאפט. קיין ענדערונג! קיין ענדערונג! „איר וועט צושטערן די געזעלשאפט און די ציוויליזאציע!“ איז פון שטענדיק אן געווען דער געשריי פון די הערשנדע קלאסן. זיי זיינען אזוי באקוועם איינגעארדנט אונטער דעם באשטייענדן סיסטעם, אז זיי קאנען נאטירלאך ניט פארטראגן און שרעקן זיך אפילו פאר דער קלענסטער ענדערונג. זייערע פריווילעגיעס זיינען זיי אזוי טייער ווי דאס לעבן גופא, און יעדע ענדערונג דראט די דאזיקע פריווילעגיעס. אבער ציוויליזאציע איז א לייטער, וועמעס טרעפ זיינען מאנומענטן פון אזעלכע ענדערונגען! אן די דאזיקע געזעלשאפטלאכע ענדערונגען — וועלכע ווערן אלע געשאפן געגן דעם ווילן און מאכט פון די הערשנדע קלאסן — וואלט ניט געווען קיין ציוויליזאציע. וואס איז שייך צו דער באשולדיקונג אז מיר זוכן צו פארניכטן די געזעלשאפט, קלינגט דאס ניט ווי איינע פון עזאפ'ס פאבלען — ווי די ביטרעקייט פון דעם פוקס? מיר, וועלכע האבן איינגעשטעלט אונזערע לעבנס צו ראטעווען די געזעלשאפט פון'ם טייוול — דעם טייוול, וועלכער האלט איר באם האלז, וועלכער זויגט אוים איר לעבנס־בלוט, וועלכער פארשלינגט אירע קינדער, — מיר, וועלכע ווילן היילן אירע בלוטיקע וואונדן, וועלכע ווילן זי באפרייען פון די קייטן וואס איר האט אויסגעשמידט ארום איר; פון'ם עלנד און נויט וואס איר האט געבראכט אף איר, — מיר אירע שונאים! ערווירדיקער ריכטער, די שדים פון גיהנום וועלן זיך אנשליסן אן דעם געלעכטער וואס די דאזיקע איראניע רופט ארוים!

„מיר האבן געפריידיקט דינאמיט!“ יא, פון דעם וואס די געשיכטע לערנט אונז האבן מיר פארויסגעזאגט, אז די הערשנדע

קלאסן פון היינט וועלן זיך פונקט אזוי וויניק צוהערן צו דער שטימע פון פארנונפט ווי זייערע פארלויפער; אז זיי וועלן דורך ברוטאלער געוואלט פרואוון אפשטעלן די רעדער פון פראגרעס. איז עס א ליגן, אדער איז עס געווען דער אמת, דאס וואס מיר האבן געזאגט? ווערן ניט די גרויסע אינדוסטריען פון אט דעם אמאל פרייען לאנד שוין איצט אנגעפירט אונטער דער אויפזיכט פון דער פאליציי, די דעטעקטיווס, די מיליטער און די שעריפס — און אנטוויקלט זיך ניט אט דער צוריקקער צו קריגס־צושטאנד פון טאג צו טאג אלץ מער און מער? אמעריקאנער „סואווערענען" — מערקט אייך — וואס ארבעטן ווי פארשיקטע ארעסטאנטן אונטער מיליטערישער באוואכונג! אט דאס האבן מיר פארויסגעזאגט, און מיר זאגן פארויס, אז גאר אינגיכן וועט דער דאזיקער צושטאנד ווערן אומערטרעגלאך. וואס דאן? דער מאנדאט פון די פעאדאלע פריצים פון אונזער צייט איז שקלאפעריי, הונגער און טויט! דאס איז יארנלאנג געווען זייער פראגראם. מיר האבן געזאגט די ארבעטער, אז די וויסנשאפט האט דורכגעדרונגען, איז דערגאנגען דעם סוד פון דער נאטור — אז פון יופיטער'ס קאפ איז נאך אמאל ארויסגעשפרונגען א מינערווא — דינאמיט! אויב אט די דערקלערונג איז האסעלבע וואס מארד, פארוואס ניט אנקלאגן אין דעם פארברעכן יענע, וועמען מיר האבן צו פארדאנקען פאר דער ערפינדונג?

צו באשולדיקן אונז, אז מיר האבן פארזוכט דורך געוואלט צו שטירצן דעם איצטיקן סיסטעם דעם 4טן מאי, און דערנאך איינפירן די אנארכיע, — צו מאכן אזא דערקלערונג איז, דיינקט איך, צו לעכערלאך אפילו פאר א פאליטישן באאמטן. אויב גרינעל האט געגלויבט, אז מיר האבן געפרואווט טאן אזא זאך, פארוואס האט ער ניט געלאזט דר. בלוטהארט מאכן אן אונטערזוכונג וועגן אונזער גייסטיקן צושטאנד? נאר משוגעים וואלט געקאנט איינפאלן צו מאכן אזא פלאן, און משוגעים קאנען ניט אנגעקלאגט אדער געפונען ווערן שולדיק אין מארד. ווען עס וואלט עקזיסטירט אזא מין זאך ווי א פארשווערונג אדער א צוגעגרייטער פלאן, גלויבט איר, הער ריכטער, אז די געשעענישן וואלטן ניט אנגענומען א גאנץ אנדער גאנג ווי זיי האבן אנגענומען יענעם אוונט און שפעטער? אט דער „פארשווערונג"־אומזין איז באגרינדעט אף א רעדע וואס איך האב געהאלטן צו דער געלעגנהייט פון וואשינגטאן'ס געבורטס־

טאָג אין גרענד רעפּידס, מישיגען, מיט איבער אַנדערהאַלבן יאָר צוריק. איך בין איינגעלאַדן געוואָרן פון די נייטס אָוו לייבאָר פאַר דעם צוועק. איך האָב זיך אין מיין רעדע אָפּגעשטעלט אויף דעם פאַקט, אַז אונזער לאַנד איז ווייט פון צו זיין דאָס וואָס די גרויסע רעוואָלוציאָנערן פון לעצטן יאָרהונדערט האָבן באַאבזיכטיקט אַז עס זאָל זיין. איך האָב געזאָגט, אַז ווען יענע מענער וואָלטן היינט געלעבט, וואָלטן זיי אויסגעקערט די אָפּגעלאָזענע, שמוציקע, „אויגיאַס-שטאַלן"*) מיט אייזערנע בעזימער, און אַז אויך זיי וואָלטן אַן צווייפל אָנגערופן געוואָרן „ווילדע סאָציאַליסטן". ס'קאָן מעגלאַך זיין, אַז איך האָב אויך געזאָגט, אַז וואַשינגטאָן וואָלט געהאַנגען געוואָרן פאַר פאַראַט, ווען די רעוואָלוציע פאַלט דורך. אָט די „גאָט-לעסטערנדיקע באַמערקונג" האָט גרינגעל געמאַכט פאַר זיין הויפּט פייל געגן מיר. פאַרוואָס? ווייל ער האָט געהאַט די אבזיכט אויפצוהעצן געגן אונז דעם „נאָ-נאָטהינג"-גייסט.**) אָבער ווער וועט אָפּלייקענען די ריכטיקייט פון דער דערקלערונג? אַז איך האָב זיך כלומר'שט פאַרגליכן מיט וואַשינגטאָן איז אַ געמיינער ליגן. אָבער ווען אפילו יאָ, וואָלט דאָס געווען מאָרד? ס'קאָן זיין, אַז איך האָב געזאָגט דעם מאַן וואָס איז דערשינען דאָ אַלס עדות, אַז די אַרבעטער דאַרפן זיך פאַרזאָרגן מיט וואָפן, ווייל גוואַלט וועט העכסט וואַרשיינלאַך זיין דער „לעצטער אַרגומענט פון די הערשער", און אַז אין שיקאַגאָ זיינען פאַראַן אַזויפיל און אַזויפיל באַוואָפנטע, אָבער איך האָב זיכער ניט געזאָגט, אַז מיר האָבן בדעה „אַנצופאַנגען די סאָציאַלע רעוואָלוציע". און לאָמיך דאָ זאָגן: רעוואָלוציעס ווערן פּונקט אַזוי ווייניק געמאַכט ווי ערדציטערנישן און שטורמווינטן. רעוואָלוציעס זיינען די ווירקונגען פון געוויסע אורזאַכן און צושטענדן. איבער צען יאָר צייט האָב איך זיך באַזונדערס אָפּגעגעבן מיט

---

*) אויגיאַס — אַ קעניג פון אַלטן גריכנלאַנד, וועגן וועמען די לעגענדע דערציילט, אַז ער האָט געהאַט דריי טויזנט אָקסן אין זיינע שטאַלן, וועלכע זיינען געווען מוראַ'דיק שמוציק, ווייל זיי זיינען ניט גערייניקט געוואָרן דרייסיק יאָר צייט.

**) „נאָ-נאָטהינג" איז געווען דער נאָמען פון דער געהיימער „אַמעריקאַנער פּאַרטיי", וועלכע האָט זיך פאָרמירט אין יאָר 1854 צו באַשיצן דאָס לאַנד געגן אויסלענדער, און איר הויפּט ציל איז געווען ניט צו דערלאָזן, אַז וואָס פאַר עס איז מלוכה-אַמט זאָל פאַרנומען ווערן פון איינעם וואָס איז ניט קיין אַמעריקאַנער געבוירענער.

שטודירן די סאָציאַלע פילאָזאָפיע, און איך וואָלט ניט געקאָנט ארויסזאָגן אזא אומזין! אָבער איך גלויב פונדעסטוועגן, אז די רעוואָלוציע שטייט נאָנט בא דער טיר — אין פאַקט, אז זי האָט זיך שוין אָנגעפאנגען. אָבער איז דער דאָקטאָר פאַראַנטוואָרטלאך פאַר דעם טויט פון פאַציענט, דערפאַר וואָס ער האָט פאָרויסגע־זאָגט דעם דאָזיקן טויט? אויב אימעצער דאַרף געהאַלטן ווערן פאַראַנטוואָרטלאך פאַר דער קומענדער רעוואָלוציע, איז דאָס דער הערשנדער קלאַס, וועלכער אנטזאגט זיך כסדר צו מאכן הנחות וען רעפאָרמען ווערן נייטיק; יענע, וועלכע האַלטן, אז זיי קאָנען אף זייער באפעל אָפּהאַלטן דעם גאַנג פון׳ם פאָרטשריט און אָפּשטעלן די אייביקע כוחות, פון וועלכע זיי אליין זיינען ניט מער ווי קליינע באַשעפעניש.

די אלגעמיינע שטעלונג, וואָס איז דאָ אין דעם פאַל גענומען געוואָרן, איז, אז מיר זיינען מאָראַליש פאַראַנטוואָרטלאך פאַר דעם פּאָליציי־רייאַט וואָס איז פאָרגעקומען דעם 4טן מאַי. מיט פיר אָדער פינף יאָר צוריק בין איך געזעסן דאָ אין דעם דאָזיקן געריכט־זאַל אלס אן עדות. די ארבעטער האָבן געפּרואווט פאַרבעסערן זייער לאַגע אף א געזעצלאכן אופן. זיי האָבן געשטימט און צווישן אנדערע האָבן זיי אויסגעוויילט זייער קאַנדידאַט אלס אָלדערמאַן פון דעם פופצנטן וואָרד. אָבער דער קאַנדידאַט פון די ארבעטער איז ניט נעפעלן געוואָרן דער סטריט קאַר קאָמפּאַני. און צוויי פון די דריי וואַל־ריכטער פון איין דיסטריקט, וועלכע האָבן דאָס גע־וואוסט, האָבן גענומען דעם שטימקאַסטן צו זיך אהיים און „קאָ־ריגירט" די אָפּגעגעבענע וואַל־שטימען אזוי, אז די וויילער פון דעם אויסגעקליבענעם קאַנדידאַט זיינען באשווינדלט און בארויבט געוואָרן פון זייער בארעכטיקטן פאָרטרעטער און די פאָרטרעטונג איז אוועקגעגעבן געוואָרן צו דער סטריט קאַר קאָמפּאַני. די ארבע־טער האָבן זיך געלאָזט קאָסטן 1,500 דאָלאַר אין א פּראָצעס געגן די, וועלכע זיינען באגאנגען דעם דאָזיקן פאַרברעכן. דער באוויז געגן זיי איז געווען אזוי דייטלאך, אז זיי האָבן זיך מודה געווען אז זיי האָבן געפעלשט די אָפּגעגעבענע שטימען און די אָפיציעלע דאָקומענטן. ריכטער גאַרדנער, פאַר וועמען דער פּראָצעס איז פאָרגעקומען אין דעם דאָזיקן געריכט, האָט זיי פריינעשפּראָכן, דערקלערנדיק, אז „דער אַקט איז קענטיק ניט באגאנגען געוואָרן מיט א פאַרברעכערישער אבזיכט". איך וועל ניט מאכן קיין קאָ־

מענטאר. אבער ווען מיר קומען צו דער פראגע פון מאָראלער פאראנטוואָרטלאַכקייט, איז דאָס פעלד ריזיק גרויס! יעדער איינער וואָס האָט אין דער פארגאנגנהייט געהאָלפן צושטערן די באמיאונגען פון די, וועלכע האָבן געזוכט רעפאָרמען, איז פאראנטוואָרטלאך פאר דעם וואָס עס געפינען זיך איצט רעוואָלוציאָנערן דאָ אין שטאָט! אָבער יענע, וועלכע האָבן געזוכט צו שאַפן רעפאָרמען, מוזן באפרייט ווערן פון פאראנטוואָרטלאכקייט — און צו די דאָזיקע געהער איך.

אויב דער אורטייל איז באזירט אף דער השערה פון מאָראלער פאראנטוואָרטלאכקייט, דאַן, ערווירדיקער ריכטער, גיב איך דאָס אָן אלס גרונד, פארוואָס דער טויט־אורטייל זאָל ניט ארויסגעגעבן ווערן.

אויב די מיינונג פון דעם געריכט, וואָס איז ארויסגעגעבן געוואָרן היינט אינדערפרי, איז גוט געזעץ, דאַן איז ניטאָ קיין מענטש דאָ אין לאַנד, וואָס וואָלט ניט געקאָנט געזעצלאך געהאנגען ווערן. איך קאָן זאָגן מיט זיכערקייט, אז לויט די סאמע געזעצן וואָס איר האָט פארגעלייענט, איז דאָ אין געריכט־זאָל איצט ניטאָ קיין איין פערזאָן וואָס וואָלט ניט געקאָנט אף אן „אנשטענדיקן, אומפארטייאישן און געזעצלאכן אופן“ געהאנגען ווערן! פ ו ש ע, נאפאָלעאָן'ס רעכטע האַנט, האָט אמאָל געזאָגט צו זיין מייסטער: „גיט מיר א שורה וואָס אירגענד וועלכער מענטש האָט ווען עס איז געשריבן, און איך וועל אים ברייננגען צום עשאפאָט.“ און דאָס דאָזיקע געריכט האָט אין עצם געטאָן דיזעלבע זאַך. לויט יענעם געזעץ קאָן יעדע פערזאָן דאָ אין לאַנד אָנגעקלאָגט ווערן פאר פארשווערונג און, אין געוויסע פאַלן, פאר מאָרד. יעדער מיטגליד פון א טרייד יוניאָן, פון די נייטס אָוו לייבאָר, אָדער וואָס פאר עס איז אנדער ארבעטער אָרגאַניזאציע, קאָן פאר'משפט ווערן פאר פארשווערונג, און אין פאַלן פון גוואלט, פאר וועלכע זיי וועלן אבסאָלוט ניט זיין פאראַנטוואָרטלאך, קאָנען זיי אויך פאראורטיילט ווערן פאר מאָרד, ווי עס איז דער פאַל מיט אונז. קוים ווערט עטאבלירט אָט דער פרעצעדענט, דאַן טרייבט איר די מאסן, וועלכע אגיטירן נאָך איצט אף א פרידלאכן אופן, צו אָפענעם אויפשטאנד! איר פאַרמאַכט דערמיט די לעצטע פאָרטקע פון זיכערקייט — און דאָס בלוט וואָס וועט פארגאָסן ווערן, דאָס בלוט פון די אומשולדיקע — דאָס וועט פאַלן אף אייערע קעפ!

„זיבן פאָליסלייט זיינען אומגעקומען“, האָט גרינעל געזאָגט,

ווינקנדיק צו דער דזשורי. איר ווילט א לעבן פאר א לעבן, און דערפאר האט איר פאראורטיילט א גלייכע צאל פון מענער, וועגן וועמען עס קאן ניט אף אן אמת׳ן אופן געזאגט ווערן, אז זיי האבן געהאט אירגנד וואס צו טאן מיט׳ן טויט פון באנפילד׳ס קרבנות. אט דעם זעלביקן פרינציפ פון יוריספרודענץ געפינען מיר צווישן פארשידענע ווילדע שבטים. שעדיקונגען ווערן צווישן זיי, אזוי צו זאגן, גלייך געמאכט. די כינוקן און די אראבער, צום ביישפיל, פלעגן פאדערן דאס לעבן פון א שונא פאר יעדן טויט וואס זיי האבן דורך דעם שונא געליטן. עס האט זיי ניט געארט, צי די פערזאן איז שולדיק געווען צי ניט, אזוי לאנג ווי זיי האבן געהאט א לעבן פאר א לעבן. דער דאזיקער פרינציפ הערשט אויך היינט צו טאג צווישן די איינגעבוירענע פון די סענדוויטש-אינזלען. אויב מיר דארפן געהאנגען ווערן לויט דעם דאזיקן פרינציפ, דאן לאזט עס אונז וויסן, און זאל די וועלט וויסן, וואס פאר א ציוויליזירט און קריסטלאך לאנד עס איז דאס לאנד, אין וועלכן די גולדס, די וואנדערבילטס, די סטענפארדס, די פילדס, ארמארס און אנדערע לאקאלע געלד-זעק זיינען געקומען ראטעווען די פרייהייט און גערעכטיקייט!

גרינעל האט מער ווי איינמאל דערקלערט, אז אונזער לאנד איז א לאנד פון ציוויליזאציע און פארטשריט. דער אורטייל באשטעטיקט פולשטענדיק די באהויפטונג! אט דער אורטייל געגן אונז איז דער פלוך פון די רייכע קלאסן אף זייערע בארויבטע קרבנות — די גרויסע ארמיי פון לוין-ארבעטער און פארמערס. אויב איר ווילט ניט, געערטער ריכטער, אז אט די מענטשן זאלן עס גלויבן; אויב איר ווילט ניט, אז זיי זאלן גלויבן, אז מיר זיינען ווידער געקומען צו די צייטן פון דעם ספארטאנער סענאט, דעם אטענער „ארעאפאגוס", דעם ווענעציאנישן ראט פון צען א. א. וו., דאן זאל דער אורטייל ניט אויסגעשפראכן ווערן. אבער אויב איר דיינקט, אז דורכדעם וואס איר וועט אונז היינגען קאנט איר אויסראטן די ארבעטער-באוועגונג — די באוועגונג, פון וועלכער די אונטערדריקטע מאסן, די מיליאנען וואס ארבעטן און לעבן אין עלנד און נויט, די לוין-שקלאפן, דערווארטן א דערלייזונג, — אויב דאס איז אייער מיינונג, דאן היינגט אונז! דא וועט איר ארויפטרעטן אף א פונק, אבער דא, און דארט, און הינטער אייך, און אנטקעגן אייך, און אומעטום וועלן אויפפלאקערן פלאמען. ס׳איז אן אונ-

טערערדישער פייער. איר קאָנט אים ניט אויסלעשן. עס ברענט די ערד, אף וועלכער איר שטייט. איר קאָנט עס ניט פארשטיין. איר גלויבט ניט אין כשוף, אין צויבעריי, ווי עס האָבן געגלויבט אייערע זיידעס, וועלכע פלעגן פארברענען מכשפות, אָבער איר גלויבט פונדעסטוועגן אין פארשווערונגען; איר גלויבט, אז אָט די אלע געשעענישן פון דער לעצטער צייט זיינען די ארבעט פון פארשווערער! איר זיינט ענלאך צו דעם קינד וואָס זוכט זיין בילד הינטערן שפיגל. דאָס וואָס איר זעט און וואָס איר פרואווט אָנכאפן מיט דער האנט, איז ניט קיין אנדער זאך, נאָר די אָפשפיגלונג פון די ביסן פון אייער בייזן געוויסן. איר ווילט „אויסראָטן די פארשווערער" — די „אגיטאטאָרס" אה, ראָט אויס יעדן פאבריק־האר וואָס איז רייך געוואָרן פון דער אומבאצאָלטער ארבעט פון זיינע ארבעטער. ראָט אויס יעדן לענדלאָרד וואָס האָט אנגעזאמלט אוצרות פון די רענט פון איבערלעסטיקטע ארבעטער און פארמער. ראָט אויס יעדע מאשין וואָס רעוואָלוציאָניזירט די אינדוסטרי און די אגריקולטור, וואָס מאכט די פראָדוקציע אָנגעשטריינגטער און רואינירט דעם פראָדוצירער, וואָס פארגרעסערט דאָס רייכטום פון'ם לאנד, בעת דער באשאפער פון אָט די אלע זאכן שטייט אינמיטן פון די דאָזיקע אוצרות, געפייניקט פון הונגער! ראָט אויס די אייזנבאנען, דעם טעלעגראף, דעם טעלעפאָן, דאמף און זיך אליין — וואָרים אלצדינג אָטעמט מיט דעם רעוואָלוציאָנערן גייסט.

איר, מיינע הערן, זיינט די רעוואָלוציאָנערן! איר רעבעלירט נעגן די ווירקונגען פון סאָציאלע באדינגונגען, וועלכע האָבן אייך, דורך דער גליקלאכער האנט פון'ם שיקזאל, אריינגעוואָרפן אין א הערלאכן גן עדן. גאָר אָן שאלות שטעלט איר זיך פאָר, אז קיין אנדערער האָט ניט קיין רעכט אין דעם דאָזיקן פלאץ. איר באַשטייט דארויף, אז איר זיינט די אויסדערוויילטע, די איינציקע באלעבאטים. די כוחות, וועלכע האָבן אייך אריינגעוואָרפן אין דעם גן עדן, די אינדוסטריעלע כוחות, זיינען נאָך אין דער ארבעט. זיי ווערן אלץ מער טעטיק און אינטענסיוו פון טאָג צו טאָג. זייער שטרעבונג איז צו דערהויבן אלע מענטשן צו דערזעלביקער מדרגה, צו מאכן אז די גאנצע מענטשהייט זאָל האָבן א חלק אין דעם גן־עדן, וואָס איר מאָנאָפאָליזירט איצטער פאר זיך אליין. איר, אין אייער בלינדקייט, דיינקט, אז איר קאָנט אָפשטעלן די שטראָמנדע

כוואליעס פון ציוויליזאציע און מענטשלאכער עמאנציפּאציע דורכ־
דעם וואָס איר וועט באם ברעג אוועקשטעלן עטלאכע פּאָליציסטן,
עטלאכע „געטלינג־ביקסן“ און א פּאָר רעגימענטן פון מיליץ, —
איר דיינקט, אַז איר קאָנט אָפּשרעקן די שטייגנדע כוואליעס און
זיי פאַרטרייבן צוריק אין די גרונטלאָזע טיפעניש, פון וואנען זיי
זיינען ארויסגעקומען, דורכדעם וואָס איר וועט אויפשטעלן עטלאכע
תליות אין דעם פּערספּעקטיוו. איר, וועלכע שטעלט זיך געגן דעם
נאַטירלאכן גאַנג פון די געשעעניש, איר זיינט דיווירקלאַכע רע־
וואָלוציאָנערן. איר און איר אליין זיינט די פארשווערער און צו־
שטערער!

זיך פאַררופנדיק אַף דער דעמאָנסטראציע געגן דער באָרד אָוו
טרייד, האָט דאָס געריכט נעבטן געזאָגט: „אָט די מענער האָבן
זיך ארויסגעלאָזט מיט דעם דירעקטן צוועק אויסצופּלינדערן די
געביידע פון דער באָרד אָוו טרייד“. בעת ווען איך קאָן ניט זען
נעָאָס פאר א זין אַזאַ אונטערנעמונג וואָלט געהאַט, און הגם איך
וויים, אַז די דערמאָנטע דעמאָנסטראציע איז אראַנזשירט געוואָרן
איינפאַך אלס מיטל פון פּראָפּאגאנדע געגן דעם סיסטעם, וואָס לע־
גאַליזירט די בכבוד׳יקע געשעפטן, וועלכע ווערן דאָרט אָנגעפירט,
וויל איך אָננעמען, אז די דריי טויזנט ארבעטער, וועלכע האָבן
מאַרשירט אין יענער פּראָצעסיע, האָבן ווירקלאַך געהאַט בדעה
אויסצופּלינדערן די געביידע. אין דעם דאָזיקן פאַל וואָלטן זיי זיך
אונטערשיידט פון די בכבוד׳יקע באָרד אָוו טרייד לייט בלויז אין
דעם, וואָס זיי האָבן געזוכט אָפּצונעמען אייגנטום אַף אן אומגעזעצ־
לאכן וועג, בשעת די אנדערע פּלינדערן אוים דאָס גאַנצע לאנד גע־
זעצלאַך און אומגעזעצלאַך — וואָרים דאָס איז דאָך זייער הויך־
רעספּעקטאַבלע פּראָפעסיע. דאָס דאָזיקע געריכט פון „יושר און
גערעכטיקייט“ פּראָקלאמירט דעם פּרינציפּ, אז ווען צוויי פּערזאָנען
טוען די זעלבע זאַך, איז דאָס ניט די זעלבע זאַך. איך דאַנק דעם
געריכט פאר דער דאָזיקער אָפענער אָנערקענונג. עס אַנטהאַלט,
אין א נוס־שאָל, אלץ וואָס מיר האָבן געדיינקט און פאר וואָס מען
וויל אונז שיקן צו דער תליה! גנבה איז א בכבוד׳יקע פּראָפעסיע,
ווען דאָס ווערט פּראַקטיצירט פון דעם פּריווילעגירטן קלאָס. ס׳איז
א פאַרברעכן, ווען דער אנדער קלאָס באַנוצט זיך דערמיט, כדי צו
דערהאַלטן דאָס לעבן. רויב און פּלינדערונג זיינען די געוויינלאַכע
באַשעפטיקונג פון א געוויסן קלאָס הערן, וועלכע געפינען עס לייכ־

טער און אַנשטאַט ערלאכע ארבעט ציען זיי פּאַר אַט דעם אופן
פון „מאַכן א לעבן“.

דאַס איז דער מין אָרדנונג, וואָס מיר האָבן פּארזוכט, און
פּארזוכן איצט, און וועלן פּארזוכן אזוי לאַנג ווי מיר לעבן, אָפּצור־
שאַפן. גיט א קוק אף די עקאָנאָמישע שלאכט־פעלדער! זעט די
רציחות און דעם רויב פון די קריסטלאכע פּאַטריציער! באגלייט
מיך צו די קוואַרטאלן פון די באַשאַפער פון רייכטום דאָ אין שטאָט.
קומט מיט מיר צו די האַלב־פּארהונגערטע קוילנגרעבער פון האקינג
וואלי. טוט א קוק אף די „פּאַריאס“, די דערנידעריקטע און פּאר־
שטויסענע אין מאָנאָנגאהעלא וואלי און פילע אנדערע קוילן־דיסט־
ריקטן דאָ אין לאַנד; אָדער גייט דורך איבער דער ליינג פון די
אייזנבאנען פון דעם גרויסן און העכסט אנשטענדיקן און געזעץ־
ליבנדן בירגער, דזשיי גולד. און זאָגט מיר דאַן, צי די דאָזיקע
אָרדנונג האָט אין זיך וואָס פּאר עס איז מאָראלן פּרינציפּ, צוליב
וועלכן עס דארף אויפגעהאלטן ווערן. איך זאָג, אז די אויפהאל־
טונג פון אזא אָרדנונג איז פּארברעכעריש — איז מערדעריש. עס
מיינט די אויפהאלטונג פון דער סיסטעמאַטישער פּארניכטונג פון
קינדער און פרויען אין פּאבריקן. עס מיינט די אויפהאַלטונג פון
געצוואונגענער ארבעטסלאָזיקייט פון גרויסע ארמייען פון מענער,
און זייער דערנידעריגונג. עס מיינט די אויפהאלטונג פון שכרות
און געשלעכטלאכע אזוי גוט ווי אינטעלעקטועלע פּראָסטיטוציע.
עס מיינט די אויפהאלטונג פון עלנד און נויט און שקלאפישקייט
אף איין זייט, און די געפערלאכע אָנזאמלונג פון רויב, ליידיק־
גייעריי, הולטאַיסטווע און טיראַניי אף דער אנדער זייט. עס מיינט
די אויפהאלטונג פון אויסגעלאַסנקייט אין יעדער פאָרם. און צו־
לעצט אָט וואָס: עס מיינט די אויפהאלטונג פון דעם קלאסן־קאמף,
פון סטרייקס, רייאָטס און בלוט־פארגיסונג. דאָס איז אייער
„אָרדנונג“, מיינע הערן. יאָ, און עס שטייט אייך אָן צו זיין די
טשאמפּיאָנען פון אזא אָרדנונג. איר זיינט אבסאָלוט צוגעפּאסט
צו דער דאָזיקער ראָלע. איך צי דעם הוט פאר אייך!

גרינעל האָט גערעט וועגן וויקטאָר הוגאָ. ס'איז ניט נייטיק
פּאר מיר צו ווידערהוילן וואָס ער האָט געזאָגט,*) אבער איך וועל

---

*) ער האָט געזאָגט, אז וויקטאָר הוגאָ'ס שריפטן (פון וועלכע ער
ווייסט ניט מער ווי דער דורכשניטלאכער פּאָליסמאַן) זיינען ניט רעוואָ־
לוציאָנער.

אים ענטפערן מיט די ווערטער פון איינעם פון אונזערע דייטשע פילאָזאָפן: „אונזער בורזשואזיע שטעלט אויף מאָנומענטן לכבוד דעם אנדיינקען פון די קלאַסיקער. ווען זי וואָלט זיי געלייענט, וואָלט זי זיי פארברענט!" צווישן די ארטיקלען וואָס זיינען פאר־געלייענט געוואָרן דאָ פון דער „ארבעטער צייטונג" אלס באווייזן פון דער אָנקלאגע, צו איבערצייגן די דזשורי אין דעם געפערלאכן כאראַקטער פון די אָנגעקלאָגטע אנאַרכיסטן, געפינט זיך אן אויס־צוג פון געטהע'ס „פאוסט":

"Es erben sich Gesetz und Rechte,
Wie eine ew'ge Krankheit fort," etc.

(געזעצן און קלאַס־פריווילעגיעס גיבן זיך איבער בירושה פון דור צו דור, ווי אן אייביקע קראנקהייט.) און מר. אינגהעם האָט אין זיין רעדע דערציילט די קריסטלאכע דזשורי־לייט, אז אונזערע קאמעראדן, די פאריזער קאָמונארן, האָבן אין 1871 ארונטערגע־זעצט גאָט דעם אלמעכטיקן פון זיין טראָן און האָבן אוועקגעזעצט אף זיין פלאץ א נידעריקע פראָסטיטוטקע. די ווירקונג איז געווען וואונדערבאר! די גוטע קריסטן זיינען פארציטערט געוואָרן. איך וואָלט געוואונטשן, אז דער ערווירדיקער ריכטער זאָל אינפאָרמירן דעם געלערנטן דזשענטלמאן, אז דער דערציילטער עפיזאָד איז פארגעקומען אין פאריז כמעט מיט א יאָרהונדערט צוריק, און אז די, וועלכע זיינען באגאנגען די גאָט־לעסטערנדיקע טאַט, זיינען געווען די צייט־גענאָסן פון די גרינדער פון דער דאָזיקער רעפובליק — און צווישן זיי איז געווען טאָמאס פעין. אויך איז די פרוי ניט געווען קיין פראָסטיטוטקע, נאָר א גוטע „סיטואיען דע פארי". (פאריזער בירגערין), וועלכע האָט בא יענער געלעגנהייט געדינט איינפאך אלס אן אלעגאָריע פון דער געטין פון פארנונפט.

זיך פאררופנדיק אף מאָסט'ס בריוו, וואָס איז דאָ פאָרגע־לייענט געוואָרן, האָט מר. אינגהעם געזאָגט: „זיי", מיינענדיק מאָסט'ן און מיך, „זיי וואָלטן פארניכטעט טויזנטער פון אומשול־דיקע לעבנס אין האָקינג וואלי מיט יענעם דינאַמיט." איך האָב אפן עדות־שטול געזאָגט אלעס וואָס איך ווייס וועגן דעם בריוו, אָבער איך וויל צוגעבן, אז מיט צוויי יאָר צוריק בין איך דורכגעגאנגען דעם האָקינג וואלי אלס קאָרעספאָנדענט. בעת איך בין געווען דאָרט האָב

איך געזען הונדערטער פון לעבנס אין דעם פּראָצעס פון לאַנגזאַמער פאַרניכטונג, פון שטופנווייזער פאַרניכטונג. עס איז דאָרט ניט געווען קיין דינאַמיט, אויך זיינען זיי ניט געווען קיין אַנאַרכיסטן, די וואָס האָבן געטאָן יענע טייוועלשע אַרבעט. עס איז געווען די אַרבעט פון א גרופּע פון זייער בכבוד׳יקע מאָנאָפּאָליסטן, געזעץ־ליבנדע בירגער, פאַרשטייט איר מיך. ס׳איז ניט נייטיק צו זאָגן, אַז די מערדער זיינען קיינמאָל ניט אָנגעקלאָגט געוואָרן. די פּרעסע האָט זיך ווינציק וואָס באַשעפטיקט דערמיט, און דער שטאַט אָהייא האָט זיי נאָך געהאָלפן. וואָס פאַר א טעראָר עס וואָלט אַרויסגערופן געוואָרן, ווען די קרבנות פון אָט דער טייוועלשער פאַרשווערונג וואָלטן רעוואָלטירט און אויפגעריסן אייניקע פון יענע רעספּעקטאַבלע האָלדז־שניידער אין פיצלאַך! ווען דזשיי גולד׳ס גערונגענע לייט, „די מוטיקע מענער“, האָבן אין איסט סט. לואיס קאַלטבלוטיק דערשאָסן אויף טויט זעקס פרידלאַכע אַרבעטער און פרויען, האָט מען זייער ווייניק גערזאָגט וועגן דעם, און די גרענד דזשורי האָט זיך אַנטזאָגט אָנצוקלאָגן די הערן. דיזעלבע זאַך איז געווען אין שיקאַגאָ, מילוואָקי און אַנדערע פּלעצער. א שיקאַגאָ׳ער מעבל־פאַבריקאַנט האָט לעצטן פרילינג געשאָסן און ערנסט פאַרוואונדעט צוויי סטרייקנדע אַרבעטער. ער איז פאַרהאַלטן געוואָרן פאַר דער גרענד דזשורי. די גרענד דזשורי האָט זיך אַנטזאָגט אָנצוקלאָגן דעם דזשענטלמאַן. אָבער ווען עס האָט געטראָפן איין מאָל, אַז אַן אַרבעטער איז אין זעלבסט־פאַרטיידיקונג אַרויסגעטראָטן נעגן דעם מערדערישן פאַרזוך פון דער פּאָליציי און האָט געוואָרפן א באָמבע און איין מאָל האָט געפלאָסן בלוט אויף דער אַנדער זייט, דאַן האָט זיך אויפגעהויבן א מורא׳דיקער ליאַרם איבערן גאַנצן לאַנד: „א פאַרשווערונג האָט אַטאַקירט אונזערע הייליקע רעכטן!“ און אַכט קרבנות ווערן געפאָדערט דערפאַר. פיל איז געזאָגט געוואָרן וועגן דער עפנטלאַכער מיינונג; פיל איז געזאָגט געוואָרן וועגן דער עפנטלאַכער אַנטריסטונג. נו, איז דאָך אָבער א פאַקט, אַז קיין בירגער האָט ניט געוואַגט אַרויסצוזאָגן קיין אַנדער מיינונג ווי די, וועלכע ווערט דיקטירט פון די אויטאָריטעטן פון׳ם שטאַט. וואָרים וואָלט זיך ווער עס איז דערלויבט צו האָבן אַן אַנדער מיינונג, וואָלט מען אים איינפאַך אַריינגעזעצט אין געפענגניש. ווער ווייסט? מען וואָלט אים אפשר געשיקט צו דער תליה, ווי מען גרייט זיך צו טאָן מיט אונז.

„אַט די מענער", האָט גרינעל ווידערהוילט עטלאַכע מאָל, „האָבן ניט קיין פּרינציפּן; זיי זיינען געוויינלאַכע מערדער, רויבער," א. א. וו. איך גיב צו, אַז אונזערע שטרעבונגען און צילן זיינען אומבאַגרייפלאַך פאַר פּרינציפּנלאָזע בויאַנעס, אָבער דאָס איז דאָך זיכער ניט אונזער שולד. די באַהויפּטונג, אויב איך האָב קיין טעות ניט, איז געווען באַזירט אויף גרונט פון דעם וואָס מיר האָבן געזוכט צו פאַרניכטן אייגנטום. איך ווייס ניט, צי די דאָזיקע פאַרדרייאונג און איבערקערונג פון פאַקטן איז געווען אבזיכטלאַך. אָבער אין פאַרענטפערונג פון אונזער לערע וויל איך זאָגן, אַז די באַהויפּטונג איז אַן אומפאַרשעמטער ליגן. מען האָט דאָ פאָרגעלייענט אַרטיקלען פון דער „ארבעטער צייטונג" און „אַלאַרם" צו ווייזן דעם געפערלאַכן כאַראַקטער פון די אָנגעקלאָגטע. אַלע נומערן פון דער „ארבעטער צייטונג" און „אַלאַרם" פון די לעצטע יאָרן זיינען דורכגעזוכט און דורכגענישטערט געוואָרן. יענע אַרטיקלען, וועלכע האָבן אין אַלגעמיין קאָמענטירט איבער געוויסע רציחות וואָס די פּאָליציי איז באַגאַנגען געגן סטרייקנדע ארבעטער, זיינען אויסגעקליבן און פאָרגעלייענט געוואָרן פאַר אייך. אַנדערע אַרטיקלען זיינען ניט פאָרגעלייענט געוואָרן פאַר'ן געריכט. אין אַנדערע אַרטיקלען האָט מען זיך ניט געניטיקט. דער פּראָקוראָר (וועלכער ווייסט גאַנץ גוט, אַז ער זאָגט אַ ליגן), שטיצט זיך אויף יענע אַרטיקלען און באַהויפּטעט, אַז „די דאָזיקע מענער האָבן ניט קיין פּרינציפּן".

עטלאַכע וואָכן איידער איך בין אַרעסטירט און אָנגעקלאָגט געוואָרן אין דעם פאַרברעכן, פאַר וועלכן איך בין פאַראורטיילט געוואָרן, האָט מיר דער גייסטלאַכער פון דער קאָנגרעגיישאָנאַל טשוירטש איינגעלאַדן צו לעקטשורן איבער דער טעמע פון סאָציאַליזם, און דעבאַטירן מיט זיי. דאָס איז פאָרגעקומען אין דעם גרענד פּאַסיפיק האָטעל. און כדי מען זאָל ניט קאָנען זאָגן, אַז נאָכדעם ווי מען האָט מיך אַרעסטירט, נאָכדעם ווי איך בין אָנגעקלאָגט און פאַראורטיילט געוואָרן, האָב איך צוזאַמענגענומען געוויסע פּרינציפּן, כדי צו רעכטפאַרטיקן מיין האַנדלונג, וויל איך דאָ פאָרלייענען וואָס איך האָב דאַן געזאָגט —

קעפּטען בלעק: גיט דעם דאַטום פון דער צייטונג.

שפּיז: 9טער יאַנואַר, 1886.

קעפּטען בלעק: וואָס פאַר אַ צייטונג, דער „אַלאַרם"?

שפּיז: דער „אַלאַרם". ווען מען האָט מיך באַ יענער געלע־

גנהייט געפֿרעגט, וואָס אַזוינס איז סאָציאַליזם, האָב איך געזאָגט אַט וואָס:

„סאָציאַליזם איז איינפֿאַך אַ „רעזומע“, אַ סך הכל פֿון די דערשיינונגען פֿון׳ם געזעלשאַפֿטלאַכן לעבן פֿון דער פֿאַרגאַנגנהייט און געגנוואַרט, — דערשיינונגען, וועלכע זיינען נאָכגעשפּירט געוואָרן ביז זייערע פֿונדאַמענטאַלע סבות און געבראַכט געוואָרן אין לאָגישער פֿאַרבינדונג איינע מיט די אַנדערע. דער סאָציאַליזם באַרוט אויף דעם פֿעסטגעשטעלטן פֿאַקט, אַז די עקאָנאָמישע באַדינגונגען און אינסטיטוציעס פֿון אַ פֿאָלק בילדן דעם יסוד פֿון אַלע זייערע סאָציאַלע באַדינגונגען, פֿון זייערע אידייען — יאָ, זאָגאַר פֿון זייער רעליגיע, און אחוץ דעם, אַז אַלע ענדערונגען וואָס קומען פֿאָר אין די עקאָנאָמישע צושטענדן, יעדער טריט פֿאָרווערטס, אַנשטייען פֿון די קאַמפֿן צווישן דעם הערשנדן און באַהערשטן קלאַס אין פֿאַרשידענע צייטן. איר, מיינע הערן, קאָנט זיך ניט שטעלן אויף דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט פֿון ספּעקולאַטיווער וויסנשאַפֿט; אייער פּראָפֿעסיע פֿאַרלאַנגט פֿון אייך צו נעמען אַן אַנטקעגנגעזעצטע שטעלונג; ניט יענע וואָס גיט זיך אויס צו זיין באַקאַנט מיט זאַכן ווי זיי עקזיסטירן פּאַקטיש, נאָר די וואָס פֿאַרשטייט כּלומר׳שט גרינטלאַך אַזעלכע פֿראַגן, וועלכע זיינען פֿאַר געוויינלאַכע כּשר ודם׳ס אין גאַנצן אומפֿאַרשטענדלאַך. אַט צוליב דער דאָזיקער אורזאַך קאָנט איר ניט ווערן קיין סאָציאַליסטן. (געשרייען פֿון „אָה! אָה!“) אָבער מעגלאַך אַז איר זיינט ניט אימשטאַנד צו באַנעמען אויף ריכטיק וואָס איך מיין, וועל איך דערקלערן די זאַך אַביסל איינפֿאַכער. עס קאָן ניט זיין אומבאַקאַנט פֿאַר אייך, אַז אין משך פֿון דעם דאָזיקן יאָרהונדערט זיינען אַרויסגעקומען אומצייליקע דערפֿינדונגען און אַנטדעקונגען, וועלכע האָבן געפֿירט צו גרויסע, יאָ, דערשטוינענדע ענדערונגען אין דער פּראָדוקציע פֿון די נויטווענדיקייטן און באַקוועמלאַכקייטן פֿון׳ם לעבן. די אַרבעט פֿון מאַשינען האָט, ביז אַ גרויסער מאָס, פֿאַרנומען דעם פּלאַץ פֿון די מענטשנס אַרבעט.

„די נוצן וואָס אַט די צענטראַליזאַציע פֿון דער פּראָדוקציע האָט געבראַכט זיינען געווען אַזוי גרויס, אַז זיי האָבן געפֿירט דערצו זי זאָל נאָך ווייטער אויסגעברייטערט ווערן, און פֿון דער דאָזיקער קאָנצענטראַציע פֿון די אַרבעטס-מיטלען און פֿון דער מענטשלאַכער אַרבעט, אין דער צייט וואָס דער אַלטער סיסטעם פֿון פֿאַרטיילונג

איז אָנגעהאַלטן געוואָרן (און ווערט נאָך איצט אָנגעהאַלטן), זייַנען אנטשטאַנען יענע צרה׳דיקע באַדינגונגען, פון וועלכע די געזעלשאַפט לײַדט היינט־צו־טאָג.

„די פּראָדוקציאָנס־מיטלען זיינען אױף אזא׳ן אופן אריינגעפאַלן אין די הענט פון אַן אַלץ קלענערער און קלענערער צאָל מענטשן, בשעת די פאַקטישע פּראָדוצירער, וועלכע זיינען דורך דער איינפירונג פון מאַשינעריע באַרויבט געוואָרן פון דער מעגלאַכקייט צו אַרבעטן, און אין דערזעלבער צייט אויך פון די מתנות פון דער נאַטור, זיינען פאַר׳משפט צו בעטל־ברויט, וואַגאַבונדעריי — די אַזוי־גערופענע פאַרברעכן און פּראָסטיטוציע — אָט די אַלע איבלען, וועלכע איר, מיינע הערן, וואָלט וועלן „אָפּשפּרעכן“ און פאַרטרייבן מיט אייער קליין געבעט־ביכל.

„צו אייערע באַמיאונגען באַציען זיך די סאָציאַליסטן גיכער מיט א שפּאָסהאַפטער, איידער מיט אַן ערנסטער אויפמערקזאַמקייט (סימפּטאָמען פון אומרואיקייט). אדרבה, לאָזט אונז וויסן וויפיל איר האָט ביז אַהער אויפגעטאָן דורך אייער מאָראַל פּריידיקן, מיט דעם צוועק צו פאַרבעסערן דעם צושטאַנד פון יענע אומגליקלאַכע מענטשן, וועלכע זיינען דורך ביטערער נויט געטריבן געוואָרן צו פאַרברעכן און פאַרצווייפלונג? (דאָ זיינען עטלאַכע הערן אויפגעשפּרונגען פון זייערע פּלעצער און אויסגערופן: „מיר האָבן געטאָן פיל אין מאַנכע הינזיכטן!“) נו יאָ, אין געוויסע פּאַלן האָט איר פילייכט געגעבן עטלאַכע נדבות; אבער מעג איך פרעגן, וואָס פאַר אַן איינפלוס האָט דאָס געהאַט אױף די געזעלשאַפטלאַכע צושטענדן? האָט דאָס ארויסגערופן וואָס פאַר עס איז ענדערונג אין זיי? גאָרנישט; אבסאָלוט גאָרנישט. איר מוזט עס צוגעבן, מיינע הערן, ווארים איר קאָנט מיר ניט אָנווייזן אױף קיין בייַשפּיל.

„זייער פיין. די פּראָלעטאַריער, וועלכע זיינען פאַראורטיילט צו עלנד און נויט, צו הונגער דורך דער אַרבעט־שפּאָרעניש פון אונזער צענטראַליזירטער פּראָדוקציע, די פּראָלעטאַריער, וועמעס צאָל דאָ אין לאַנד ווערט געשאַצט אומגעפער אין א מיליאָן און א האַלב, — געשיקט זיך דאָס, אַז זיי און די טויזנטער וואָס שליסן זיך אָן טאָג טעגלאַך אָן זייערע רייען, און די מיליאָנען וואָס אַרבעטן פאַר א קלעגלאַכן לוין, — אַז אָט די אַלע וועלן דולדן פרידלאַך און מיט קריסטלאַכער רעזיגנאַציע צוקוקן, ווי זיי ווערן פאַרניכ־

טעט דורך זייערע גנב׳ישע און מערדערלאכע, הגם זייער קריסטלאכע, באַלעבאַטים? זיי וועלן זיך פאַרטיידיקן. עס וועט קומען צו א קאַמף.

„די נויטווענדיקייט פון געמיינשאפטלאכן באַזיץ וועט רעאַליזירט ווערן, און דאַן הויבט זיך אָן די עראַ פון סאָציאַליזם, פון אַלגעמיינער קאָאָפּעראַציע. די עקספּראָפּריאירונג פון די אוזורפּירנדע קלאַסן — די סאָציאַליזירונג פון די דאָזיקע באַזיצן — און די אַלגעמיינע קאָאָפּעראַציע פון אַרבעט, ניט פאַר שפּעקולירנדע צוועקן, נאָר פאַר דער באַפרידיקונג פון די פאָדערונגען וואָס מיר שטעלן דעם לעבן; אין קורצן, קאָאָפּעראַטיווע ארבעט מיט דעם צוועק צו פאַרזיצן דאָס לעבן און געניסן דערפון — דאָס, אין אַלגעמיינע שטריכן, איז סאָציאַליזם. אָבער דאָס איז ניט, ווי איר שטעלט זיך פיליכט פאָר, בלויז א „שיין אויפגעפּאַסטער פּלאַן“, וואָס עס וואָלט כדאי געווען צו שטרעבן פאַר זיין פאַרווירקלאַכונג, ווען דאָס וואָלט נאָר געקאָנט דורכגעפירט ווערן. ניין; די דאָזיקע סאָציאַליזירונג פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען, פון דער מאַשינערי פון האַנדל, פון באָדן און ערד א. א. וו., איז ניט בלויז עפּעס וואָס איז ווינשנסווערט, נאָר עס איז געוואָרן א דרינגנדע נויטווענדיקייט, א מוז. און וואו מיר געפינען נאָר אין דער געשיכטע, אז עפּעס איז אַמאָל געוואָרן א נויטווענדיקייט, דאָרט געפינען מיר שטענדיק, אז דער נעקסטער שריט איז געווען אויסצופילן דעם מאַנגל, אזוי אז יענע נויטווענדיקייט איז דורכדעם באַזייטיקט געוואָרן.

„אונזערע גרויסע פאַבריקן און מינעס און די מאַשינערי פון אויסטויש און טראַנספּאָרט, אחוץ יעדער אנדער אורזאך וואָס דאַרף גענומען ווערן אין באַטראַכט, זיינען געוואָרן צו ריזיק פאַר פּריוואַטן קאָנטראָל. איינצלנע מענטשן קאָנען זיי מער ניט מאָנאָפּאָליזירן.

„איבעראַל, וואו מיר וואַרפן נאָר אונזער בליק, האָבן מיר פאַר אונזערע אויגן די אומנאַטירלאַכע און שעדלאַכע ווירקונגען פון דער אומרעגולירטער פּריוואַטער פּראָדוקציע. מיר זעען, ווי אזוי איין מענטש, אָדער א צאָל פון מענטשן, האָבן ניט נאָר אריינגענומען אין זייער פּריוואַטן באַזיץ עטלאכע טעכנישע דערפינדונגען, נאָר זיי האָבן אויך קאָנפיסקירט פאַר זייער אויסשליסלאכן נוצן אַלע נאַטירלאַכע כוחות, ווי וואַסער, דאַמף און עלעקטריציטעט. יעדע נייע דערפינדונג, יעדע אנטדעקונג געהערט צו זיי. די וועלט

עקזיסטירט נאָר פאר זיי אליין. זיי קימערן זיך ווינציק וואָס אי־בער דעם וואָס זיי פארניכטן זייערע מיטמענטשן רעכטס און לינקס. דאָס וואָס דורך זייער מאַשינערי ארבעטן זיי זאָגאר איבער די קערפּערס פון קליינע קינדער אין גאָלד־שטיקלאך, — דאָס האלטן זיי פאר א באזונדערס גוטע ארבעט און אן עכט קריסטלאכן אקט. זיי דער׳הרג׳ענען, ווי מיר האָבן געזאָגט, קליינע קינדער און פרויען דורך שווערע ארבעט, בשעת זיי לאָזן שטארקע מענער ארומגיין און הונגערן צוליב מאנגל אין ארבעט.

„מענטשן פרעגן זיך, ווי אזוי אזעלכע זאכן זיינען מעגלאך, און דער ענטפער איז, אז די אורזאך דערפון איז דער סיסטעם פון קאָנקורענץ. דער געדאנק פון א קאָאָפּעראציון, סאָציאלן, ראַ־ציאָנאלן און גוט רעגולירטן סיסטעם פון פארוואלטונג מאכט אן אומווידערשטייטלאכן איינדרוק אף דעם באָאָבאכטער. די מעלות פון אזא סיסטעם זיינען אזוי איבערצייגנדיק, אזוי קלאָר און דייט־לאך — און וואו וואָלט מען דען געקאָנט קריגן וואָס פאר עס איז אנדער וועג ווי אזוי ארויסצודרייען זיך דערפון? לויט פיזישע געזעצן באוועגט זיך א קערפּער שטענדיק, באוואוסטזיניק אָדער אומבאוואוסטזיניק, אין דער ליניע פון׳ם קלענסטן ווידערשטאנד. אזוי איז אויך דער פאל מיט דער געזעלשאפט אלס א גאנצע. דער וועג פון קאָאָפּעראטיווער ארבעט און קאָאָפּעראטיווער פארטיילונג ווערט אויסגעגלייכט און אויסגעגלעט דורך דער קאָנצענטראציע פון די ארבעטס־מיטלען אונטער דעם פּריוואטן קאפּיטאליסטישן סיס־טעם. מיר גייען שוין איצט אף דעם דאָזיקן וועג. מיר קאָנען זיך ניט צוריקציען, ווען מיר וואָלטן אפילו געוואָלט. די קראפט פון אומשטענדן טרייבט אונז צום סאָציאליזם.“

„און אצונד, הער שפּיז, ווילט איר אונז אפשר זאָגן, ווי אזוי איר וועט דורכפירן די עקספּראָפּריאירונג פון די באזיצנדע קלאסן?“ האָט געפרעגט רעוו. דר. סקאדער.

„דער ענטפער איז די זאך גופא. איר קאָנט געפינען דעם שליסל אין די שטורמס וואָס בושעווען דורך דעם אינדוסטריעלן לעבן פון דער איצטיקער צייט. איר זעט מיט וואָס פאר א קארג־שאַפט די באלעבאטים פון די פאבריקן און די מינעס האלטן זיך פעסט אָן זייערע פּריווילעגיעס און ווילן ניט נאָכלאָזן קיין האָר דערפון. פון דער אנדער זייט זעט איר די האלב־פארהונגערטע פּראָלעטאריער, ווי זיי ווערן געטריבן צום ראנד פון געוואלט.“

„אייער מיטל וואָלט אַלזאָ געווען געוואַלט?"

„מיטל? נו, נאַטירלאַך וואָלט בעסער געווען, ווען עס וואָלט געקאָנט געטאָן ווערן אָן געוואַלט, אָבער איר, מיינע הערן, און דער קלאַס וואָס איר פאַרטרעט, — איר זעט שוין אַז עס זאָל ניט קאָנען דורכגעפירט ווערן אַף אַן אַנדער אופן. לאָמיר זיך פאָרשטעלן אַז די איצטיקע אַרבעטער גייען צו זייערע באַלעבאַטים און זאָגן צו זיי: „הערט אויס! דער אופן ווי איר אַדמיניסטרירט די געשעפטן טויג ניט מער פאַר אונז; עס פירט צו מוראַ'דיקע פאָלגן. בשעת אַ טייל פון אונז פראַצעווען און אַרבעטן איבער די כוחות, ווערן די אַנדערע, די אַרבעטסלאָזע, פאַרהונגערט צום טויט; קליינע קינדער ווערן פאַרמוטשעט צום טויט אין די פאַבריקן, בעת שטאַרקע, קרעפטיקע מענער גייען אַרום ליידיק; די מאַסן לעבן אין נויט, בשעת אַ קליינער קלאַס פון מיוחסים, פון רעספּעקטאַבלע לייט גענ־יסן פון לוקסוס און רייכטום. דאָס אַלעס איז דער רעזולטאַט פון אייער שלעכטער אַדמיניסטראַציע, וועלכע וועט ברענגען אומגליק זאָגאַר פאַר אייך אַליין. טרעט אָפּ און גייט אַרויס פון געשעפט. גיט אונז איבער אייער אייגנטום, וואָס איז ניט מער ווי אומבאַצאָלטע אַרבעט. מיר וועלן אַריינעמען די זאַך אין אונזערע אייגענע הענט. מיר וועלן עס אַדמיניסטרירן אַף אַ צופרידנשטעלנדיקן אופן און רעגולירן די אינסטיטוציעס פון דער געזעלשאַפט. פרייוויליק וועלן מיר אייך צאָלן אַ לעבנלאַנגע פענסיע." נו, דיינקט איר, אַז די „באַסעס" וואָלטן אַנגענומען דעם דאָזיקן פאָרשלאַג? איר גלויבט עס געוויס ניט. דאַרום וועט מאַכט, געוואַלט מוזן אַנטשיידן — אָדער ווייסט איר פון אַן אַנדער וועג?"

„איר אָרגאַניזירט, הייסט עס, אַ רעוואָלוציע?"

ס'איז געווען אַ קורצע צייט פאַר מיין אַרעסט, און איך האָב געענטפערט: „אַזעלכע זאַכן זיינען שווער צו אָרגאַניזירן. אַ רעוואָלוציע איז אַ פּלוצלינגער אויפברויז — אַ קאָנוואולסיע פון די פיבערדיקע מאַסן פון דער געזעלשאַפט.

„מיר גרייטן צו די געזעלשאַפט פאַר דעם, און מיר באַשטייען דערויף אַז די אַרבעטער זאָלן זיך באַוואָפענען און זיך האַלטן גרייט פאַר דעם קאַמף. וואָס בעסער זיי וועלן זיין באַוואָפנט, אַלץ גרינגער וועט זיין די שלאַכט, און אַלץ קלענער די בלוט־פאַרגיסונג."

„וואָס פאַר אַ סאָרט אָרדנונג וועט, לויט אייער מיינונג, זיין אין דער נייער געזעלשאַפט?"

„איך מוז זיך אנטזאגן צו ענטפערן אף דער דאָזיקער פראגע, ווייל דאָס איז, ביז איצט, בלויז א פראגע פון שפעקולאציע. עס וועלן ניט זיין קיין שוועריקייטן צו אָרגאניזירן די ארבעט אף א קאָאָפּעראטיוון יסוד. די גרויסע פאבריקן פון היינט וועלן קאָנען באנוצט ווערן אלס מוסטערן. די וואָס וועלן דארפן לייזן די דאָזיקע פראגן וועלן עס טאָן אף א פאסנדן אופן, אנשטאט צו ארבעטן לויט אונזערע רעצעפטן — אויב מיר זאָלן זיי פארשרייבן וואָס צו טאָן; זיי וועלן האנדלען לויט די אומשטענדן און באדינגונגען פון דער צייט, און די דאָזיקע זיינען אויסער די גרעניצן פון אונזער האריזאָנט. וועגן דעם דארפט איר זיך ניט זאָרגן."

„אָבער, פריינט, דיינקט איר ניט, אז אומגעפער א וואָך נאָך דער צוטיילונג וועט דער שפּאָרזאמער האָבן אלעס, בשעת דער פארשווענדער וועט גאָרנישט האָבן?"

„די פראגע איז אויסער ארדנונג," האָט באמערקט דער פאָרזיצער; „עס איז גאָרנישט געזאָגט געוואָרן וועגן צוטיילונג."

„דיינקט איר ניט, אז די איינפירונג פון סאָציאליזם וואָלט פארניכטעט יעדע אינדיווידואליטעט?" האָט געפרעגט פראָפעסאָר ווילקאקס.

„ווי אזוי קאָן פארניכטעט ווערן עפּעס וואָס עקזיסטירט ניט? אין אונזערע צייטן איז ניטאָ קיין אינדיווידואליטעט; דאָס קאָן אנטוויקלט ווערן בלויז אונטערן סאָציאליזם, ווען די מענטשן וועלן זיין עקאָנאָמיש אומאָפּהענגיג. וואו טרעפט איר היינט־צו־טאָג א ווירקלאכע אינדיווידואליטעט. גיט א קוק אף זיך אליין, מיינע הערן! איר וואָגט ניט ארויסצוזאָגן וואָס פאר עס איז סוביעקטיווע מיינונג, וואָס קאָן פיליכט ניט זיין צוגעפּאסט צו די געפילן פון אייערע ברויט־געבער און אייערע קונים. איר זיינט היפּאָקריטן (א מורמלעריי פון צאָרן); יעדער געשעפטסמאָן איז א היפּאָקריט. איבעראל געפינט איר שפּאָט, קנעכטשאפט, ליגן און שווינדל. און די ארבעטער! איר זאָרגט כלומר'שט פאר זייער אינדיווידואליטעט; פאר דער אינדיווידואליטעט פון א קלאס וואָס איז דעגראדירט, דערנידעריקט געוואָרן צו מאשינען — באנוצט יעדן טאָג פאר צען אָדער צוועלף שטונדן אלס צוזאצן פון די לעבלאָזע מאשינען! וועגן זייער אינדיווידואליטעט זיינט איר דאָס באזאָרגט!"

קלינגט דאָס אזוי ווי איך וואָלט אין יענער צייט אָרגאניזירט א רעוואָלוציע — אן אזוינערופענע סאָציאלע רעוואָלוציע, וועלכע

האָט געזאָלט פאַרקומען אין אָדער אַרום דעם ערשטן מאַי, כּדי איינצופירן די אַנאַרכיע אפן פּלאַץ פון אונזער איצטיקער „אידעאַלער אָרדנונג“? איך מיין עפּעס אז ניט.

סאָציאַליזם מיינט אַלזאָ ניט די פאַרניכטונג פון דער געזעלשאַפט. סאָציאַליזם איז א קאָנסטרוקטיווע און ניט קיין דעסטרוקטיווע וויסנשאַפט. בעת ווען דער קאַפּיטאַליזם עקספּראָפּריִירט די מאַסן פאַר דעם בענעפיט פון׳ם פּריווילעגירטן קלאַס; בעת ווען דער קאַפּיטאַליזם איז יענע שולע פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע וואָס לערנט, ווי אזוי איינער קאָן לעבן אף דער ארבעט (דאָס הייסט אייגנטום) פון אנדערע, לערנט דער סאָציאַליזם, ווי אזוי אַלע קאָנען באַזיצן אייגנטום, און ווייטער לערנט ער, אז יעדער מענטש מוז ארבעטן ערלאַך פאַר זיין אייגענעם לעבן און ניט שפּילן דעם „בכבוד׳יקן באָרד אף טרייד מאַן“, אָדער וואָס פאַר עס איז אַנדער הויכן (?) רעספּעקטאַבלן געשעפטסמאַן אדער באַנקיר, ווי די וואָס זיינען דערשינען דאָ אַלס געשוואָרענע אין דער דזשורי־באָקס, מיט דער אָפּגעמאַכטער מיינונג אז מיר דאַרפן געהאַנגען ווערן. ווירקלאַך, איך גלויב, אז זיי האָבן די דאָזיקע מיינונג! אין קורצן, סאָציאַליזם זוכט איינצופירן אַן אַלגעמיינעם סיסטעם פון קאָאָפּעראַציע און צו מאַכן צוגענגלאַך פאַר יעדן מיטגליד פון דער מענטשלאַכער פאַמיליע די דערגרייכונגען און די בענעפיטן פון דער ציוויליזאַציע, וועלכע זיינען, אונטערן קאַפּיטאַליזם, מאָנאָפּאָליזירט פון א פּריווילעגירטן קלאַס און ווערן באַנוצט, ניט ווי זיי וואָלטן געדאַרפט באַנוצט ווערן פאַר די געמיינשאַפטלאַכע אינטערעסן פון אַלעמען, נאָר פאַר דער גראָבער באַפרידיקונג פון א געלט־גייציקן קלאַס. ווייט פון צו זיין א ברכה פאַר דער מענטשהייט, זיינען די גרויסע דערפינדונגען פון דער פאַרגאַנגענהייט אונטערן קאַפּיטאַליזם פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א קללה! אונטערן סאָציאַליזם וואָלט מקוים געוואָרן די נבואה פון דעם גריכישן פּאָעט אַנטיפּאָראַס, וועלכער האָט, בא דער דערפינדונג פון דער ערשטער וואַסער־מיל, אויסגערופן: „דאָס איז דער עמאַנציפּאַטאָר, דער באַפרייער פון מענער און פרויען־שקלאַפן!“; און אזוי אויך די פּראָפעצייאונג פון׳ם גריכישן פילאָסאָף אריסטאָטל, וועלכער האָט געזאָגט: „אין וואָס פאַר עס איז צוקינפטיקער צייט, ווען יעדעס ווערקצייג וועט, אף באַפעל אָדער פאָרויסבאַשטימונג, טאָן זיין ארבעט, ווי עס האָבן געטאָן די קונסט־ווערק פון ד ע ד אַ־

ל ו ס. וועלכע האבן זיך באוועגט פון זיך אליין, אדער ווי די דריי פיס פון ה ע פ ע ס ט א ס, וועלכע זיינען אינסטיקטיוו געגאנגען צו זייער הייליקער ארבעט, — ווען די וועב־שטולן וועלן אף אזא'ן אופן וועבן פון זיך אליין, דאן וועלן מיר מער ניט האבן קיין הארן און קיין שקלאפן." דער סאציאליזם זאגט, אז די דאזיקע צייט איז געקומען, און קאנט איר עס אפלייקענען? איר זאגט: „אה, די דאזיקע היידן, וואס האבן זיי געוואוסט?" אמת! זיי האבן גארנישט געוואוסט פון פאליטישער עקאנאמיע; זיי האבן גארנישט געוואוסט פון קריסטנטום. זיי האבן ניט געקאנט באגרייפן, ווי פיין אט די מענטשן־באפרייענדע מאשינען קאנען באנוצט ווערן צו פארלייגנגערן די שטונדן פון ארבעט און שווערער צו מאכן די לאסטן פון די שקלאפן. אט די היידן, יא, זיי האבן אנטשולדיקט די שקלאפעריי פון דעם איינעם אף גרונט דערפון וואס דורכדעם וועט אן אנדערער האבן די געלעגנהייט, די מענגלאכקייט פון מענטשלאכער אנטוויקלונג. אבער צו פריידיקן די שקלאפעריי פון די מאסן, כדי עטלאכע גראבע און חוצפה'דיקע „פארוועניס" זאלן קאנען ווערן „בארימטע פאבריקאנטן", „אייגנטימער פון ריזיקע פלייש־הייזער", אדער „איינפלוסרייכע שוךוואקס הענדלער" — דאס צו טאן האט זיי געפעלט יענער ספעציפישער קריסטלאכער ארגאן.

דער סאציאליזם לערנט, אז די מאשינען, די מיטלען פון טראנספארט און קאמוניקאציע זיינען דער רעזולטאט פון די פאראייניקטע געזעלשאפטלאכע כוחות פון דער פארגאנגנהייט און געגנווארט, און אז זיי זיינען דערפאר מיט פולן רעכט דאס אבסאלוטע אייגנטום פון דער געזעלשאפט, פונקט דאסזעלביקע ווי די ערד און די מינעס און אלע מתנות פון דער נאטור דארפן זיין. אט די דעקלאראציע שליסט איין אין זיך די באדייטונג, אז די, וועלכע האבן זיך אף אן אומגערעכטן, הגם געזעצלאכן, אופן אנגעאייגנט דעם דאזיקן רייכטום, זאלן עקספראפריאירט ווערן דורך דער געזעלשאפט. די עקספראפריאירונג פון די מאסן דורך די מאנאפאליסטן האט דערגרייכט אזא מדרגה, אז די עקספראפריאירונג פון די עקספראפריאטארס איז געווארן א דרינגענדע נויטווענדיקייט, אן אקט פון געזעלשאפטלאכער זעלבסט־דערהאלטונג. די געזעלשאפט וועט אויפמאנען דאס וואס געהערט צו איר, אפילו ווען איר וועט אויפשטעלן א תליה אף יעדן גאסן־ווינקל. און אנארכיזם,

אט דער שרעקלאכער „איזם“, ציט דעם שלום, אז אונטער א קאָאָ־פעראטיוון געזעלשאפט־סיסטעם, אונטער עקאָנאָמישער גלייכהייט און אינדיווידועלער אומאפהענגיקייט, וועט דער שטאט — דער פאָליטישער שטאט — אריבערגיין אין בארבארישן אלטערטום. און מיר וועלן זיין דארט, וואו אלע זיינען פריי, וואו עס איז מער ניטאָ קיין באלעבאטים און משרתים, וואו דער שכל פארנעמט דעם פלאץ פון ברוטאלער גוואלט; מען וועט מער ניט דארפן קיין פאָליסלייט און קיין מיליץ אפצוהיטן די אזויגערופענע „פרידן און אָרדנונג“ — די אָרדנונג, וועגן וועלכער דער רוסישער גענעראל האט גערעט, ווען ער האט טעלעגראפירט צום צאר, נאָכדעם ווי ער האט אויס־געה׳רג׳עט א העלפט פון דער ווארשעווער באפעלקערונג: „פרידן הערשט אין ווארשע!“

אנארכיזם מיינט ניט קיין בלוט־פארגיסונג; מיינט ניט רויב, אונטערצינדעריי, א. א. וו. אדרבה, די דאָזיקע שוידערלאכקייטן זיינען די דייטלאכע כאראקטער־צוגן פון׳ם קאפיטאליזם. אנארכיזם מיינט פרידן און רו פאר אלעמען. אנארכיזם, אָדער סאָציאליזם מיינט די רעאָרגאניזירונג פון דער געזעלשאפט אויף וויסנשאפט־לאכע פרינציפן און די אפשאפונג פון די אורזאכן וואס ברייגען אויסגעלאסנקייט און פארברעכן. דער קאפיטאליזם פראָדוצירט אפריער די דאָזיקע סאָציאלע קראנקהייטן און דערנאָך זוכט ער זיי צו קורירן דורך באשטראָפונג.

דאס געריכט האט געהאט פיל צו זאָגן וועגן דעם אויפרייצנדן כאראקטער פון די ארטיקלען וואס זיינען פארעלייענט געוואָרן פון דער „ארבעטער־צייטונג“. לאָמיך אייך דאָ פארלייענען א לייט־ארטיקל וואס איז דערשינען אין אָקטאָבער, 1886, אין דעם „קאָ־מענוועלטה“ פון פאָנד־דו־לאַק, א רעפובליקאנישע צייטונג. אויב איך האב קיין טעות ניט איז דער ריכטער אויך א רעפובליקאנער.

„צו וואפן, רעפובליקאנער! ארבעט אין יעדער שטאָט אין וויסקאָנסין פאר מענער וואס האבן קיין מורא ניט פאר שיס־געווער, בלוט אָדער טויטע קערפערס, כדי אויפצוהאלטן פרידן (דאס איז דער „פרידן“, וועגן וועלכן איך האב גערעט) און רו; מיידט אויס א פארטייען־שטרייט, כדי צו פארהיטן אז די שטאָט־אדמיניסטראַ־ציע זאָל ניט אריינפאלן אין די הענט פון אזעלכע עקעלהאפטע מענטשן ווי דזשיינס נ. דזשענקינס. יעדער רעפובליקאנער אין

וויסקאנסין מוז אין קומענדיקן וואל־טאג גיין באוואפנט צום שטים־קאסטן. די קופעס ווייץ, די הייזער און שייערן פון אקטיווע דעמאקראטן דארפן אונטערגעצונדן ווערן; זייערע קינדער פארברענט און זייערע ווייבער פארגוואלטיקט ווערן, אזוי אז זיי זאלן פארשטיין, אז די רעפובליקאנער פארטיי איז די פארטיי, וואס מוז הערשן, און די פארטיי, פאר וועלכער זיי דארפן שטימען, אדער האלטן זייערע געמיינע פאדלעס ווייט אוועק פון׳ם שטימקאסטן. אויב זיי וועלן זיין איינגע׳עקשן׳ט און גיין צום שטימקאסטן, און באשטיין דערויף צו שטימען פאר דזשענקינס׳ן, דאן באגעגנט זיי אפן שאסיי, אין וואלד, אפן בארג, אדער וואו עס זאל ניט זיין, און דערשיסט יעדן איינעם פון אט די געמיינע פייגלינגע און אגיטאטארס. אויב זיי זיינען צו שטארק אין וואס פאר עס איז שטעטל און עס געלינגט זיי אריינצולייגן זייערע אפאזיציע־שטימען אין שטימקאסטן, דאן ברעכט אויף דעם קאסטן און צורייסט אף שטיקלאך זייערע שטים־צעטלאך, וועלכע אטעמען מיט צוויסטיקייט. פארברענט זיי. דאס איז די צייט פאר ווירקזאמער ארבעט. דער געלער פיבער וועט ניט אנשטעקן די מאריסאן דעמאקראטן; אלזא מוזן מיר געברויכן שטילערע און ווירקזאמערע מיטלען. די אגיטאטארס מוזן דערשטיקט ווערן, און דער וואס שטעלט זיך געגן אונז שטעלט איין זיין לעבן. רעפובליקאנער, זייט בא די שטים־פלעצער אין איינקלאנג מיט די אויבנדערמאנטע אנווייזונגען, און שטעלט זיך ניט אפ פאר אביסל בלוט. דאס וואס האט געמאכט די „סאליד סויט“ וועט מאכן א „סאליד נארטה!“

וואס זאגט איר, הער ריכטער, צו דער דאזיקער שפראך פון א „געזעץ און ארדנונג“ ארגאן — א רעפובליקאנער ארגאן? ווי פארגלייכט זיך די „ארבעטער צייטונג“ מיט דעם?

דאס בוך פון יאהאן מאסט, וואס איז אריינגעבראכט געווארן אהער אין געריכט, האב איך קיינמאל ניט געלייענט, און איך גיב צו, אז געוויסע שטעלן זיינען דא פארגעלייענט געווארן, וועלכע זיינען אפשטויסנד — וועלכע מוזן זיין אפשטויסנד פאר יעדן מענטשן וואס האט א הארץ. אבער איך צי אייער אויפמערקזאמקייט צו דעם פאקט, אז די דאזיקע שטעלן זיינען גענומען פון א בראשורע פון אנדריע, דעם געוועזענעם פאליציי־פרעפעקט פון פאריז, און זיינען איבערזעצט געווארן פון א פארשטייער פון אייער ארדנונג! האבן זיך די פארטרעטער פון אייער ארדנונג ווען עס איז

אפגעשטעלט פאר דער אויפאפפערונג פון מענטשלאך בלוט? קיינ־מאל ניט.

עס איז ארויסגעבראכט געוואָרן געגן אונז, אז מיר (די אכט דאַ) האָבן געבילדעט א פארשווערונג. אף דעם וויל איך ענטפערן, אז מיין פריינט לינג האָב איך געזען בלויז צוויי מאָל אף פארזאמ־לונגען פון דער סענטראל לייבאָר יוניאָן, וואו איך בין געגאנגען אלס רעפּאָרטער, איידער איך בין ארעסטירט געוואָרן. איך האָב קיינמאָל ניט גערעט מיט אים. מיט ענגעל'ן בין איך געוועזן ברוגז און מיר האָבן ניט גערעט וויניקסטנס א יאָר צייט. און פישער, מיין לייטענאנט (?), פלעגט ארומגיין און האלטן רעדעס געגן מיר. אזויפיל וועגן דעם.

דער הער ריכטער האָט היינט אין דערפרי געזאָגט: „מיר מוזן דערגיין זייערע צוועקן פון דעם וואָס זיי האָבן געזאָגט און געשריבן", און אלס פאָלגע דערפון האָט ער פארגעלייענט עטלאַכע ארטיקלען.

נו, ווען איך וואָלט געהאט אזויפיל מאכט ווי דער ריכטער און וואָלט געוועזן א געזעץ־ליבנדער בירגער, וואָלט איך זיכער געלאָזט אנקלאָגן דעם ריכטער פאר געוויסע באמערקונגען, וועלכע זיינען געמאכט געוואָרן אין פארלויף פון דעם דאָזיקן פּראָצעס. איך וויל זאָגן, אז ווען איך וואָלט ניט געוועזן קיין אנארכיסט באם אָנהויב פון דעם דאָזיקן פּראָצעס, וואָלט איך עס איצט געוועזן. איך ברייננ דאַ די נענויע ווערטער פון דעם ריכטער בא איין געלעגנהייט: „עס איז ניט נויטווענדיקערהווייז געדרונגען, אז אלע געזעצן זיינען נאַריש און שלעכט דערפאר, ווייל אסך פון זיי זיינען אזוי." דאָס איז פּראָט, מיין הער, אויב מיר זאָלן גלויבן דעם ריכטער און דעם פּראָקוראָר. אָבער אחוץ דעם קאָן איך ניט זען, ווי אזוי מיר זאָלן אונטערשיידן און אויסקלייבן די גוטע פון די שלעכטע געזעצן. מעג איך אורטיילן איבער דעם? ניין; איך טאָר ניט. אָבער ווען איך טרעט אריבער א שלעכט געזעץ און ווער געבראכט פאר א שלעכטן ריכטער, וואָלט איך אן צווייפל פאר'משפט געוואָרן.

וואָס איז שייך צו א באריכט אין דער „ארבעטער צייטונג", וואָס איז אויך פארגעלייענט געוואָרן היינט אינדערפרי, דער באַ־ריכט וועגן דער באָרד אוו טרייד דעמאָנסטראַציע, וויל איך זאָגן (און דאָס איז די איינציקע פארטיידיקונג, דאָס איינציקע וואָרט וואָס איך האָב צו זאָגן אין מיין אייגענער פארטיידיקונג), אז איך

האָב ניט געוואוסט פון יענעם ארטיקל ביז איך האָב אים געזען אין דער ציימונג, און דער מאן וואס האָט עס געשריבן, האָט עס אייגנטלאך געשריבן אלס ענטפער אף געוויסע פארלוימדונגען אין די מארגן־צייטונגען. ער איז אנטזאגט געוואָרן. די שפּראך וואס איז געברויכט געוואָרן אין יענעם ארטיקל, וואָלט קיינמאָל ניט טאָלעריירט געוואָרן, ווען איך וואָלט עס געזען.

נו, אויב מיר קאָנען ניט דירעקט פאַרוויקלט ווערן אין דער דאָזיקער געשיכטע, פארבונדן ווערן מיט דעם ווארפן פון דער באָמבע, וואו איז דאָס געזעץ וואס זאָגט, אז די דאָזיקע מענער זאָלן אויסגעקליבן ווערן צו ליידן? ווייזט מיר דאָס דאָזיקע געזעץ. אויב איר האָט עס! אויב די שטעלונג פון׳ם געריכט איז א ריכטיקע, דאן וואָלט מען געדארפט הייגגען א העלפט פון דער באפעלקערונג פון דער דאָזיקער שטאָט, ווייל זיי זיינען פאראנטוואָרטלאך פונקט ווי מיר זיינען פאר יענעם אקט, וואס איז פאָרגעקומען דעם 4טן מאי. און אויב א העלפט פון דער באפעלקערונג פון שיקאגא ווערט ניט געהאנגען, דאן ווייזט מיר דאס געזעץ וואָס זאָגט: „אכט מענטשן זאָלן אויסגעקליבן און געהאנגען ווערן אלס שעיר לעזאזל׳ם!“ איר האָט ניט קיין גוט געזעץ. אייער אנטשיידונג, אייער אורטייל, אונזער פאראורטיילונג איז ניט קיין אנדער זאך, נאָר א דעספּאָטישער ווילן פון דעם דאָזיקן געזעצלאָזן געריכט. ס׳איז אמת, אז עס איז ניטאָ קיין פּרעצעדענט אין יוריספּרודענץ אין דעם דאָזיקן פאַל! ס׳איז אמת, אז מיר האָבן אויפגעפאָדערט דאָס פאָלק זיך צו באוואָפענען. ס׳איז אמת, אז מיר האָבן זיי געהאלטן אין איין זאָגן, אז דער גרויסער טאָג פון ענדערונג קומט. ס׳איז ניט געווען אונזער וואונטש צו האָבן בלוט־פארגיסונג. מיר זיינען ניט קיין ווילדע חיות. מיר וואָלטן ניט געווען קיין סאָציאליסטן, ווען מיר זיינען ווילדע חיות. אונזער עמפּינדונג האָט אונז אריינגעבראכט אין דער דאָזיקער באוועגונג פאר דער באפרייאונג פון די אונטערדריקטע און די ליידנדע. ס׳איז אמת, אז מיר האָבן אויפגעפאָדערט דאָס פאָלק זיך צו באוואפענען און זיך צוגרייטן פאר די שטורמדיקע צייטן וואס קומען אָן.

דאָס קוקט אויס צו זיין דער גרונט, אף וועלכן דער אורטייל דארף באשטעטיקט ווערן. „אָבער ווען א לאנגע ריי פון מיסברויכן און אוזורפּאציעס, וועלכע פארפאָלגן כסדר איין און דעמזעלביקן צוועק, ווייזט ארויס אן אבזיכט צו אונטערדריקן דאָס פאָלק אונטער

אז אבסאָלוטן דעספּאָטיזם, דאַן איז עס זייער רעכט, ס'איז זייער פּליכט ארונטערצואווארפן אזא רעגירונג און שאַפן נייע גאראַנ־טיעס פאר זייער צוקינפטיקער זיכערקייט". דאָס איז א ציטאַט פון דער „אומאָפּהייגיקייט־דעקלאַראַציע". האָבן מיר געבראָכן וועלכע ס'איז געזעצן דורכדעם וואָס מיר האָבן געוויזן דעם פאָלק, ווי אזוי אָט די מיסברויכונגען, וועלכע זיינען פארגעקומען פאר די לעצטע צוואַנציק יאָר, האָבן כסדר פארפאָלגט איין צוועק, דאָס הייסט: צו עטאַבלירן דאָ אין לאַנד אזא שטארקע און מעכטיקע און שוידערלאכע אָליגארכיע, ווי עס האָט קיינמאָל פריער ניט עקזיסטירט אין קיין שום לאַנד? איך קאָן גאַנץ גוט פארשטיין, פארוואָס אָט דער מאַן גרינעל האָט ניט געפאָדערט פון דער גרענד דזשורי אונז אָנצוקלאָגן אין פאַראַט. איך קאָן עס גאַנץ גוט פאר־שטיין. איר קאָנט ניט פּראָצעסירן און פאראורטיילן פאר פאַראַט א מענטשן, וואָס האָט פארטיידיקט די קאָנסטיטוציע געגן די, וועלכע טרעטן זי מיט די פיס. עס וואָלט ניט געווען אזא לייכטע ארבעט דאָס צו טאָן, מר. גרינעל, ווי אָנצוקלאָגן די דאַזיקע מענער אין מאָרד.

נו, דאָס זיינען מיינע אידייען. זיי זיינען א טייל פון מיר אליין. איך קאָן זיך ניט אויסטאָן פון זיי, און וואָלט עס ניט גע־וואָלט, ווען איך זאָל עס אפילו קאָנען. און אויב איר דיינקט, אז איר קאָנט דערשטיקן אָט די אידייען, וועלכע געווינען פון טאָג צו טאָג אַלץ מער און מער באָדן; אויב איר דיינקט, אז איר קאָנט זיי אויסראָטן דורכדעם וואָס איר וועט אונז שיקן צו דער תליה; אויב איר ווילט נאָך אמאָל ארויפלייגן די טויט־שטראָף אויף מענטשן דער־פאר וואָס זיי האָבן געוואגט צו זאָגן דעם אמת — און איך פאָדער אייך ארויס אונז צו ווייזן וואו מיר האָבן געזאָגט א ליגן — איך זאָג, אויב טויט איז די שטראָף פאר פּראָקלאַמירן דעם אמת, דאַן וועל איך שטאָלץ און מוטיק באַצאָלן דעם קאָסטבאַרן פּרייז! רופט אייער הענקער! דער אמת, וואָס איז געקרייציקט געוואָרן אין סאָקראַטעס'ן, אין קריסטוס'ן, אין דזשאָרדאַנאָ ברונאָ, אין הוס, אין גאַלילעאָ, לעבט נאָך. זיי און אנדערע, וועמעס צאָל איז לעגיאָן, זיינען פאר אונז געגאַנגען אויף דעם דאַזיקן וועג. מיר זיינען גרייט נאָכצופאָלגן!

מיכאעל שוואב׳ס רעדע

ביאגראפישער נאטיץ

מיכאעל שוואב איז געבארן געווארן דעם 9טן אווגוסט 1853 אין קיצינגען, בייערן. ביז אין עלטער פון צוועלף יאר איז ער געגאנגען אין אן עלעמענטאר־שולע. דאן האט ער פיר יאר צייט באזוכט די „לאטיינישע שולע“. אבער זיינע פארהעלטעניש האבן אים געצוואונגען אויפצוגעבן זיינע למודים, און צו 16 יאר איז ער ארייגעטראטן אלס לערן־יונג בא א בוכבינדער.

וועגן דעם סאציאליזם האט ער צום ערשטן מאל געהערט בא דער געלעגנהייט פונם הויכפאראט־פראצעס אין לייפציג. די פארהאנדלונגען פון דעם דאזיקן בארימטן פראצעס זיינען פארעפנטלאכט געווארן אין דער צייטונג „פאלקסשטאט“, וועלכע דער יונגער שוואב פלעגט לייענען רעגלמעסיק. צוערשט איז דאס געווען בא אים בלויז נייגעריקייט; ער האט געוואלט וויסן וואס עס קומט פאר באם פראצעס. אבער די ארטיקלען, וואס די סאציאליסטישע צייטונג האט געדרוקט, האבן אויסגעאיבט אף אים א געוואלטיקן איינדרוק און אים געמאכט פאר א סאציאליסט. ער האט זיך אנגעשלאסן אן דער געווערקשאפט פון די בוכבינדער, און פון יענער צייט אן האט ער זיך פלייסיק באטייליקט אין סאציאליסטישער פראפאגאנדע.

אין 1874 האט ער זיך ארויסגעלאזט אף דער וועלט, האט געוואנדערט איבער דייטשלאנד, די שווייץ און עסטרייך. אין 1877 האט ער אויסגעוואנדערט קיין אמעריקע. ער איז געקומען קיין שיקאגא, וואו ער איז געבליבן א יאר צייט, נים נעמענדיק קיין דירעקטן אנטייל אין דער סאציאליסטישער באוועגונג. ער האט געלייענט די סאציאליסטישע פרעסע, דעם „סאציאלדעמאקראט“ און די „ארבעטער צייטונג“, אבער ער האט זיך נים גליך אנגעשלאסן אן דער פארטיי.

אין זומער פון 1880 האט זיך שוואב אריבערגעקליבן קיין מילוואקי, וואו ער איז ארייגעטראטן אין דער דארטיקער סעקציע פון דער

סאָציאַליסטישער ארבעטער פּארטיי. ער האָט אויך באַזוכט דענווער און אנדערע שטעט פון דער וועסט, און ווען ער איז שפּעטער צוריקגעקומען קיין שיקאגא האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אָן דעם „סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן קלוב“, וואָס איז באשטאנען פון מיטגלידער, וועלכע זיינען אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער דייטשער סעקציע פון דער סאָציאַליסטישער ארבעטער פּארטיי. נאָכן פּיטסבורגער קאָנגרעס איז שוואַב געוואָרן א מיטגליד פון דער „אינטערנאַציאָנאַלער אַ־בעטער אסאָסיאַציע“.

אין דער רעדאקציע פון דער שיקאגאָ׳ער „ארבעטער ציימונג“ איז ער געווען טעטיק פינף יאָר צייט. פריער פאר דעם האָט ער קיינמאָל ניט גערעדט אף עפנטלאָכע פארזאמלונגען און ניט געשריבן פאר קיין ציימונגען. זינט ער האָט אָנגעהויבן שרייבן אין דער „ארבעטער ציימונג“ איז ער אויפגעטראָטן אף פילע פאָלקס־פארזאמלונגען.

שוואַב איז געווען פארהייראַט און פאָטער פון צוויי קליינע קינדער.

דאָס, וואָס איך האָב דאָ צו זאָגן איז ניט פיל. און איך וואָלט איבערהויפּט גאָרנישט געזאָגט, ווען בלייבן שטיל וואָלט ניט אויס־געקוקט ווי א פּחדנ׳ישע גוטהייסונג פון דעם וואָס איז דאָ אָפּגע־טאָן געוואָרן. אָנרופן די פארהאנדלונגען פון דעם דאָזיקן פּראָצעס גערעכטיקייט, וואָלט געהייסן חוזק מאכן. עס איז ניט געטאָן געוואָרן קיין גערעכטיקייט, נאָך מער, עס האָט ניט געקאָנט געטאָן ווערן. ווען איין קלאַס טרעט ארוים נעגן דעם אַנדערן, איז דאָס אומזיניק און היפּאָקריטיש צו דיינקען וועגן גערעכטיקייט.

די אַנאַרכיע איז דאָ גע׳משפּט געוואָרן, ווי דער פּארטרעטער פון דער אָנקלאַגע, דער פּראָקוראָר, האָט עס דערקלערט אין זיין שלום־רעדע; א לערע, א מיינונג, וואָס איז פיינטלאך צו דער ברוּ־טאַלער מאַכט, פיינטלאך צו אונזער איצטיקן מערדערישן סיסטעם פון פּראָדוקציע און פארטיילונג. איך בין פאראורטיילט צו שטאַר־בען פאר שרייבן ציימונגס־ארטיקלען און האַלטן רעדעס. דער פּראָקוראָר ווייסט אזוי גוט ווי איך, אז יענער כּלומר׳שטער גע־שפּרעך צווישן מר. שפּיז און מיר איז קיינמאָל ניט פּאָרגעקומען. ער ווייסט נאָך אסך מער ווי דאָס. ער איז באַקאַנט מיט דער גאַנ־צער שיינער ארבעט פון זיין אָרגאַניזאַטאָר, פורטהמאַן. ווען איך בין געשטאַנען פאר דער קאָראָנערס דזשורי האָבן צוויי אָדער דריי

דעטעקטיווס גאנץ פּאָזיטיוו געשוואָרן, אז זיי האָבן מיך געזען אף דעם היי־מאַרקעט דאָן, ווען מר. פּאַרסאָנס האָט געענדיקט זיין רעדע. אפנים, אז דאמאָלס האָבן זיי געוואָלט ארויפלעגן די שולד אף מיר און פעסטשטעלן אז איך האָב געוואָרפן די באָמבע; וואָרים די ערשטע דעפּעשן וואָס זיינען אָפּגעשיקט געוואָרן קיין אייראָפּא האָבן געלויטעט, אז מ. שוואַב האָט געוואָרפן עטלאכע באָמבעס אף דער פּאָליציי. שפּעטער האָבן זיי געשיקט דעטעקטיווס קיין לייק וויו און אויסגעפונען, אז דאָס וועט ניט גיין. און דאַן האָבן זיי באַשטימט, אז שנאובעלט איז געווען דער מאַן.

די אַנאַרכיע איז געשטאַנען פאַר'ן געריכט. עס האָט ווינציק וואָס אויסגעמאַכט ווער עס זיינען די פּערזאָנען, וועלכע וועלן באַעהרט ווערן פון דער אָנקלאַגע. דער קלאַס איז געצילט געווען אף דער באַוועגונג. ער איז געווען געריכטעט געגן דער ארבעטער־באַוועגונג, געגן דעם סאָציאַליזם, וואָרים היינט־צו־טאָג מוז יעדע ארבעטער־באַוועגונג נויטוועגדיקערווייז זיין סאָציאַליסטיש.

מען רעדט וועגן א ריזיקער קאָנספּיראַציע! א באַוועגונג איז ניט קיין קאָנספּיראַציע. אַלץ וואָס מיר האָבן געטאָן איז געטאָן געוואָרן אין דער ליכטיקייט, אָפן פאַר אַלעמען.

עס זיינען ניט געווען קיין סעקרעטן. מיר האָבן פּראָפעצייט אין וואָרט און שריפט דאָס קומען פון א גרויסער רעוואָלוציע, אן ענדערונג אין דעם סיסטעם פון פּראָדוקציע אין אַלע אינדוסטריעלע לענדער פון דער וועלט. און די ענדערונג וועט קומען, און מוז קומען. איז דאָס ניט לעבערלאַך זיך פאָרצושטעלן, ווי דער פּראָקוראָר און זיינע מיטהעלפער האָבן זיך פאָרגעשטעלט, אז אָט די סאָציאַלע רעוואָלוציע — אן ענדערונג פון אזעלכע אומגעהייערע פּראָפּאָרציעס — האָט זיך געזאָלט אָנפאַנגען דעם ערשטן מאַי, אָדער אומגעפער אין דער צייט, אין שיקאַגאָ, דורך א קריג מיט דער פּאָליציי? דער אָרגאַניזאַטאָר פורטהמאַן האָט גענישטערט און דורכגעזוכט הונדערטער נומערן פון דער „ארבעטער־צייטונג" און פון דעם „אַלאַרם", און אזויערנאָך האָט דאָך די אָנקלאַגע געמוזט זייער גוט ווייסן, וואָס מיר האָבן פאַרשטאַנען, ווען מיר האָבן גערעדט וועגן דער קומענדיקער רעוואָלוציע. אָבער די הערן פּראָקוראָרן האָבן פאָרגעצויגן צו איגנאָרירן אָט די דעקלערנדע ארטיקלען.

די ארטיקלען, וואָס זיינען געבראַכט געוואָרן אַלס באַווייזן

באם פראצעס, זיינען פארזיכטיק אויסגעקליבן און פארגעלעגט געווארן אלס מוסטערן פון געוואלטזאמער שפראך, אבער די שפראך וואס איז באנוצט געווארן אין זיי, איז געווען דיזעלביקע, מיט וועלכער צייטונגען האבן זיך אין אלגעמיין באנוצט געגן אונז און געגן זייערע שונאים. זאגאר געגן דער פאליציי און אירע פירונגען האבן זיי געברויכט דעם זעלבן סארט ווערטער, וועלכע מיר האבן באנוצט.

נאך דער דערוויילונג פון מעיאר העריסאן האט דער פרעזי־דענט פון דער „סיטיזענס אסאסיאיישאן", עדווין ליע בראון, גע־האלטן א רעדע אין נארט־סייד טורנער האל, אין וועלכער ער האט אויפגעפאדערט אלע גוטע בירגער צו פארכאפן דאס געריכט־הויז מיט געוואלט, אפילו ווען זיי זאלן צוליב דעם דארפן בראדזשען אין בלוט. מיר שיינט, אז די געוואלטזאמסטע רעדנער קאן מען ניט געפינען אין די רייען פון די אנארכיסטן.

ס'איז ניט געגן געוואלט אין ווארט אדער טאט, וואס די עפנטלאכע אנקלעגער און זייערע אונטערטרייבער קומען דא ארויס, ניט געגן דעם פירן זיי זייער קריג; ס'איז געגן אונזער לערע — אנארכיע.

מיר קעמפן פאר קאמוניזם און אנארכיע — פארוואס? ווי האבן מיר געקענט שווייגן שטיל, ווען שטיינער אפילו וואלטן אויס־געשריען אין אנטריסטונג און פראטעסט! מארד ווערט באגאנגען טאג־טעגלאך. קינדער ווערן דער'הרג'עט; פרויען פארמוטשעט דורך ארבעט צום טויט; מענער געטויט ביסלאכווייז, און אט די פארברעכנס ווערן קיינמאל ניט באשטראפט פון'ם געזעץ. דער גרויסער פרינציפ, אף וועלכן דער איצטיקער סיסטעם האלט זיך, איז אומבאצאלטע ארבעט. די וואס זאמלען אן פארמעגנס, בויען פאלאצן און לעבן אין לוקסוס, טוען אט די זאכן געשטיצט אף אומבאצאלטער ארבעט. זייענדיק דירעקט אדער אינדירעקט די באזיצער פון לאנד און מאשינען, דיקטירן זיי דעם ארבעטער זייערע באדינגונגען: ער איז געצוואונגען צו פארקויפן זיין ארבעט ביליק, אדער שטארבן פון הונגער. דער פרייז וואס מען צאלט אים איז שטענדיק וויט אונטער דעם ווירקלאכן ווערט. ער האט קיין ברירה ניט, ער האנדלט אונטער צוואנג, און זיי רופן עס א פרייער קאנט־ראקט. אט דער גיהנום'שער צושטאנד האלט אים שטענדיק ארים און אומוויסנד, א לייכטער קרבן פאר עקספלואטאציע.

איך ווייס וואס פאר א לעבן עם דערוואַרט די מאסן. איך בין געוועזן איינער פון זיי. איך בין געשלאפן אין זייערע דאך־שטיבלאך און געוואוינט אין זייערע קעלערס. איך האב זיי געזען, ווי זיי האבן געארבעט און זיינען געשטאַרבן. איך האב געארבעט מיט מיידלאך אין דער זעלביקער פאבריק — פראסטיטוטקעס זיינען זיי געווען, מחמת זיי האבן פון זייער ארבעט ניט געקאנט פארדינען גענוג אף צו לעבן. איך האב געזען פרויען וואס זיינען געווען קראנק פון איבער־ארבעט; קראנק אין קערפער און גייסט צוליב דעם לעבן וואס זיי זיינען געצוואונגען געווען צו פירן. איך האב געזען מיידלאך פון צען ביז פערצן יאר אלט, וועלכע האבן געארבעט פאר א קלענגלאכן לוין. איך האב געהערט, ווי זייער מאראל איז דער׳הרג׳עט געוואָרן דורך דער מיאוס׳ער שפראך און דעם שלעכטן ביישפיל פון זייערע ברידער־ארבעטער, פירנדיק זיי אף דעמזעלביקן וועג צו עלנד און נויט, און אלס אינדיווידואום, איינער אליין פאר זיך, האב איך גארנישט געקאנט טאן. איך האב געזען פאמיליעס וואס האבן געהונגערט און געזונטע, שטאר־קע מענער, וועלכע זיינען פאראַרבעט, פארמוטשעט געווארן צום טויט.

דאס איז געווען אין אייראפא. ווען איך בין געקומען אין די פאראייניקטע שטאטן האב איך געפונען, אז עס זיינען פאראן קלאסן פון ארבעטער, וועלכע ווערן בעסער באצאלט ווי די אייראָ־פעאישע ארבעטער, אבער איך האב אויך געזען, אז דער צושטאנד אין א גרויסער צאל פון אינדוסטריען איז נאך ערגער זאגאר ווי אין אייראפא, און אז די אזויגערופענע בעסער־באצאלטע „געאיב־טע" ארבעטער דעגענערירן שנעל אין איינפאכע אויטאמאטישע טיילן פון מאשינען. איך האב געפונען, אז דער פראלעטאריאט פון די גרויסע אינדוסטריעלע שטעט איז אין א לאגע וואס קאן גאר ערגער ניט זיין. טויזנטער ארבעטער אין דער שטאט שיקאגא לעבן אין וואוינונגען אן גענוגענדער באשיצונג פון׳ם וועטער, אן א ריכטיקער ווענטילאציע, אין צימערן, וואו עס קומט קיינמאל ניט אריין קיין שטראם פון זונענשיין. פאראן חורבה׳דיקע הייזקעס, וואו צוויי, דריי און פיר פאמיליעס לעבן אין איין צימער.

ווי אזוי אט די צושטענדן ווירקען אף דעם געזונט און אף דער מאראל פון די דאזיקע אומגליקלאכע מענטשן, איז ניט נייטיק צו דערציילן. און ווי אזוי לעבן זיי? פון די מיסט־קאסטנס

קלייבן זיי צונויף האלב־פארפוילטע גרינוואַרג; אין די יאַטקעס קויפן זיי פאר עטלאכע סענט אביסל אָפפאַל פון פלייש, און אַט די טייערע שטיקלאך טראָגן זיי אוועק אהיים צוצוגרייטן דערפון זייערע מאָלצייטן. די האלב־איינגעפאַלענע, צובראָכענע הייזער, אין וועלכע אַט די אָרעמע ארבעטער וואוינען, נייטיקן זיך זייער שטארק אין רעמאָנט, אָבער דער געלט־גייציקער לענדלאָרד איילט זיך נימ; ער וואַרט אין די מערסטע פאלן ביז די שטאָט צווינגט אים צו פאַרריכטן זיין צובראָכן הויז. איז א וואונדער וואָס מע־נער, פרויען און קינדער שטאַרבן אין אזעלכע פלעצער אוים אין מאַסן דורך אלערליי קראנקהייטן, באזונדערס קינדער? איז דאָס ניט שרעקלאך אין אן אזויגערופענעם ציוויליזירטן לאנד, וואו עס איז פאַראַן אזויפיל שפייז און רייכטימער? מיט עטלאכע יאָר צוריק האָט א קאָמיטע פון דער „סיטיזנס אסאָסיאיישאָן“ געמאכט אן אויספאָרשונג וועגן אַט די פראגן, און איך בין געווען איינער פון די רעפּאָרטערס, וועלכע זיינען ארומגעגאנגען מיט זיי.

וואָס אַט די פראָסטע, „שווארצע ארבעטער“ זיינען היינט, דאָס וועלן די „געאיבטע“ ארבעטער זיין מאָרגן. די אויסגעבעס־סערטע מאשינעריע, וואָס האָט געזאָלט זיין א ברכה פאר דעם ארבעטער, ווערט אונטער די עקזיסטירנדע צושטענדן פאר אים א קללה. די מאשינעריע פארפילפאכט די ארמיי פון „ניט־געאיבטע“ ארבעטער, מאכט דעם ארבעטער מער אפהייניגיק פון די מענער, וועלכע באזיצן דאָס לאנד און די מאשינען. און דאָס איז די אור־זאך פארוואָס סאָציאליזם און קאָמוניזם האָבן געקריגן אַנהאַלט דאָ אין לאנד. דער געשריי, אז סאָציאליזם, קאָמוניזם און אַנאַר־כיזם זיינען דער גלויבן פון אויסלענדער, איז א גרויסער טעות. עס זיינען דאָ אין לאנד פאראַן מער אמעריקאנער געבוירענע סאָ־ציאליסטן, איידער אויסלענדישע, און דאָס איז פיל, ווען מיר נע־מען אין באטראכט, אז מער ווי א העלפט פון אלע אינדוסטריעלע ארבעטער זיינען געבוירענע אמעריקאנער. פאראַן סאָציאליסטישע צייטונגען אין פילע שטאטן, וועלכע ווערן ארויסגעגעבן פון אמע־ריקאנער פאר אמעריקאנער. די קאפיטאליסטישע צייטונגען זיי־נען זייער פאָרזיכטיק ניט ארויסצוברייננגען אַט דעם פאקט אין דער עפנטליכקייט.

סאָציאליזם, ווי מיר פארשטייען עס, מיינט, אז דאָס לאנד און די מאשינען זאָלן זיין דאָס געמיינשאפטלאכע אייגנטום פון׳ם

פאָלק. די פּראָדוקציע פון אלע וואַרעס זאָל אָנגעפירט ווערן פון פּראָדוקטיווע גרופּעס, וועלכע זאָלן צושטעלן אַלעס וואָס דאָס פאָלק פאָדערט. אונטער אזא סיסטעם וואָלט יעדער מענטש געהאַט א געלעגנהייט צו טאָן ניצלאַכע ארבעט, און וואָלט אָן צווייפל גע־ארבעט. איייניקע שטונדן ארבעט יעדן טאָג וואָלט, לויט דער סטאַ־טיסטיק, גענוג געווען צו פּראָדוצירן אַלעס וואָס איז נייטיק פאר א באַקוועמען לעבן. עס וואָלט געבליבן צייט צו קולטיווירן דעם גייסט און צו אנטוויקלען און פאַרשפּרייטן וויסנשאפט און קונסט.

דאָס איז וואָס די סאָציאַליסטן שלאָגן פאָר. מאנכע זאָגן, אז דאָס איז ניט־אמעריקאניש! נו, איז דאָס אלזא אמעריקאניש, צו לאָזן מענטשן הונגערן און שטאַרבן אין אומוויסנהייט? איז עקס־פּלואַטאַציע און פּלינדערונג פון די אָרעמע אמעריקאניש? וואָס האָבן די גרויסע פּאָליטישע פּאַרטייען געטאָן פאר די אָרעמע? צוגעזאָגט אסך; געטאָן גאָרנישט, אחוץ קאָרומפּירנדיק זיי דורך קויפן זייערע שטימען אין דעם טאָג פון די וואַלן. א מענטש וואָס איז באַפאַלן פון אָרימקייט האָט ניט קיין אינטערעס אין דעם וואוילזיין פון דעם כלל, פון דער געזעלשאפט. ס'איז ניט מער ווי נאַטירלאַך, אז אין א געזעלשאפט, וואו פרויען ווערן געטריבן צו פארקויפן זייער עהרע, זאָלן מענער פארקויפן זייערע שטימען.

אָבער מיר זיינען ניט בלויז „סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן“; מיר זיינען אויך „אנאַרכיסטן“.

וואָס איז אנאַרכיע?

איז עס ניט א מאָדנע זאַך, אז בעת די אנארכיע איז גע'משפּט געוואָרן, האָט פונדעסטוועגן קיינער ניט געזאָגט וואָס אנארכיע איז? זאָגאר ווען איך בין געווען אף דעם עדות־שטול, און איך האָב געבעטן באַם פּראָקוראָר א דעפיניציע פון אנארכיע, האָט ער זיך אָנטזאָגט דאָס צו געבן. אָבער אין זייערע רעדעס האָט ער און זיינע מיטהעלפער זייער אָפט גערעדט וועגן אנארכיע, און עס איז געווען קענטיק, אז זיי האָבן אונטער אנארכיע פארשטאַנען עטוואָס שרעקלאַכעס — אונטערצינדעריי, פארגוואַלטיקונג, מאָרד. אזוי ריידנדיק האָבן מר. גרינעל און זיינע מיטהעלפער ניט געזאָגט דעם אמת. זיי האָבן זיך געראָיעט אין דעם „אַלאַרם“ און אין דער „ארבייטער־צייטונג“ און אויפגעזוכט ארטיקלען וואָס זיינען גע־שריבן געוואָרן יאָרן פריער פאר דעם מאָנאַט מאַי, 1886. אין די שפּאַלטן פון די דאָזיקע צייטונגען ווערט אָפט דערקלערט וואָס

מיר, די אנאַרכיסטן, פּאַרשטייען אונטער דעם וואָרט „אנאַרכיע".
און מיר זיינען דאָך די איינציקע קאָמפּעטענטע ריכטער אין דער
דאָזיקער פראַגע. וויבאַלד דאָס וואָרט ווערט אָנגעווענדט אַף אונז
און אונזער לערע, טראַגט עס דאָך מיט זיך די מיינונג, וואָס מיר,
די אנאַרכיסטן, האָבן געפונען פאַר פּאַסנדיק אים צו געבן.

„אנאַרכיע" איז גריכיש, און מיינט ווערטלאָך: אָן הער־שאַפט; ניט זייענדיק באַהערשט. אין אונזער שפּראַך מיינט אנאַרכיע א געזעלשאַפטלאַכער צושטאַנד, אין וועלכן די איינציקע רעגירונג איז די פאַרנונפט; א צושטאַנד פון געזעלשאַפט, אין וועלכן אלע מענטשן האַנדלען גערעכט פּשוט דערפאַר ווייל עס איז רעכט, און האַסן אומרעכט, ווייל עס איז אומרעכט. אין אזא גע־זעלשאַפט וועלן ניט נייטיק זיין ניט קיין געזעצן, ניט קיין צוואַנג.

דער פּראָקוראָר איז געווען אומגערעכט, ווען ער האָט גע־זאָגט: „די אנאַרכיע איז טויט". ביז היינטיקן טאָג האָט די אנאַרכיע עקזיסטירט בלויז אלס א לערע, און מר. גרינעל האָט ניט די מאַכט צו טויטן וואָס פאַר עס איז לערע. איר קאָנט אָנרופן די אנאַרכיע, ווי זי ווערט דעפינירט פון אונז, א פוסטער חלום. אָבער אָט דעם חלום האָט גע'חלום'ט גאָטהאָלד אפרים לעסינג, איינער פון די דריי גרעסטע דייטשע פּאָעטן און דער באַרימטסטער דייט־שער קריטיקער פון לעצטן יאָרהונדערט. ווען אנאַרכיע וואָלט גע־ווען דאָס וואָס דער פּראָקוראָר מאַכט דערפון, ווי אזוי וואָלט גע־קאָנט געמאָלט זיין, אז אזעלכע געלערנטע מענער ווי פּרינץ קראַ־פּאָטקין און דער גרעסטער געאָגראַף פון אונזער צייט, עליזע רעקלו, זאָלן זיין אויסגעשפּראָכענע אנאַרכיסטן, זאָגאַר רעדאַקטאָרן פון אנאַרכיסטישע צייטונגען?

אנאַרכיע איז א חלום, אָבער בלויז איצטער. ער וועט פאַר־ווירקלאַכט ווערן. די פאַרנונפט וועט וואַקסן ניט קוקנדיק אַף אלע שטערונגען. ווער איז דאָס דער, וואָס האָט די העזה אונז צו זאָגן, אז די מענטשלאַכע אנטוויקלונג האָט שוין דערגרייכט איר העכסטן פּונקט? איך ווייס, אז אונזער אידעאַל וועט ניט דורכגעפירט ווערן היינטיקס יאָר אָדער קומענדן יאָר, אָבער איך ווייס, אז ער וועט רעאַליזירט ווערן אזוי נאָענט ווי מעגלאַך, ווען עס איז אין דער צוקונפט.

ס'איז אבסאָלוט פאַלש צו געברויכן דאָס וואָרט אנאַרכיע אלס סינאָנים, אלס צווילינג־נאָמען פון געוואַלט. געוואַלט איז איין

זאך און אנארכיע אן אנדער זאך. אין דעם איצטיקן צושטאנד פון דער געזעלשאפט ווערט געוואלט געברויכט אף אלע זייטן, און דער־פאר האבן מיר געפריידיקט זיך צו באנוצן מיט געוואלט געגן גע־וואלט, אבער בלויז געגן געוואלט, אלס א נויטווענדיקער מיטל פון פארטיידיקונג. איך האב קיינמאל ניט געלייענט מר. מאסט׳ס בוך, אייכפאך דערפאר ווייל איך האב ניט געפונען קיין צייט עס צו לייענען. און ווען איך וואלט דאס בוך געלייענט, וואס זשע איז? איך בין אן אגנאסטיקער, אבער איך האב פונדעסטוועגן ליב צו לייענען די ביבל.

איך האב ניט די מינדסטע אהנונג ווער עס האט געווארפן די באמבע אף דעם היימארקעט, און איך האב ניט אנגעהויבן וויסן פון וואס פאר עס איז פארשווערונג צו געברויכן געוואלט אין יענער אדער אין וואס פאר עס איז אנדער נאכט.

אָסקאַר נעעבע'ס רעדע

ביאָגראַפישער נאָטיץ

אָסקאַר נעעבע, דער איינציקער פון די אכט שיקאגאָ'ער מארטירער וואָס איז ניט פאר'משפט געוואָרן צום טויט, נאָר צו פופצן יאָר געפענג־געניש, איז געווען א געבאָרענער אמעריקאנער. ער האָט דערזען דאָס ליכט פון דער וועלט אין ניו יאָרק, אין יאָר 1849. ווען ער איז געווען א קינד פון דריי יאָר האָבן זיינע עלטערן אים מיטגענומען קיין דייטש־לאנד, וואו זיי האָבן זיך באזעצט און וואו דאָס אינגל איז אויסגע־וואקסן און געקראָגן זיין דערציאונג.

אין 1863, ווען נעעבע איז אלט געווען 14 יאָר, איז ער צוריק־געקומען קיין אמעריקע. דאָ איז ער געוואָרן א בעל מלאכה; ער האָט זיך אויסגעלערנט בלעכעריי, און געצויגן דערפון זיין חיונה. אין 1866 איז ער אָנגעקומען קיין שיקאגאָ. שוין דאן, אין זיין פריסטער יוגנט, האָט ער זיך שטאַרק פאראינטערעסירט אין דער אַרבעטער באוועגונג און איז געווען זייער טעטיק אין זיין טרייד יוניאָן.

אין אָנפאנג פון די זיבעציקער יאָרן איז ער געוואָרן א סאָציאליסט. א שטיק צייט האָט ער זיך באוועגט אין די קרייזן פון די מעסיקע סאָציאליסטן, די סאָציאל־דעמאָקראטן, און האָט אנטייל גענומען אין זייער פּאָליטישער אגיטאַציע. שפּעטער אָבער איז ער געוואָרן א „ראַדי־קאלער סאָציאליסט“. ער האָט אויפגעגעבן די פּאָליטישע אקציע, ווייל—ווי ער דערקלערט אליין — ער האָט זיך איבערצייגט, אז די קאָרופּטע וואל־מעטאָדן פון די פּאָליטיקער וועלן ניט דערלאָזן אז די אַרבעטער זאָלן דערגרייכן זייער ציל דורכן שטימקאסטן.

זינט דאן האָט ער אָפּגעגעבן יעדע פרייע מינוט וואָס ער האָט נאָר געהאט אויפצוקלערן די אַרבעטער און זיי העלפן אין זייער טאָג־טעגלאכן קאמף פאר דער פארבעסערונג פון זייער לאַגע. ער איז געווען א פייאיקער רעדנער און א טיכטיקער אָרגאַניזאטאָר פון טרייד יוניאָנס. מער ווי איין סטרייק אין שיקאגאָ איז מיט זיין הילף געוואונען געוואָרן, און צו פארדאנקען זיין אַגיטאַציע און זיין ענערגישער טעטיקייט האָט זיך

איינגעגעבן די ארבעטער פון איזביקע פאכן, ווי די בעקער, פלייש־ארבעטער און ביר־ברויער, צו פארקלענערן זייער ארבעטס־צייט פון פערצן און זעכצן שטונדן אף צען שעה א טאג.

נעעבע'ס פרוי איז געשטארבן פון הארצווייטיק א קורצע צייט נאכן פראצעס, און זיינע דריי קליינע קינדער זיינען געבליבן יתומים.

הער ריכטער: אין משך פון די לעצטע עטלאכע טעג האב איך אויסגעפונען וואס אזוינס איז געזעץ. פריער האב איך דאס ניט געוואוסט. איך האב פריער ניט געוואוסט, אז איך בין געפונען געווארן שולדיק דערפאר וואס איך בין געווען באקאנט מיט שפיז, פיעלדן און פארסאנס. איך האב זיך געטראפן מיט אט די הערן. ווי דאס עדות־זאגן נעגן מיר באווייזט, בין איך געווען פארזיצנדער פון א מאסנפארזאמלונג, וואס איז אפגעהאלטן געווארן אין דעם טורנער האל, — א מיטינג, צו וועלכן איך, הער ריכטער, זיינט איינגעלאדן געווארן צו קומען. די ריכטער, די פריידיקער, די צייטונגסלייט און פאקטיש יעדער איינער איז איינגעלאדן געווארן צו קומען צו יענעם מיטינג, מיט דעם צוועק צו דיסקוטירן די פראגן פון אנארכיזם און סאציאליזם. איך בין געווען אין יענעם זאל. איך בין גוט באקאנט צווישן די ארבעטער פון דער דאזיקער שטאט, און איך בין אויסגעקליבן געווארן אלס פארזיצער פון יענער פארזאמלונג. קיינער פון די פארשטייער פון דעם קאפיטאליסטישן סיסטעם איז ניט ארויסגעטראטן צו ריידן, צו דיסקוטירן די פראגן פון ארבעט און אנארכיזם אדער סאציאליזם. ניין; זיי האבן קיין מוט ניט געהאט דערצו. איך בין געווען דער פארזיצער פון יענעם מיטינג. איך לייקן עס ניט.

איך האב אויך איינמאל געהאט דעם כבוד צו זיין דער מארשאל, דער אנפירער פון אן ארבעטער־דעמאנסטראציע דא אין שטאט, און איך האב קיינמאל ניט געזען קיין פיינערע, אנשטענדיקערע מאסע פון מענטשן, ווי אין יענעם טאג. זיי האבן מארשירט ווי סאלדאטן, און איך בין שטאלץ דערמיט וואס איך בין געווען זייער מארשאל. זיי זיינען געווען די הארעפאשניקעס און די ארבעטער פון דער דאזיקער שטאט. אט די מענער האבן מארשירט דורך די גאסן צו פראטעסטירן נעגן די אומרעכטן פון דער

געזעלשאַפט, און איך בין געווען זייער מאַרשאַל. אויב דאָס איז א פאַרברעכן, דאַן האָב איך, אלס פריי־געבוירענער אמעריקאנער, אויסגעפונען, אין וואָס איך האָב זיך פאַרשולדיקט. איך האָב זיך אימער פאָרגעשטעלט, אז איך האָב א רעכט אויסצודריקן מיין מיינונג אלס פאָרזיצער פון א פרידלאכער פאַרזאַמלונג, און צו זיין דער מאַרשאַל פון אן ארבעטער־דעמאָנסטראַציע. איז דאָס געווען א פאַרברעכן צו זיין דער מאַרשאַל פון יעדער דעמאָנסטראַציע? איך ווער פאַר דעם פאַר'משפּט.

דעם 5טן מאַי אינדערפרי, ווען איך בין געגאַנגען צו מיין געשעפט, האָב איך געהערט, אז אויגוסט שפּיז און מיכאעל שוואַב זיינען ארעסטירט געוואָרן. איך האָב געהאַנדלט מיט „ייסט" (הייוון). איך האָב פאַנאַנדערגעפירט מיין „ייסט" אין דעם דרום־טייל פון דער שטאָט. דאָרט האָב איך געהערט, אז מען האָט זיי ארעסטירט. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס איך האָב זיך דערוואוסט, אז א מאַסנפאַרזאַמלונג איז מיט א טאָג פריער אָפּגעהאַלטן געוואָרן אויף דעם היימארקעט. נאָכדעם ווי איך בין געווען פאַרטיק מיט מיינע געשעפטן און געפאָרן אהיים, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט בא דער „ארבעטער־צייטונג", כדי צו זען וואָס עס קומט פאָר, און איך האָב דאָרט געטראָפן מרס. פאַרסאָנס און מרס. האָלמס און א פּאָר אינגלאַך פון דער „ארבעטער צייטונג". זיי האָבן מיר דערקלערט, אז די מענער זיינען ארעסטירט געוואָרן.

גראָד אין דעם מאָמענט, ווען איך האָב געוואָלט ריידן מיט מרס. פאַרסאָנס וועגן דעם, איז ארויפגעלאָפן א באַנדע פון פּיראַטן, וועלכע רופן זיך דעטעקטיווס פון שיקאַגאַ; מענער מיט דעם שטעמפּל פון שנאַפּס און אומוויסנהייט אויף זייערע פּנים'ער, אויסגעקליבן פון צווישן די בויאַנעס פון די שיקאַגער גאַסן. קיין גרעבערע נפשות האָב איך קיינמאָל אין מיין לעבן ניט געזען. נו, איך וועל ניט מאַכן קיין ווייטערע באַמערקונגען וועגן אָט די געערטע פּיראַטן. מעיאָר הערריסאָן איז געווען מיט זיי. ער איז אריינגעקומען און געפרעגט: „ווער איז דאָ דער פאַרוואַלטער פון דער דאַזיקער צייטונג?" די צוויי אינגלאַך האָבן ניט געקאָנט ריידן קיין ענגליש, און אזוי ווי איך בין געווען באַקאַנט מיט הערריסאָן'ען, האָב איך זיך אָפּגערופן: „הערריסאָן, וואָס איז געשען?"—„וועל", זאָגט ער, „איך וויל, אז עס זאָל נעמען א סוף דערצו. עס וועלן מער ניט דערלויבט ווערן קיין אויפרייצנדיקע ארטיקלען אין דער

דאַזיקער צייטונג." — "מר. העריסאָן," האָב איך געזאָגט, "איך וועל זיצן דאָ און איבערלייענען די ארטיקלען און זען, אז עס זאָל ניט אריינגיין קיין אויפרייצנדער מאַטעריאל אין דעם הייַנטיקן נומער." אונזערע שריפטזעצער זיינען נאָך דאן ניט געווען אָרגאַניזירט. אף מיין פאָרשלאָג האָט מיר העריסאָן געענטפערט: "איך וועל גיין אהיים און אריבערשיקן אהער מר. הענד." איך בין געווען באַקאַנט מיט אים, און מיר ביידע צוזאַמען האָבן דורכגעקוקט אַלע ארטיקלען וואָס זיינען יענעם טאָג געדרוקט געוואָרן אין דער צייטונג.

אין עטלאַכע מינוט ארום איז העריסאָן אוועק און אן אנדער באַנדע פון בויאַנעס איז געקומען צו לויפן און זיי זיינען ארויף אויבן. מרס. האָלמס און מרס. פאַרסאָנס זיינען געזעסן בא א שרייב-טיש און געשריבן, און א מאַן וואָס האָט געהאַט דעם אויסזען פון א נאָבעלן דעמאָקראַטישן באַאמטן, האָט געזאָגט: „וואָס טוט איר דאָרט?" מרס. האָלמס האָט גאַנץ געלאַסן געענטפערט: „איך שרייב א בריוו צו מיין ברודער. ער איז דער רעדאַקטאָר פון אן ארבעטער-צייטונג." בשעת זי האָט דאָס געזאָגט האָט דער מאַן אַנגעכאַפּט די דאַמע, און זי האָט פּראָטעסטירט ווי אן אמעריקאַנער פרוי, אָבער אף איר פּראָטעסט האָט ער געענטפערט: „שווייג שטיל, דו צויג, אויב ניט, וועל איך דיך דערשלאָגן אף טויט!" איך ווידערהויל דיזעלביקע ווערטער דאָ, און איך האָב א רעכט דערצו, ווייל די נאָבעלע באַאמטע פון שיקאָגאָ האָבן געברויכט אָט די שפּראַך. דאָס איז איינער פון אייערע מענער, מר. גרינעל — פּונקט ווי איר אַליין. איר האָט באַליידיקט פרויען, וועז איר האָט ניט געוואַגט צו באַליידיקן מענער. מרס. פאַרסאָנס האָבן די פּאָליציי-באַאמטע אויך אָנגערופן מיט דעם זעלבן נאָמען. זיי האָבן זי גערופן „שווארצע צויג" און זי געוואָלט שלאָגן. זיי האָבן אויך געזאָגט, אז זיי וועלן אונז ניט לאָזן ארויסגעבן קיין צייטונג; זיי וועלן נעמען די שריפט און מאַטעריאל און זיי ארויסוואַרפן דורכ'ן פענצטער.

מיר זיינען אן אקציען-געזעלשאַפט, א קאָמפּאַני, וואָס איז דערלויבט און באַשטעטיקט פון'ם שטאַט אילינאָיס, מיט דעם צוועק ארויסצוגעבן אן ארבעטער-צייטונג און ארבעטער-ליטעראַטור. אזוי לויטעט אונזער טשאַרטער. ווען איך האָב געהערט, אז זיי ווילן פאַרניכטן דאָס אייגנטום פון די ארבעטער פון דער שטאַט

שיקאַגאָ, וועלכע האָבן זיך געלאָזט קאָסטן געלט אַף ארויסגעבן די ציַיטונג, האָב איך געזאָגט: „אַזוי לאַנג ווי איך שטיי אַף מיַינע פיס, וועל איך ארויסגעבן די דאָזיקע ציַיטונג.“ און איך האָב זי איבערגענומען אין מיַינע הענט. איך שטעל מיר פאָר, אַז גריַינעל האָט זיך געמוזט טראַכטן, אַז נאָכדעם ווי אָסקאַר נעעבע וועט אָנגעקלאָגט ווערן פאַר מאָרד וועט די „אַרבעטער ציַיטונג“ אונטערגיין. אָבער עס איז ניט געווען אַזוי. און אויך דער הער פורטהמאַן (אַנווייַזנדיק אַף דעם געהילף־פּראָקוראָר) — ער איז אַ שורקע, און איך זאָג עס אייך אין פּנים אַריַין. פאַראַן בלויז איין מאַן וואָס האָט געהאַנדלט ווי אַ דזשענטלמאַן, און דאָס איז מר. אינגהעם; אָבער ניט איר דריַי.

אין צוויי וואָכן ציַיט האָב איך געהאַט גענוג געלט פון די אַרבעטער, פון אַרבעטער־מיידלאַך און פון מענער, וועלכע האָבן ארויסגענומען דעם לעצטן סענט פון זייערע קעשענעס, כּדי ווידער אָנצופאַנגען די ציַיטונג און צו קויפן אַן אייגענע דרוק־מאַשין. איך האָב ניט געקאָנט ארויסגעבן די ציַיטונג פריער, וויַיל די דעטעקטיוום און דער הער גריַינעל האָבן אונז פאַרפאָלגט, זיַינען נאָכגעגאַנגען אונזערע טריט, און קיין דרוקעריַי האָט ניט געוואָלט דרוקן אונזער ציַיטונג, צוליב די סטראַשונקעס פון די דאָזיקע מענער, און מיר האָבן געמוזט האָבן אונזער אייגענע דרוק־מאַשין. מיר האָבן ארויסגעגעבן אונזער ציַיטונג אַזוי גיך ווי מיר האָבן געקויפט אַ פּרעס מיט דעם געלט וואָס די אַרבעטער פון דער שטאָט האָבן צו דעם צוועק ביַיגעטראָגן.

דאָס איז דער פאַרברעכן וואָס איך בין באַגאַנגען, קריגנדיק מענטשן צו העלפן גרינדן אַן אַרבעטער־ציַיטונג, וועלכע גייט נאָך איצט ארויס; און איך בין שטאָלץ דערמיט. זיי האָבן ניט בלויז איין פּרעס — זיי האָבן צוויי פּרעסן, וועלכע באַלאַנגען צו די אַרבעטער פון דער דאָזיקער שטאָט. פון זינט דער ערשטער נומער איז דערשינען ביז היַינטיקן טאָג, הער ריכטער, האָבן מיר געקראָגן פיר טויזנט אַבאָנענטען פאַר אונזער טעגלאַכער ציַיטונג. דאָרט זיצן די הערן פון דער „פריַיע פּרעסע“ און „שטאַטס־ציַיטונג“ — זיי ווייסן עס. די היגע דיַיטשן פאַרדאַמען די דאָזיקע האַנדלונגען פון דער פּאָליציַי. איך זאָג, אַז דאָס איז אַן אורטייל געגן דיַיטשן, און איך, אַלס אַמעריקאַנער, מוז זאָגן, אַז איך האָב קיינמאָל אַזוינס ניט געזען.

דאָס זיינען די פארברעכנס, וואָס איך בין באגאנגען נאָך דעם פערטן מאַי. פאר דעם פערטן מאַי בין איך באַגאנגען מאנכע אנ־דערע פארברעכנס. מיין געשעפט האָט מיך געבראכט אין פאר־בינדונג מיט די בעקער־ארבעטער. איך האָב געזען, אז די בעקערס דאָ אין שטאָט ווערן באהאנדלט ווי הינט. די בעקער־מייסטערס האָבן באהאנדלט זייערע הינט בעסער ווי זיי האָבן באהאנדלט זייערע ארבעטער. האָב איך געזאָגט צו זיך אליין: „אָט די מענ־טשן מוזן אָרגאניזירט ווערן; אין אָרגאניזאציע ליגט זייער כוח, זייער שטאַרקייט"; און איך האָב זיי געהאָלפן זיך אָרגאניזירן. דאָס איז א גרויסער פארברעכן. די מענער ארבעטן איצט צען שעה א טאָג אנשטאָט פערצן און זעכצן שטונדן, און אָנשטאָט צו זיין געצוואונגען צו עסן שמוציקע שפייז ווי די הינט, און שלאָפן אף די טרעפ אָדער אין קעלער, קאָנען זיי שלאָפן און ארבעטן ווען זיי ווילן. איך האָב געהאָלפן דאָס דורכצופירן, הער ריכטער. דאָס איז נאָך א פארברעכן.

און איך בין באגאנגען נאָך א גרעסערן פארברעכן. אינדער־פרי, ווען איך פלעג ארויספאָרן מיט מיין פערד־און־וואָגן, האָב איך געזען, אז די ביר־ברויערס פון דער שטאָט שיקאגא פלעגן גיין צו דער ארבעט ארום פיר אזייגער פארטאָג. זיי פלעגן קומען אהיים אום זיבן און אכט אזייגער באנאכט. זיי פלעגן קיינמאָל ניט זען זייערע פאמיליעס אָדער זייעדע קינדער באטאָג. האָב איך זיך געטראכט בא זיך: „ווען דו וועסט אָרגאניזירן אָט די מענער, וועלן זיי קאָנען לעבן ווי מענטשן. דו קאָנסט העלפן צו מאכן פון זיי גוטע בירגער." און יעדער איינער האָט געזאָגט: „זיי זיינען געזונקען; זיי זיינען שכורים." איך האָב זיך גענומען צו דער אר־בעט און איך האָב זיי אָרגאניזירט. איך האָב געדונגען א זאַל און ארויסגעלאָזט אן אויפרוף פאר א פארזאמלונג, און איך האָב די לייט אָרגאניזירט. שבת, דעם 1טן אָדער 2טן מאַי, האָב איך קאָנ־פערירט מיט די באלעבאטים פון די היגע ביר־ברויערייען און מיר האָבן געהאט א מיטינג. איך בין געווען דער פאָרזיצער פון דער קאָמיטע און איך האָב פארלאנגט פון די באלעבאטים צו רעדוצירן די ארבעט־שטונדן צו צען שעה א טאָג, און זיי האָבן עס געטאָן

דעם מאָנטיק נאָכדעם ווי איך בין באגאנגען אָט דעם גרויסן פארברעכן — דאָס איז געווען שבת — האָב איך פארבראכט דעם גאנצן טאָג אף א מיטינג מיט די ביר ברויערס. אין אָוונט האָב

איך אָפּגעגעסן נאַכט־מאָל און בין אוועק אין דעם נאָרט סייד טוירנער האָל, וואו די יוניאָן־לייט, איבער אכט הונדערט אין צאָל, זיינען געוועזן פֿאַרזאַמלט, און איך וויים גאָרנישט וועגן מעקאָרמיק'ס אָדער וואָס שפּיז האָט געטאָן אָדער געזאָגט. איך בין אריין אין האָל. איך בין ארויף אף דער פּלאַטפּאָרמע און האָב פּרעזענטירט דער יוניאָן מיט א דאָקומענט, אונטערגעשריבן פון יעדן ביר־ברויער פון שיקאגאָ, גאַראַנטירנדיק צען שטונדן ארבעט און פינף און זעכציק דאָלאַר שכירות — פופצן דאָלאַר מער געהאַלט פּער מאָנאַט — און קיין זונטיק־ארבעט, כדי צו געבן די ארבעטער א מעגלאכקייט צו גיין אין קירכע, ווייל פילע פון זיי זיינען גוטע קריסטן. פֿאַראַן א היבש ביסל קריסטן צווישן זיי. אף דעם אופן האָב איך אלזאָ געהאָלפן דעם קריסטנטום—העלפנדיק די לייט צו גיין אין קירכע.

נאָך'ן מיטינג האָב איך פאַרלאָזן דעם האָל און בין אריין אין דעם סאַלון. דאָרט זיינען געלעגן צירקולאַרן, וועלכע מען האָט אָנגערופן דער „ראכע" צירקולאַר. איך האָב גענומען א פּאָר פון זיי פון א טיש, זיי צונויפגעקנייטשט און זיי אריינגעלייגט צו מיר אין קעשענע. איך האָב ניט געהאַט קיין געלעגנהייט דאָרט איבערצולייענען דעם צירקולאַר, ווייל יעדער איינער האָט מיך געוואָלט טראַקטירן. זיי האָבן אלע גערדיינקט, אז זיי האָבן דאָס מיר געהאַט צו פאַרדאַנקען וואָס זיי האָבן געקראָגן פופצן דאָלאַר א מאָנאַט מער שכירות און צען שעה א טאָג. אזוי האָב איך גאָר קיין שאַנס ניט געהאַט צו לייענען דעם צירקולאַר. פון דאָרט בין איך אוועק אין אן אנדער סאַלון אף דער אנדער זייט גאַס, און דער פּרעזידענט פון דער ביר־ברויערס יוניאָן איז דאָרט געוועזן. ער האָט מיך געבעטן צו שפּאַצירן מיט אים, און אפן וועג אהיים זיינען מיר אריין אין היינע'ס סאַלון. ער האָט גערעדט מיט היינע'ן וועגן דער מעקאָרמיק געשיכטע; אין דער צייט האָב איך ארויסגענומען א צירקולאַר און אים געלייענט, און היינע האָט מיך געפרעגט: „קאָנ… איך מיר געבן איינעם?" איך האָב אים געגעבן איינעם און ע… האָט דעם צירקולאַר אוועקגעלייגט אף זיין שיינק־טיש.

דאָס איז מיין דערקלערונג. איר קאָנט עס גלויבן אדער ניט; אָבער היינע אליין האָט ניט אנדערש עדות געזאָגט. מר. גרינעל האָט מיך אָנגעקלאָגט פאַר מאָרד. דאָס איז אין קורצן די גאנצע געשיכטע וועגן דעם וואָס איך האָב געהאַט צו טאָן מיט דער דאָזי־

קער היימאַרקעט אפערע. איר זעט אַלזאָ, אז איך האָב גאָרנישט געהאַט וואָס צו טאָן דערמיט און איך האָב גאָרנישט געוואוסט וועגן דעם. אף מאָרגן האָב איך געלייענט אין דער צייטונג, אז לאַיער וואָקער — זיכער אן ערנהאַפטער מאַן — איז געווען אין דעם סאַלון. קענטיק, אז דאָס איז געווען אביסל געפערלאַך פאר אים, ווארים ער האָט דערנאָך אַפּגעלייקענט דעם באריכט און דער־קלערט, אז ער איז ניט געווען דאָרט. אָבער ווי דאָס זאָל ניט זיין, יעדנפאַלס איך בין געווען דאָרט.

און, הער ריכטער, איך בין באגאנגען נאָך א פארברעכן. איך האָב געזען, אז די גראָסערי אָנגעשטעלטע און אנדערע אנגע־שטעלטע דאָ אין שטאָט האָבן געארבעט ביז צען און עלף אזייגער באַנאַכט. איך האָב ארויסגעלאָזט א רוף, געדרונגען א זאָל און בא־צאָלט פאר די צירקולאַרן און זיי צונויפגערופן צו א מיטינג, און היינט ארבעטן זיי בלויז ביז זיבן אזייגער אין אָוונט. און קיין זונטיק־ארבעט. דאָס איז אין אייערע אויגן א גרויסער פארברעכן וואָס איך בין באגאנגען. איך האָב פאר אָט די מענער געראַטעוועט פון פיר ביז פינף שעה א טאָג. איך האָב די בעקער געראַטעוועט פון זעקס ביז אַכט שטונדן ארבעט א טאָג, און דאָס גיט זיי צייט פאר בילדונג. מיר סאָציאַליסטן גלויבן שטארק אין דעם, אז די ארבעטער דארפן זיך בילדן, ניט זיין איגנאָראַמוסעס, אומוויסנדע מענטשן, ווי מאַנכע דריקן זיך אויס, „ווי די אומוויסנדע אַנאַר־כיסטן זיינען". מיר זיינען גרויסע פריינט פון בילדונג און פון א פארקלענערונג פון די ארבעטס־שטונדן. א רעדוצירונג פון די ארבעטס־שטונדן איז געווען מיין הויפּט־ציל, און איך האָב געטאָן אביסל גוטע ארבעט דאָס דורכצופירן.

איך בין געווען אין דער ארבעטער באַוועגונג זינט 1865. איך האָב געזען, ווי אזוי די פּאָליציי האָט געטראָטן מיט די פיס די קאָנסטיטוציע פון דעם דאָזיקן לאַנד און אונטערדריקט די ארבע־טער־אָרגאַניזאַציעס. איך האָב פון יאָר צו יאָר געזען, ווי אזוי די ארבעטער זיינען געטראָטן געוואָרן מיט די פיס, ווי זיי זיינען דער־שאָסן געוואָרן, ווי זיי זיינען „אריינגעטריבן געוואָרן אין זייערע לעבער ווי מייז", ווי מר. גרינעל האָט געזאָגט דער דזשורי. אבער זיי וועלן ארויסקומען! געדענקט, אז אין ערך דריי יאָר פאר דעם אָנפאנג פון דער פראנצויזישער רעוואָלוציע זיינען די געזעצן אויסגעצויגן געוואָרן ווי גומי, אבער די גומי איז אויסגעצויגן גע־

וואָרן צו לאַנג און האָט זיך איבערגעריסן — א רעזולטאַט, וואָס האָט געקאָסט א היפּש ביסל פּראָקוראָרן און א היפּש ביסל בכבוד'יקע לייט זייערע קעפּ.

מיר סאָציאַליסטן האָפן, אז אזעלכע צייטן וועלן קיינמאָל ניט צוריקקומען; מיר טוען אלץ וואָס איז אין אונזער מאכט דאָס צו פאַרמיידן, ווי רעדוצירן די ארבעטס־שטונדן און פארגרעסערן די שכירות. אָבער איר קאַפּיטאַליסטן ווילט ניט דערלאָזן, אז דאָס זאָל געטאָן ווערן. איר געברויכט אייער מאכט אנצוהאלטן אַף שטענדיק א סיסטעם, דורך וועלכן איר מאכט אייער געלט פאר זיך און האלט די לוין־ארבעטער אין אָרימקייט. איר מאכט זיי אומוויסנד און קלעגלאַך, און איר זיינט פאַראַנטוואָרטלאַך פאר דעם. איר ווילט ניט דערלאָזן, אז די ארבעטער זאָלן לעבן אן אנשטענדיקן לעבן.

מיר ווילן בילדן און אויפקלערן די מאַסן און זיי צוריקהאלטן פון פארניכטן לעבן און אייגנטום; אָבער מיר זיינען ניט אימשטאַנד איינצוהאַלטן די מאַסן, ווען הונגער ברייגנט זיי ארויס פון זייערע לעבער ווי ראַצן. איך בין ארומגעגאנגען איבער די גאַסן פון דער דאָזיקער שטאָט און איך האָב געזען, ווי די „ראַצן" זיינען ארויסגעקומען פון זייערע לעבער הונדערטער־ווייז אין די קעלערס, וואו מענטשן צאָלן פינף און צען סענט פאר לאָדזשי. איך האָב געזען די אומגליקלאכע ברואים דאָרט באַטאָג, בעטלנדיק פאר א שטיקל ברויט, און באנאכט ליגן זיי דאָרט אין א לופט, אין וועלכער עס איז שווער צו אָטעמען. איך בין געוועזן דאָרט אום צען, צוועלף און צוויי אזייגער באנאכט, און ווען אָט די „ראַצן" ווערן ארויסגעלאָזן פון זייערע לעבער און זיי ווערן פאַרצווייפלט, וואָלט איך ניט געוואָלט זיין נעבן זיי. די צייט וועט קומען, ווען איר וועט זיי זען. איר רייכע לייט ווילט ניט, אז די אָרעמע זאָלן זיין אויפגעקלערט, געבילדעט. איר ווילט זיי האלטן אין א געזונקענעם צושטאַנד, אין דער בלאָטע, כדי איר זאָלט קאָנען ארויסקוועטשן דעם לעצטן טראָפּן בלוט פון זייערע ביינער.

מיר האָבן איינמאָל איינגעלאַדן די קאַפּיטאַליסטן צו א מיטינג און זיי געבעטן צו דיסקוטירן די פראַגע פון ארבעט. מר. גערי איז איינגעלאַדן געוואָרן, און יעדער איינער פון זיי איז איינגעלאַדן געוואָרן, אבער קיינער איז ניט געקומען. זיי האָבן ניט געוואָלט דיסקוטירן די פראגע; זיי האָבן זיך ניט געקימערט וועגן

דעם, וואָס איז די נעקסטע פּראַגע? קיין דיסקוסיע, נאָך „געטי־לינג־ביקסן", נאָך מיליץ און נאָך 300 פּאָליסלייט. פאַר וואָס פאַר א צוועק? צו כאַפּן די גנבים? איך לייען די טעגלאַכע צייטונגען און זע, אז גנבות קומען פאָר איבער דער גאַנצער שטאָט, אָבער איך זע ניט, אז מען זאָל כאַפּן ווער עס איז. פאַראַן אומגעפער צוועלף הונדערט פּאָליסלייט אין דער שטאָט שיקאַגאָ, און יעדן טאָג אזויפיל גנבות. אָבער ווען עס קומט צו אַרעסטירן אן אָרעמען אַרבעטער, דאַן זיינען זיי אַלע דאָ.

דעם 9טן מאַי, ווען איך בין געקומען אהיים, האָט מיר מיין פרוי דערציילט, אז א פּאַטראָל־וואָגן מיט פינף און צוואַנציק פּאָליס־לייט איז געקומען דורכזוכן מיין הויז. איך מוז זיין א זייער גע־פערלאַכער מענטש, אז מען זאָל דאַרפן האָבן אזויפיל פּאָליסלייט פאַר מיר. זיי האָבן דורכגעזוכט דאָס גאַנצע הויז און געפונען א רעוואָלווער. דאָס איז א טויטלאַכע וואַפע און א געפערלאַכע וואַפע. אָט אַפּנים אז קיינער האָט ניט קיין רעוואָלווערס, אחוץ אַנאַרכיסטן און סאָציאַליסטן און אַרבעטער אַגיטאַטאָרס! זיי האָבן אויך גע־פונען א רויטע פאָן, א פענדל אזוי די גרויס (אן ערך א קוואַדראַט־פוס), מיט וועלכן מיין קליינער אינגל פלעגט זיך שפּילן, און מיין ווייב פלעגט עס צייטנווייז באַנוצן אף א מאַסקאַראַד־באַל. מיין פרוי האָט מיר דערציילט, אז ווען די פּאָליסלייט — אָט די ערנ־האַפטע מענער, וועלכע באַשיצן געזעץ און אָרדנונג — זיינען אַרויף אפן וואָגן, האָבן זיי געפאָכעט מיט דעם דאָזיקן פענדל און גע־טומלט און געמאַכט אזעלכע קולות, פּונקט ווי א באַנדע פון ווילדע אינדיאַנער — און זיי זיינען אין יענע טעג געווען ווילדע אינדיאַ־נער. זיי האָבן דורכגעזוכט הונדערטער הייזער, און געלט איז גע־גנב'עט געוואָרן, און זייגערס זיינען גע'גנב'עט געוואָרן, און קיינער האָט ניט געקאָנט וויסן, צי זיי זיינען גע'גנב'עט געוואָרן פון דער פּאָליציי, צי ניט. קיינער, אחוץ קאַפּיטאַן שאַק; ער ווייסט עס. זיין באַנדע איז געווען די ערגסטע דאָ אין שטאָט. איר דאַרפט ניט לאַכן דערפון, קאַפּיטאַן שאַק. איר זיינט איינער פון זיי. איר זיינט אן אַנאַרכיסט, ווי איר פאַרשטייט עס. איך מוז זאָגן, אז איר זיינט אַלע אַנאַרכיסטן, אין דעם דאָזיקן זין פון'ם וואָרט.

נו, דאָס זיינען אַלע פאַרברעכנס וואָס איך בין באַגאַנגען מען האָט געפונען א רעוואָלווער בא מיר אין הויז, און א רויטע פאָן דערצו. איך האָב אָרגאַניזירט טרייד יוניאָנס. איך בין גע־

וועז פאר דער פארקלענערונג פון די ארבעטס־שטונדן, פאר דער בילדונג און אויפקלערונג פון די ארבעטער, און איך האָב געהאָלפן אין דער ווידער־אויפלעבונג פון דער „ארבעטער־צייטונג" — די צייטונג פון די ארבעטער. עס זיינען ניטאָ קיין פאקטן צו באווייזן, אז איך בין געווען פארבונדן מיט דעם ווארפן פון דער באָמבע, אדער אז איך בין געווען נאָענט דערצו, אָדער וואָס עס איז פון דעם סאָרט. איך וויל אייך אלזא בעטן מיך אויך צו שיקן צו דער תליה; ווארים איך דיינק, אז עס איז ערנהאפטער צו שטאַרבן מיט איינ־מאָל, איידער געטויטעט צו ווערן ביסלאכווייז. איך האָב א פאמי־ליע און קינדער; און ווען זיי וועלן ווייסן, אז זייער פאָטער איז טויט, וועלן זיי אים באגראָבן. זיי קאָנען גיין צום קבר און דארט נידערקניען און זיך דערמאָנען אָן אים. אָבער זיי קאָנען ניט גיין אין דעם געפענגניש און זען זייער פאָטער, וואָס איז פאר'משפט געוואָרן פאר א פארברעכן מיט וועלכן ער האָט גאָרנישט געהאט וואָס צו טאָן.

דאָס איז אלעס וואָס איך האָב צו זאָגן. הער ריכטער, עס טוט מיר לייד וואָס איך וועל ניט געהאנגען ווערן צוזאמען מיט די אנדערע מענער*).

---

*) אָסקאר נעעבע איז געווען דער איינציקער פון די אַכט אָנגע־קלאָגטע, וועלכער איז ניט פאר'משפט געוואָרן צום טויט. ער איז פאַר־אורטיילט געוואָרן צו פופצן יאָר געפענגניש.

אדאָלף פישער׳ס רעדע

ביאָגראַפישער נאָטיץ

אדאָלף פישער איז געבאָרן געוואָרן אין יאָר 1861 אין ברעמען, דייטשלאנד, וואו ער האָט זיך דערצויגן בא אָרעמע עלטערן. ווען ער איז אלט געווען פופצן יאָר האָט ער אויסגעוואנדערט קיין אמעריקע, און דאָ האָט ער זיך גלייך איינגעשפאנט אין יאָך פון דער אַרבעט. ער איז אָנגעקומען אין ליטל ראק, ארקענזאס, צו זיין ברודער ווילהעלם פישער, וועלכער האָט ארויסגעגעבן א דייטשע צייטונג, די „ארקענזאַסער שטאַט־צייטונג“. דאָרט, אין זיין ברודער׳ס דרוקעריי, האָט זיך דער יונגער אדאָלף אויסגעלערנט די מלאכה פון שריפטזעצעריי. שפּעטער האָט ער געארבעט אין דער „פאָלקסשטימע דעם וועסטענס“ אין סט. לואיס, און זינט 1879 איז ער געווען א מיטגליד פון דער שריפטזעצער יוניאָן.

מיט די פּרינציפּן פונ׳ם סאָציאליזם האָט ער זיך באקענט נאָך אין זיין פריסטער יוגנט, און זיי זיינען אים געוואָרן הייליק און טייער.

אין 1881 האָט דער יונגער פישער געהייראט און זיך אריבערגעקליבן קיין נעשוויל, טענעסי. אין עטלאַכע חדשים ארום איז ער פון דאָרט אריבער קיין סינסינעטי, וואו ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אלס מיטגליד פון דער סאָציאַליסטישער ארבעטער פּארטיי און איז געוואָרן טעטיק אין דער סאָציאליסטישער באוועגונג. ער האָט געארבעט א צייט לאַנג אלס זעצער אין דער סינסינעטי׳ר „פרייע פרעסע“, אין „פאָלקספריינד“ און אנדערע דייטשע צייטונגען. אָבער צוליב זיין רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאגאנדע איז ער געשטעלט געוואָרן פון די באלעבאטים אף דער שוואַרצער ליסטע, אזוי אז עס איז אים שווער געווען צו קריגן אַרבעט. א שטיק צייט איז אים צוליב דעם געגאנגען זייער שלעכט, און ער און זיין פאמיליע האָבן געליטן נויט, ביז ער האָט זיך אריבערגעקליבן קיין שיקאגא.

דאָ האָט ער געקראָגן אַרבעט אין דער שיקאגאָ׳ער „פרייע פרעסע“ און שפּעטער איז ער אריין אין דער „ארבעטער צייטונג“, וואו ער איז געוואָרן דער פאָרמאן פון דער דרוקעריי.

גלייך בא זיין אָנקומען אין שיקאגאָ האָט זיך פישער אָנגעשלאָסן אָן דער אנארכיסטישער באוועגונג. ער איז געווען איינער פון די אקטיווסטע מיטגלידער פון דער אינטערנאַציאָנאַלער ארבעטער אַסאָסיאַציע, און ביז דעם טאָג, ווען ער איז אַרעסטירט געוואָרן, האָט ער אָפּגעגעבן יעדע פרייע מינוט זיינע פאַר אַנאַרכיסטישער פּראָפּאַגאַנדע.

הער ריכטער: איר פרעגט מיך, פאַרוואָס א טויט־אורטייל זאָל ניט ארויסגעגעבן ווערן געגן מיר. איך וועל קיין סך ניט ריידן. איך וויל נאָר זאָגן, אז איך פּראָטעסטיר געגן מיין פאר׳משפּט ווערן צום טויט, ווייל איך בין ניט באַגאַנגען קיין פאַרברעכן. איך בין דאָ אין דעם צימער גע׳משפּט געוואָרן פאר מאָרד, און איך בין געפונען געוואָרן שולדיק אין אַנאַרכיע. איך פּראָטעסטיר געגן פאר־אורטיילט ווערן צום טויט, ווייל איך בין ניט געפונען געוואָרן שולדיק אין מאָרד. אָבער אויב איך דאַרף שטארבן צוליב דעם וואָס איך בין אַן אנארכיסט, צוליב מיין ליבע צו פרייהייט, ברי־דערלאַכקייט און גלייכהייט, וועל איך ניט פּראָטעסטירן. אויב טויט איז א שטראָף פאר אונזער ליבע פאר דער פרייהייט פון דער מענטשלאַכער ראַסע, דאַן זאָג איך אָפן, אז איך האָב פארשפּילט מיין לעבן; אבער קיין מערדער בין איך ניט. הגם איך בין געווען איינער פון די וואָס האָבן אראַנזשירט דעם היימארקעט־מיטינג, האָב איך אָבער ניט געהאט מער צו טאָן מיט דעם ווארפן פון דער באָמבע, איך האָב ניט געהאט מער פארבינדונג דערמיט, ווי דער פּראָקוראָר גרינעל האָט געהאַט. איך לייקן ניט, אז איך בין געווען אַנוועזנד אַף דעם היימאַרקעט מיטינג, אבער יענער מיטינג —

(בא די ווערטער איז מר. סאלאמאן צוגעגאַנגען און שטילער־הייט עפּעס געזאָגט פישער׳ן, וועלכער האָט א מאַך געטאָן מיט דער האַנט צו אים און געזאָגט:)

מר. סאלאמאַן, זייט אזוי פריינטלאַך. איך ווייס וואָס איך רייד. נו, יענע היימאַרקעט־פאַרזאַמלונג איז ניט גערופן געוואָרן מיט דעם צוועק צו באגיין געוואַלט־טאַט און פאַרברעכן. ניין; די פאַרזאַמלונג איז גערופן געוואָרן מיט דעם צוועק צו פּראָטעסטירן געגן די רציחות און די פאַרברעכנס, וואָס די פּאָליציי איז באגאַנ־גען מיט א טאָג פריער, דאָרט בא מעקאָרמיק׳ס פאבריק. דער עדות פון דער אַנקלאָגע, וואָלער, און אנדערע האָבן דאָ דערקלערט, און איך דאַרף עס בלויז ווידערהאָלן, אז מיר האָבן געהאט א מיטינג מאָנטיק באַנאַכט, און אַף דעם דאָזיקן מיטינג — בלויז עטלאַכע שטונדן נאָך דער פאסירונג בא מעקאָרמיק׳ס פאבריק — האָבן מיר אָנגענומען א באשלוס און פאררופן א מאסנפארזאַמלונג מיט דעם צוועק צו פּראָטעסטירן געגן די ברוטאַלע מעשים פון דער פּאָליציי. וואָלער איז געווען דער פּאָרזיצנדער פון דעם דאָזיקן מיטינג, און

ער אַליין האָט געמאכט דעם פאָרשלאג צו האלטן די מאסנפארזאמ־לונג אף דעם היימארקעט. עס איז אויך געווען ער, וואָס האָט מיך באַשטימט אלס קאָמיטע צו לאָזן אָפּדרוקן צירקולארן און פארזאָרגן רעדנער, דאָס האָב איך געטאָן און ווייטער גאָרנישט.

אף מאָרגן בין איך אוועק צו „וועהרער ענד קליין“, וואו איך האָב באַשטעלט 25 טויזנט צירקולאָרן, און איך האָב איינגעלאַדן שפּיז׳ן צו ריידן אף דעם היימארקעט־מיטינג. אין דעם אָריגינאַל פון דער „קאפּי“ האָב איך געהאט א שורה: „ארבעטער, קומט באַוואָפנט!“, און די אורזאך פארוואָס איך האָב אריינגעשטעלט די דאָזיקע ווערטער איז געווען, ווייל איך האָב ניט געוואָלט, אז די ארבעטער זאָלן דערשאָסן ווערן בא יענער פארזאמלונג, ווי בא אנ־דערע געלעגנהייטן. אבער אין דער צייט וואָס די דאָזיקע צירקו־לאָרן האָבן זיך געדרוקט, אדער ווען אייניקע פון זיי זיינען געווען אָפּגעדרוקט און זיינען אריבערגעבראכט געוואָרן צו מיר אין דער רעדאקציע פון דער „ארבעטער־צייטונג“, האָט מיין חבר שפּיז גע־זען איינעם פון זיי. ווי איך האָב שוין געזאָגט, האָב איך אים פריער געהאט איינגעלאַדן צו ריידן אף דעם מיטינג. ער האָט מיר געוויזן דעם צירקולאר און געזאָגט: „נו, פישער, אויב אָט די ציר־קולאָרן ווערן פארטיילט, וועל איך ניט ריידן.“ איך האָב צוגעגעבן, אז עס וועט זיין בעסער ארויסצונעמען די עטלאכע ווערטער, און מר. שפּיז האָט גערעדט. און דאָס איז געווען אלעס וואָס איך האָב געהאט צו טאָן מיט דער פארזאמלונג.

יענעם אָוונט, ארום א פערטל נאָך אכט אזייגער, בין איך אוועק צום היימארקעט און בין געבליבן דאָרט ביז פּארסאָנס האָט אונטערבראָכן פילדען׳ס רעדע. פּארסאָנס איז ארויף אף דער פּלאַט־פאָרמע און האָט דערקלערט, אז עס קוקט אוים ווי עס וועט באלד אָנהויבן צו רעגענען, און אז עס איז בעסער די פארזאמלונג זאָל אריבערגיין צו זעפּף׳ס האַל. מיינער א פריינט, וועלכער האָט עדות געזאָגט דאָ אף דעם פּראָצעס, איז אין יענעם מאָמענט צוגע־קומען צו מיר, און מיר זיינען ביידע אוועק אין זעפּף׳ס האַל, וואו מיר האָבן זיך אנידערגעזעצט בא א טישל צו טרינקען א גלאָז ביר. גראד אין דעם מאָמענט, ווען איך האָב זיך אנידערגעזעצט באם טישל, איז אריינגעקומען מיין פריינט פּארסאָנס מיט עטלאכע אנ־דערע פּערזאָנען, און נאָכדעם ווי איך בין געזעסן דאָרט אן ערך פינף מינוט איז פאָרגעקומען דער אויפרייס. איך האָב קיין אהנונג

ניט געהאַט, אַז אַזאַ מין זאַך וועט פּאַסירן, ווייל, ווי די עדות פון דער אָנקלאַגע גופא האָבן דערקלערט, איז ניט געווען קיין שום אָפּמאַך, אַז מיר זאָלן זיך יענע נאַכט פאַרטיידיקן. ס'איז געווען בלויז אַ פאַרזאַמלונג, וואָס איז פאַרופן געוואָרן צו פּראָטעסטירן.

ווי איך האָב שוין פריער געזאָגט, איז אָט דער אורטייל, וועלכער איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן פון דער דזשורי דאָ אין דעם דאָזיקן צימער, געריכטעט ניט געגן מאָרד, נאָר געגן אַנאַרכיע. איך בין איבערצייגט, אַז איך ווער פאַר'משפט, אָדער אַז איך וועל פאַר־משפּט ווערן צום טויט דערפאַר וואָס איך בין אַן אַנאַרכיסט, און ניט דערפאַר וואָס איך בין אַ מערדער. איך בין קיינמאָל ניט געווען קיין מערדער. איך בין נאָך קיינמאָל אין מיין לעבן ניט באַגאַנגען קיין פאַרברעכן; אָבער איך קען אַ געוויסן מאַן וואָס האַלט דערביי צו ווערן אַ מערדער, און אָט דער מאַן איז גרינעל — דער פּראָקוראָר גרינעל — ווייל ער האָט געבראַכט אַפּן עדות־שטול מענער, וועגן וועלכע ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז זיי וועלן שווערן פאַלש; און איך פאַרדאַם עפנטלאַך דעם הער גרינעל אַלס מערדער, אויב איך וועל הינגעריכטעט ווערן. נאָר אויב די פּאַר־שטייער פון הערשנדן קלאַס דיינקען, אַז דורך אונזער הינריכ־טונג, דורך הייגגען עטלאַכע אַנאַרכיסטן, וועלן זיי דערשטיקן די אַנאַרכיע, מאַכן זיי אַ מיאוס'ן טעות, ווייל דער אַנאַרכיסט האָט ליב זיינע פּרינציפּן בעסער ווי זיין לעבן. אַן אַנאַרכיסט איז שטענ־דיק גרייט צו שטאַרבן פאַר זיינע פּרינציפּן; אָבער אין דעם דאָזיקן פאַל בין איך אָנגעקלאָגט געוואָרן פאַר מאָרד, און איך בין ניט קיין מערדער. עס וועט אייך זיין אוממעגלאַך צו טויטן אַ פּרינציפּ, ניט קוקנדיק דערויף וואָס איר קאָנט נעמען דאָס לעבן פון מענטשן, וועלכע גלויבן אין די דאָזיקע פּרינציפּן. וואָס מער מען פאַרפאָלגט די וואָס גלויבן אין גערעכטע פּרינציפּן, אַלץ שנעלער וועלן זייערע אידייען פאַרווירקלאַכט ווערן. צום ביישפּיל: אַרויסטראָגנדיק אַזאַ אומגערעכטן און באַרבאַרישן אורטייל, האָבן די צוועלף „ערנ־האַפטע" מענער אין דעם „דזשורי־קאַסטן" געטאָן מער פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון'ם אַנאַרכיזם, ווי די פאַר'משפּט'ע וואָלטן גע־קאָנט אויפטאָן אין אַ לעבן לאַנג. אָט דער אורטייל איז אַ טויט־קלאַפּ געגן פרייע רעדע, פרייע פּרעסע און דעם פרייען דיינקען דאָ אין לאַנד, און זייט זיכער, דאָס פאָלק וועט עס באַגרייפן. דאָס איז אַלעס וואָס איך וויל זאָגן.

לואיס לינג׳ס רעדע

ביאָגראַפישער נאָטיץ

לואיס לינג, דער אינגסטער פון אונזערע שיקאגאָ׳ער מארטירער, איז געבאָרן געוואָרן דעם 9טן סעפטעמבער, 1864, אין דער שטאָט מאנהיים, באַדן. א קינד פון אָרעמע לייט — זיין פאָטער איז געווען א לוין־ארבעטער — האָט ער שוין גאנץ פרי אין זיין לעבן זיך באקענט מיט דער קללה פון דער נויט. ווען לואיס איז נאָך געווען א אינגל האָט פאסירט אן אומגליק מיט זיין פאָטער. ס׳איז געווען ווינטער־צייט. דער עלטערער לינג, וועלכער האָט געארבעט פאר א האָלץ־הענדלער, איז געווען באַשעפטיקט בא די ברעגן פונ׳ם רהיין. איינמאָל האָט זיך א באַלקן אראָפגעקאטשעט אַפן אייז פונם טייך. לינג האָט געמאַכט א פארזוך צוריקצובריינגען דעם באַלקן, אָבער פלוצלונג האָט דאָס אייז געבראָכן, און ער איז אריינגעפאלן אין קאלטן שטראָם.

מ׳האָט אים ארויסגעראַטעוועט, אָבער די פארקילונג האָט אים פאר־אורזאַכט א קראַנקהייט, פון וועלכער ער האָט ניט געקאָנט אינגאנצן פטור ווערן. זיין עקספלואטאַטאָר, דער האָלץ־הענדלער, האָט אויסגענוצט דעם אומגליק פאר זיינע צוועקן. פריער פון אלץ האָט ער פארקלענערט דעם קלעגלאכן לוין פון דעם אָרעמען, פאראומגליקטן ארבעטער און דער־נאָך האָט ער אים אינגאַנצן ארויסגע׳פטר׳ט מיט דעם כלומר׳שטן תירוץ, אז „דאָס געשעפט גייט שלעכט״.

ווען לואיס לינג איז אלט געווען 14 יאָר האָט ער זיך גענומען לערנען א מלאכה — סטאָלעריי; און אזוי גיך ווי זיין לערן־צייט איז געווען צו ענד, האָט ער פארלאָזן זיין געבורט־שטאָט און איז ארויס אין דער וועלט. ער איז געפאָרן אין דרום־דייטשלאנד און אין דער שווייץ. אין דער שטאָט בערן איז ער געקומען אין בארירונג מיט די אנארכיסטן. ס׳איז געווען אין אָנהויב פון די אכציקער יאָרן פון פאָריקן יאָר־הונדערט. די שווייץ איז דאמאָלס געווען א צענטער פון אנארכיסטן פון אלע ריכטונגען, צווישן זיי אויך אָנהענגער פון דער אזויגערופענער

„פראָפּאגאנדע דער טאַט“, וועלכע האָט, ווייזט אויס, שטאַרק באַאיינ־פלוסט דעם יונגן, טעמפּעראַמענטפולן לינג. אָבער צוליב די שטרייגגע מיטלען, וואָס די שווייצער רעגירונג האָט אָנגענומען געגן אויסלענדישע אנארכיסטן, האָט ער דאָרט ניט געקענט בלייבן; צוריק קיין דייטשלאַנד האָט ער ניט געוואָלט פאָרן, ווייל ער האָט קיין חשק ניט געהאַט זיך צו שטעלן צום מיליטער־דינסט, און ער האָט דארום באַשלאָסן אויסצו־וואַנדערן קיין אמעריקע.

ער איז אָנגעקומען אין שיקאגאָ אין 1885 און איז גלייך אריינ־געטראָטן אין דער דאָרטיקער אנארכיסטישער באוועגונג. אָבער דאָ איז ער געווען טעטיק בלויז צען מאָנאַט צייט. ס׳איז געקומען די הוימארקעט־טראגעדיע און נאָך איר די קאפּיטאַליסטישע פארשווערונג, וועלכע האָט אים, צוזאמען מיט די אנדערע גענאָסן, אריינגעוואָרפן אין תּפיסה און געמאַכט א סוף צו זיין יונגן לעבן.

יוסטיץ־געריכט: מיט דערזעלבער איראָניע, מיט וועלכער איר האָט באַטראַכט מיין אָנשטרייננגונג צו מאכן דאָ, אין דעם דאָ־זיקן „פרייען לאַנד אמעריקא“, א מענטשלאך לעבן, גיט איר מיר איצט, נאָכדעם ווי איר האָט מיך פאר׳משפּט צום טויט, די פריי־הייט צו האַלטן א שלום־רעדע.

איך נעם אָן אייער קאָנצעסיע; אָבער עס איז נאָר מיט דעם צוועק בלויזצושטעלן די אומגערעכטיקייט, די בלבולים און די שאַנד־טאַטן וואָס זיינען אנגעהויפּט געוואָרן אויף מיר.

איר האָט מיך אָנגעקלאָגט און מיך געפונען שולדיק אין מאָרד; וואָס פאר א באַווייז האָט איר געבראַכט, אז איך בין שולדיק?

קודם כל האָט איר געבראַכט אָט דעם בחור, זעליגער, עדות צו זאָגן געגן מיר. אים האָב איך געהאָלפן מאכן באָמבעס; און איר האָט ווייטער באַוויזן, אז מיט דער הילף פון אן אנדערן האָב איך יענע באָמבעס אוועקגעפירט אין נומער 58 קלייבאָרן עוועניו. אבער וואָס איר האָט ניט באַוויזן — זאָגאר מיט דער הילף פון אייער געקויפטן „מסור“ זעליגער, וועלכער שיינט צו האָבן געשפּילט אזא פּראָמינענטע ראָלע אין דער אָנגעלעגנהייט — איז, אז וועלכע ס׳איז פון יענע באָמבעס זיינען געבראַכט געוואָרן אויף דעם הוימארקעט.

א פּאָר בעמיקער זיינען אויך געבראַכט געוואָרן אהער אלס

ספּעציאַליסטן, פונדעסטוועגן האָבן זיי בלויז געקאַנט דערקלערן, אַז דער מעטאַל, פון וועלכן די היימאַרקעט־באָמבע איז געמאַכט געוואָרן, האָט געהאַט אַ געוויסע ענלאַכקייט מיט יענע באָמבעס מיינע, און אייער מר. אינגהעם האָט זיך אומזיסט באַמיט אָפּצור לייקענען, אַז די באָמבעס זיינען געווען גאַנץ פאַרשידן. ער האָט געמוזט צוגעבן, אַז עס איז געווען אַן אונטערשייד פון אַ פולן האַלבן אינטש אין זייערע דיאַמעטערס, הגם ער האָט אונטערדריקט דעם פאַקט, אַז עס איז אויך געווען אַן אונטערשייד פון אַ פערטל אינטש אין דער דיקקייט פון דער הילז. דאָס איז דער סאָרט באַ־ווייזן, אַף וועלכע איר האָט מיך געפונען שולדיק.

אָבער עס איז ניט מאָרד, אין וואָס איר האָט מיך געפונען שולדיק. דער ריכטער האָט עס כמעט דערקלערט ערשט היינט אינ־דערפרי אין זיין „רעזומע“ פון׳ם פּראָצעס, און גרינעל האָט איין מאָל נאָך׳ן אַנדערן געזאָגט, אַז מיר ווערן גע׳משפּט ניט פאַר מאָרד, נאָר פאַר אַנאַרכיע, אַזוי אַז די פאַראורטיילונג איז — אַז איך בין אַן אַנאַרכיסט!

וואָס איז אַזוינס אַנאַרכיע?

דאָס איז אַן ענין, וועלכן מיינע חברים האָבן דערקלערט מיט גענוגנדער קלאָרקייט, און עס איז ניט נייטיק פאַר מיר נאָך אַמאָל איבערצוגיין איבער דעם. זיי האָבן אייך דייטלאַך גענוג דערקלערט וואָס אונזערע צילן זיינען. אָבער דער פּראָקוראָר האָט אייך ניט געגעבן די דאָזיקע אינפאָרמאַציע. ער האָט בלויז קריטיקירט און פאַרדאַמט ניט די לערעס פון אַנאַרכיע, נאָר אונזערע מעטאָדן, די מיטלען, דורך וועלכע מיר פירן זיי דורך אין דער פּראַקטיקע, און אפילו דאָ האָט ער אַף אַ פאָרזיכטיקן אופן פאַרשוויגן דעם פאַקט, אַז די דאָזיקע מעטאָדן זיינען אַרויפגעצוואונגען געוואָרן אַף אונז דורך דער ברוטאַליטעט פון דער פּאָליציי. גרינעל׳ס אייגענער פאָר־געשלאָגענער מיטל פאַר אונזערע קריוודעס איז דער שטים־צעטל און די אָרגאַניזירונג פון טרייד יוניאָנס, און אינגהעם האָט זיך זאָגאַר דערקלערט פאַר אַ זעקס שטונדיקער באַוועגונג! אָבער דער פאַקט איז, אַז באַ יעדן פאַרזוך צו געברויכן דעם שטים־צעטל, יעדעס מאָל וואָס מען האָט געפּרואווט פאַראייניקן די כוחות פון די אַרבעטער, האָט איר אַרויסגעשטעלט די ברוטאַלע געוואַלט פון דער פּאָליציישקער בולאַווע, און דאָס איז די אורזאַך פאַרוואָס איך

האָב רעקאָמענדירט רויע געוואַלט צו באַקעמפן די רויערע געוואַלט פון דער פּאָליציי.

איר האָט מיך באַשולדיקט, אַז איך פאַראַכט „געזעץ און אָרדנונג". וואָס פאַר אַ ווערט האָט אייער „געזעץ און אָרדנונג"? די פאַרטרעטערין פון'ם געזעץ איז די פּאָליציי, און זי האָט גנבים אין אירע רייען. דאָ זיצט קאַפּיטאַן שאַק. ער האָט מיר אַליין צו־געגעבן, אַז מיין הוט און מיינע ביכער זיינע גע'גנב'עט געוואָרן בּאַ אים אין זיין אָפּיס — גע'גנב'עט געוואָרן פון פּאָליסלייט. אָט די זיינען עס אייערע באַשיצער פון אייגנטום־רעכטן!

די דעטעקטיווס ווידער, וועלכע האָבן מיך אַרעסטירט, האָבן זיך מיט געוואַלט אַריינגעריסן אין מיין צימער, ווי הויז־איינבּרעכער, אונטער פאַלשע פּרעטענזיעס, אָנגעבנדיק דעם נאָמען פון אַ סטאָ־ליער, לאָרענץ, פון בורלינגטאָן סטריט. זיי האָבן געשוואָרן אַז איך בין געווען אַליין בּאַ זיך אין צימער, און זיי האָבן פאַלש געשוואָרן. איר האָט ניט פאָרגערופן אַלס עדות די דאָזיקע דאַמע, מרס. קליין, וועלכע איז געווען אַנוועזנד און וואָלט געקאָנט שווערן, אַז די דער־מאָנטע דעטעקטיווס האָבן זיך מיט געוואַלט אַריינגעריסן צו מיר אין צימער אונטער פאַלשע פּרעטענזיעס, און אַז זייער עדות־זאָגן איז געווען פאַלש.

אבער לאָמיר גיין ווייטער. אין שאַק'ן האָבן מיר אַ קאַפּיטאַן פון דער פּאָליציי, און אויך ער האָט געפעלשט מיט זיין עדות־זאָגן. ער האָט געשוואָרן, אַז איך האָב זיך מודה געווען פאַר אים, אַז איך בין אַנוועזנד געווען אויף דעם מאָנטיק באַנאַכטיקן מיטינג, בעת איך האָב אים אויסדריקלאָך געזאָגט, אַז איך בין געווען בּאַ אַ פאַרזאַמ־לונג פון די סטאָליאַרעס אין זעפּפ'ס האָל. ער האָט ווידער אַמאָל געשוואָרן, אַז איך האָב אים געזאָגט, אַז איך האָב זיך אויסגעלערנט ווי אַזוי צו מאַכן באָמבעס פון הער מאָסט'ס בוך. אויך דאָס איז געווען פאַלש געשוואָרן.

לאָמיר גיין נאָך אַ טריט העכער צווישן אָט די פאָרשטייער פון „געזעץ און אָרדנונג". גרינעל און זיינע מיט־העלפער האָבן דערלויבּט פאַלש שווערן, האָבן צוגעלאָזט פאַלשע עדות, און איך זאָג, אַז זיי האָבן עס געטאָן באַוואוסטזיניק. דעם באַוויז דערפאַר האָט שוין מיין אַדוואָקאַט געבראַכט, און איך האָב מיט מיינע אייגענע אויגן געזען, ווי גרינעל האָט אָנגעצייגט גילמער'ן די מע־נער, געגן וועמען ער וועט דאַרפן שווערן. דאָס איז געשען מיט

אכט טעג פריער, איידער גילמער איז געקומען אף דעם עדות־שטול.

אין דער צייט וואָס איך, ווי איך האָב שוין אויבן דערקלערט, גלויב אין געוואַלט, כדי צו געווינען פאר זיך און אנדערע ארבע־טער א מענטשלאך לעבן, האָט גרינעל, דורך זיין פּאָליציי און אנ־דערע לומפּן, אונטערגעקויפט עדות צו שווערן פאַלש, כדי צו דער־מאָרדן זיבן מענער, וואָס איך בין איינער פון זיי.

דאָ אין דעם דאָזיקן געריכט־הויז, וואו איך קאָן זיך ניט פאר־טיידיקן, האָט גרינעל געהאַט דעם קלעגלאכן מוט מיך צו רופן פייגלינג! דער שורקע! א חברה־מאַן וואָס האָט זיך פאראייניקט מיט א באַנדע פון נידעריקע פארקויפטע נשמות, כדי מיך צו בריינ־גען צו דער תליה. צוליב וואָס? צוליב קיין שום אנדער גרונד ניט ווי נאָר א געמיינעם עגאָאיזם — א וואונטש זיך ארויפצוארבעטן, צו „שטייגן אין דער וועלט", פּשוט'ער גערעט, צו מאכן געלט!

אָט דער שופט, וועלכער האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט פאר קיין זאַך און דורך די פעלשונגען פון אנדערע שופטן איז ער גרייט צו דערמאָרדן זיבן מענטשן, — ער איז דאָס דער וואָס רופט מיך „פייג־לינג"! און דאָך האָט איר טענות צו מיר וואָס איך פאראכט אזעל־כע „באַשיצער פון'ם געזעץ" — אזעלכע געמיינע היפּאָקריטן!

אנאַרכיע מיינט קיין הערשאַפט אדער אויטאָריטעט פון איין מענטשן איבער אַן אנדערן, דאָך רופט איר דאָס „אומאָרדנונג". א סיסטעם וואָס פּריידיקט ניט אזא „אָרדנונג", וואָס זאָל דארפן האָבן די הילף פון אויסוואורפן און גנבים זי צו באַשיצן, — דאָס רופט איר „אומאָרדנונג".

דער ריכטער גופא איז געצוואונגען געווען צוצוגעבן, אז דער פּראָקוראָר איז ניט געווען אימשטאנד מיך צו פארבינדן מיט דעם ווארפן פון דער באָמבע. אָבער דער פּראָקוראָר ווייסט ווי אזוי זיך אַן עצה צו געבן. ער באשולדיקט מיך, אז איך בין געווען א „קאָנ־ספּיראַטאָר". ווי אזוי באווייזט ער עס? איינפאך דערקלערנדיק, אז די אינטערנאַציאָנאַלע ארבעטער אסאָסיאציע איז א „קאָנספּי־ראציע". איך בין געווען א מיטגליד פון דער דאָזיקער קערפּער־שאַפט. נו, האָט ער א פּארטיקע זיכערע קלאגע געגן מיר. אויס־געצייכנט! קיין זאַך איז ניט צו שווער פאר דעם געניוס פון א פּראָקוראָר!

איך האַלט עס קוים פאר מיין פליכט צו ריידן וועגן די באַ־ציאונגען צווישן מיר און מיינע חברים אין אומגליק. מיין פריינט

שפּיז האָט שוין דערקלערט, ווי אזוי מיר זיינען באַקאַנט געוואָרן איינער מיט'ן אַנדערן. איך קאָן זאָגן וואָרהאַפטיק און אָפן, אז איך בין ניט אזוי אינטים מיט מיינע מיט־געפאַנגענע, ווי איך בין מיט קאַפּיטאַן שאַק.

די אַלגעמיינע נויט, די פאַרוויסטונגען פון דער קאַפּיטאַליס־טישער היענא האָבן אונז צוזאַמענגעבראַכט אין אונזער אגיטאַציע, ניט אַלס פּערזאָנען, נאָר אַלס אַרבעטער אין דערזעלביקער באַוועגונג. דאָס איז די „קאָנספּיראַציע", אין וועלכער איר האָט מיך גע־פונען שולדיק.

איך פּראָטעסטיר געגן דער פאַראורטיילונג, געגן דער אַנט־שיידונג פון'ם געריכט. איך אנערקען ניט אייער געזעץ, צוזאַמענ־געוואָרפן ווי עס איז פון די גאָרנישטן פון פאַרגאַנגענע יאָרהונ־דערטן, און איך אנערקען ניט די אַנטשיידונג פון דעם געריכט. מייע פאַרטיידיקער האָבן אף אַן אַנטשיידנדן אופן באַוויזן פון אַנטשיידונגען, וועלכע זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן אין פּונקט אזעלכע הויך־געריכטן, אז מען מוז אונז געבן אַ נייעם פּראָצעס. נו, ציטירט דער פּראָקוראָר דריי מאָל אזויפיל אַנטשיידונגען פון פיליכט נאָך העכערע געריכטן צו באַווייזן דעם געגנטייל דערפון; און איך בין איבערצייגט, אז אויב אָט די אַנטשיידונגען זאָלן, אין אַן אַנדער פּראָצעס, אונטערשטיצט ווערן פון פינף און צוואַנציק ביכער, וועלן זיי ברייגגען הונדערט ביכער צו דערווייזן פּונקט דעם היפּוך דערפון,—אויב די וואָס דאַרפן גע'משפט ווערן זיינען אַנאַר־כיסטן. און ניט אונטער אזא געזעץ אפילו, אַ געזעץ וואָס אַ שול־אינגל מוז פאַראַכטן, ניט דורך אזעלכע מעטאָדן זאָגאָר זיינען זיי געוועץ אימשטאַנד „געזעצלאָך" צו געפינען שולדיק. זיי האָבן זיך באַנוצט מיט אונטערגעקויפטע פאַלשע עדות.

איך זאָג אייך גאַנץ אָפן, איך בין פאַר געוואַלט. איך האָב שוין געזאָגט קאַפּיטאַן שאַק: „אויב זיי געברויכן קאַנאָנען געגן אונז, וועלן מיר געברויכן דינאַמיט געגן זיי".

איך ווידערהאָל, אז איך בין אַ שונא פון דער איצטיקער „אָרדנונג", און איך ווידערהאָל, אז מיט אַלע מיינע כוחות, אזוי לאַנג ווי עס וועט נאָך בלייבן אַן אָטעם אין מיר, וועל איך זי באַ־קעמפן. איך דערקלער ווידער אַמאָל, פריי און אָפן, אז איך בין פאַר געברויכן געוואַלט. איך האָב געזאָגט קאַפּיטאַן שאַק, און איך האַלט זיך דערביי: „אויב איר שיסט אף אונז מיט קאַנאָנען, וועלן

מיר אייך ענטפערן מיט דינאמיט". איר לאכט! איר טראכט פי־לייכט: „דו וועסט שוין מער קיין באמבעס ניט ווארפן". אבער לאמיך אייך פארזיכערן, אז איך וועל שטארבן גליקלאך אף דער תליה, אזוי זיכער בין איך, אז די הונדערטער און טויזנטער, צו וועמען איך האב גערעט, וועלן געדיינקען מיינע ווערטער; און ווען איר וועט אונז האבן געהאנגען, דאן, מערקט מיינע ווערטער, וועלן זיי ווארפן די באמבעס! מיט דער דאזיקער האפענונג זאג איך אייך: איך פאראכט אייך. איך פאראכט אייער ארדנונג, אייערע געזעצן איידער מיט געוואלט אונטערגעשפארטע אויטאריטעט. הענגט מיך דערפאר!

גע‏אָרג ענגעל׳ס רעדע

ביאָגראַפישער נאָטיץ

גע‏אָרג ענגעל איז געבאָרן געוואָרן דעם 15טן אפריל, 1836, אין קאַסל, דייטשלאַנד. זיין פאָטער איז געווען אַן אָרעמער בוי־אַרבעטער און די פאַמיליע האָט כמעט שטענדיק געליטן נויט. אין יאָר 1847, ווען גע‏אָרג איז געווען אַן עלף־יאָריקער אינגל, האָט ער פארלאָרן זיין מוטער, וועלכע איז געשטאָרבן פון דער כאָלערא. א שטיקל צייט נאָכדעם איז אויך געשטאָרבן דער פאָטער, און גע‏אָרג און זיינע ברידערלאַך זיינען געבליבן יתומים, אָנגעוויזן אף קהל׳שער צדקה. די ברידערלאַך האָט מען געשיקט אין א יתומים־הויז, און אים האָט מען אוועקגעגעבן צו אַן אָרעמער פאמיליע; די שטאָט האָט געצאָלט פאר זיינע קעסט. ווי ענגעל האָט שפּעטער דערציילט, האָט ער בא דער דאָזיקער פאמיליע קיין האָניק ניט געלעקט; די לייט האָבן אים אָפט געלאָזט הונגערן, אזוי אז ער האָט געמוזט בעטלען א שטיקל ברויט בא די שכנים.

ווען ער איז אלט געוואָרן 14 יאָר, איז ער געבליבן אליין, ווי אפּן וואַסער, ווייל די שטאָט האָט אויפגעהערט צאָלן פאר זיינע קעסט, און די פאַמיליע האָט אים מער ניט געוואָלט האַלטן. אין זיין נויט האָט ער זיך געווענדט צו א שוסטער־מייסטער, וועלכער איז געווען באַקאַנט מיט זיין פאָטער, און ער האָט געבעטן אים ארייננעמען אין דער לערע. אָבער דער שוסטער האָט זיך אנטזאגט דערפון, ווייל גע‏אָרג איז געווען מורא׳דיק אָפּגעריסן, אין טראַנטעס. דער אָרעמער יונג האָט זיך ארויס־געלאָזט אין וועג, זוכן עפּעס; ער איז געגאנגען צופוס ביז פראנקפורט אם מאין, וואו א פארבער־מייסטער האָט רחמנות געהאט אף אים און אים ארייגענומען צו זיך אלס לערן־יונג.

אין 1856, ווען ענגעל איז אלט געווען צוואנציק יאָר, האָט ער זיך „ארויסגעלאָזט אין דער וועלט״. ער האָט געוואנדערט פון שטאָט צו שטאָט, פון לאַנד צו לאנד. ער איז געווען אין מאינץ, קעלן, ברעמען, האמבורג, שלעזוויג, ווין, בודאפּעסט און רוים. ער האָט איבעראל געזוכט און געפונען ארבעט. אין 1864 איז ער צוריקגעפאָרן קיין שלעזוויג. דאָרט האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אָן די „פריי־שארן״, די ארמיי פון וואָלונ־טירן, וועלכע האָט זיך אָרגאניזירט צו קעמפן געגן דענמארק.

נאָכדעם ווי די „פריי־שארן״ זיינען אויפגעלייזט געוואָרן האָט זיך

ענגעל ווידער גענומען צום וואַנדערן, און אין 1869 איז ער געקומען קיין מעקלענבורג, וואו ער האָט זיך עטאַבלירט אלס פארבער־מייסטער און חתונה געהאט. אָבער צוליב פארשידענע אורזאכן האָט ער ניט געקאָנט בלייבן דאָרט צו לאנג. זיין געשעפט איז רואינירט געוואָרן, און אין 1872 האָט ער אויסגעוואנדערט קיין ענגלאנד. אויך דאָרט איז ער געבליבן ניט מער ווי א יאָר צייט, און ער איז געפאָרן קיין אמעריקע.

אין פילאדעלפיע, וואו ער האָט זיך צוערשט באזעצט, האָט ענגעל געקראָגן אן אויגן־קראַנקהייט און ער האָט פאַרבראַכט א לאַנגע צייט אין שפּיטאָל. אין 1878 האָט ער זיך אריבערגעקליבן מיט זיין פאמיליע קיין שיקאגאָ, וואו ער האָט די ערשטע צייט געארבעט אין א פאַבריק. אָבער ער איז געווען כמעט בלינד און האָט מער ניט געקאָנט אַרבעטן, האָט ער זיך געעפנט א סיגאַר־סטאָר. שפּעטער האָט ער עס געמוזט אויפגעבן און ער האָט זיך געעפנט א קלייט פון שפּיל־צייג, פון וואָס ער האָט געצויגן זיין קלעגלאכע חיונה.

ווי שוואָב, פישער און די מערסטע אנדערע שיקאגאָ׳ער גענאָסן איז אויך ענגעל פריער געווען א סאָציאַל־דעמאָקראַט, איידער ער איז געקומען צום אנארכיזם. א שטיק צייט איז ער געווען אן אקטיווער מיטגליד פונם לער־ און ווער־פאראיין און האָט זיך באטייליקט אין דער פּאָליטישער באוועגונג פון דער סאָציאַליסטישער ארבעטער פּארטיי. אנטוישט אין די רעזולטאַטן פונם שטימקאַסטן, איז ער געוואָרן פריער א „ראדיקאַלער“ אָדער אומאָפּהענגיקער סאָציאַליסט, דערנאָך אן איבערצייגטער, איבער־געבענער אנארכיסט, אָפּגעבנדיק יעדע פרייע מינוט פאר דער פארשפּרייטונג פון דעם אנארכיסטישן אידעאַל און גייענדיק צום גרויזאַמען טויט מיט דעם רוף: „הויך די אנארכיע!“

ווען איך האָב אין דעם יאָר 1872 פאַרלאָזן דייטשלאַנד, וואו די איינפירונג פון מאַשינעריע האָט רואינירט די קלענערע האַנט־ווערקער, און נאָכדעם ווי עס איז געוואָרן אוממעגלאָך פאר מיר דורך דער ארבעט פון מיינע הענט צו פאַרדינען דאָרט אַף א מענטש־לאַך לעבן, האָב איך באַשלאָסן צו פאָרן מיט מיין פאמיליע קיין אמעריקע, — דאָס לאַנד, וואָס אַזויפיל מענטשן האָבן מיר פאַר־לויבט אלס דאָס לאַנד פון פרייהייט.

ווען איך בין אָנגעקומען קיין פילאדעלפיא, דעם 8טן יאנואר 1873, איז מיין האַרץ אויפגעלאָפן פאַר פרייד אין דער האפענונג און אין דעם גלויבן, אז איך וועל אין דער צוקונפט לעבן צווישן פרייע מענטשן, און אין א פריי לאַנד. איך האָב אָפּגעמאַכט בא זיך צו ווערן א גוטער בירגער פון דעם דאָזיקן לאַנד, און איך האָב

זיך אליין גראַטולירט מיט דעם/וואָס איך האָב פאַרלאָזן דייטשלאַנד און געלאַנדעט אין דער דאָזיקער גלאָרייכער רעפּובליק. איך גלויב, אַז מיין פאַרגאַנגנהייט וועט עדות זאָגן פאַר מיר, אַז איך האָב די גאַנצע צייט געשטרעבט צו זיין אַ גוטער בירגער פון דעם דאָזיקן לאַנד. דאָס איז דאָס ערשטע מאָל וואָס איך שטיי פאַר אַן אַמעריקאַנער געריכט, און בא דער דאָזיקער געלעגנהייט איז דאָס מאָרד, אין וואָס איך ווער באַשולדיקט. און פאַר וועלכע אורזאַכן שטיי איך דאָ? פאַר וועלכע אורזאַכן ווער איך באַשולדיקט אין מאָרד? דיזעלביקע וואָס האָבן מיר פאַראורזאַכט צו פאַרלאָזן דייטשלאַנד — די אָרימקייט, די נויט פון די אַרבעטער קלאַסן.

אויך דאָ, אין דער דאָזיקער „פרייער רעפּובליק", אין דעם רייכסטן לאַנד פון דער וועלט, זיינען פאַראַן צאָלרייכע פּראָלעטאַריער, פאַר וועמען קיין טיש איז ניט געגרייט; וועלכע בלאָנדזשען אַרום דערשלאָגענע, אָן פריינד דורכ'ן לעבן, ווי אַרויסגעשטויסענע פון דער געזעלשאַפט. איך האָב געזען מענטשלאַכע וועזנס, וועלכע קלייבן אויף זייער טעגלאַכע שפּייז פון די מיסט-הויפנס פון דער גאַס, צו שטילן דערמיט זייער נאָגנדן הונגער.

איך האָב געלייענט אין די טעגלאַכע צייטונגען וועגן פּאַסירונגען, וועלכע באַווייזן מיר, אַז אויך דאָ, אין דעם דאָזיקן גרויסן „פרייען לאַנד", זיינען מענטשן פאַראורטיילט צו שטאַרבן פון הונגער. דאָס האָט מיך געפירט דערצו זיך צו פאַרטראַכטן און זיך צו פרעגן: וואָס זיינען אייגנטלאַך די באַזונדערע אורזאַכן, וועלכע האָבן געקאָנט שאַפן אַזאַ געזעלשאַפטלאַכן צושטאַנד? דאַן האָב איך זיך אָנגעהויבן צוקוקן מיט מער אויפמערקזאַמקייט ווי פריער צו אונזערע פּאָליטישע אינסטיטוציעס. מיינע אַנטדעקונגען האָבן מיך געבראַכט צו דער איבערצייגונג, אַז דאָ עקזיסטירן די זעלביקע געזעלשאַפטלאַכע איבלען, וועלכע עקזיסטירן אין דייטשלאַנד. דאָס איז די דערקלערונג פון דעם וואָס האָט מיך געבראַכט דערצו צו שטודירן די סאָציאַלע פראַגע, צו ווערן אַ סאָציאַליסט. און איך האָב איך גענומען מיט אַלע מיטלען וואָס איך האָב נאָר געהאַט צו שטודירן, באַקאַנט צו ווערן מיט דער נייער לערע.

ווען איך בין אין 1878 אָנגעקומען אהער פון פילאַדעלפיע, האָב איך געשטרעבט צו פאַרבעסערן מיין לאַגע, גלויבנדיק אַז עס וועט זיין לייכטער פאַר מיר צו פאַרדינען אַף מיין לעבן דאָ, איי-

דער אין פילאדעלפיא, וואו איך האָב אומזיסט פארזוכט צו מאכן א לעבן. אָבער אויך דאָ בין איך געבליבן אנטוישט. איך האָב אנ־געהויבן פארשטיין, אז עס איז קיין אונטערשייד ניט פאר דעם פראָלעטאריער וואו ער וואוינט, צי אין נויאָרק, אין פילאדעלפיא אָדער אין שיקאגא. אין דער פאבריק, וואו איך האָב געארבעט, בין איך באקאנט געוואָרן מיט א מאַן, וועלכער האָט מיר אָנגעוויזן אויף די אורזאכן, וועלכע האָבן געפירט צו די שווערע און פרוכטלאָזע קאמפן פון די ארבעטער פאר זייער עקזיסטענץ. דורך דער לאָגיק פון'ם וויסנשאפטלאכן סאָציאליזם האָט ער מיר דערקלערט, וואָס פאר א טעות עס איז פון מיין זייט צו גלויבן, אז איך וואָלט גע־קאָנט מאכן אן אומאָפּהיינגיקן לעבן דורך מיין ארבעט, אזוי לאנג ווי די מאַשינען, דער רויער מאַטעריאל א. א. וו. זיינען אין די הענט פון די קאפיטאליסטן, גאראנטירט פון'ם שטאט אלס זייער פריוואַט אייגנטום. כדי זיך בעסער צו באקענען און קריגן מער קלאָרקייט בנוגע צו די דאָזיקע פאקטן, האָב איך מיט געלט וואָס איך און מיין פאמיליע האָבן פארדינט, געקויפט סאָציאליסטישע ביכער, צווישן זיי די ווערק פון לאסאַל, מארקס און הענרי דזשאָרדזש. נאָכדעם ווי איך האָב דורכגעשטודירט די דאָזיקע ביכער איז געוואָרן קלאָר פאר מיר, פארוואָס אן ארבעטער קאָן ניט עקזיסטירן אויף אן אנשטענדיקן אופן דאָ, אין דעם דאָזיקן רייכן לאנד. איצט האָב איך אנגעהויבן טראכטן מכח וועגן און מיטלען, ווי אזוי דאָס צו ענדערן. עס איז מיר איינגעפאלן דער שטימ־קאַסטן; וואָרים מען האָט מיט מיר אזוי אָפט גערעט דערפון און געזאָגט, אז דאָס איז דער מיטל, דורך וועלכן ארבעטער קאָנען פארבעסערן זייער לאגע.

איך האָב זיך באטייליקט אין פאָליטיק מיט דער ערנסטקייט פון א גוטן בירגער; אָבער איך האָב באלד אויסגעפונען, אז די מעשה וועגן א „פרייען שטימ־קאַסטן" איז א מיף, און אויסגע־טראכטע זאך, און אז איך בין ווידער אמאָל אָפּגענארט געוואָרן. איך בין געקומען צו דעם געדאנק, אז אזוי לאנג ווי די ארבעטער זיינען עקאָנאָמיש פארשקלאפט קאָנען זיי ניט זיין פאָליטיש פריי. עס איז געוואָרן קלאָר פאר מיר, אז דורך דעם שטימ־צעטל וועט דער ארבעטער־קלאַס קיינמאָל ניט איינפירן א געזעלשאפטלאכע אָרדנונג, וואָס זאָל גאראנטירן ארבעט, ברויט און א גליקלאך לעבן. איידער איך האָב פארלאָרן מיין גלויבן אין דעם שטימ־קאַסטן

האָט פּאַסירט עפּעס וואָס האָט מיר באַוויזן, אַז די פּאָליטישנס פון דעם דאָזיקן לאַנד זיינען דורך און דורך קאָרומפּירט. ווען די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי איז אין דעם פּערצנטן וואַרד, וואו איך האָב געוואוינט און געהאַט אַ רעכט צו שטימען, אַזוי אויסגעוואַקסן, אַז זי איז געוואָרן געפערלאַך פאַר די רעפּובליקאַנער און דעמאָקראַטן, האָבן זיך די דאָזיקע צוויי פּאַרטייען גלייך פּאַראייניקט און זיך אַרויסגעשטעלט נעגן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן. דאָס, פאַרשטייט זיך, איז געווען נאַטירלאַך; וואָרים זיינען דען זייערע אינטערעסן ניט איינע און דיזעלבע? און ווען די סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן פונדעסטוועגן פאָרט דערוויילט זייערע קאַנדידאַטן, זיינען זיי באַרויבט געוואָרן פון די פרוכטן פון זייער זיג דורך די קאָרומפּירטע מיטלען פון די אַלטע פּאָליטישע פּאַרטייען. מען האָט צוגעגנב'עט דעם שטים־קאַסטן און אַזוי „קאָריגירט" די שטימען, אַז עס איז געוואָרן אוממעגלאַך פאַר דער אָפּאָזיציע צו דערקלערן זייערע קאַנדידאַטן אַלס דערוויילט. די אַרבעטער האָבן געזוכט צו קריגן גערעכטיקייט דורך'ן געריכט, אָבער עס איז אַלעס געווען אומזיסט. דער פּראָצעס האָט זיי אָפּגעקאָסט פופצן הונדערט דאָלאַר, אָבער זייערע רעכט האָבן זיי קיינמאָל ניט געקראָגן.

גאָר אינגיכן האָב איך אויסגעפונען, אַז פּאָליטישע קאָרופּציע האָט זיך אַריינגעגנב'עט אין די רייען פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן. איך האָב פאַרלאָזן די דאָזיקע פּאַרטיי און זיך אָנגעשלאָסן אָן דער „אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אַסאָסיאַציע", וואָס איז נאָר וואָס אָרגאַניזירט געוואָרן. די מיטגלידער פון דער דאָזיקער קערפּערשאַפט זיינען פעסט איבערצייגט, אַז דער אַרבעטער קאָן בלויז דורך געוואַלט זיך באַפרייען פון דער טיראַניי פון'ם קאַפּיטאַליזם, פונקט ווי אַלע פאָרטשריטן, פון וועלכע די געשיכטע רעט, זיינען געקומען בלויז דורך געוואַלט. פון דער געשיכטע פון'ם דאָזיקן לאַנד זעען מיר, אַז די ערשטע קאָלאָניסטן האָבן געוואָונען זייער פרייהייט בלויז דורך געוואַלט; אַז דורך געוואַלט איז אָפּגעשאַפט געוואָרן די שקלאַפעריי, און פונקט ווי דער מאַן וואָס האָט אַגיטירט געגן שקלאַפעריי האָט געמוזט אַרויף אויף דער תליה, אַזוי מוזן מיר אויך. ווער עס רעט היינט־צו־טאָג פאַר דעם אַרבעטער, דער מוז גיין צו דער תליה. און פאַרוואָס? ווייל אַט די רעפּובליק ווערט ניט רעגירט פון מענטשן, וועלכע האָבן געקראָגן זייערע עמטער אויף אַן ערלאַכן אופן.

ווער זיינען די פירער אין וואשינגטאן, וועלכע דארפן אפהיטן די אינטערעסן פון דעם דאזיקן לאנד? זיינען זיי דערוויילט געווארן פון׳ם פאלק, אדער דורך דער הילף פון געלט? זיי האבן קיין רעכט ניט צו מאכן געזעצן פאר אונז, ווייל זיי זיינען ניט דערוויילט געווארן פון׳ם פאלק. דאס זיינען די אורזאכן פארוואס איך האב פארלארן יעדן רעספעקט פאר די אמעריקאנער געזעצן.

דורך דער אנטוויקלונג פון דער מאשינעריע, דורך די פארבעסערטע מאשינען ווערן אזויפיל מענטשן ארויסגעווארפן פון דער ארבעט, אדער אין בעסטן פאל ארבעטן זיי בלויז א העלפט פון דער צייט. דאס מאכט די מענטשן נאכצודיינקען. זיי האבן פרייע צייט, און זיי פארטראכטן זיך וועגן דעם ווי אזוי זייער לאגע קאן געענדערט ווערן. לעזע־שטאף וואס איז געשריבן געווארן אין זייערע אינטערעסן פאלט אריין צו זיי אין די הענט, און ווי מאנגלהאפט זייער דערציאונג זאל ניט זיין, קאנען זיי פונדעסטוועגן אויסקלייבן די אמת׳ן וואס געפינען זיך אין די דאזיקע שריפטן. דאס, פארשטייט זיך, איז ניט אנגענעם פאר דעם קאפיטאליסטישן קלאס, אבער זיי קאנען דאס ניט פארהינדערן. און עס איז מיין פעסטע איבערצייגונג, אז אין א פארהעלטניסמעסיק קורצער צייט וועט די גרויסע מאסע פון פראלעטאריער פארשטיין, אז נאר דורך דעם סאציאליזם קאנען זיי באפרייט ווערן פון זייערע קייטן. מען דארף זיך דערמאנען וואס קארל שורץ האט געזאגט ערשט מיט קנאפע אכט יאר צוריק: אז „דא אין לאנד איז קיין ארט פאר׳ן סאציאליזם“; און דאך שטייט היינט דער סאציאליזם פאר׳ן געריכט. צוליב דעם איז דאס מיין פעסטע איבערצייגונג, אז אויב אט די עטלאכע יאר זיינען גענוג געווען צו מאכן דעם סאציאליזם פאר איינער פון די ברענענדיקסטע פראגן פון טאג, וועט זיך פאדערן בלויז נאך א קורצע צייט אים דורכצופירן אין דער פראקטיק.

אלץ וואס איך האב צו זאגן מכח מיין פאראורטיילונג איז, אז איך בין אבסאלוט ניט געווען איבערראשט; ווארים עס איז פון שטענדיק אן געווען אזוי, אז ווען מענטשן האבן געזוכט אויפצוקלערן זייערע מיט־מענטשן, זיינען זיי אריינגעווארפן געווארן אין תפיסה, אדער געשיקט געווארן צום טויט, ווי עס איז געווען דער פאל מיט דזשאן בראון. איך האב שוין לאנג צוריק אויסגעפונען, אז דער ארבעטער האט דא ניט מער רעכט ווי וואו עס איז אין דער וועלט. דער פראקוראר האט דערקלערט, אז מיר זיינען ניט קיין

בירגער. איך בין געווען אַ בירגער אַט די גאַנצע לאַנגע צייט; אָבער עס פאַלט מיר ניט איין צו אַפּעלירן צוליב מיינע רעכט אַלס אַ בירגער, וויסנדיק גאַנץ גוט, אַז דאָס מאַכט ניט דעם מינדסטן אונטערשייד. בירגער אָדער ניט בירגער — אַלס אַרבעטער בין איך אָן רעכטן, און דעריבער רעספּעקטיר איך ניט אייערע רעכטן און ניט אייערע געזעצן, וועלכע ווערן געמאַכט און אָנגעווענדט פון איין קלאַס געגן דעם אַנדערן — דעם אַרבעטער קלאַס.

אין וואָס באַשטייט מיין פאַרברעכן?

אין דעם וואָס איך האָב געאַרבעט צו שאַפן אַ געזעלשאַפטלאַכן סיסטעם, דורך וועלכן עס איז אוממעגלאַך פאַר איינעם אָנצוזאַמלען מיליאָנען, דורך די פאַרבעסערונגען אין דער מאַשינעריע, בשעת ווען די גרויסע מאַסן זינקען אַראָפּ צו דערנידעריגונג, צו עלנד און נויט. פּונקט ווי וואַסער און לופט זיינען פריי פאַר אַלעמען, אַזוי דאַרפן אויך די ערפינדונגען פון וויסנשאַפטס־לייט אָנגעווענדט ווערן פאַר דעם נוצן פון אַלעמען. די דורכגעפירטע געזעצן וואָס מיר האָבן זיינען געגן די געזעצן פון דער נאַטור, מיט דעם וואָס זיי רויבן אַוועק פון די גרויסע מאַסן זייערע רעכט צו „לעבן, פרייהייט און דאָס זוכן פון גליק“.

איך בין אַ צו געפילפולער מענטש ניט צו קעמפן געגן די היינטיקע געזעלשאַפטלאַכע באַדינגונגען. יעדער רעכטדיינקנדער מענטש מוז באַקעמפן אַ סיסטעם, וואָס מאַכט מעגלאַך פאַר דעם איינצעלנעם צו שאַרן און אָנזאַמלען מיליאָנען אין עטלאַכע יאָר צייט, בעת אַף דער אַנדער זייט ווערן טויזנטער מענטשן פאַרוואַנדלט אין בראָדיאַגעס און בעטלער.

דאַרף מען זיך וואונדערן וואָס אונטער אַזעלכע אומשטענדן קומען אַרויס מענטשן, וועלכע שטרעבן און קעמפן דערפאַר צו שאַפן אַנדערע באַדינגונגען, אַן אַנדער אָרדנונג, וואו מענטשלאַכקייט זאָל פאַרנעמען דעם אויבן־אָן און קומען פריער פון אַלע אַנדערע באַטראַכטונגען? דאָס איז דער ציל פון סאָציאַליזם, און צו דעם שטים איך צו מיט פרייד.

דער פּראָקוראָר האָט דאָ געזאָגט, אַז אַנאַרכיע איז געשטאַנען פאַר'ן געריכט.

אַנאַרכיזם און סאָציאַליזם זיינען, לויט מיין מיינונג, אַזוי איינס און דאָס זעלביקע, ווי איין איי איז גלייך צום אַנדערן. זיי אונטערשיידן זיך בלויז אין זייער טאַקטיק. די אַנאַרכיסטן האָבן

אויפגעגעבן דעם וועג, וואס סאציאליסטן נעמען אן פאר דער באַ־פרייאונג פון דער מענטשהייט. איך זאג: גלויבט ניט מער אין שטים־צעטל, און געברויכט אלע אנדערע מיטלען וואס איר האט נאר. דערפאר וואס מיר האבן דאס געטאן שטייען מיר דא היינט פאר׳ן געריכט — דערפאר וואס מיר האבן אנגעוויזן דעם פאלק דעם ריכטיקן וועג. די אנארכיסטן ווערן דערפאר געיאגט און פארפאלגט אין יעדן לאנד, אבער ניט קוקנדיק אף דעם אלעמען געווינט דער אנארכיזם אלץ מער און מער אנהיינגער. און אויב איר וועט צו־נעמען בא אונז די מעגלאכקייטן פון אפענער אגיטאציע, דאן וועט די ארבעט געטאן ווערן געהיים. אויב דער פראקוראר דיינקט, אז ער וועט אויסראטן דעם סאציאליזם דורכדעם וואס ער וועט היינ־גען זיבן פון אונזערע לייט און פאראורטיילן דעם אנדערן צו פופצן יאר קערקער, איז ער אונטער א זייער פאלשן איינדרוק. די טאק־טיק וועט איינפאך געענדערט ווערן — דאס איז אלעס. קיין מאכט אין דער וועלט קאן ניט אוועקרויבן באם ארבעטער זיין וויסן ווי אזוי צו מאכן באמבעס — און דאס דאזיקע וויסן באזיצט ער. איך ווינטש ניט פראקוראר גרינעל און זיין ארויסהעלפער, פורטהמאן, זיי זאלן האבן דעם שיקזאל פון דעם פאליציי־שעף רומפף.

ווען דער אנארכיזם וואלט געקאנט אויסגעראטן ווערן, וואלט דאס געטאן געווארן לאנג צוריק אין אנדערע לענדער. אין דער נאכט, אין וועלכער די ערשטע באמבע דא אין לאנד איז געווארפן געווארן, בין איך געווען אין דערהיים, בא מיר אין דער וואוינונג. איך האב גארנישט געוואוסט וועגן דער פארשווערונג, וואס דער פראקוראר פרעטענדירט צו האבן אנטדעקט.

ס׳איז אמת, אז איך בין באקאנט מיט אייניקע פון מיינע מיט־אנגעקלאגטע; אבער מיט די מערסטע פון זיי בלויז אביסל באקאנט, דורכדעם וואס איך האב זיי געזען אף פארזאמלונגען און זיי געהערט ריידן. אויך לייקן איך ניט, אז איך האב אויך גערעדט אף מיטינגען און געזאגט, אז ווען יעדער ארבעטער וואלט געהאט א באמבע אין קעשענע, וואלט שנעל געקומען א סוף צו דער קאפי־טאליסטישער הערשאפט.

דאס איז מיין מיינונג, און מיין וואונטש; עס איז געווארן מיין איבערצייגונג, ווען איך האב אויסגעפונען די שלעכטסקייט, די פארדארבענקייט פון די היינטיקע קאפיטאליסטישע צושטענדן.

ווען הונדערטער ארבעטער זיינען פארניכטעט געווארן אין

קויהלען־גריבער אלס רעזולטאַט פון שלעכטע, פּעלערהאַפטע צוגרייטונגען, וועלכע די באַלעבאַטים פון די מינעס זיינען געוועזן צו קאַרג צו פאַרריכטן, דאַן האָבן די קאַפּיטאַליסטישע צייטונגען דאָס קוים באַמערקט. זעט מיט וואָס פאַר א צופרידענקייט און גרויזאַמקייט זיי ברייגגען זייער באַריכט, ווען מען שיסט דאָ און דאָרט אַף אַרבעטער, בעת זיי סטרייקן פאַר א העכערונג פון עטלאַכע סענט אַף זייערע וויידזשעס, כדי זיי זאָלן פאַרדינען בלויז אַף אַן אָרעמער, קלעגלאַכער עקזיסטענץ.

קאָן ווער עס איז האָבן רעספּעקט פאַר א רעגירונג, וואָס גיט אַלע רעכט בלויז צו די פּריווילעגירטע קלאַסן און קיין שום רעכט ניט צו די אַרבעטער? ערשט ניט לאַנג האָבן מיר געזען, ווי אַזוי די קויהלען־באַראָנען האָבן זיך פאַראייניקט צו מאַכן א פאַרשווערונג און העכערן דעם פּרייז פון קויהלן, בעת זיי האָבן אין דערזעלביקער צייט פאַרקלענערט די שוין גענוג נידעריקע שכירות פון זייערע אַרבעטער. ווערן זיי צוליב דעם באַשולדיקט אין פאַרשווערונג? אָבער ווען אַרבעטער וואַגן צו פאַרלאַנגען א העכערונג אַף זייער לוין, שיקט מען אַרום די מיליץ און די פּאָליציי זיי נידערצושיסן.

פאַר אַזאַ רעגירונג ווי די דאָזיקע קאָן איך ניט פילן קיין שום רעספּעקט, און איך וועל זי באַקעמפן, טראָץ איר מאַכט, טראָץ איר פּאָליציי, טראָץ אירע שפּיאָנען.

איך האָס און באַקעמף ניט דעם אינדיווידועלן קאַפּיטאַליסט, נאָר דעם סיסטעם, וואָס גיט אים די דאָזיקע פּריווילעגיעס. מיין גרעסטער וואונטש איז, אַז אַרבעטער זאָלן דערקענען ווער עס זיינען זייערע פריינט און ווער עס זיינען זייערע שונאים.

וואָס איז שייך צו דעם אורטייל וואָס איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן נעגן מיר, דורך קאַפּיטאַליסטישן איינפלוס, האָב איך קיין וואָרט ניט צו זאָגן.

סעמועל פילדען'ס רעדע

ביאָגראַפישער נאָטיץ

סעמועל פילדען איז געבאָרען געוואָרען דעם 25טען פעברואר, 1847, אין טאָדמאָרדען, לענקעשיר קאונטי, ענגלאַנד. זיין פאָטער איז געוועזען א וועבער־פאָרמאַן אין א באַוואָל־פאַבריק. נאָך אלס קינד האָט דער קליינער סעמועל אָנגעהויבען טראָגען אויף זיך דעם יאָך פון אַרבייט. ווען ער איז אלט געוועזען אכט יאָר איז ער אָנגעקומען אין יענער באַוואָל־פאַבריק, וואו ער האָט זיך אויסגעלערנט די מלאכה פון שפּינעריי. דריי יאָר שפּעטער איז געשטאָרבען זיין מוטער, און סעמועל האָט כמעט אליין געמוזט זאָרגען פאר זיין עקזיסטענץ.

פון נאַטור א זייער גוטמוטיקער און ליבנסווירדיקער מענטש, האָט ער אָבער שוין אין זיין פריסטער יוגנט ארויסגעוויזען א פעסטען כאַראַקטער און א דראַנג צו קעמפען פאר זיין איבערצייגונג, פאר דעם וואָס ער האָט געהאַלטען פאר אמת און גערעכט. ווען ער איז אלט געוועזען אכצן יאָר האָט ער זיך אָנגעשלאָסען אָן דער מעטאָדיסטישער סעקטע און האָט אָפּגעגעבען זיין גאַנצע פרייע צייט צו פּרעדיקען די לערע פון די מעטאָדיסטען. ער איז געוואָרען א לערער אין א זונטיק־שולע און האָט אדרעסירט גרויסע פאַרזאַמלונגען אונטערן פרייען הימל. זיין חיונה האָט ער געצויגען פון זיין ארבייט אלס שפּינער.

אין אָנהויב פון 1868, ווען פילדען איז אלט געוועזען 21 יאָר, האָט ער אויסגעוואַנדערט קיין אמעריקע. ער האָט געפונען אַרבייט אין א וואָל־וועבעריי, לעבען פּראָווידענס, ראָוד איילענד. פון דאָרט איז ער אוועק קיין אָלמסטעד פאָלס, ניט ווייט פון קליוולאַנד, וואו ער האָט א שטיקל צייט געאַרבייט אויף א פאַרם.

ביז א יאָר נאָך זיין אָנקומען קיין אמעריקע איז ער געבליבען א מיטגליד פון דער מעטאָדיסטישער סעקטע. דערנאָך איז ער געוואָרען א פרייעדענקער.

נאָכדעם ווי ער איז אָן דערפאָלג ארומגעפאָרען אין דער סוים, זוכנדיק אַרבייט אלס באַוואָל־שפּינער, איז ער אין אווגוסט, 1869, אָנגעקומען קיין שיקאַגאָ, וואו ער איז זינט יענער צייט פאַרבליבען, זיך דערנערנדיק אלס טאָג־אַרבייטער. אין די לעצטע יאָרען איז ער געוועזען א פורמאַן.

זיין ארייננטריט אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג איז, ווי ער אליין דערציילט, פאָרגעקומען אויף אַזאַ'ן אופן: ער איז געוועזען א מיטגליד

פון דער דאמאָלס עקזיסטירנדער „ליבעראל ליג". אין יאָר 1883 איז ער אויסגעקליבן געוואָרן אלס דעלעגאַט צו דער קאָנווענשאָן פון דער „ליג", און צוזאמען מיט אַנדערע האָט ער באוואויזן יענע קערפערשאַפט צו ענדערן איר פּראָגראַם, באַזונדערס אין באַצוג צו די ארבעטער. דורך די דיסקוסיעס, וואָס זיינען פאָרגעקומען אף די פארזאמלונגען פון דער שיקאגאָ'ער סעקציע פון דער „ליבעראל ליג" איז ער באקערט געוואָרן צום סאָציאליזם.

אין יולי, 1884, האָט זיך פילדן אָנגעשלאָסן אָן דער „אינטערנאַציאָנאַלער ארבעטער אסאָסיאציע" און זינט יענער צייט האָט ער אומדערמידלאך אגיטירט פאר די פּרינציפּן פון דעם פרייהייטלאַכן סאָציאליזם.

און ווען איר האָט, ווי א פּרייען, שיינעם הירש בא די הערנער, אומגעריכט

געכאַפּט זי; און ווען איר גייט מיט הענקער־קנעכט זי שטעלן

צו דעם שאַנד־געריכט;

און ווען זי ליגט שוין אין דער ערד, א בערגעל איבער איר און מאָרגן־רויט,

א יונגע פויערטע באקראנצט מיט בלומען איר — איך זאָג אייך

דאָך: זי איז ניט טויט!

און ווען איר האָט פון שיינעם קאָפּ געשאָרן אירע פלאַטער־האָר,

און האָט געזעצט אין תפיסה זי, צוזאמען מיט דעם מערדער,

גנב און די הור,

און גרויע קליידער אף איר לייב און א טורמע יושקע־טאָפּ דערביי,

דאָך זאָג איך אייך: זי איז אלץ פריי!

און כאָטש איר האָט אין גלות זי פון לאַנד צו לאַנד ארומגעהעצט,

און כאָטש זי וואלגערט זיך אין פרעמדע היימען און האָט זיך

שאַ און שטום אין שטויב ארייגעזעצט,

און כאָטש זי וואשט די וואונדיקע פיס אין פרעמדן וואסער,

אין פרעמדן שוים,

דאָך וועט זי איר הארפע ניט אויפהיינגען אף בבל'ס טרויער־

ווערבע־בוים.

א ניין, זי האלט די הארפע פעסט אין האנט, אייך צו טראָץ,

צו שאַנד און שפּאָט.

זי לאכט פון אייער גלות, ווי זי האט געלאכט פון אייער עשאפאט!
זי זינגט א ליד, וואס שרעקט און הויבט פון די ווייכע שטולן אויף,
און דאס פחדנ׳ישע, דאס פאלשע הארץ קוועטשט זיך אייך פון
שרעק צונויף.

א ניין, זי זינגט ניט בא טרויערוואסערן דאס ליד פון ווי און קלאג,
א זיג-ליד, א טריומף-ליד זינגט זי, א ליד פון צוקונפט און פון
גרויסן נייעם טאג.
פון צוקונפט, וואס איז מער ניט וויט, זינגט זי הויך אין דער
וועלט אריין,
און ווי אייער גאט, אמאל, זאגט זי: איך בין געווען, בין און
וועל זיין!

כ׳וועל זיין! און ווידער וועל איך פאר די פעלקער אין די
ערשטע רייען גיין!
אף אייערע קארקס, אף אייערע קעפ, אף אייערע קרוינען וועל
איך שטיין!
נקמה, משפט, פרייהייט! שרייט מיין שווערד און פאדערט דרייסט,
און אויסשטרעקן וועל איך מיין ריזן-האנט, ווייל די וועלט מוז
ווערן אויסגעלייזט.

איר זעט מיך אין די תפיסות נאר, איר מיינט איך בין אין קבר שוין,
איר זעט מיך בלאנדזשען איבער לענדער נאר און גלות-שטויב
אף מיינע שיך —
נאראנים וואס איר זיינט, איך בין דארט, וואו ס׳איז א סוף
צו אייער מאכט!
וואוין דאך אונטער יעדן שטערן, אין יעדן הארץ האב איך דאך
זיך א היים געמאכט.

כ׳פיל אן יעדן קאפ מיט מוט און טראץ און — ניט געבויגן,
ניט געקלאגט!
איך בין אין יעדן הארץ, וואס מענטשלאך פילט, מענטשלאך שלאגט,
אין יעדן ווארשטאט, וואו דער האמער קלאפט, אין יעדער
באטקע, וואו עס קרעכצט
די נויט; איך בין דער אטעם פון דער מענטשהייט, וואס צו
באפרייאונג בייגקט און לעכצט.

דעריבער וועל איך זיין און ווידער וועל איך פאר די פעלקער
אין די ערשטע רייען גיין.
אף אייערע קעפ און אייערע קרוינען וועל איך זיגנדיק נאך שטיין!
ס'איז געשיכטע'ס אייזערנער געזעץ — ניט קיין דראען און ניט
קיין פוסטער טרוים.
דער טאג ווערט היים — עס אטעמט קיל א ווינט פון בבל'ס
ווערבע־בוים!

דאס איז א פאעמע, געשריבן פון פרייליגראט, מיט'ן נאמען „רעוואלוציע". פרייליגארט איז א דייטשער שרייבער, און יעדער אינטעליגענטער דייטש אין דער ציוויליזירטער וועלט האט די דאזיקע פאעמע אין זיין ביכער־שאפע.

רעוואלוציע — אין אונזער מדינה, וואס ווערט צייטנווייז אנגערופן דאס ציוויליזירטסטע לאנד אין דער וועלט, איז א פאר־ברעכן צו זיין א רעוואלוציאנער, אבער אלע די וואס קאנען לייענען פרייליגראט'ס ווערק, האבן פונדעסטוועגן געלייענט די דאזיקע פאעמע מיט אנטציקונג. ס'איז א גרויסער אונטערשיד, פיל[?]ייכט, וואס פאר א סארט רעוואלוציאנער א מענטש איז. די מענער, וועל־כע זיינען דא גע'משפט געווארן פאר אנארכיע, האט מען אפן עדות־שטול געשטעלט די פראגע, צי זיי זיינען רעוואלוציאנערן. געוויינלאך ווערט ניט באטראכט פאר א פארברעכן צווישן אינ־טעליגענטע מענטשן צו זיין א רעוואלוציאנער, אבער עס קאן גע־מאכט ווערן פאר א פארברעכן, אויב דער רעוואלוציאנער איז אן ארימאן.

הער ריכטער, די פאליציי און די שטאט־באאמטע פון שיקאגא האבן מיר געבראכט אהער אין דעם דאזיקן געריכט צו ענטפערן אף דער קלאגע פון מארד. איך בין ארעסטירט געווארן דעם 5טן מאי און פארהאלטן געווארן דעם זעלביקן אוונט פון דער קאראנערס דזשורי אלס מיטשולדיקער אין דעם פארברעכן פון מארד. א שטיקל צייט שפעטער האט מען מיר צוגעשטעלט א באשולדיקונגס־אקט, וואס די גרענד דזשורי האט ארויסגעגעבן, אדער גוטגעהייסן, אנ־קלאגנדיק מיך אין דעם דאזיקן פארברעכן. איך האב געענטפערט אף דער דאזיקער קלאגע דא אין געריכט. מיינע פארטיידיקער האבן

אין מיין נאָמען געענטפערט אף דער קלאגע; מיר האָבן געבראכט באווייזן וואָס זיינען, לויט אונזער מיינונג, געווען קאָמפּעטענט אפצושלאָגן די קלאגע פון מאָרד. נאָכדעם ווי מיר האָבן געבראכט אלע אונזערע באווייזן, נאָכדעם ווי אלע רעדעס זיינען געהאלטן געוואָרן אף ביידע זייטן, מיט דער אויסנאם פון איינער, זיינען מיר פּלוצלינג געשטאנען פּנים אל פּנים מיט דעם פאקט — און אין דער דערקלערונג פון'ם פּראָקוראָר, אין זיין שלום־וואָרט, איז פאַראַן אן אנערקענונג דערפאר, — אז די קלאגע פון מאָרד איז ניט באוויזן געוואָרן. ווען אלע עדות זיינען אויסגעהערט געווארן, זאָגט מען מיר פּלוצלינג, אז איך ווער גע'משפּט פאר אנארכיע. ווען איך וואָלט געוואוסט, אז איך בין גע'משפּט געוואָרן פאר אנארכיע, וואָלט איך געענטפערט אף דער דאָזיקער פראגע. איך וואָלט עס געקאָנט רעכטפאַרטיקן אונטער דעם קאָנסטיטוציאָנעלן רעכט פון יעדן בירגער פון'ם דאָזיקן לאנד, און מער נאָך ווי דאָס רעכט וואָס וועלכע עס איז קאָנסטיטוציע קאָן געבן, מיט דעם נאַטירלאכן רעכט פון'ם מענטשלאכן גייסט צו ציען זיינע שלוסן פון וועלכער ס'איז אינפאָרמאציע וואָס ער קאָן קריגן. אבער איך האָב ניט געהאָט קיין געלעגנהייט צו ווייזן פארוואָס איך בין אן אנארכיסט. מען האָט מיר געזאָגט, אז איך וועל געהאנגען ווערן דערפאר וואָס איך בין אן אנארכיסט, נאָכדעם ווי איך האָב דורכגעמאכט א גאנצן פּראָצעס, זיך פארטיידיקנדיק געגן דער קלאָגע פון מאָרד.

נו, הער ריכטער, מיין רעפּוטאציע, מיינע פארבינדונגען, מיין געשיכטע, אזוי ווייט ווי די שאַרף־אויגיקע געהיים־פּאָליציסטן פון שיקאגא האָבן עס געקאָנט קריגן, איז אויפגעראָיעט געוואָרן, ווי מר. פאָסטער האָט דערקלערט, פון וויגעלע ביז'ן קבר. איך בין דאָ באשולדיקט געוואָרן, אז איך בין א רו־שטערער, א שונא פון עפנטלאכער אָרדנונג, און בכלל א געפערלאכער מענטש. אזוי ווי דאָס איז דאָס לעצטע מאָל וואָס איך וועל האָבן א מגעלאָכקייט צו ריידן, וויל איך איצט מאכן א טריט צוריק אף עטלאכע יאָר אין מיין פארגאנגענער געשיכטע, און אפשר, ווען איך וועל דאָס טאָן, וועט איר, הער ריכטער, זען די אורזאכן וואָס האָבן מיך געפירט דערצו צו זיין דאָס וואָס איך בין געווען, און מיט וואָס איך שעם זיך היינט ניט און פאר וואָס איך דארף זיך אבסאָלוט ניט פאַר־ענטפערן.

איך בין געבאָרן געוואָרן, ווי איך האָב אייך געזאָגט, אין

לאנקעשיר, און אויב עס איז פאראן א פלאץ — איך ווייס, אז די אזויגערופענע פאטריאטן דא אין לאנד האבן פון צייט צו צייט געזוכט ארויסצורופן א קריג צווישן ענגלאנד און אמעריקא, כדי די וואלן צו קריגן די שטימען פון א געוויסער גרופע, און איך ווייס, אז עס איז פאראן א געוויסע בארעכטיקונג הינטער דעם — אבער אויב עס איז דא א פלאץ אף דער דאזיקער ערד, צו וועלכן די אמעריקאנער דארפן ווענדן זייערע בליקן מיט דאנקבארקייט, איז דאס לאנקעשיר. איך בין דארט געבארן געווארן. דארטן האב איך זיך געלערנט צו האסן שקלאפעריי. איך האב זיך געלערנט צו האסן קעניגע און קעניגינס, און — ניט אזוי ווי דער פראקוראר אין'ם דאזיקן פראצעס — איך בין געווען א רעפובליקאנער, כאטש איך בין געבארן געווארן אין א מאנארכיע.

פאראן מענטשן, וועלכע וואקסן קיינמאל ניט ארויס פון זייער סביבה. זיי פראגרעסירן קיינמאל נים. זיי מאכן קיינמאל ניט קיין איין טריט פארווערטס. אויב זיי זיינען געבארן אין רוסלאנד, איז רוסלאנד דאס גרויסארטיקסטע לאנד אין דער וועלט, און האט די גרויסארטיקסטע אינסטיטוציעס. אויב זיי זיינען געבארן אין כינא, איז דיזעלבע זאך. ווען זיי וואלטן געבארן געווארן אין פאטאגאניע, וואלט עס געווען דאסזעלבע. אבער איך, אלס קינד שוין, האב נאכגעפארשט און איך האב שוין דארטן אנגעהויבן האסן קעניגע; און איך זאג אייך, אז ווען אייערע קאטן־פארטן אף דעם ים־ברעג פון דער סויט זיינען געווען פארבלאקירט — און דער דאזיקער פאקט איז אריין אין דער ליטעראטור פוןביידע לענדער — איז די געדולד פון די הונגערנדע ארבעטער פון לאנקעשיר געווען מערקווירדיק, און דער נאבעלער לינקאלן, וועלכער האט דאס אנערקענט, האט צוגעשיקט צוויי שיפן מיט עסנווארג, כדי זיי צו ראטעווען פון הונגער. איך ווייס, אז דער באזיצנדער קלאס פון ענגלאנד, וואס איז געווען אין סימפאטיע מיט די שקלאפן־האלטער פון דער סויט, וואלט זיך אריינגעמישט, כדי צו שטערן דעם דערפאלג פון דער נארט און די באפעסטיקונג פון די פאראייניקטע שטאטן. אבער די ארבעטער, די אינטעליגענטע ארבעטער פון לאנקעשיר, וואס איך בין געווען איינער פון זיי אלס קינד, זיינען געווען די פריינט פון דער נארט, און זיי האבן מיט פרייד און געדולד אריבערגעטראגן די אלע הונגער־ליידן וואס זיי האבן געליטן אין פארלויף פון יענעם מורא'דיקן קאמף.

איך זאָג, אז עס זיינען פאראן געוויסע מענטשן, וועלכע בלייבן שטענדיק אף אן אָרט און גייען קיינמאָל ניט ארויס פון זייער סביבה. איך בין געווען א רעפובליקאנער, ווען איך בין געווען א קינד. איך האָב איינגעזען, אז איך קאָן זיין אומגערעכט, און איינזעענדיק דעם דאָזיקן פאקט, בין איך אריבער פון איין פונקט צו אן אנדערן. די ערשטע רעדע, וואָס איך האָב ווען עס איז אין מיין לעבן געהאלטן, איז געווען אין די גאסן פון מיין געבורט־שטאָט, און איך בין דאַן געווען ניט מער ווי א קינד. עס האָט זיך געהאנדלט וועגן אונטערשטיצן די פאראייניקטע שטאַטן געגן די מיינונגען פון די, וועלכע האָבן פאַרדאַמט די פירער פון דער נאָרט אין זייער קאמף פאר אויבערמאכט אין דעם לעצטן קריג. דאָס איז געווען די ערשטע רעדע וואָס איך האָב געהאלטן, און דאָס ווייזט, אז איך האָב דאַן געהאט א געוויסע סימפאטיע אין מיין הארצן פאר די, פון וועמען איך האָב ניט געקאָנט דערוואַרטן קיין גוטס; אז איך האָב געקאָנט פילן פאר אנדערע. מר. אינגהאם האָט געזאָגט, אז בעת אנדערע מענטשן האָבן זיך ארויפגעארבעט און געמאכט זייערע פארמעגנס, זיינען די דאָזיקע מענער געווען פארנומען מיט פריידיקן אויפשטאַנד און טרינקען ביר. עס איז פונקט אזא נאָבעלע זאַך פאר א מענטשן צו טרינקען ביר ווי עס איז פאר א מענטשן צו מאכן געלט פון אנדערע מענטשנס ארבעט; און איך זאָג אייך, אז א מענטש וואָס האָט ניט קיין אנדער צוועק אין אויג ווי צו מאכן א פארמעגן פאר זיך און זיין פאמיליע, זיך קימערנדיק ווינציק וואָס וועגן דעם וואָס עס וועט ווערן פון די, וועלכע געפינען זיך ארום אים, — אזא מענטש האָט ניט קיין שום ווערט פאר דער וועלט, קיין שום ווערט פאר דער געזעלשאפט אָדער פאר דער נאכבארשאפט, אין וועלכער ער לעבט. דערפאר האָבן מיר אָנערקענט דעם דאָזיקן פאקט — און עס איז א פילאָזאָפישער פאקט, א לאָגישער פאקט וואָס קיינער קאָן ניט אוועקמאכן מיט דער האנט, און מר. אינגהאם האָט ניט די אינטעליגענץ עס צו באגרייפן — אז די גרעסטע זיכערקייט פאר מענטשלאכן גליק הייבט אָן פון דעם ווייט־פארשפרייטן גליק פון די וואָס געפינען זיך ארום אייך. איר האָט ניט קיין זיכערקייט פאר אייערע פארמעגנס, איר קאָנט ניט האָבן קיין זיכערקייט פאר אייערע באקוועמלאכקייטן, פאר אייער לייכטן לעבן, אזוי לאנג ווי ארום אייך געפינט זיך אן אומצופרידענע, אן עקספלואטירטע און ליידנדע געזעלשאפט. איך דערקלער

דאָ אלס פאַקט, אז וואנדערבילט און דזשיי גולד וואָלטן היינט־צו־טאָג געוועזן גליקלאכערע מענטשן, ווען זיי וואָלטן געהאט 20 טויזנט דאָלאר זייער אייגנס, און יעדער אָנגעשטעלטער וואָס אר־בעט פאר זיי וואָלט געווען פארהיט פון נויט און פארהיט געגן דער־געפאר פון נויט. עס וואָלט דאן געווען ווייניקער אויפרעגונג, ווייניקער צרות און אומרו צוליב צוזאמענשטויסנדע און שטרייטנדע אינטערעסן ווי עס עקזיסטירט איצט, און וואָס מוז נויטווענדיקער־ווייז שטארק באאומרואיקן די דאָזיקע מענער און וואָס לאָזט זיי פיליכט ניט שלאָפן גאנצע נעכט.

איך האָב זיך קיינמאָל ניט געקווייקלט צו גיין אף דעם וועג וואָס איך האָב געזען קלאָר פאר זיך לויט מיינע באגריפן. איך האָב זיך שטענדיק באמיט צו טרעפן אין ציל, ניט קוקנדיק דערויף וואָס די פאָלגן וועלן זיין. מאנכע מענטשן טוען דאָס ניט. דאָס איז די צרה מיט דער וועלט. אסך מענטשן, ווען זיי געפינען אויס וואָס זייער פליכט איז, פרעגן זיי, צי דאָס באצאָלט זיך. אויב עס באַ־צאָלט זיך, וועלן זיי עס אויספאָלגן, און זיי קימערן זיך ניט וועגן דעם פון וואנען דאָס געלט קומט.

די צווייטע רעדע, פיליכט, וואָס איך האָב ווען געהאלטן אין מיין לעבן, איז געווען נאָכדעם ווי איך בין געוואָרן א מיטגליד פון דער מעטאָדיסטישער קירכע, און צו באווייזן אז איך בין דאן גע־ווען א וואנדערנדע ריידנדיקע מאשין, ווייל איך דאָ זאָגן, אז איך האָב באזוכט פארשידענע שטעט אין לענקעשיר און גערעט אף פארזאמלונגען אונטערן פרייען הימל, ווייל מיין כאראַקטער האָט מיך געצוואונגען דאָס צו טאָן. איך האָב געפילט, אז עס איז ווערט פאר מיר די מי אָפצוגעבן מיין גאנצע ענערגיע און פריידיקן יענע רעליגיע, וועלכע איז, ווי איך האָב דאמאָלס געדענקט, באשטימט געווען צו פארבעסערן די וועלט, און איך האָב עס געטאָן. עס זייי־נען פאראן אָפגעלאָזענע בריאות, וועלכע מען רופט צייטענווייז מענטשן, און וועלכע ווערן קיינמאָל ניט באאיינפלוסט פון אזעלכע זאכן, אָבער איך בין ניט געווען פון יענעם סאָרט און דאָס איז די אורזאך פארוואָס איך געפין זיך דאָ היינט. אזוי איבערדגעבן און ערנסט בין איך אין יענער צייט געווען, אז איך בין אין איין און דערזעלביקער צייט געווען דער פארוואלטער פון א קליינער זונטיק שולע, א לערער, א לאָקאלער פריידיקער און וואָס מען האָט דאן

גערופן אן „אויפמונטערער"; כ'האָב געהאט פיר פארשידענע שטע־לעס.

איך בין אנגעקומען אין די פאראייניקטע שטאטן אין יאָר 1868. איך האָב געפריידיקט אין אָהייאָ, און אין א יאָר ארום, אין 1869, בין איך געקומען קיין שיקאגא. עס זיינען פאראן מאָנומענטן פון שענקייט, פון פעסטקייט, און צייכענס פון פראָגרעס אין דער שטאָט שיקאַגאָ, און איר קענט קוים דורכגיין א גאס דאָ אין שטאָט, וואו איך האָב ניט געלאָזט פאלן מיין שווייס, וואָס איז ארויסגערופן געוואָרן דורך דער ארבעט פון מיינע הענט. און לאָמיך אייך דאָ זאָגן, אז ווען די אָנקלאגע איז געמאכט געוואָרן נעגן מיר און מיינע חברים דאָ, איז זי באגלייט געוואָרן פון דער דערקלערונג, אז אָט די מענער האָבן פארפירט זייערע אָנהייגער, כדי צו מאכן פון זיי געלט. אָבער ווען דער פראָצעס איז געווען אין גאנג איז דער איינציקער מאן וואָס וואָלט געקענט ענטפערן אויף דער פראגע, צי מיר האָבן געמאכט געלט פון אונזער אגיטאַ־ציע, געווען צעלער, דער סעקרעטאר פון דער סענטראל לייבאָר יוניאָן; ווען מען האָט אים געפרעגט, צי מיר האָבן ווען באקומען געלט פאר ריידן און אָרגאניזירן יוניאָנס אין דער דאָזיקער אָרגאַ־ניזאציע; ווען מען האָט געשטעלט די פראגע דעם דזשענטלמאן, וועלכער האָט געגעבן די מעגלאכקייט צוצושטעפן די דאָזיקע דערקלערונג צו דער אָנקלאגע, כדי ארויסצורופן א פאָראורטייל באם פאָלק נעגן אונז, נאָך איידער אונזער פראָצעס האָט זיך אָנגע־פאנגען — וואָרים עס איז ניטאָ קיין שום זאך אין דער וועלט וואָס קען אזוי שטארק שעדיקן א מענטשן ווי באשולדיקט צו ווערן, אז ער האָט זיך ארויפגעצוואונגען אויף אימיצן פאר געלט־מאָטיוון, — ווען דער פראָצעס האָט זיך אלזאָ אָנגעפאנגען און אָט דער מאָן, וועלכער וואָלט געקענט עדות זאָגן דערויף, וועלכער וואָלט געקענט באשטעטיקן די זאך, ווען עס וואָלט אמת געווען, האָט געדארפט ענטפערן אויף דער פראגע וואָס מען האָט אים געשטעלט, איז יעדער איינער פון די הערען, וועלכע זיינען געווען פאראינטערעסירט אז די באשולדיקונג נעגן אונז זאָל באוויזן ווערן אלס אן אמת, אויפגע־שפרונגען אויף זיינע פיס און האָט ניט דערלאָזט אז די פראגע זאָל געשטעלט ווערן. מיר זיינען גע'משפט געוואָרן פון א דזשורי, וועל־כע האָט אונז געפונען שולדיק. איצט וועט איר גע'משפט ווערן פון א דזשורי, וועלכע וועט א י י ך געפינען שולדיק.

האָבענדיק א פֿאָרשנדע נאַטור, און אזוי ווי איך האָב באָבאַכט אז עס איז פֿאַראַן עפּעס וואָס איז ניט ריכטיק אין אונזער געזעלשאַפֿטלאַכן סיסטעם, האָב איך בייגעוואוינט אייניקע פֿאַרזאַמלונגען פֿון ארבעטער און פֿארגליכן דאָס וואָס זיי האָבן געזאָגט מיט מיין אייגענער באַאָבאַכטונג. איך האָב געוואוסט, אז עפּעס איז ניט ריכטיק.

מיינע אידייען זיינען נאָך ניט געווען באשטימט וועגן דעם וואָס דאָס מיטל איז, אָבער אזוי גיך ווי דאָס איז מיר קלאָר געוואָרן האָב איך געזוכט צו שאַפֿן דאָס דאָזיקע מיטל, און איך האָב אָנגעווענדעט דערויף די זעלבע ענערגיע און די זעלביקע אנטשלאָסנקייט, וועלכע איך האָב אָנגעווענדט פאר אידייען וואָס איך האָב געהאַט אין די פֿריערדיקע יאָרן. עס איז שטענדיק פֿאראַן א פּעריאָד אין יעדן מענטשנ׳ס לעבן, ווען א געוויסע סימפּאַטישע סטרונע ווערט אָנגערירט פֿון וואָס פאר עס איז אנדער פּערזאָן. א ריר וואָס ברייננגט איבערצייגונג. דער באָדן קען זיך זיין אינגאנצן צוגעגרייט; איר קענט האָבן אָנגעזאמלט אלע באווייזן, אבער די אידייע האָט נאָך ניט אָנגענומען קיין שום פֿאָרם; אין פֿאקט, דאָס קינד איז ניט געבאָרן געוואָרן. די נייע אידייע האָט זיך נאָך ניט געהאַט גרינטלאך אָפּגעדריקט, ווען יענע סימפּאַטישע סטרונע ווערט אָנגערירט און די פּערזאָן ווערט פֿולשטענדיק איבערצייגט אין דעם אמת פֿון דער אידייע. אזוי איז דאָס געווען אין מיין אויספֿאָרשונג פֿון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע. איך האָב געוואוסט, אז עפּעס איז ניט ריכטיק, נאָר איך האָב ניט געוואוסט וואָס דאָס מיטל איז. אָבער איין טאָג, ווען איך האָב דיסקוטירט איבער דעם צושטאַנד און די פֿאַרשידענע מיטלען, האָט מיר א פּערזאָן געזאָגט, אז סאָציאַליזם מיינט גלייכע מעגלאַכקייטן — און דאָס איז געווען דער אָנריר אויף דער סימפּאַטישער סטרונע. פֿון יענער צייט אָן בין איך געוואָרן א סאָציאַליסט; איך האָב געלערנט אלץ מער און מער וואָס דאָס איז אזוינס. איך האָב געוואוסט, אז איך האָב געפֿונען די ריכטיקע זאַך; אז איך האָב געפֿונען די מעדיצין, וואָס איז באַשטימט צו קורירן די קראַנקהייטן, די איבלען פֿון דער געזעלשאַפֿט. ווען איך האָב עס אויסגעפֿונען האָב איך געהאַט א רעכט עס צו פּראָפּאַגאַנדירן, און איך האָב עס געטאָן. די קאָנסטיטוציע פֿון די פֿאַראייניגטע שטאַטן, ווען זי זאָגט: „דאָס רעכט

פון פרייע רעדע זאָל ניט אָפּגעקירצט ווערן", גיט יעדן מענטשן דאָס רעכט ארויסצוזאָגן זיינע געדאנקען.

איך האָב געפּריידיקט די פּרינציפּן פון סאָציאַליזם און סאָציאַלער גלייכהייט, און פאר דעם און ניט פאר קיין שום אנדער אורזאַך בין איך דאָ, און פאר דעם זאָל דער טויט־אורטייל אויסגעשפּראָכן ווערן געגן מיר. וואָס איז סאָציאַליזם? צונעמען אימעצן אנדערש'ם אייגנטום? דאָס איז ווי סאָציאַליזם ווערט פארשטאנען אין דער געוויינלאכער אויפפאסונג פון'ם וואָרט. אָבער ניין; ווען איך זאָל דארפן ענטפערן אף דער פראגע אזוי קורץ ווי זי ווערט געענטפערט פון די שונאים פון סאָציאַליזם, וואָלט איך געזאָגט, אז דאָס מיינט ניט דערלאָזן אימיצן אנדערש אוועקנעמען אייער אייגנטום.

אָבער סאָציאַליזם איז גלייכהייט. דער סאָציאַליזם אנערקענט דעם פאקט, אז קיין מענטש אין דער געזעלשאפט איז ניט פארענטוואָרטלאך פאר דעם וואָס עס איז; אז אַלע איבלען וואָס זיינען דאָ אין דער געזעלשאַפט זיינען דער פּראָדוקט פון אָרימקייט; און דער וויסנשאפטלאכער סאָציאַליזם זאָגט, אז מען מוז גיין צום וואָרצל פון'ם איבל. עס איז ניטאָ קיין איין סטאַטיסטיקער פון קרימינעלע אקטן אין דער וועלט, וואָס וועט ניט צוגעבן, אז יעדער סאָרט פארברעכן, ווען ער ווערט נאָר אויסגעפאָרשט ביז זיין אורשפרונג, איז דער פּראָדוקט פון אָרימקייט. עס איז דערקלערט געוואָרן, אז עס איז אויפהעצעריי פון מיין זייט צו זאָגן, אז דער איצטיקער געזעלשאפטליכער סיסטעם האָט דעגראַדירט די מענטשן ביז זיי זיינען געוואָרן פּשוט'ע חיות. גייט אקאָרשט דורך אונזער שטאָט אין די נידעריקע לאָזשי־הייזער, וואו מענטשן ווערן צוזאַמענגעפּאקט אין דעם קלענסטן פּלאץ וואָס קען נאָר מעגלאך זיין, לעבנדיק אין א גיהנום'שער אטמאָספערע פון טויט און קראנקהייט, און איך וועל אייך ראטן צוזאמענצוציען אייערע זיידענע און טוכענע מלבושים שטייפער צו זיך, ווען די דאָזיקע מענער גייען אייך פארביי. דענקט איר, אז אָט די מענטשן קלייבן אויס מיט א כיוון, מיט א פולן באוואוסטזיין פון דעם וואָס זיי טוען, צו זיין אזא סאָרט חיות? ניט קיין איינער פון זיי. זיי זיינען די פּראָדוקטן פון באדינגונגען, פון געוויסע אומגעבונגען, אין וועלכע זיי זיינען געבאָרן געוואָרן און וועלכע האָבן זיי געטריבן צו דעם וואָס זיי זיינען. ווען מען וואָלט יענע מענער, בעת זיי זיינען גע־

ווען קינדער, אריינגעגעבן אין א סביבה, וואו זיי וואָלטן געהאט די בעסטע רעזולטאטן פון דער ציוויליזאציע ארום זיך, וואָלטן זיי קיינמאָל ניט מיט זייער גוטן ווילן אויסגעקליבן אזא צושטאנד. א ציניקער וועט אפשר זאָגן, אז דאס וואָלט געווען א צו שיינע זאך פאר די דאָזיקע מענטשן. די געזעלשאפט, מיט איר שנעלקייט צו פראָדוצירן די לעבנס-מיטלען, איז אימשטאנד דאס צו טאָן, אָן דעם אז עס זאָל דורכדעם געשען וואָס פאר עס איז שאָדן אפילו צו איין איינציקן מענטשן; און די גרויסע מאסן פון רייכטום, וואָס איינצעלנע מענטשן באזיצן דאָ אין לאנד און אין דער אלטער וועלט, זיינען פּראָדוצירט געוואָרן פונקט אין דערזעלבער פּראָפּאָר־ציע ווי די דאָזיקע מענער זיינען דעגראדירט געוואָרן — און זיי וואָלטן קיינמאָל ניט געקענט אָנגעזאמלט ווערן אף אן אנדער אופן. איך באשולדיק ניט יעדן קאפּיטאליסט, אז ער קאָנספּירירט אב־זיכטלאך און רשעות'דיק צו שאפן אָט די רעזולטאטן, אבער איך באהויפּט, אז עס איז געטאָן געוואָרן, און איך זאָג, אז עס איז א זייער אומגעווינשטער צושטאנד, און איך באהויפּט, אז דער סאָ־ציאליזם וואָלט אויסגעהיילט די וועלט פון דער דאָזיקער מכה.

דאָס זיינען, אין קורצן, מיינע אידייען וועגן סאָציאליזם. דער אולטרא-פּאטריאָטישער סענטימענט פון דעם אמעריקאנער פאָלק— און איך שטעל זיך פאָר, אז דערזעלבער סענטימענט הערשט אויך אין ענגלאנד, פראנקרייך און דייטשלאנד — איז, אז קיין מענטש דאָ אין לאנד דאַרף ניט זיין אָרים. דער קלאס וואָס איז ניט אָרים דענקט אזוי. דער קלאס וואָס איז אָרים הויבט אָן דענקען אנדערש; אז אונטער די עקזיסטירנדע באדינגונגען איז אוממעגלאך, אז מאנכע זאָלן ניט זיין אָרים.

פארמעגנס ווערן געמאכט, און איך וועל אייך זאָגן, ווי אזוי דאס ווערט געטאָן. די „שיקאגאָ טריביון“, אין איר ניי־יאר נומער פון 1885, גלויב איך, האט געצויגן די אויפמערקזאמקייט פון אירע לעזער אף דער פּראָדוקציע פון די מיטלען פון מענטשלאכן געברויך און מענטשלאכער נויטווענדיקייט אין דער שטאָט שיקאגא אין פארלויף פון דעם פריערדיקן יאר. זי האט אף א פּאָרזיכטיקן אופן אויסגערעכנט די קאָסטן פון די רויע מאטעריאלן, די קאָסטן פון מאשינעריע, די רענט פון די געביידעס, די פּראָצענט אפן געלט און די שבירות, וואָס מען האט געצאָלט די ארבעטער. זי האט אריינגענומען אין איר רעכענונג פארשידענע סאָרטן פון פּראָדוק־

ציע, און מאכנדיק דעם סך הכל איז דער רעזולטאט געווען אַט וואָס: אז יעדער איינער וואָס האָט געארבעט אלס לוין־ארבעטער אין דער שטאַט שיקאַגאָ האָט אין אַ יאָר צייט צוגעטראָגן צו דעם רייכטום פון דער דאָזיקער שטאַט — אין וועמעס קעשענעס דאָס איז געגאַנגען מאַכט קיין אונטערשיד ניט — די סומע פון 2,764 דאָלאַר. די דורכשניטלאַכע שכירות וואָס זיינען אויסגעצאָלט געװאָרן פאַר דעם דורכשניטלאַכן פּראָדוקט פון יעדן ארבעטער, זיינען געווען 457 דאָלאַר—עפּעס מער ווי אַ זעקסטל. און דאָך פרעגן די פּאָליטישע עקאָנאָמן פון ביידע ריכטונגען, פון פריי־האַנדל און פון טאַריף: „וואָס איז די אורזאַך וואָס מיר האָבן אן איבער־פּראָדוקציע?‟ איר צווינגט אַ מענטשן צו ארבעטן און פּראָדוצירן װאָרעס אין ווערט פון 2,764 דאָלאַר און איר גיט אים 457 דאָלאַר, מיט וואָס זיי צו קויפן, און איר פרעגט: „ווי קומט עס וואָס מיר האָבן אן איבער־פּראָדוקציע, און וואָס איז די אורזאַך וואָס אונזערע סקלאַדן זיינען פול מיט וואַרעס, און אונזערע פאַבריקן מוזן זיך שליסן, און אונזערע ארבעטער ווערן ארויסגעװאָרפן אויף דער גאַס, ווייל עס איז גאָרנישט ניטאָ וואָס צו טאָן?‟ וואוהין פירט דאָס? לאָמיך דאָ ווייזן די ענדערונג פון דער לאַגע, ווי מען האָט עס געקענט זען אין באָסטאָן אין פערציק יאָר צייט. טשאַרלס דיקענס, אַ מאַן מיט אַ שאַרפער באַאָבאַכטונג, האָט באַזוכט דאָס דאָזיקע לאַנד מיט פערציק יאָר צוריק, און ער האָט דערקלערט אין זיינע אמעריקאַנער נאָטיצן, אז דער אָנבליק פון אַ בעטלער אין די גאַסן פון באָסטאָן וואָלט אין יענער צייט ארויסגערופן אזא שרעקלאַכע איבערראַשונג ווי דער אָנבליק פון אַ מלאך מיט אַ בלויזן שווערד. אַ באָסטאָנער צייטונג האָט אין ווינטער פון 1884-85 דערציילט, אז עס זיינען פאַראַן געוויסע קוואַרטאַלן אין באָסטאָן, וואו צו פאַרמאָגן אן אויוועלע הייסט זיין אַ פאַר־העלטניסמעסיקער אַריסטאָקראַט. די אָרעמע לייט וואָס וואוינען אין דער נאַכבאַרשאַפט צאָלן אַ געוויסע סומע געלט אָפּצודינגען די לעבער אויף דעם אויוון פון די אַריסטאָקראַטן. איר זעט די ענדערונג, און אָט די פאַרהעלטניסמעסיקע ענדערונג איז דאָ אין די ארבעטער־קלאַסן פון יענער שטאַט און אין יעדער גרויסער שטאָט אין לאַנד.

עס איז אַ באַקאַנטער פאַקט, אז אין משך פון די לעצטע צוואַנציק אָדער דרייסיק יאָר זיינען די פאַרמס דאָ אין לאַנד בײַס־

לאכווייז ארוים פון׳ם באזיץ פון די פאקטישע פארמערס, אזוי אז היינט־צו־טאג איז פאראן אין די פאראייניקטע שטאטן עפעס מער ווי א פערטעל פון די פאקטישע באארבעטער פון פארמס, וועלכע זיינען פאכטערס; און אין די שטאטן אייאווא און אילינאָיס זיי־נען די מארטגיידזשעס אף פארמס אין פארלויף פון צוואנציק יאָר צייט געשטיגן מיט דריי און דרייסיק פראָצענט פון׳ם פאקטישן ווערט פון די פארמס.

איז דאָס ניט גענוג צו מאכן, אז יעדער דענקענדער מענטש זאָל זיך פרעגן, צי איז ניט ערגעצוואו פאראן עפעס וואָס איז ניט ריכטיק ?

מעגלאך, אז מען וועט ענטפערן : „אָ, א מענטש האָט א רעכט צו פרעגן, צי עפעס איז דאָ ניט ריכטיק, אָבער אום גאָטעס ווילן, דענקט ניט, אז דער סאָציאַליזם וועט עפעס העלפן דערצו, אדער אויב איר דענקט אזוי, וועלן מיר אייך היינגען ! עס איז אייך דערלויבט צו דענקען, אָבער מיר וועלן אייך באשטראָפן פאר די שלוסן וואָס איר ציט פון אייערע געדאנקען !“

פארסאָנס האָט אפן עדות־שטול ווידערהאָלט דאָס וואָס ער האָט געזאָגט אפן היימארקעט־מיטינג אין דער נאכט פון׳ם 4טן מאי, ווען ער האָט דערקלערט, אז דאָס איז אן אמעריקאנער פראגע, ווייל די פאטריאָטישע שווינדלער, וועלכע האָבן איינגערעדט די פאָלקס־מאסן צו פארגעטערן די אמעריקאנער פאָן, בעת זיי האָבן שטילערהייט ארייננגעלעגט די הענט אין זייערע קעשענעס און זיי באראבעוועט — זיי האָבן געזאָגט, אז דאָס איז בלויז אן אייראָ־פעאישע פראגע. עס איז אן אמעריקאנער פראגע, און די איינגע פארבינדונג פון די נאציעס, וואָס ווערט צעמענטירט דורך די מעג־לאכקייטן פון דער ציוויליזאציע, מאכט, אז די אלע פראגן וואָס ווירקן אף איין פאָלק, זאָלן פונקט אזוי ווירקן אף אלע פעלקער איבער דער גאנצער וועלט. וואָס עס באריט דעם אייראָפעאישן ארבעטער און זיין באלעבאָס באריט אויך דעם אמעריקאנער אר־בעטער און זיין אמעריקאנער ארבעטס־געבער, און די באציאונג איז די זעלביקע צווישן די צוויי קלאסן.

אין ווינטער פון 1884-85 זיינען הונדערט און צוואנציק אמעריקאנער מיידלאך אין עלטער פון פערצן און זעכצן יאָר, ארויסגעטריבן געוואָרן פון זייערע היימען, דורכדעם וואָס עס האָבן זיך צוגעמאכט די מערימאַק פאבריקן אין קאָנעקטיקוט, און זיי

זיינען געצוואונגען געווען צו וואַנדערן דורך די שווארצע בערג פון ניו ענגלאנד און זוכן א מקום מנוחה אין שמוציקע הינטער־הייזלאך און היי־שייערן, און פילע פון זיי האָבן אָן צווייפל געפּור־נען זייער וועג צו א לעבן פון שאַנד. און איך זאָג דאָ, אז א מענטש וואָס קען קוקן אף אזעלכע צושטענדן ווי די דאָזיקע און ניט באַ־גרייפן, אז די געזעלשאפט דערנענטערט זיך צו א קריזיס, וועגן וועלכן עס איז שרעקלאך צו דענקען, — אזא מענטש איז בלינד; און דער מענטש וואָס קען קוקן אף אזעלכע לײדן און זיך ניט פילן געריררט צו טאָן עפּעס וואָס זאָל ענדערן אזא צושטאַנד, האָט ניט אין זיין האַרץ קיין אנדער זאַך, נאָר די געפילן פון דעם טיגער, וואָס קוקט אוים אף זיין קרבן. אין דער דאָזיקער שטאָט שיקאגאָ ארבעטן זייער יונגע קינדער. איינמאָל, אין א זייער קאַלטער נאַכט אין ווינטער פון 1884, זיינען צוויי קליינע מיידעלאך צוגעלאָפן צו מיר און מיך געבעטן צו גיין מיט זיי אהיים. איך האָב זיי גע־פרעגט, פארוואָס. האָבן זיי געענטפערט: „א מאַן דאָרט אונטן האָט אונז אָנגעבאָטן געלט." ס'איז געווען זיבן אזייגער באנאכט און עס האָט געשנייט; איך האָב זיי געפרעגט, וואָס זיי טוען אין גאָס אזוי שפּעט. זיי האָבן געענטפערט: „מיר האָבן געארבעט אין דער און דער סטאָר." קליינע קינדערלאך ווערן ארויסגעשיקט פון זייער מוטער'ס שוים צו מאכן א לעבן, זייערע טאַטעס פּילייכט טויט; דאָס איז על כל פנים געווען דער פאַל מיט די דאָזיקע צוויי קינדער. די ציוויליזאציע וואָס וויל ניט און קען ניט אויסהאַלטן אן אלמנה, אזוי אז זי זאָל ניט דארפן ארויסשיקן אירע קינדער צו אזעלכע נסיונות, איז ניט ווערט רעספּעקטירט צו ווערן, און דער וואָס זוכט ניט צו ענדערן אזא צושטאַנד, איז קיין מענטש ניט. ריידנדיק מיט יענע מיידעלאך בעת איך בין געגאַנגען אהיים מיט זיי — וואָרים זיי האָבן געוואוינט ניט ווייט פון מיר — האָב איך געקענט באמערקן די פאַרהעלטנישמעסיקע דרייסטקייט פון די צוויי קינדער, וועלכע זיינען געווען פון זעלבן עלטער. איינע פון זיי האָט מיר געזאָגט, אז זי ארבעט שוין דריי יאָר און די אנדערע א יאָר. אין דער מיידעלע, וואָס האָט געארבעט בלויז איין יאָר, איז נאָך געווען יענע שעמעוודיגקייט, אומשולדיקייט; אין דער אנדערער, וועלכע האָט געארבעט דריי יאָר, איז ניט געבליבן אין איר עפּעס פון יענער צוריקגעהאַלטנקייט וואָס א יונג קינד האָט אין דער אָנוועזנהייט פון א פרעמדן מענטש; אָבער אין דער אנדערער, וועלכע האָט געארבעט דריי יאָר, איז ניט געבליבן

קיין שפור דערפון, און זי איז געווען מיט א קאָפּ קירצער ווי דאס מיידעלע, וואָס האָט געהאַט דעם פּאַרצוג צו בלייבן אין דערהיים צוויי יאָר מער פון איר לעבן.

קאַרטער האַריסאָן האָט באַמערקט דעם געזונקענעם צושטאַנד פון א קלאַס פון פּערזאָנען דאָ אין שטאָט, און מיט א יאָר צוריק, לעצטן ווינטער, האָט ער צוזאַמענגערופן די פרידנס־ריכטער פון שיקאַגאָ פאַר א באַראַטונג. זיי האָבן געוואָלט פּטור ווערן פון די גאַסן־פרויען, וועלכע זיינען געווען אזוי צאָלרייך, אז עס איז געווען א שאַנדע פאַר דער שטאָט. ס׳איז געווען א זייער לויבנס־ווערטע אונטערנעמונג פון האַריסאָן׳ן און די פרידנס־ריכטער פּטור צו ווערן פון זיי, ווען זיי וואָלטן געקענט. דאָס מיטל וואָס איז פאַרגעשלאָגן געוואָרן איז געווען, זיי צו אַרעסטירן און דאָס ערשטע מאָל אַרויפלעגן אף זיי א לייכטע געלט־שטראָף, און דאָס צווייטע מאָל א גרעסערע געלט־שטראָף, און אזוי האַלטן אין איין באַשטראָפן זיי אַלץ מער און מער, ביז מען וועט פּטור ווערן פון זיי. עס איז א באַקאַנטער פאַקט, אַז מיט ווייניק אויסנאַמען איז אוממעגלאַך פאַר א יונגער, אומפאַרהייראַטער פרוי, וועלכע האָט ניט קיין ברודער אָדער א פאָטער איר צו העלפן, צו פאַרדינען אף איר לעבן דאָ אין שיקאַגאָ. מיינער א פריינט, אַן אַרבעטער אַגי־טאַטאָר, האָט געוואָלט עפּעס טאָן פאַר א מיידל, וועלכע האָט אים געבעטן צו קריגן פאַר איר א שטעלע. ער איז געגאַנגען צו איינער פון אייערע גרויסע פירמעס, און מען האָט אים געזאָגט: „יאָ, מיר קענען איר געבן א שטעלע, אָבער זי מוז גיין אָנגעטאָן געשמאַקפול און שיין און נעט, און אויסקוקן גוט, און מיר וועלן איר געבן פון דריי ביז פינף דאָלאַר א וואָך.“ און איר ווילט פּטור ווערן פון אָט די זאַכן דורכדעם וואָס איר וועט באַשטראָפן יענע פרויען, וועלכע זיינען געצוואונגען זיך צו באַנוצן מיט אַזעלכע מורא׳דיקע מיטלען, כדי צו דערהאַלטן זייער לעבן. איך זאָג אייך אָט די אַלע זאַכן, כדי אייך צו ווייזן, אז דאָס איז אַן אַמעריקאַנער פראַגע. ס׳איז א פראַגע פון דעם ניינצנטן יאָרהונדערט.

איך ווער באַשולדיקט, אז איך האָב געהאַלטן איניקע אויפ־רייצנדע רעדעס אין פאַרלויף פון די לעצטע עטלאַכע יאָר. מען האָט דאָ עדות געזאָגט, אז איך האָב געהאַלטן א רעדע אין דעם טוירנער האָל פון דער צוועלפטער סטריט, אין 1885. מען האָט זיך זאָגאַר פאַרופן אף דער שפּראַך, מיט וועלכער איך האָב זיך באַ

יענער געלעגנהייט באנוצט. כדי אייך צו צייגן דעם כאראקטער פון יענעם מיטינג, און דעם כאראקטער פון דער ארגאניזאציע, צו וועלכער איך באלאנג, דארף איך בלויז זאגן, אז יענער מיטינג איז גערופן געווארן דערפאר ווייל די סאציאליסטן האבן געוואלט אויס־געפינען, צי זיי זיינען גערעכט אדער אומגערעכט, און צו פארגלייכן זייערע אנזיכטן מיט די אנזיכטן פון די מענער, וועלכע האבן ניט אויפגעהערט צו טענה'ן, אז די סאציאליסטן זיינען אומגערעכט. יענע הערן זיינען איינגעלאדן געווארן אהין צו דיסקוטירן איבער דער פראגע, און מען וואלט זיי אף יענער פארזאמלונג געגעבן א געלעגנהייט און אזויפיל צייט ווי וואס פאר עס איז סאציאליסטישן רעדנער צו קריטיקירן און ענטפערן אף די טענות פון'ם סאציאליזם. איך גלויב ניט, אז אימיצער האט געקענט באהויפטן, אז איך האב אף יענעם מיטינג געזאגט עפעס וואס איז געווען זייער אויפרייצנד. די שטאט איז געווען אויסגעקלעפט מיט פלאקארדן, וואו מען האט איינגעלאדן די פראפעסיאנעלע מענער און די געשעפטסלייט צו קומען אהין און דיסקוטירן מיט אונז איבער די דאזיקע פראגן. זיי זיינען ניט געקומען אין א גרויסער צאל.

איך בין באשולדיגט געווארן, אז איך האב אין מילער'ס האל, אלס פארזיצנדער פון דער פארזאמלונג, אויפגעפאדערט דעם עולם צו דיספוטירן מיט די קאפיטאליסטן און ווידערלעגן אלץ וואס וועט געזאגט ווערן צו גונסטן פון פריוואט קאפיטאליזם, ווייל דאס וועט זיין די לעצטע געלעגנהייט, איידער מיר הויבן אן צונעמען זייער אייגנטום. דער מאן וואס האט אזוי עדות געזאגט ווייסט אונטער וועלכע אומשטענדן דאס איז געזאגט געווארן. עס איז געזאגט גע־ווארן דערפאר, ווייל די קריטיקער פון סאציאליזם האבן אונז בא־שולדיקט, אז מיר ווילן צונעמען דאס אייגנטום פון אנדערע, אנ־שטאט צו עקזאמינירן, זיך ארייננטראכטן אין אונזער פאזיציע; און דער עולם האט פארשטאנען, אז דאס איז געווען א שפאס, א וויץ אפן חשבון פון די קריטיקן אפן סאציאליזם.

ס'איז גוט באקאנט, אז די רעפארטערס פון די צייטונגען זיי־נען א זייער אינטעליגענטער (?) קלאס מענטשן. איך קען ניט קיין אנדער עולם, צווישן וועלכע איך האב געפונען אזויפיל נאר־רישע מענטשן, און איך האב א זייער גרויסע באקאנטשאפט מיט זיי. בנוגע צו דעם וואס איז איינמאל דערקלערט געווארן וועגן מיר, ווען איך בין באשולדיקט געווארן, אז איך האב דא געהאלטן

אז אויפרייצנדע רעדע, ווייל איך זאָגן, אז אין יענער צייט בין איך געווען אין סינסינעטי, און איך קען עס באווייזן דורך א טויזנט מענטשן פון סינסינעטי. מר. שפיז איז מיט א נאַכט פריער געגאנגען מיט מיר צום דיפאָ און מיר געקויפט א טיקעט. איך וועל ריידן אביסל אויספירלאכער וועגן מיינע פריינט, די רעפּאָרטערס, ווייל מען האָט זיך דאָ אין דעם פּראָצעס פאַרלאָזט אף די רעפּאָרטערס צו ברייגנען די פּאָראורטיילונג. ס'איז גוט באקאנט דאָ און אין יעדער שטאָט, וואו מען לייענט צייטונגען, אז מען קען זיך ניט פאַרלאָזן אף די באריכטן אין דער פּרעסע. עס איז ניטאָ קיין איין עפנטלאכער רעדנער דאָ אין לאנד, וועלכער האָט ניט געהאט קיין אורזאך זיך צו באקלאָגן אף די באריכטן פון זיינע רעדעס אין די צייטונגען. אזוי אומדערטרעגלאך איז דאָס געוואָרן, אז ערשט מיט א קנאפּן יאָר צוריק האָט דער פּרעזידענט פון דעם דאָזיקן לאנד דערקלערט — און עס איז פארעפנלאכט געוואָרן איבער'ן גאנצן לאנד — אז עס איז נאָך קיינמאָל ניט געווען קיין פּעריאָד אין דער געשיכטע, ווען דאָס ליגן־זאָגן פון די צייטונגען האָט עקזיסטירט אף אזא פאַרשפּרייטן אופן, ווי עס עקזיסטירט איצט, און עס איז קיינמאָל ניט געווען קיין לאנד, וואו עס האָט עקזיסטירט אזוי שטארק ווי עס עקזיסטירט דאָ בא אונז אין לאנד. זינט איך בין ארייגעזעצט געוואָרן אין געפענגניש איז מר. האריסאָן'ן אזוי נמאס געוואָרן צו הערן די שטענדיקע צוזאָגן פון די רעפּאָרטערס איבערצוגעבן די נייעס ריכטיק, אז ער האָט ארויסגעגעבן א באפעל צו זיינע אונטערגעאָרדנטע אין דער הויפּט־קוואַרטיר פון דעם שטאָט־דעפּארטמענט, מען זאָל די רעפּאָרטערס מער קיין נייעס ניט געבן. „עס האָט קיין זין ניט“, האָט ער געזאָגט. „איר וועט אָנגיין ווייטער מיט אייערע ליגנס. איך האָב אייך געפּרואווט און געפּרואווט, און איר האָט געהאלטן אין איין ליגן זאָגן, און איך וועל אייך מער קיין נייעס ניט געבן“. און דאָך זיינען מיר פאראורטיילט געוואָרן אף גרונט פון אזא מין עדות־זאָגן. רעפּאָרטערס זיינען געבראכט געוואָרן אהער צו באווייזן, דורך ציטאַטן פון מיינע רעדעס, אז איך בין געווען א קאָנספּיראַטאָר און איך האָב געהאט בדעה אויסצופּלינדערן מישיגען עוועניו, אז איך האָב געוואָלט ארויסרופן א רייאָט און אן אויפשטאנד דאָ אין שטאָט. איך האָב אייך געוויזן, מיינע פריינט — איך רעד צו אייך אזוי גוט ווי צו דעם געריכט, און איך רעד צו דעם לאנד — אז מען קען זיך ניט

פארלאזן אף באריכטן פון צייטונגען, און א מענטש, וועלכער ווערט גע'משפט אף דעם בלויזן באריכט פון א צייטונגס־רעפארטער, איז אויסגעזעצט די געפאר ערמארדעט צו ווערן.

אין צוועלפטע סטריט טוירנער האל האב איך געהאלטן א רעדע וועגן דעם רייאט אין לאנדאן. בא יענער געלעגנהייט האב איך דערקלערט, אז דיזעלביקע אורזאכן אין שיקאגא וואלטן געבראכט די זעלבע רעזולטאטן וואס מיר האבן געזען אין לאנדאן, און אז די פריווילעגירטע קלאסן פון דער דאזיקער שטאט, וועלכע האבן גע־לייענט וועגן די היימלאזע און אונטערדריקטע און פארצווייפלטע ארעמע לייט פון לאנדאן, וועגן דעם טומל און שרעק וואס זיי האבן ארויסגערופן אין דעם לאנדאנער איסט ענד, וואָרפנדיק ציגל־שטיינער אין די פענצטער פון דעם קארלטאן קלוב, — אז אט די פריווילעגירטע קלאסן אונזערע דארפן ניט זיין איבעראשט, ווען די זעלבע אורזאכן וועלן אויך דא ארויסברייגען א מענטשן־מאסע, וועלכע וועט מארשירן איבער מישיגען עוועניו און ווארפן א שטיין דורך'ן פענצטער פון דעם קאלומעט קלוב. איך האב געזאגט, אז דיזעלביקע אורזאכן וואס עקזיסטירן דא וועלן ארויסרופן דיזעלביקע רעזולטאטן. א רעפארטער פון איינער פון די מארגן־צייטונגען איז אריינגעקומען אין זאל נאכדעם ווי איך האב געענדיגט ריידן, און ער איז געזעסן אין זאל, און אף מארגן אין דערפרי האט ער דער־קלערט, אז סעמועל פילדן האט געזאגט, אז ער וועט אנפירן א המון מיט מענטשן איבער מישיגען עוועניו און ער אליין וועט ווארפן א ציגל־שטיין דורך'ן פענצטער פון דעם קאלומעט קלוב. און אף אזא מין עדות־זאגן ווי דאס דאזיקע בין איך דאס געפונען געווארן שולדיק אין מארד!

מען האט זיך פאררופן אף דעם באארד אוו טרייד מיטינג, און פון יענעם אינטעלעקטועלן קלאס מענטשן, די דעטעקטיווס, איז געמאכט געווארן א באהויפטונג, אז אין יענער נאכט האב איך גע־ראטן דעם עולם ארייגצוגיין אהין און געניסן פון זייער צוואנציק דאלארדיקן סאפער. דזשאנסאן אליין*), הגם ער איז ניט פון די זייער אמת'ע מענטשן, זאגט, אז ער האט ניט אנגעהויבן צו הערן אזא מין זאך. פאר דער אויפקלערונג פון די הערן, וועלכע האבן

*) א פינקערטאן־דעטעקטיוו, אן עדות פאר דער אנקלאגע.

אַרויסגעבראַכט דעם דאָזיקן אורטייל, ווייל איך זאָגן, אַז איך פֿאָדער זיי אַרויס צו געפֿינען איין איינציקן באַריכט פֿון יענעם מיטינג אין וואָס פֿאַר עס איז מאָרגן־צייטונג, וואָס אַנטהאַלט אַזאַ דערקלערונג, און אַלע היגע מאָרגן־צייטונגען האָבן געדרוקט באַריכטן פֿון יענעם מיטינג. זיי קומען אַהער און זאָגן אַזעלכע עדות, וואָס איז נאָך ערגער ווי זייערע מערקווירדיקע באַריכטן. קיין איין רעפּאָרטער אין די צייטונגען, וואָס זיינען דערשינען אין מאָרגן אין דערפֿרי, האָט ניט באַריכטעט, אַז איך האָב געזאָגט עפּעס פֿון דעם סאָרט. וואָס איך האָב יאָ געזאָגט בײַ יענער געלעגנהייט איז געווען, אַז די באָארד אָוו טרייד פֿון דער דאָזיקער שטאָט האָט געקריגן אַ היבש ביסל לויב־געזאַנג פֿון דער פּרעסע פֿון לאַנד פֿאַר דעם גרויסאַרטיקן בנין וואָס זיי האָבן אויפֿגעבויט, וואָו צו האַנדלען מיט די לעבנס־מיטלען פֿון׳ם פֿאָלק פֿון׳ם דאָזיקן לאַנד. עס איז דערקלערט געוואָרן, האָב איך געזאָגט, אַז אָט דער מאָנומענט פֿון אַרכיטעקטורעלער שענקייט האָט געקאָסט קרוב צו צוויי מיליאָן דאָלאַר. איך ווידערהאָל דאָס איצט, ווייל יעדער איינער וואָס האָט געלייענט די צייטונגען יענעם פֿרימאָרגן, וועט זיך דערמאָנען, אַז ער האָט געזען דעם דאָזיקן באַריכט. איך האָב גאָרנישט געזאָגט וועגן אַרייִנגיין אַהין. איך האָב דערקלערט, אַז די לויב־געזאַנגען, וואָס מען האָט געגעבן די דאָזיקע מענער, דאַרף ניט אַריבערגיין אָן אַ פּראָטעסט; אַז די אַרבעטער־קלאַסן, אויף וועמעס כּוחות, אויף וועמעס לעבנס־זאַפֿט די באָארד אָוו טרייד איז אויפֿגעבויט געוואָרן, זיינען גערופֿן געוואָרן צו יענעם מיטינג, כּדי צו פֿאַרהאַנדלען די דאָזיקע פֿראַגע, און צו אָרגאַניזירן אַ דעמאָנסטראַציע, וואָס זאָל מאַרשירן אַרום דער געבײַדע פֿון דער באָארד אָוו טרייד און זיי ווייזן, אַז ניט די גאַנצע שטאָט זינגט לויב־געזאַנגען צו זיי און זייערע געשעפֿטן; אַז עס איז דאָ פֿאַראַן אַן עלעמענט, וואָס האָט ניט קיין גוט וואָרט צו זאָגן פֿאַר באָארד אָוו טריידס. דאָס איז געווען אַלץ וואָס יענע רעדע האָט אַנטהאַלטן.

פֿיל איז דאָ געזאָגט געוואָרן וועגן די „אַמעריקען גרופּ" מיטינגען. אין פֿרילינג פֿון 1880 איז אַ דזשענטלמאַן געקומען אַהער פֿון וואַשינגטאָן און האָט בײַגעוואוינט אונזערע פֿאַרזאַמלונגען. ער האָט שטודירט די אַרבעטער פֿראַגע. ער האָט זיך צוגעהערט צו דעם וואָס מיר האָבן געהאַט צו זאָגן, און איז ניט איינפֿאַרשטאַנען געווען מיט אונזער שטאַנדפּונקט. איך האָב אים אַרויס־

געפאָדערט צו אן עפנטלאכער דיסקוסיע. ער איז געקומען און איז איינגעשטאנען אין דעם „פּאלמער הויז“, און דעם נעקסטן זונטיק האָבן מיר געהאט א דעבאטע וועגן די פּרינציפּן פון סאָציאליזם. ער האָט באהויפּטעט, אז דאָס זיינען ניט די מיטלען, דורך וועלכע דער צושטאַנד פון דער געזעלשאפט וועט באנייט ווערן, און איך האָב באהויפּטעט, אז דאָס זיינען יאָ די מיטלען. נאָכדעם ווי דער דאַזיקער פּראָצעס האָט זיך אָנגעפאנגען האָט יענער דזשענטלמאן געשריבן צו אונז א בריוו און אונז געלאָזט וויסן, אז ער איז וויליג צו קומען אהער אין געריכט און עדות זאָגן, אז אונזערע מיטינגען זיינען ניט געווען מיט דעם צוועק אויפצורייצן מענטשן צו רייאָט, נאָר איינפאך פאר דער דיסקוסיע פון עקאָנאָמישע פראגן. און דאָס איז געווען אלץ וואָס אונזערע מיטינגען האָבן באצוועקט. איך בין ניט אָנגעקלאָגט געוואָרן פאר אויפרייצן צו רייאָט. ווען איך וואָלט אָנגעקלאָגט געוואָרן פאר דעם, וואָלט איך געקענט אריינברייגען א היבש ביסל פון די דאָזיקע באווייזן געגן דער קלאָגע. צוואנציק מענטשן זיינען געווען אין דעם עדות־צימער, גרייט עדות צו זאָגן וועגן דעם באָארד אָוו טרייד מיטינג און וועגן דער שפּראָך וואָס איז באנוצט געוואָרן בא יענער און אנדערע געלעגנהייטן, וואו מיר האָבן גערעט. אָבער מיר האָבן געדענקט, אז מיר ווערן גע׳משפּט פאר מאָרד. מיר האָבן ערשט דערנאָך אויסגעפונען, אז מיר ווערן גע׳משפּט פאר אנארכיע, און דאָס איז געווען די אורזאַך וואָס מיר האָבן עס ניט געהאלטן פאר נייטיק צו בריינגען יענע מענטשן אַפן עדות־שטול. עס איז געווען א באזונדער אָנקלאָגע פאר אויפרייצן צו רייאָט, אזוי גוט ווי די אָנקלאָגע פאר מאָרד, און יענע דערקלערונגען פון אונזערע עדות וואָלטן געווען אָנגעאייגנט צוריקצושלאָגן די קלאָגע פון אויפרייצן צו רייאָט.

נאָך דער באָארד אָוו טרייד דעמאָנסטראציע זיינען מיר צוריקגעקומען צו נומער 107 פינפטע עוועניו, און מר. פּארסאָנס און שפּיז און איך האָבן גערעט פון׳ם פענצטער. איך האָב בא יענער געלעגנהייט געזאָגט די פּאַרזאמלטע, אז זיי האָבן געוויזן, אז זיי זיינען געגן באָארד אָוו טריידס; אז זיי האָבן פיליכט געשטערט די רו פון די באָארד אָוו טרייד מענער. איך האָב זיי געראָטן צו גיין אהיים און שטודירן פּאָליטישע עקאָנאָמיע און וויסן וואָס איז זייער פּאָזיציע אין דער געזעלשאפט, אָבער קיין איין וואָרט איז ניט געזאָגט געוואָרן, ראטנדיק זיי צו גיין צו מארשאל

פילד. אָבער עס איז זייער קלאָר, פאַרוואָס מען האָט דאָ אריינגע־בראכט אזויפיל עדות־זאָגעניש וועגן מאַרשאל פילד. דער פאַרמאַן פון דער דזשורי איז איינער פון מארשאל פילד׳ס סיילסלייט. ער איז געווען אָפּהענגיק פון אים פאר זיינע טעגלאכע שבירות; ער האָט געמוזט ארויפקוקן צו אים פאר פאַרצוג, פאר בעסערע באַ־דינגונגען. מען האָט דאָ אריינגעבראכט אן עדות וואָס איז דער־שינען פאר דער קאַראָנער׳ס דזשורי און האָט עדות געזאָגט, אז פאר דעם הײמארקעט מיטינג האָט ער אין קרעין׳ס עלי געהערט א געשפּרעך צווישן שפּיז׳ן און שוואב׳ן, און אף אזא׳ן אופן האָט ער זיי געבראכט פאר דער גרענד דזשורי, און מארשאל פילד האָט דעם דאָזיקן מאַן געגעבן א דזשאב. דאָס ווערט אריינגעבראכט באַם פּראָצעס פאר דעם דזשורי־מאַן, וועלכער איז אָפּהענגיק פון מאר־שאל פילד פאר זיין לעבן. ער האָט געגעבן א דזשאב דעם מאַן, וואָס האָט געמאכט אזא שעדלאָכע דערקלערונג פאר דער קאַראָ־נער׳ס דזשורי, כדי ארויסצוקריגן אונזער פאַראורטיילונג. נו, איז דאָס ניט איינפאך און קלאָר פאר יעדן איינעם פארוואָס מען האָט באַדאַרפט אריינברענגען דאָ אזויפיל רייד וועגן מארשאל פילד? ווען מען האָט געוויזן דעם אָנגעשטעלטן פון מארשאל פילד, וועל־כער זיצט אין דער דזשורי, אז זיין בעל הבית האָט געגעבן א דזשאב דעם הויפּט עדות געגן די אָנגעקלאָגטע, נאָכדעם ווי ער האָט עדות געזאָגט געגן זיי באַ דעם קאַראָנער׳ס אויספאָרשונג, איז דאָס ניט געווען א וואונק צו דעם דזשורי־מאַן וועגן דעם וואָס פאר א סאָרט אורטייל זיין בעל הבית וויל האָבן? באַ קיין שום געלעגנהייט, אויסער ווען עס האָט זיך געהאנדלט צו אילוסטרירן א געוויסן פּונקט, האָט קיינער אף אירגענד וועלכן סאָציאַליסטישן מיטינג וואָס איך האָב בייגעוואוינט ניט געראַטן קיינעם צו גיין צו מארשאל פילד און נעמען וואָס עס איז. מיר האָבן פּילייכט אָנגע־וויזן אף מארשאל פילד. באַ א מיטינג, אף דעם לייק פראָנט, האָב איך אָנגעוויזן אף דער פולמאַן געביידע דאָרט, כדי צו אילוסטרירן א געוויסן פּונקט; אויב מען זאָל ניט קענען באַנוצן קיין אילוסט־ראַציעס, דאַן וואָלט מען געמעגט פארבייטן די ענגלישע שפּראַך מיט פּאַטאָגאָניש. באַ דער גרויסער דעמאָנסטראַציע אין דעם מאַרקעט סקוועה, וואו עס האָבן זיך פארזאַמלט צען טויזנט מענ־טשן, איידער זיי האָבן מארשירט צו אָגדען׳ס גראַוו, — דאָרט האָבן פּאַרסאָנס און איך גערעט, און איך האָב זיי אויסדריקלאך געזאָגט,

אז די סאָציאַליסטן זוכן ניט די פאַרניכטונג פון אייגנטום און דאס בארויבן פון הייזער. איך האָב זיי דאס מער ווי איינמאָל געזאָגט.

די מיטינגען פון דער „אמעריקאַנער גרופּע“ זיינען געווען פאַר דעם צוועק צו דיסקוטירן איבער פאַרשידענע פראַגן. פאַרשטייט זיך, אין דער דיסקוסיע האָבן די פּערזאָנען אף די פאַרשידענע זייטן שטענדיג געפּריידיקט זייערע אייגענע אנזיכטן; דערפאַר זיינען די מיטינגען געווען מיט דעם צוועק צו פּריידיקן און דיסקוטירן וועלכע ס׳איז אידייען, און פילע מענטשן פון פאַרשידענע ריכטונגען און מיינונגען זיינען געווען בא די דאָזיקע פאַרזאמלונגען, און זיי וויסן, אז עס זיינען ניט געהאלטן געוואָרן קיין מיטינגען פון דער „אמעריקאַנער גרופּע“ פאַר דעם צוועק פון פּראַט אדער אויפרייצן צו רייאָט. איר האָט אפשר ווי עס איז רעכט געמאכט בא די דאָזיקע צוועלף דזשורי־לייט, אז עס איז געווען אזא צוועק, אבער די מענטשן אף דרויסן וויסן, אז עס איז ניט געווען אזוי.

אין דער נאַכט פון דעם 4טן מאַי בין איך געגאַנגען צו א ספּעציעלן מיטינג, אין 107 פינפטע עוועניו, און עס איז געווען נייטיק אז איך זאָל גיין אהין, וואָרים איך בין געווען דער קאַסיר פון דער אָרגאַניזאציע; ווען ניט דאס וואָלט איך ניט געווען באם היימאַרקעט מיטינג. דעם זונטיק פאר דעם האָב איך אין נומער 54 וועסט לייק סטריט געטראָפן א מאַן, וועלכער האָט מיר דערציילט, אז ער איז געווען אף א מיטינג פון דער טרייד און לייבאָר אסעמבלי, און אין יענער צייט איז דער אָרגאַניזאטאָר פון דער סענטראַל לייבאר יוניאָן צוגעקומען צו מיר און מיך געבעטן צו ריידן דינסטיק באַנאכט אין וואָרקינגמענס האָל, נומער 376 וועסט צוועלפטע סטריט. איך דענק, אז איך האָב צוגעשטימט צו גיין אהין. מאָנטיק באַנאכט בין איך געווען אין 54 לייק סטריט, וואו איך האָב גערעדט פאר די וואָגען־מאכערס, און בין אוועק אהיים; דינסטיק בין איך דעם גאַנצן טאָג געווען אויסער דער שטאָט. איך בין ארויסגעפאָרן צען מייל ווייט אין קאַונטרי אלס עקספּרעס־מאַן, דאָס געשעפט, מיט וואָס איך האָב זיך פאַרנומען, פאַרפירנדיק די ארבעטער און מאַכנדיק געלט פון זיי! איך בין געווען אויסער דער שטאָט יענעם גאַנצן טאָג און איך האָב ניט געקענט וויסן פון וועלכע עס איז אראנזשירונגען פאר דער פאַרזאמלונג אף דעם היימאַרקעט, ביז איך בין געקומען אין נומער 107 פינפטע עוועניו, ארום אכט אזייגער אין אָוונט. איך האָב געזאָלט גיין צו דעם

אנדערן מיטינג, אבער ווי אזוי קליינע זאכן ענדערן אזוי שטארק דעם לויף פון א מענטשנס לעבן! בלויז דער פאקט וואס איך האב געזען אן אנאנסע אין דער „ניוס" וועט פאראורזאכן מיין טויט, ווארים ווען איך וואלט עס ניט געזען, וואלט איך ניט געגאנגען. איך בין ניט באגאנגען קיין אנדער פארברעכן, און איך האב ניט קיין שום וויסן אדער אבזיכט פון באגיין פארברעכן, מער ווי איך האב געהאט, ווען איך בין יענעם טאג געזעסן אף מיין וואגן. עס איז דא אף א שארפזיניקן אופן באטאנט געווארן, אז די „אמעריקאנער גרופע" האט זיך קיינמאל פריער ניט פארזאמלט דארט, מיינענדיק דערמיט צו געבן צו פארשטיין דער דזשורי, אז זיי זיינען געגאנגען אהין מיט דעם צוועק פון א פארשווערונג. דער אמת איז אבער, אז די גרופע האט מער ווי איין מאל אפגעהאלטן אירע מיטינגען דארט, און עס זיינען געווען פילע אורזאכן, פארוואס אן ערלאכער מענטש זאל אננעמען, אז איר מיטינג דארט אין יענער נאכט איז ניט געווען פארדעכטיק, ווייל אלע זאלן אין גרייפ'ס געביידע זיינען געווען פארנומען נאך מיט א צייט פריער. אפילו ווען עס וואלט אמת געווען, אז די „אמעריקאנער גרופע" האט זיך פריער קיינמאל ניט פארזאמלט אין 107 פינפטע עוועניו, איז דאס וואס אין גרייפ'ס איז ניט געווען קיין פרייער האל פאר זיך אליין א גענינגענדע און א פארשטענדלאכע אורזאך. איך האב געוויזן דער דזשורי א צירקולאר, אין וועלכן מען האט גערופן די ארבעטער־פרויען זיך צו ארגאניזירן, און צוליב דער דאזיקער אורזאך בין איך דאס גערופן געווארן צו דעם מיטינג אין נומער 107 פינפטע עוועניו, אין דער נאכט פון דעם 4טן מאי; און נאכדעם ווי ראו איז צוריקגעקומען פון'ם היימארקעט, האט ער געזאגט, אז דארט איז ניטא קיין אנדער רעדנער אחוץ שפיז'ן און א גרויסער עולם. דאס איז גענוג צו ווייזן, אז שפיז האט געוואוסט, אז איך בין געווען אין נומער 107.

דער הער ריכטער האט דא זייער אפט ווידערהאלט מיין היימארקעט רעדע, און עס קוקט אויס אזוי ווי דאס וואלט געווען א ווייכער, געשמאקער ביסן אונטער דער צונג פון די וואס זיינען פאראינטערעסירט אין דער דאזיקער פאראורטיילונג. בא יענער געלעגנהייט האב איך דערציילט, אז מר. פאראן האט געהאלטן א רעדע אין הויז פון קאנגרעס. איך באהויפט דא, אז עס איז ניטא קיין איין מענטש וואס פארשטייט די ענגלישע שפראך, וועלכער

וועט ניט זאָגן, אז עס איז געווען מער דראָהונג, מער גוואלט, מער אויפרייצונג צו רייאָט אין דער רעדע פון פאָראן, איידער אין דעם וואָס איז געזאָגט געוואָרן יענע נאכט אף דעם היימארקעט. פאָראן׳ס רעדע איז פארעפנטלאכט געוואָרן אין שיקאגא. ריידנדיק וועגן דעם ארביטריישאן ביל האָט ער געזאָגט, אז עס איז נוצלאָז פאר די ארבעטער פון דעם דאָזיקן לאנד צו דערווארטן א הילפס-מיטל פאר זייערע קריוודעס דורך געזעצגעבונג. ער האָט געזאָגט ווייטער: „בלויז דאן ווען די רייכע לייט פון דעם דאָזיקן לאנד וועלן פארשטיין, אז עס איז געפערלאך פאר זיי צו לעבן אין א געזעלשאפט, וואו עס זיינען פאראן אומצופרידענע ארבעטער, דאן און נאר דאן וועט די ארבעטער פראגע זיין געלייזט". ניטאָ גאָרנישט אין די רעדעס פון דעם היימארקעט, וואָס איז אזוי גוואלטיק ווי דאָס. וואָס וואָלט מען געזאָגט איבער׳ן גאנצן לאנד, ווען די פאָליציי פון וואשינגטאָן וואָלט אריין אין דער קאמער פון קאָנגרעס און צוטריבן אלע קאָנגרעס-לייט צוליב דעם וואָס פאָראן האָט געזאָגט? וואָלט דאס וואו עס איז בארעכטיקט געוואָרן?

מען האָט דאָ באהויפטעט, אז עס איז געווען צוליב דער גוואלטיקייט פון פילדן׳ס רעדע וואָס די פאָליציי איז ארויסגערופן געוואָרן. איך וואָלט פארגעלעגט פאר יענע, וועלכע מאכן אָט די באהויפטונג, אז זיי זאָלן איבערלייענען די דערקלערונגען וואָס זיינען אָפּגעגעבן געווארן בא דעם קאָראָנער׳ס אויספאָרשונג פון דעטעקטיווס און פאָליסלייט, וועלכע האָבן דאָרט עדות געזאָגט. ס׳איז קוים געווען איינער פון זיי וואָס האָט געוואוסט א וואָרט פון דעם, וואָס פילדן האָט געזאָגט; אָבער עפּעס מוז דאָך געטאָן ווערן צו פארהאלטן פילדן׳ן. זיי האָבן געוואוסט, אז זיין דערקלערונג פאר דעם קאָראָנער איז געווען אמת. די אָנקלאָגע האָט עס געוואוסט. זיי מיט זייערע דעטעקטיווס האָבן, אָן צווייפל, געמאכט אויספאָרשונגען, זיך נאָכגעפרעגט, און זיי האָבן געוואוסט, אז ער האָט גאָרנישט געטאָן. דערפאר מוזן זיי פאָרלעגן די דאָזיקע רעדע פאר דער דזשורי און טענה׳ן, אז דאָס איז דאס געווען די אורזאך וואָס האָט ארויסגעבראכט די פאָליציי. אין די דערקלערונגען וואָס זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן פאר דעם קאָראָנער׳ס דזשורי, איז ניט געווען קיין וואָרט וועגן דעם, און עס איז ניט ארויסגעבראכט געוואָרן בא דעם קאָראָנער׳ס דזשורי ביז איך האָב געמאכט מיין דערקלערונג דאָרט, און דאס איז געווען די לעצטע דערקלערונג וואָס

איז דאָרט געמאכט געוואָרן. קאָראָנער הערץ האָט געפרעגט: „האָט איר דאָס געזאָגט?“ קיין מענטש האָט ניט געוואוסט, צי איך האָב דאָס געזאָגט, ביז איך האָב עס אליין צוגעגעבן. באָנפילד האָט ניט געוואוסט, אז פילדן האָט געזאָגט עפּעס פון דעם סאָרט, און ער האָט ניט עדות געזאָגט וועגן דעם. קעפּטען וואָרד האָט אויך ניט געוואוסט.

עס זיינען פאראן פילע מערקווירדיקע זאכן וועגן אָט דער קאָראָנער'ס אויספאָרשונג. עטלאכע פּאָליסלייט און צוויי דעטעקטיווס האָבן דערקלערט, אז ווען איך בין ארונטער פון'ם וואָגן האָב איך אויסגערופן: „דאָ קומען די בלוט־הינט; איר טוט אייער פליכט און איך וועל טאָן מיינע.“ א לייטענאַנט מיט א זייער אינטעליגענטן פּנים האָט דאָ געשוואָרן, אז ווען די פּאָליציי איז צוגעקומען צו דעם קרייץ־וועג, א האלבן בלאָק ווייט, האָט ער געהערט ווי פילדן האָט געזאָגט: „אָט קומען זיי, די בלוט־הינט; איר טוט אייער פליכט און איך וועל טאָן מיינע.“ ער האָט געשוואָרן דאָ — און איך דענק, אז דער פאקט וואָס א פּאָליציסט האָט געקענט געבראכט ווערן דערצו צו שווערן פאלש און זאָגן אזא אויגנשיינלאכן ליגן ווי דעם דאָזיקן, מוז זיין עקלהאפט פאר יעדן אינטעליגענטן מענטשן — אז ווען זיי זיינען צוגעקומען צום וואָגן, און קעפּטן וואָרד האָט געהייסן פאנאנדערלאָזן די פארזאמלונג, האָב איך, שטייענדיק אפן וואָגן, קאלטבלוטיק ארויסגעצויגן א רעוואָלווער און געשאָסן אַף באָנפילד'ן און וואָרד'ן. באָנפילד האָט געזאָגט, אז ער האָט מיך געקענט אָנרירן מיט זיינע הענט, ווען איך בין ארונטער פון'ם וואָגן, און וואָרד האָט געזאָגט די זעלבע זאך, און זיי האָבן עס ניט געזען. ווען מען האָט געפרעגט ליוטענאַנט סטיעל, צי ער האָט מיך געזען שיסן, אדער צי ער האָט געהערט, ווי איך האָב געזאָגט: „דאָ קומען די בלוט־הינט; איר טוט אייער פליכט און איך וועל טאָן מיינע“, האָט ער אַף א זייער באַדייטונגספולן אופן געענטפערט: „איך וועל ניט זאָגן קיין אנדער זאך, נאָר דאָס וואָס איך וויים.“ ער איז געשטאנען באם הינטערשטן עק פון'ם וואָגן, וואו ער האָט מיך געקענט אָנרירן, און ער זאָגט: „איך האָב ניט געהערט אזעלכע ווערטער.“ וועסלער האָט דערקלערט, אז ער איז אריבערגעלאָפן איבער'ן טראָטואר, און ווען ער איז צוריקגעקומען האָב איך געשאָסן אַף דער פּאָליציי. ער באהויפּטעט, אז ער האָט מיך געשאָסן, און ער ברענגט פּאָלי'ן, וועלכער איז, לויט זיין

באהויפּטונג, אריבערגעלאָפן מיט אים דעם טראָטואַר און איז צו־ריקגעקומען מיט אים. — אָט דעם פאָלי׳ן ברייננט ער צו באשטע־טיקן דעם פאַקט, אז פילדן איז געשטאַנען אפן וואָגן און האָט גע־שאָסן אף די פּאָליסלייט, ווען זיי זיינען צוריקגעקומען, און אז ער האָט מיך געשאָסן, בעת איך בין געשטאַנען הינטער׳ן ראַד, אפן טראָטואַר. ער זאָגט: „פילדן האָט זיך געקאַטשעט אונטער׳ן וואָגן, נאָכדעם ווי ער איז געשאָסן געוואָרן.״ פאָלי זאָגט, אז דער מאַן, וועמען וועסלער האָט געשאָסן אפן וואָגן, איז געלעגן אונטערן וואָגן צווישן די צוויי פאָדערשטע רעדער, א ראָד אף יעדער זייט. ווען עס וואָלט געווען א ריכטיגע, אומפּאַרטייאישע חזשורי, וואָלט זי וועמען עס איז געפונען שולדיק אף אזא מין עדות־זאָגעריי?

קריגער, וועלכער באהויפּטעט אז ער האָט דאָרט געהאַט א דועל מיט מיר, זאָגט, אז ווי איך בין נאָר ארונטער־געשפּרונגען פון וואָגן בין איך צוגעלאָפן צו אים און גענומען שיסן אף אים, און אז ער האָט מיך געשאָסן, בעת איך בין אריינגעלאָפן אין געסל. און דאָך האָב איך געשאָסן אף די פּאָליסלייט, ווען זיי זיינען געקומען צו לויפן צוריק פון דער אנדער זייט סטריט, און איך בין געשאָסן געוואָרן פון וועסלער׳ן, ווי זיי זאָגן, נאָך זייער צוריק־קומען. אָט דער אנדער מאַן באהויפּטעט, אז ער האָט מיך געשאָסן, בעת איך בין אריינגעלאָפן אין געסל. דערנאָך קומט דער אמת׳דיקער דזשיימס באָנפילד, וועלכער דערציילט, אז ער האָט זיך פאַר׳גנב׳עט ארום דעם קאָרידאָר פון׳ם סענטראַל סטיישן געפענגניש, אין דער נאַכט פון׳ם 5טן מאַי. ער האָט זיך פאַרשטעקט, זאָגט ער, אין א באהאַלטענעם אָרט בא דער וואַנט, וואו פילדן האָט אים ניט גע־קענט זען, און ער האָט זיך צוגעהערט צו א געשפּרעך צווישן פילדן און די רעפּאָרטערס נאַקס און גרעהעם. ער ווערט געבראַכט צו באשטעטיקן די דערקלערונג פון קריגער, אז פילדן איז אריינגע־לאָפן אין געסל. ער באהויפּטעט, אז ער האָט געהערט ווי פילדן האָט זיך מודה געווען פאַר די רעפּאָרטערס, אז ער איז דורכגעלאָפן דורך׳ן געסל. די אָנקלאָגע ברייננט דעם רעפּאָרטער נאַקס אפן עדות־שטול. מען האָט ניט געבראַכט גרעהעם׳ן, נאָכדעם ווי מען איז פאַרטיק געוואָרן מיט נאַקס׳ן. מען האָט געפרעגט נאַקס׳ן: „האָט פילדן אייך געזאָגט, אז ער איז דורכגעגאַנגען דורך׳ן געסל?״ — „ניין״, האָט ער געענטפערט: „ער האָט געזאָגט, אז ער איז צוגעגאַנגען צום קאָרנער.״ נו, קיינער וואָלט דאָס

ניט געזאָגט, ווען ער וואָלט אריין אין געסל, ווייל דער וואָגן איז געשטאַנען הארט באם געסל, און דער קאָרנער האָט גע־מיינט דער קאָרנער פון רענדאָלף סטריט. איך האָב ווירקלאך גע־זאָגט, אַז איך בין אוועק צום קאָרנער, נאָכדעם ווי איך בין דורכ־געגאנגען דאָס געסל. דאָס באווייזט, אַז אימיצער האָט דא ליגן געזאָגט. מען האָט ניט געבראכט גרעהעם׳ן צו אונטערשטיצן די דערקלערונג פון דזשיימס באָנפילד. איך בעט אירגענד וועלכן רעכט־דענקנדן מענטשן צו באטראכטן אָט די גאנצע עדות־זאָגריי; צו באטראכטן, צי א רעכט־דענקנדע, אומפארטייאישע חזשורי וואָלט געקענט איבער יעדער פראגע פון צווייפל זאָגן, אַז פילדן האָט געשאָסן אף יענער מחנה פון פּאָליסלייט.

דאָס איז אלעם וואָס איך האָב צו זאָגן וועגן דער דאָזיקער פראגע. אָבער זאָגאר די ערגסטע צייטונג אין דער שטאָט שיקאגא האָט צוגעגעבן פאר דער אָפּשליסונג פון דעם דאָזיקן פראָצעס, אַז עס איז זייער א שטארקער צווייפל, צי פילדן האָט דאָרט אָפּגע־פייערט א שאָס, צי ניט, אדער צי ער האָט ווען עס איז אויסגע־שריען: „איר טוט אייער פליכט און איך וועל טאָן מיינע; דאָ קומען די בלוט־הינט."

לאָמיר אצינד שטעלן א היפּאָטעטישע פראגע: אָנגענומען, אַז איך האָב געזאָגט עפּעס, וואָס וואָלט געקענט אויסגעטייטשט ווערן ווי אן אויפרייצונג צו רייאָט, אבער אויב, ווען די פּאָליסלייט זיינען געקומען אהין, האָב איך געטאָן אלץ וואָס א מענטש קען טאָן, אַז די פארזאמלטע זאָלן זיך פונאנדערגיין פרידלאך, אויס־פירנדיק געהאָרכזאם דעם פארלאנג פון קעפּטן וואָרד פונאנדערצו־לאָזן דעם מיטינג — און עס איז ניטאָ קיין אנדער באהויפּטונג ווי די דאָזיקע, וועלכע ווערט ווידערשפּראָכן פון דעם פּראָקוראָר׳ס טענה געגן מיר, און אַז איך האָב קיין שום זאך ניט געטאָן, נאָר איך בין אוועקגעגאנגען פרידלאך — וואָלט א רעכטדענקנדע, אומפאר־טייאישע דזשורי געקענט מיך געפינען שולדיק? איר וועט זיך דערמאָנען, אַז דער רעפּאָרטער פרימאן — און פרימאן איז אן עדות פאר דער אָנקלאגע — וועלכער איז געשטאַנען אף די קני אפן טראָ־טואַר, אן ערך דריי פוס פון׳ם ראָד, וואו איך האָב, ווי עס ווערט באהויפּטעט, געשאָסן אף די פּאָליסלייט,—אָט דער פרימאן שווערט פּאָזיטיוו, אַז קיינער איז ניט געווען בא יענעם ראָד. עס ווערט צוגעגעבן פון פּאָלי׳ן און וועסלער׳ן, אַז צוויי יונגע מענער זיינען

געשטאנען דארט בא דער וואנט פון קרעין'ס פאבריק, כמעט אנט־קעגן דעם וואגן. יענע צוויי מענער זיינען געקומען אהער פרייוויליק און האבן געשוואוירן, אז קיינער האט ניט געשאסן פון יענעם פלאץ; און דער פראקוראר אין זיין שלוס־רעדע גיט פאקטיש צו, אז עס איז צווייפלהאפט, צי דאס דאזיקע עדות־זאגן איז דער אמת. ער האט געזאגט, אויב פילדן „האט ניט געשאסן אף דער פאליציי, דאן איז ער ניט געשאפן פון אזא גוטן שטאף, ווי איך האב גע־דענקט ער איז“, וואס מיינט, אויב פילדן האט ניט געשאסן, דאן איז ער ניט קיין מאן. ער וואלט עס באדארפט טאן, ווען ער וואלט ניט געווען קיין לא יוצלח. דאס איז ניט געפעלשט, ס'איז ניט נעפארבט. איז דאס ניט אזוי שטארק ווי עס וואלט נאר געקענט זיין געגן דער מעגלאכקייט, אז איך זאל האבן דארט געטאן עפעס פון דעם סארט? נו, אויב איך האב דארט ניט געשאסן, אויב איך האב ניט אויסגערופן צום עולם: „דא קומען די בלוט־הינט; איר טוט אייער פליכט און איך וועל טאן מיינע“, און אויב, ווי עס האבן עדות געזאגט באנפילד, סטיעל און ווארד, איך בין אוועק־געגאנגען פרידלאך, געבנדיק א ביישפיל צו די פארזאמלטע, — אויב אימיצער אנדערש נעמט און באגייט א מארד, בין איך פאר־אנטווארטלאך פאר זיין אקט? מר. ווארד וועט באשטעטיקן מיינע רייד, ווען איך זאג, אז איך האב ניט געהאט קיין וואונטש, אז יענער מיטינג זאל זיין עפעס אנדערש ווי פרידלאך, און אז עס זאל זיין וואס פאר עס איז ווידערשטאנד געגן די פאליציי־באאמטע. ווען עס וואלט דא ניט געווען קיין אבזיכט, אז איך זאל פארבונדן ווערן מיט אן אקט פון דעם סארט, און דורך די דאזיקע מיטלען, דאן וואלטן די צייטונגען פון שיקאגא אנגערופן פילד'ן א פייגלינג, וועלכער אנטלויפט באם ערשטן אנבליק פון דער פאליציי. אבער ניין. זיי הויבן מיך אויף צום סאמע שפיץ פון דרייסטקייט, כדי מיך צו הייננען.

איך גלויב ניט, צי עס איז ווען געווען א פארברעכער וואס איז אויפגעפאדערט געווארן צו דערקלערן, פארוואס די טויט־שטראף זאל ניט אויסגעפירט ווערן איבער אים, ווען עס איז געלונגען צו איבערצייגן דעם ריכטער, אז דער אורטייל זאל ניט באשטעטיקט ווערן. איך דערוווארט ניט, אז אט דער פאל מיינער וועט זיין וואס פאר עס איז אויסנאם פון'ם כלל. איך קאן בלויז אננעמען, אז די אורזאך פארוואס דאס ווערט פארלאנגט פון יעדן

אַנגעקלאָגטן איז, אַז נאָכדעם ווי אים האָט זיך ניט איינגעגעבן צו
איבערצייגן די דזשורי וואָס האָט אים גע׳משפט, זאָל ער קאָנען
פאַרלייגן זיינע טענות פאַר דער גרויסער דזשורי, וועלכע וועט אים
משפט׳ן ווען ער וועט שוין מער ניט זיין אַף דער וועלט, און איר
איבערצייגן, אַז ער איז אומשולדיק. איך האָף, אַז מיר וועט געלינ-
גען צו איבערצייגן די לעצטע, די גרויסע דזשורי, הגם עס האָט זיך
מיר ניט איינגעגעבן מיט דער ערשטער, מיט דער דזשורי וואָס
האָט מיך דאָ גע׳משפט. זיך שטיצנדיק אַף אַ פאַרנינפטיקער
אויסטייטשונג פון דער שפּראַך וואָס איך האָב באַנוצט אַפן היי-
מאַרקעט, און וועלכע איך האָב צוגעגעבן אַז איך האָב זיך באַ-
נוצט מיט איר, און עס איז ניטאָ קיין איינער פון די וואָס זיצן דאָ
אַף דער זייט פון׳ם פּראָקוראָר, וועלכער וועט באַהויפּטן, אַז איך
האָב ארויסגעוויזן וואָס פאַר עס איז פאַרלאַנג אָפּצולייקענען דאָס
וואָס איך האָב געטאָן, — זיך שטיצנדיק אַף דעם באַהויפּט איך,
אַז אַלצדינג וואָס איך האָב געטאָן איז געווען אָפן און אויפריכ-
טיק. אויב עס איז פאַראַן עפּעס אַף דער וועלט, וואָס איך האָב
געהאסט זינט איך בין געקומען צו מיין פאַרשטאַנד, איז דאָס גע-
ווען באַטרוג. ווען איך וואָלט געווען אַ באַטריגער, וואָלט איך גע-
קאָנט זיין ערגעץ אַנדערש היינט־צו־טאָג.

איך בין באַשולדיקט געוואָרן, אַז איך האָב געזאָגט: „טהראָטל
דהי לאָאָ!“ (דערשטיקט דאָס געזעץ!). איר, געערטער ריכטער,
וועט דאָך ניט פאַרגעסן, אַז איך האָב ציטירט פון פאַראַן׳ס רעדע,
ווען איך האָב דאָס געזאָגט, און עס איז געווען אַ דעדוקציע, אַנ-
נעמנדיק אַז פאַראַן האָט גערעט דעם אמת. אויב עס איז אמת, ווי
פאַראַן זאָגט, אַז מען קאָן גאָרנישט האָבן פון געזעץ־מאַכעריי —
און געזעצן, איז דאָך אַנגענומען, ווערן געמאַכט פאַר די אינטע-
רעסן פון׳ם כלל, פון דער געזעלשאַפט — אויב עס איז ניט פאַר
די אינטערעסן פון דער געזעלשאַפט, אַרבעט עס זיכער געגן יענעם
טייל פון דער געזעלשאַפט, וועמעס אינטערעסן עס דינט ניט.

עס קאָנען ניט געמאַכט ווערן קיין געזעצן וואָס זאָלן ניט
באַרירן וועמען עס איז אַף וואָס פאַר עס איז באַזונדערן אופן. עס
מוז זיי באַרירן אַף יוואָס פאַר עס איז אופן. נו, אויב מען קאָן גאָר-
נישט האָבן פון געזעץ־מאַכעריי, און הונדערטער מענטשן ווערן
באַצאָלט יעדעס יאָר צו מאַכן געזעצן פאַר דער געזעלשאַפט, איז
דאָך דאָס אַ פון פאָרויס־באַשטימטער פאַקט, און קיינער קאָן ניט

באשטרייטן די לאגיק דערפון, אז אויב יענער טייל פון דער געזעלשאפט, וואס ציט ניט קיין נוצן פון דער געזעצמאכעריי, זאל ניט דערשטיקן דאס געזעץ וואס מאכט די דאזיקע געזעץ־מאכעריי, וועט עס זיי דערשטיקן. דאס ווארט „טהראטל“ איז אנגענומען צו זיין א שרעקלאך ווארט. עס וואלט ניט געווען קיין איין מענטש דא אין שטאט, וואס וואלט באהויפט אז דאס איז א שלעכט ווארט און אז מען קאן זיך דערמיט ניט באנוצן, ווען די באמבע וואלט ניט געווארפן געווארן אין דער נאכט פון'ם 4טן מאי. ס'איז א ווארט וואס ווערט אפט באנוצט, מיינענדיק אפשאפן; ווען איר נעמט אוועק די מעטאפארן, די בילדלאכע ווערטער פון דער ענגלישער שפראך, דאן האט איר גאר קיין שפראך ניט. ס'איז ניט קיין מוז, הער ריכטער, אז דערפאר וואס א מענטש זאגט „דערשטיקט דאס געזעץ“ מיינט ער דערמיט „דער'הרג'עט די פאליסלייט“. ס'איז ניטא אזא נויטווענדיקע פארבינדונג. ווען איך זאל אשטייגער ראטן איינעם צו טויטן פיל. ארמאר, וואלט איר גערדרונגען דערפון, אז איך האב געראטן אימיצן צו טויטן זיין דינער אדער אימיצן וואס ארבעט בא אים? איך האב גערעט וועגן די דאזיקע געזעצן, וועלכע קאנען ניט ברייינגען קיין נוצן די ארבעטער־קלאסן, און וועלכע פאראן האט דערמאנט. נו, פאליציי־לייט זיינען בכלל ניט קיין מענטשן פון א זייער הויכן אינטעלעקט. זיי זיינען ניט קיין מענטשן, וועלכע דארפן אין וואס פאר עס איז ציוויליזירטער געזעלשאפט געמאכט ווערן פאר די צענזארן פון רעדעס אדער פון דער פרעסע. אויב איך האב אין יענער נאכט געברויכט א שפראך, וואס וואלט געקאנט אף א פארנינפטיקן אופן אויסגעטייטשט ווערן אלס אויפרייצנדיק, ווי אזוי קומט עס וואס יעדער עדות אף ביידע זייטן פון דעם דאזיקן פראצעס האט דערקלערט, אז די פארזאמלונג איז אנגעגאנגען רואיקער און פרידלאכער אין פארלויף פון דער צייט וואס איך האב געהאלטן מיין רעדע? דאס באווייזט דאך גאנץ זיכער, אז די פארזאמלטע האבן מיין רעדע ניט פארשטאנען ווי אן אויפרייצונג צו רייאט, און אז עס האט ניט אנגעהויבן צו האבן אזא ווירקונג אפן מיטינג.

ווען האריסאן איז אוועק פון מר. באנפילד האט ער, לויט ווי זייביידע דערקלערן, געזאגט צו באנפילד'ן: „איך דיינק, אז עס איז ניטא קיין געפאר. עס וועלן ניט פארקומען קיין אומרוען“. און באנפילד האט געזאגט: „איך וועל יעדנפאלס האלטן די פא־

ליציי דאָ און זען, צי עס וועלן פּאַרקומען וועלכע ס'איז אומרועןʺ.
דאָס ערות־זאָגן בנוגע דעם כאַראַקטער פון דעם מיטינג ווייזט, אַז
ער איז געוואָרן אַלץ רואיקער אין פאַרלויף פון דער צייט וואָס
פילדן האָט געהאַלטן זיין רעדע. וואו איז אַלזאָ געווען די געפאַר,
וואָס האָט באַרעכטיקט דאָס אָנשיקן פון צוויי הונדערט באוואָפנ־
טע פּאָליסלייט אויף דער פאַרזאַמלונג? ווען איך וואָלט אפילו
געזאָגט עפּעס וואָס האָט ניט געדאַרפט געזאָגט ווערן — עפּעס
וואָס וואָלט געווען אַן אויפרייצונג צו רייאָט, דאַן איז נאָך אַלץ ניט
געווען קיין נויטווענדיקייט פאַר די דאָזיקע פּאָליסלייט צו פּראָ־
וואָצירן א רייאָט יענע נאַכט, ווייל עס איז ניט געווען קיין שום
אָנדייטונג, אַז עס וועלן פּאַרקומען אומרוען. די אָנקלאַגע האָט
קיינמאָל ניט באַהויפּטעט, אַז מיר האָבן געהאַט וואָס פאַר עס איז
שייכות מיט דעם קלאַנג וועגן דער מעגלאַכער אויפרייסונג פון דעם
פּראַכט־הויז. זיי האָבן געקאָנט לאָזן, אַז דער מיטינג זאָל זיך פּאַ־
נאַנדערגיין פון זיך אַליין, אויף א פרידלאַכן אופן, און זיי האָבן
געקאָנט קומען צו מיר אהיים און מיך אַרעסטירן פאַר דער אויפ־
רייצנדער שפּראַך, אויב אזא שפּראַך איז פון מיר באַנוצט געוואָרן.
עס איז ניט געווען קיין נויטווענדיקייט צו פּראָוואָצירן א צוזאַמענ־
שטויס יענע נאַכט, ווייל עס איז באַוויזן געוואָרן מיט אַלע ראיות,
אַז דאָס איז ביז'ן סאַמע סוף געווען א פרידלאַכע פּאַרזאַמלונג, און
איך באַהויפּטע, אַז די שפּראַך, אויסגעטייטשט אויף א פאַרנינפטיקן
אופן, איז ניט נויטווענדיקערוויז געווען אויפרייצנדיק. א היגע
צייטונג דיסקוטירט איצט די פּראַגע וועגן דעם קוילן־מאָנאָפּאָל,
ווי עס ווערט אָנגערופן — דאָס איז פּילייכט אַן אויפרייצנדע
שפּראַך. די קאָנסטיטוציע פון די פאַראייניקטע שטאַטן, אַזוי
ווייט ווי איך ווייס, האָט קיינמאָל ניט קלאָר און דייטלאַך דעפּי־
נירט וואָס אַזוינס איז אַן אויפרייצנדע שפּראַך. ווען זי וואָלט דאָס
געטאָן, וואָלט איך זיך אינפאָרמירט וועגן דעם וואָס דאָס איז
אַזוינס, און איך וואָלט געזוכט זיך צו האַלטן אין די גרעניצן פון
דער דעפּיניציע.

(דאָ איז דער פאַרהער אָפּגעלייגט געוואָרן ביז צוויי אַזייגער
נאָכמיטאג. ווען דאָס געריכט איז זיך ווידער צוזאַמענגעקומען,
האָט פילדן פּאַרטגעזעצט זיין רעדע.)

הער ריכטער: ווען די געריכט־זיצונג איז אָפּגעלייגט געוואָרן
פאַר דינער האָב איך גערעדט צו אייך וועגן דעם באַראַמטער פון

יענעם מיטינג און אז עס איז ניט געווען קיין באַרעכטיקונג איס איבערצורייסן. איך האָב געפּרואווט אייך אָנדייטן און אייך באַ־ווייזן דורך די דערקלערונגען פון די עדות, אז עס איז געווען א פרידלאַכע פאַרזאמלונג; אז אין דער האַלטונג און אויפפירונג פון די פאַרזאַמלטע איז ניט געווען קיין שפּור פון א וואונטש צו באַגיין וואָס פאַר עס איז אַקט, פאַר וועלכן זיי וואָלטן באַדאַרפט אַרעס־טירט און באַשטראָפט ווערן. איך האָב אייך געגעבן מיין ווערסיע פון דעם זאַץ „דערשטיקט דאָס געזעץ". איך האָב אייך געזאָגט, אז דאָס איז געווען א רעדוקציע, באַזירט אויף א השערה, און אז דאָס איז, לויט מיין מיינונג, געווען א לאָגישע רעדוקציע, אז אויב געזעצן וואָס ווערן געמאַכט פאַר דער געזעלשאַפט קאָנען ניט ברייג־גען קיין נוצן איין קלאַס פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט, דאַן איז דאָס אין די אינטערעסן פון יענעם קלאַס, אז די געזעצן זאָלן אָפּ־געשאַפט ווערן און די געזעץ־מאַכעריי זאָל אויפהערן. איך אַליין דאַרף דאָך וויסן וואָס איך האָב געמיינט. איר, הער ריכטער, האָט צוגעלייגט אן אויסטייטשונג צו דעם אויסדרוק „דערשטיקט דאָס געזעץ", אז דאָס האָט געמיינט צו טויטן די פּאָליסלייט, מחמת זיי זיינען די דינער פון׳ם געזעץ; און אז דערשטיקן דאָס געזעץ האָט ניט געקאָנט מיינען דאָס וואָס איך האָב געזאָגט אין ווערטער־לאַכן זין, ווייל דאָס איז ניט קיין ממשות׳דיקע זאַך צו טאָן. נו, אין דעם ליכט פון די פּרינציפּן, פאַר וועלכע די עדות פאַר דער אָנקלאַגע האָבן דאָ געשוואָרן, און אין דער דעפיניציע וואָס פאַר־סאָנס האָט געגעבן אויף דעם מיטינג אין היימאַרקעט וועגן די אָב־זיכטן און צוועקן פון די סאָציאַליסטן זאָג איך, אז עס איז ניט די אַבזיכט פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע צו נעמען וואָס פאַר עס איז מענטשנס לעבן; אז מיר צילן בלויז געגן דעם סיסטעם, וואָס מאַכט מעגלאַך אַזעלכע מענטשן. ווען מיר נעמען אין באַטראַכט, אז עס איז באַוויזן געוואָרן דורך עדות אויף ביידע זייטן, אז דאָס איז דער צוועק פון דער אָרגאַניזאַציע, צו וועלכער מר. פּאַרסאָנס און איך באַלאַנגען, וועלן ניט די ווערטער „דערשטיקט דאָס געזעץ" אָננעמען אן אנדער אינטערפּרעטאַציע, אן אנדער אויסטייטשונג, און אַזאַ וואָס לייגט זיך מער אָפּן שכל? דאָס געזעץ איז אן אינס־טיטוציע; די פּאָליסלייט זיינען א נויטווענדיקער טייל דערפון. ס׳איז דאָס באַזייטיקן פון דער אינסטיטוציע, ניט די פּאָליסלייט— און איך פאָדער אַרויס ווען עס איז צו באַווייזן, לויט אן ערלאַ־

בער פאַרטייטשונג פון דער שפּראַך וואָס איז באַנוצט געוואָרן יענע נאַכט, אַז עס איז געווען עפּעס אין מיין רעדע, וואָס וואָלט געקאָנט אַף אַ פּאַרנינפטיקן אופן אָנגערופן ווערן אויפרייצנדיק.

איך דאַרף אין זינען האָבן, אַז איך האָב געזאָגט: „מענטשן אין זייער בלינדן צאָרן האָבן אַטאַקירט מעקאָרמיק׳ס פאַבריק, און די פּאָליציי האָט זיי נידערגעשאָסן.“ נו, ס׳איז דאָך זיכער, אַז ווען איינער באַשולדיקט אַ קלאַס פון מענטשן אַז זיי האָבן געטאָן עפּעס „אין זייער בלינדן צאָרן“, קאָן מען דאָך אַף אים ניט זאָגן, אַז ער איז מסכּים מיט זייערע אַקטן; מען קאָן דאָך אַף אים ניט זאָגן, אַז ער דערמוטיקט די דאָזיקע בלינדקייט, און דער פאַקט אַז איך האָב געזאָגט „אין זייער בלינדן צאָרן“ באַווייזט דאָך, אַז איך האָב ניט גוטגעהייסן די אַטאַקע אַף מעקאָרמיק׳ס פאַבריק; אַז עס איז געווען אַ טיפערע מיינונג דערצו, וואָס, ווען מען לייענט צווישן די שורות, דערקלערט עס אַלץ וואָס עס האָט לאָגיש געזאָלט מיינען. „ווען מענטשן האָבן אין זייער בלינדן צאָרן אַטאַקירט מעקאָרמיק׳ס פאַבריק, האָט זיי די פּאָליציי נידערגעשאָסן“. עס איז געווען אַ קאָנפליקט צווישן די דאָזיקע מענטשן.

ווי איך האָב באַהויפּטעט דאָ אין געריכט און אויך פריער באַ אַנדערע געלעגנהייטן, האָבן אָט די מענער עס געטאָן אין זייער אומוויסנהייט. זיי האָבן עס ניט פאַרשטאַנען. זיי האָבן געקוקט אַף מעקאָרמיק׳ן ווי אַף אַן אורזאַך פון זייערע צרות. מיר זיינען מיסרעפּרעזענטירט געוואָרן — אָדער ווייניגסטענס האָבן זיי געצויגן דעם דאָזיקן שלוס פון סכסוכים וואָס זיינען פאָרגעקומען מיט מעקאָרמיק׳ן אין דעם לעצטן יאָר אָדער צוויי — אַז אַזעלכע מענער ווי מעקאָרמיק זיינען די אורזאַך פון זייערע צרות, און אין זייער בלינדקייט און זייער אומוויסנהייט האָבן זיי אַטאַקירט מעקאָרמיק׳ס געביידע. עס ווערט ניט באַשטריטן, אַז איך האָב געזאָגט די ווערטער וואָס זיינען נאָר וואָס ציטירט געוואָרן. נו, ווען אָט די מענטשן וואָלטן פאַרשטאַנען די דאָזיקע אינדוסטריעלע פראַגע, ווי סאָציאַליסטן פאַרשטייען זי, וואָלטן זיי געוואוסט, אַז עס איז נאַריש און לעכערלאַך צו דיינקען, אַז זיי קאָנען פאַרבעסערן זייער לאַגע דורכדעם וואָס זיי וועלן אַטאַקירן אַ פערזאָן׳ס אייגנטום. ווען זיי וואָלטן פאַרשטאַנען אָט די סאָציאַלע פראַגע ווי סאָציאַליסטן פאַרשטייען זי, וואָלטן זיי פאַרשטאַנען, אַז עס איז דאָס סיסטעם

און ניט דער אינסטרומענט פון דעם סיסטעם, ניט דער קרבן פון דעם דאָזיקן סיסטעם. איך באהויפּט, אז מעקאָרמיק, דזשיי גולד און וויליאם ה. וואנדערבילט זיינען פּונקט אזויפיל די קרבנות פון דעם אומגערעכטן סיסטעם, ווי עס זיינען די בעטלער, וועלכע גייען ארום איבער די גאסן און פּילן אָן די וואָקזאלן, כדי ניט פארפרוירן צו ווערן פון קעלט אום ווינטער. און עס זיינען אָט די באזונדערע קלאסן, וועלכע זיינען אויסגעשטעלט איינע געגן די אנדערע. אמת, אז איינער פון די קרבנות קריגט א בעסערן חלק פון די פּראָפיטן פון׳ם סיסטעם, איידער דער אנדערער. פונדעסטוועגן זיינען זיי פּונקט אזעלכע קרבנות, און די קאָנפליקטן און קריגערייען, וועלכע עקזיסטירן צווישן זיי, באריִרן זיי ביידן מער אָדער ווייניקער.

דערפאר זאָג איך, אז ווען איך האָב געזאָגט: „מענטשן האָבן אין זייער בלינדן צאָרן אטאקירט מעקאָרמיק׳ס פאבריק, און די פּאָליציי האָט זיי נידערגעשאָסן“, איז דאָס געווען מיט דעם צוועק אויפצוקלערן די דאָזיקע מענטשן און זיי איבערגעבן די אידייע, אז עס איז דאָס סיסטעם וואָס באשיצט מעקאָרמיק׳ס אינטערעסן. אָבער אָנגייענדיק ווייטער מיט מיין רעדע האָב איך געזאָגט: „ווען מעקאָרמיק האָט אטאקירט זייערע אינטערעסן, האָט די פּאָליציי ניט אטאקירט מעקאָרמיק׳ן.“ איך האָב באהויפּטעט, אז דער איצטיקער סאָציאַלער סיסטעם ווערט אויפגעהאלטן מער אין די אינטערעסן פון איין קלאס, איידער אין די אינטערעסן פון אַן אנדער קלאס. איך באהויפּט, אז עס איז נויטווענדיקערווייז אזוי. נו, קאָן מען זאָגן, אז מעקאָרמיק׳ס פאבריק איז זיין געצייג, אויב איר ווילט — זיינע מיטלען צו מאכן א לעבן. און געוויס, ווען מען אטאקירט זיין פאבריק, אטאקירט מען זיינע מיטלען א לעבן צו מאכן. די פּאָליציי איז אלזאָ געקומען באשיצן מעקאָרמיק׳ן. איך גלויב, הער ריכטער, — און איך בין גוט באקאנט מיט די פּאָליסלייט אין דעם דיסטריקט, וואו איך וואוין, — איך גלויב, אז עס איז ניטאָ קיין איינער פון זיי וואָס גלויבט, אז איך בין אריין אין א פארשווערונג צו טויטן א פּאָליסמאן. איך האָב ניט קיין בעסערע פריינט ווי די פּאָליסלייט, וועלכע האָבן זיך געפונען אין יענער געגנט. און איך זאָג ניט, אז פּאָליסלייט גייען אטאקירן רייאָט-מאכער, ווייל זיי ווילן עס טאָן. ס׳איז דערפאר ווייל זיי זיינען די אָפּהיטער פון רו און אָרדנונג אונטער די איצטיקע געזעלשאפטלאכע באציאונגען, און זיי זיינען געשיקט געוואָרן אהין

אָפּצוהאַלטן די דאָזיקע מענער פון פאַרניכטן מעקאָרמיק׳ס מיטלען צו מאַכן אַ לעבן.

איך האָב אָפּט געזאָגט, אַז עס איז פאַראַן אַ קאָנפליקט צווישן צוויי קלאַסן פון דער געזעלשאַפט. זיי מוזן נויטוועגדיקערווייז קומען אין בארירונג איינע מיט די אַנדערע אונטער דער איצטיקער אָרדנונג. און פאַראַן צייטן, ווען מעקאָרמיק, אין זיין בלינדער אויפפּאַסונג פון דעם וואָס ער האַלט פאַר זיין אינטערעס, אַטאַקירט די לעבנסמיטלען פון די וואָס האָבן ניט קיין אייגנטום און קיין מאַשינען. איך האָב געזאָגט, אַז ווען אָט די זייט פון דער פראַגע איז פאַרגעלייגט געוואָרן פאַר דער איצטיקער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האַלט אויף די איצטיקע סאָציאַלע אָרדנונג, איז ניט געווען קיינער וואָס איז געקומען צו הילף די קלאַסן, וועלכע זיינען אַטאַקירט געוואָרן פון מעקאָרמיק׳ן. איך האָב געצויגן דעם שלום, אַז די אָרדנונג איז אומגערעכט צוליב דעם פאַקט וואָס די, וועלכע באַשיצן מעקאָרמיק׳ן, ווען ער ווערט אַטאַקירט, באַשיצן ניט די אַרבעטער־מאַסן, ווען זיי ווערן אַטאַקירט פון מעקאָרמיק׳ן. זיי מוזן נויטוועגדיקערווייז קומען אין קאָנפליקט אונטער דער דאָזיקער אָרדנונג. ווי אַזוי? מעקאָרמיק האָט צייטנווייז רעדוצירט די שכירות פון זיינע אַרבעטער. שכירות זיינען די עקזיסטענץ־מיטלען פון די וואָס האָבן ניט קיין אייגנטום, און וועלכע זיינען געצוואונגען צו לעבן דורכדעם וואָס זיי פאַרקויפן זייער אַרבעט. ס׳איז זייער מאַשינעריע, און די פּאָליציי איז קיינמאָל ניט געקומען צו הילף די אַרבעטער־קלאַסן, ווען זייערע מיטלען צו מאַכן אַ לעבן זיינען אַף אַזאַ׳ן אופן אַטאַקירט געוואָרן. צייטנווייז ווערן די אַרבעטער אַטאַקירט דורך אַ מאַשין. פאַרשטייט מיך ניט שלעכט; דערמיט מיין איך ניט צו זאָגן, אַז איך האָב טענות צו מעקאָרמיק׳ן פאַר קויפן אַ מאַשין, ווייל אונטער דעם איצטיקן סאָציאַלן און אינדוסטריעלן סיסטעם האָבן מענטשן דאָס רעכט צו קויפן מאַשינען, אויב דער סיסטעם איז אַ גערעכטער. אָבער אויב דער סיסטעם איז אַן אומגערעכטער, דאַן האָבן זיי קיין רעכט ניט, און עס איז דער סיסטעם וואָס איז פאַראַנטוואָרטלאַך, ניט זיי.

מען גיט מיר איבער, און איך גלויב אַז עס איז אמת, אַז אומ־געפער מיט אַ יאָר צוריק האָט מעקאָרמיק אַריינגעשטעלט עטלאַכע גוס־מאַשינען אין זיין פאַבריק. מעקאָרמיק האָט באַשעפטיקט אַן ערך 125 גוס־אַרבעטער, איידער די דאָזיקע מאַשינען זיינען איינ־

געפירט געוואָרן. מיט א שטיקל צייט פארדעם האָט ער געהאט א סטרייק פון זיינע ארבעטער צוליב א סכסוך איבער זייערע שכירות אָדער צוליב געוויסע רעגולאציעס פון דער יוניאָן, צו וועלכער די דאָזיקע גוס־ארבעטער האָבן באַלאַנגט. מעקאָרמיק האָט נאָכגעגעבן געוויסע באַדינגונגען. ער האָט עס געמוזט טאָן צוליב דער שטארקייט פון דער יוניאָן. ער האָט ניט געקאָנט קריגן קיין גוס־ארבעטער צו טאָן זיין ארבעט, ווייל די יוניאָן איז געווען פעסט אנטשלאָסן, אז אירע מיטגלידער וועלן ניט ארבעטן, סיידן אירע באַדינגונגען וועלן נאָכגעגעבן ווערן. אבער עס איז געווען עפּעס אנדערש וואָס מעקאָרמיק האָט אויסגעפונען, — עפּעס וואָס איז ניט געווען אונטערוואָרפן צו קיין שום יוניאָן. דאָס איז געווען א גוס־מאַשין. און ווען מעקאָרמיק איז געוואָרן דער אייגנטימער פון דער גוס־מאַשין איז ער געקומען אין באַזיץ פון א מאַשינעריע, וועלכע האָט מיט דער הילף פון פינף און צוואנציק ארבעטער ארויסגעגעבן ארבעט, פאר וועלכער עס האָט זיך פריער געפאָדערט 125 ארבעטער. דיינקט איר ניט, הער ריכטער, אז דאָס איז געווען אן אַטאַקע אף די אינטערעסן פון די דאָזיקע צוואנציק ארבעטער פון יעדע פינף און צוואנציק, אָדער אף 100 פון די 125? ס'איז קיין שום חילוק ניט, צי ער האָט געהאַט א רעכט דאָס צו טאָן אָדער ניט. איך רעד ניט וועגן דער דאָזיקער פאַזע פון דער פראַגע. די דאָזיקע ארבעטער האָבן געהאט פאַמיליעס נאָך דער איינפירונג פון יענע מאַשינען, ווי זיי האָבן געהאט פריער. די פאַמיליעס האָבן געשריען נאָך ברויט. די קינדער האָבן געוויינט און געבעטן שיך און די פרויען האָבן פיליכט פארלאנגט א ניי־מאַשין. אָט די הונדערט ארבעטער זיינען ארויסגעוואָרפן געוואָרן, און דאַן האָט מעקאָרמיק געזאָגט צו זיך אליין: „אצונד בין איך דער אויבער־האַר, דער באַלעבאָס פון דער סיטואציע. איך וועל צוריקנעמען אלע באַדינגונגען, וועלכע איך האָב נאָכגעגעבן מיינע ארבעטער, ווען איך האָב זיך גענייטיקט אין 125 פון זיי."

די ראטע פון שכירות ווערט רעגולירט דורך דער צאָל פון ארבעטער וואָס זיינען אויסער ארבעט. ווען פיר מענער פון פינף ווערן ארויסגעוואָרפן פון דער ארבעט, איז ניטאָ קיין שום זאַך אין דער וועלט וואָס אָט די פיר ארבעטער קאָנען טאָן, אחוץ זיך אָנבאָטן פאר דעם קלענסטן פרייז און זען, פאר וויפיל ווייניקער יעדער פון זיי קאָן ארבעטן אפן פלאַץ פון דעם פינפטן וואָס איז

געבליבן בא דער ארבעט. דאָס פירט צו א רעדוצירונג פון די שכירות. און די איינפירונג פון מאשינעריע איז אף דעם אופן א דירעקטע אטאַקע אף די אינטערעסן פון יענע, וועלכע האָבן ניט און קאָנען ניט האָבן קיין מיטלען צום לעבן. די פירמע „מאַקסוועל בראָחהערס" האָט מיט אומגעפער א יאָר צוריק ארייגעשטעלט עטלאכע מאַשינען צו מאכן באָקסעס. עס איז פאָרגעקומען א גאַנץ הייסער קאַמף צווישן דער פירמע און די באָקס-ארבעטער. עס הייסט, אז נאָך דער איינפירונג פון יענע מאשינען האָט זיך געפּאָדערט בלויז איין מאן צו טאָן די ארבעט, וואָס איז פריער געטאָן געוואָרן פון דריטהאלבן מענטשן — צוויי פּערזאָן האָבן געקאָנט טאָן די ארבעט פון פינף. נו, אין עפּנטלאכע רעדעס און דיסקור־סיעס האָב איך באהויפּטעט, אז די דאָזיקע מענער, וועלכע האבן געקעמפּט געגן דער איינפירונג פון די באָקס־מאַשינען, האָבן ניט פאַרשטאַנען די פראַגע אין איר ווירקלאכן זין. פארבעסערטע מאַ־שינעריע האָט די אויפגאבע צו ברייינגען נוצן אלע מענטשן, אלע קלאַסן פון דער געזעלשאַפט. אָבער עס געוועגדט זיך אין דעם ווי אזוי און צו וואָס די מאשינען ווערן געברויכט. אויב זיי קאָנען געקויפט ווערן פון איין פּערזאָן און באנוצט ווערן אין די אינטע־רעסן פון יענער פּערזאָן, אזוי אז ער קאָן דינגען ביליגע ארבעטער, אָדער אויסקומען מיט ווייניקער ארבעטער, דאן ברייינגען זיי קיי־נעם קיין נוצן ניט, אחוץ דעם מאַן וואָס האָט גענוג געלט צו קויפן א מאַשין, און אונטער אזא אָרדנונג זיינען זיי א דירעקטער שאָדן פאַר די וואָס קאָנען ניט קויפן קיין מאַשין. ס'איז לעכערלאך צו טענה'ן, אז עס פאָדערט ארבעטער צו מאכן מאשינען און עס שאַפט אף אזא אופן ארבעט. ווען עס וואָלט זיך געפאָדערט אזוי פיל אר־בעט און אזויפיל אויסגאבן זיי צו מאכן וויפיל זיי שפּאָרן איין ארבעט, וואָלט ניט געהאט קיין זין און קיין צוועק פאר א מענטשן צו קויפן א מאַשין. דאָס פארשטייט זיך פון זיך אליין.

מיין באגריף פון גערעכטיקייט אונטער דער איצטיקער אָרד־נונג איז, אז מען טאָר ניט דערלאָזן דערצו אז א מענטש זאָל עדות זאָגן געגן איינעם וואָס ווערט גע'משפּט פאר זיין לעבן, ווען יענער גיט אפּריער צו, אז זיין עדות־זאָגן איז ניט ריכטיק. איך דיינק, אז עס איז ניט אין די אינטערעסן פון גערעכטיקייט אויסצוהערן אזעלכע עדות. און איך וויל אייך זאָגן דאָ, אז ווען מר. אינגליש, דער רעפּאָרטער פון דער „טריביון", האָט געבראַכט דעם דאָזיקן

באריכט, האט ער צוגעגעבן אז דאס איז א געפעלשטער באריכט פון מיין רעדע. מר. אינגליש גיט צו, אז יענע נאכט, איידער ער האט פארלאזן דעם אפיס פון דער „טריביון" צו גיין צו יענער פאר־זאמלונג, האט מען אים אנגעזאגט ניט צו ברייננגען קיין ריכטיקן באריכט. ווען ער וואלט געבראכט א ריכטיקן באריכט וואלט ער אפגעזאגט געווארן פון זיין שטעלע. מען האט אים געווארנט ער זאל עס ניט טאן. זיין ארבעט פאר יענער נאכט איז געווען צו נעמען בלויז דאס וואס ער האט באטראכט אלס די אויפרייצנדע טיילן פון די רעדעס. איר קאנט ניט אף א געוויסנהאפטן און גע־רעכטן אופן אראפנעמען א רעדע וואס ווערט געהאלטן פון ווענען עס איז, דורכדעם וואס איר גיט איבער בלויז דאס וואס איר בא־טראכט אלס דעם אויפרייצנדיקן טייל פון דער דאזיקער רעדע. איך האב אין מיין לעבן געהערט געגוג רעדעס וואס זיינען געהאלטן געווארן, און איך האב זיך געמוזט אנשטרייננגען און שיינקען זייער פיל אויפמערקזאמקייט, כדי צו וויסן וואוהין די רעדנער צילן. עס האט זיי צייטנווייז גענומען א שעה צייט פעסטצושטעלן א געוויסן געדאנק. ווען איר זאלט וועלן אפמאכן אייער מיינונג וועגן זיי, נאכדעם ווי איר האט זיי געהערט בלויז א האלבע שעה, וואלט איר באין אופן ניט ארויסגעקראגן דעם געדאנק, וועלכן זיי האבן זיך באמיט פעסטצושטעלן. ס'איז אפט דער פאל מיט עפנטלאכע רעד־נער: זיי וועלן ריידן און ריידן, און דאן, אין די לעצטע עטלאכע מינוט פון דער רעדע, וועלן זיי באווייזן גענוי וואס זיי מיינען. זיי געברויכן אזעלכע ווערטער, וועלכע ענדערן פולשטענדיק אייער באגריף פון זייער מיינונג, און עפענען זי אינגאנצן אויף פאר אייך און איר זעט די שענקייט פון דעם גאנצן ארגומענט. מעגלאך אז איר וואלט עס ניט געזען, ווען ניט די לעצטע ווערטער, וועלכע האבן פאר אייך אויפגעשלאסן דעם באהאלטענעם סוד.

איך ווער באשולדיקט, אז איך האב גערעט וועגן רעבעליאן, וועגן אויפשטאנד. אבער איידער איך רייד וועגן דעם, וויל איך זיך ווידער אפשטעלן אף אייניקע ווערטער, וועלכע זיינען דא אריינ־געבראכט געווארן. מען באשולדיקט מיך, אז איך האב געזאגט: „סטעב דהי לאא" (דערשטעכט דאס געזעץ). קיינער באהויפטעט ניט אנדערש נאר אז דאס איז געווען אין פארבינדונג מיט דעם ווי אזוי איך האב אויפגעפאסט די מיינונג פון פאראן'ס רעדע, און דאסווארט „סטעב" איז ניט נויטווענדיקערווייז א דראאונג פון

גוואלט געגן וואָס פאר עס איז פערזאָן. דאָ בא אייערע פריימערי וואלן הערט מען אָפט, ווי די אָנהייגגער פון פארשידענע קאנדידאטן דערקלערן פאר די וואלן, אז זיי וועלן „נייפן" (שניידן) דעם און דעם. מיינען זיי דערמיט, אז זיי וועלן אים טויטן, דערשטעכן, אוועקנעמען זיין לעבן ? דאָס זיינען ענערגישע אויסדריקן — זייער קרעפטיקע אויסדריקן. דאָס זיינען האנדלונגס־ווערטער וואָס ווערן געברויכט אף פארשידענערליי אופנים, כדי צו איבערצייגן און פילייכט מאכן די שפראך אינטערעסאנטער, צאפלדיקער פאר די פארזאמלטע, כדי זיי זאָלן שיינקען מער אויפמערקזאמקייט. איך געדיינק, ווען דער קאמף פאר דער אויסברייטערונג פון דעם וואל־רעכט איז אָנגעפירט געוואָרן אין ענגלאנד, אין די יאָרן 1866 און 1867, ווען גרויסע פארזאמלונגען זיינען געריפן געוואָרן איבער גאנץ ענגלאנד צו באשטרייטן די באהויפטונג פון דיזראעלי, דער שפעטערדיקער לאָרד ביקאָנספילד, אז די ארבעטער קלאסן ווילן ניט דעם וואל־רעכט,—איך קאָן זיך נאָך איצט דערמאָנען, אז דזשאָן בראיט האָט געענטפערט אף ביקאָנספילד'ס בריוו און דערקלערט, אז מען וואָלט נאָך געקאָנט מוחל זיין ביקאָנספילד'ן, ווען ער וואָלט דאָס געזאָגט אין דער היץ פון א רעדע, אָבער נאָכדעם ווי ער האָט זיך אנידערגעזעצט און קאלטבלוטיק אָנגעשריבן די דאָזיקע ווערטער, איז פאר אים קיין אנטשולדיקונג ניטאָ. דאָס באווייזט, אז אזא פארלאמענטאריער ווי דזשאָן בראַיט איז, וואָס האָט ניט קיין גרעסערן פון אים אין זיין צייט, האָט געדיינקט, אז עס איז פאראן אנטשולדיקונג פאר מענטשן, וועלכע באנוצן זיך אין דער היץ פון זייערע רעדעס מיט אזעלכע ווערטער וואָס זיי געפינען שפעטער פאר ניט פאסיק און דיינקען, אז עס וואָלט געווען בעסער זיי ניט צו געברויכן, ווייל זייער רעדע וואָלט געקלונגען בעסער אָן זיי.

איך זאָג, אז אָט די שפראך מיינט ניט נויטווענדיקערווייז קיין אויפרייצונג צו גוואלט. איך האָב געברויכט דאָס וואָרט „רעבעליאָן". נו, איר ווייסט, אז דאָס וואָרט „רעבעליאָן" איז ניט נויטווענדיקערוויז אן אויפרייצונג צו גוואלט. און ווען עס וואָלט אפילו געווען, לאָמיך דאָ ציען אייער אויפמערקזאמקייט צו אן אינצידענט וואָס איז פאָרגעקומען אין הויז אָוו קאָמאָנס מיט הונדערט יאָר צוריק. ווען דער אומגליקלאכער פארזוך איז געמאכט געוואָרן אונטער מאָנטגאָמערי צו פארכאפן קוויבעק און ער האָט דערביי פארלאָרן זיין לעבן, האָט א מיטגליד פון הויז אָוו קאָמאָנס

ארויפגעבראכט די פראגע וועגן דעם טויט פון מאָנטגאָמערי, וועמען פילע האָבן דאָרט געקענט. ער האָט גערעט וועגן אים ווי וועגן א גאלאנטן, מוטיקן, פייאיקן, אידעלן און ליבנסווירדיקן דזשענטלמאן. אן אנדער מיטגליד האָט געזאָגט, אז ער איז געווען א גאלאַנטער, מוטיקער, אידעלער און ליבנסווירדיקער רעבעל. דאן האָט זיך אויפגעהויבן לאָרד נאָרט אין זיין גאנצער מאַיעסטעט און געזאָגט: „איך בין ווייט דערפון צוצוגעבן, אז עס איז אן אומ׳כבוד אָנגערופן צו ווערן רעבעל. די סאמע פרינציפן און די פריווילעגיעס וואָס מיר אין קאָנסטיטוציאָנעלן ענגלאנד געניסן היינט דאָ אין פּאַרלאַמענט, זיינען געקראָגן געוואָרן דורך רעבעליאָן.“ אָט די שפראך האָט געקאָנט באנוצט ווערן אין הויז אָוו קאָמאָנס מיט הונדערט יאָר צוריק, און מען האָט עס ניט באטראכט פאר אן אויפרייצונג צו גוואלט.

איך קער זיך אום צוריק צו דעם קוילן־מאָנאָפּאָל. איך גלויב, אז איך האָב שוין פריער געצייגן אייער אויפמערקזאמקייט דערצו, אָבער איך האָב ניט געענדיקט. דער מאָנאָפּאָל האָט געהעכערט דעם פרייז פון קוילן דורכדעם וואָס ער האָט באשריינקט די פּראָדוקציע. ער האָט אוועקגעוויבט בא ארבעטער זייער ארבעט. דער קוילן־מאָנאָפּאָל וויל האָבן געלט פאר זיינע קוילן. די מיינערס דארפן האָבן קוילן צו ברענען. זיי מוזן באצאָלן געלט פאר די קוילן. דער מאָנאָפּאָל שיקט אוועק די מיינערס פון די מינעס און פארקלענערט די פּראָדוקציע, און דאן העכערט ער דעם פרייז פון קוילן. פארשטייט זיך, אז מען דארף ניט האָבן קיין זייער גרויסן לאָגיקער צו וויסן, אז ווען א מאן ווערט ארויסגעוואָרפן פון דער ארבעט, קאָן ער ניט באצאָלן מער פאר זיינע קוילן, ווי ער האָט געקאָנט פריער. דאָס איז די לאָגיק פון דעם קוילן־מאָנאָפּאָל און די אומגערעכטיקייט וואָס ער איז באגאנגען געגן דעם עולם. א שיקאגאָ׳ער — איך וויל ניט דערמאָנען די צייטונג — א פּראָמינענטע שיקאגאָ׳ער צייטונג ראָט צו „דערשטיקן דעם קוילן־מאָנאָפּאָל“. הענרי דזשאָרדזש, אין זיין ווערק וועגן שוץ־צאָל, ראָט צו דערשטיקן דעם שוץ־צאָל. ער מיינט ניט צו זאָגן, אז ער וויל דערשטיקן ריכטער קעלי אָדער דזשיימס ג. בלעין. איך האָב אויך געזאָגט, אז דאָס געזעץ וואַרפט ארויס גרויסע צאָלן ארבעטער אף דער גאָס. לייקנט עס אימיצער אָפּ? אויב עס איז אמת, אז דאָס געזעץ מאכט ניט קיין געזעצן אין די אינטערעסן פון די ארבעטער־

קלאַסן, נאָר מאַכט געזעצן אין די אינטערעסן פון דעם אַנדערן קלאַס. דאַן וואַרפט עס אַרויס אַרבעטער אַף דער גאַס! איך האָב דאָ אין זינען די איינפירונג פון מאַשינעריע — צוואַנציק פון יעדע פינף און צוואַנציק אַרבעטער, וועלכע בלייבן אויסער אַרבעט. ווערן זיי ניט אַרויסגעוואָרפן אַף דער גאַס? איז נאָך פאַראַן אַ פראַגע וועגן דעם? ווען עס וואָלטן געווען געזעצן וואָס וואַרפן ניט אַרויס קיין אַרבעטער אַף דער גאַס, און איך וואָלט עס געוואוסט, וואָלט איך קיינעם ניט געזאָגט, אַז זיי טוען עס.

טאָמאַס קופּער, אַ טשאַרטיסט אין ענגלאַנד, איז אַמאָל אין זיינע אַלטע יאָרן באַזוכט געוואָרן פון זיינעם אַ פריינט. אַ קליין מיידעלע איז צוגעקומען צו אים מיט אַ בוך אין דער האַנט — אַ בוך מיט בילדער. דאָס מיידעלע האָט געעפנט דאָס בוך און אים געוויזן דעם פאָדער־בלאַט, און זי האָט געזאָגט: „מר. קופּער, שרייבט עפּעס אָן פאַר מיר.“ און מר. קופּער האָט אָנגעשריבן:

„ליב די וואַרהייט, קינד, זאָג אמת!
דאָס מאַכט דעם מאָרגן פון דיין לעבן שיין;
און ווען צו מיטאָג דער לעבנס־זייגער שלאָגט,
זאָג אמת! און מעג עס זיין ווי שווער —
זאָג אמת און שרעק זיך ניט פאַר קיינעם!“

אויב איך דאַרף פאַר'משפּט — גע'האַנגען ווערן פאַר זאָגן דעם אמת — דאַן דאַרף דאָס קליין קינד דאָרט אַף דער וועסט סייד, וואָס קניט בא דער מוטער'ס זייט און זאָגט איר, אַז זי וויל איר פּאַפּאַ זאָל אַהיים קומען; דאָס קליין מיידעלע, אין וועמען איך האָב געהאַט בדעה איינצופלאַנצן דאָס דאָזיקע געפיל — דאַן וואָלט בעסער געווען, אַז מען זאָל דעם קינד קיינמאָל ניט אויסלערנען לייענען; בעסער קיינמאָל ניט אויסלערנען דאָס דאָזיקע געפיל — צו ליבן דעם אמת. אויב מיר ווערן פאַר'משפּט פאַר מאָרד דערפאַר וואָס מיר האָבן געוואַגט צו זאָגן דאָס וואָס מיר האַלטן פאַר אמת, דאַן וואָלט בעסער געווען, אַז יעדע איינע פון אייערע שול־געביי־דעם זאָל אַרונטערגעריסן ווערן און עס זאָל ניט בלייבן קיין שטיין אַף אַ שטיין. ווען איר לערנט אויס אייערע קינדער צו לייענען, וועלן זיי ווערן נייגעריק פון דעם וואָס זיי לייענען. זיי וועלן דייג־קען, און זיי וועלן זוכן די מיינונג פון דער און יענער זאַך. זיי

װעלן קומען צו געװיסע שלוסן. און דאן, אויב זיי האבן ליב דעם אמת, װעלן זיי מוזן זאגן איינע די אנדערע װאס איז אמת, אדער װאס זיי דיינקען איז דער אמת. דאס איז דער סך הכל פון מיין פארברעכן.

מר. פאודערלי, אין זיין אפיציעלער רעדע פאר א גרויסער פארזאמלונג פון ארבעטער־פארטרעטער אין ריטשמאנד, װירדזשי־ניא, האט אנומאלט געזאגט, אז אנארכיע איז דער לעגיטימער פראדוקט פון מאנאפאל. איך האב געזאגט, אז מען מוז אפשאפן דעם סיסטעם פון פריװאט אייגנטום. מר. אינגליש האט דערקלערט, אז איך האב געזאגט „עס האט ניט קיין רחמנות; אזוי דארפט איר אויך." װארשיינלאך אויב איך האב געזאגט „עס האט ניט קיין רחמנות", האב איך ניט געזאגט דעם לעצטן טייל פון'ם זאץ װי ער גיט עס איבער. איך האב װארשיינלאך געזאגט, „אזוי דארפט איר קיין רחמנות ניט האבן." צװייפלט װער עס איז, אז דאס סיסטעם פון פריװאט אייגנטום האט קיין רחמנות ניט? גייט עס ניט זיין אייגענעם נאטירלאכן װעג, ניט קוקנדיק דארויף װעמען עס שעדיקט אדער װעמען עס ברייננגט נוצן? דאס סיסטעם פון פריװאט אייגנטום, זייענדיק א סיסטעם װאס דינט בלויז די אינ־טערעסן פון א הייפעלע, און קאן בלויז דינען די אינטערעסן פון א הייפעלע מענטשן, האט אלזא, לויט מיין מיינונג, קיין שום רחמנות ניט. עס קאן זיך ניט אפשטעלן צו באטראכטן אזא געפיל. אזוי דארף מען קיין רחמנות ניט האבן אף דעם סיסטעם פון פריװאט אייגנטום, װייל עס איז גוט באקאנט, אז עס זיינען פאראן פילע מענטשן אין דער געזעלשאפט מיט פאראורטיילן אין זייערע מוחות. זיי זיינען אויסגעװאקסן אונטער געװיסע סאציאלע רעגולאציעס, און זיי גלויבן, אז די דאזיקע סאציאלע רעגולאציעס זיינען גער־רעכט, פונקט װי מר. גרינעל גלויבט, אז אלצדינג אין אמעריקא איז גוט און גערעכט, װייל עס האט זיך גראד געמאכט אז ער איז דא געבארן געװארן. און זיי האבן אזא פאראורטייל געגן יעדן איינעם װאס אטאקירט אט די סיסטעמען. נו, איך זאג, אז די ארבעטער דארפן קיין רחמנות ניט האבן אף א סיסטעם װאס האלט ניט אויף זייערע אינטערעסן. זיי דארפן ניט האבן יענעם רעספעקט פאר דעם סיסטעם, װאס װאלט זיי געשטעטרט אים אפצושאפן. װען איך זאג, אז עס װארפט זיי ארוים אף דער גאס; װען איך װייס — און קעפטיין שאק װייסט, װיפיל מענער עס זיינען געװען לעצטן

ווינטער, און א ווינטער פאר דעם, וועלכע זיינען געקומען צו אים און אים געבעטען, ער זאָל זיין אזוי גוט און זיי דערלויבן צו שלאָפן אפן דיל פון דעם סטיישן, כדי זיך צו באשיצן פון דער ביטערער קעלט. — ווען איך וויים דאָס זאָג איך, אז דאָס סיסטעם האָט קיין רחמנות ניט. און פארוואָס זאָלן אזעלכע מענטשן רחמנות האָבן אף דעם סיסטעם, כדי עס אויפצוהאלטן אין עקזיסטענץ? פאר־וואָס זאָלן זיי עס ניט זוכן צו צושטערן אזוי לאנג ווי עס צושטערט זיי?

הער ריכטער, נאָך דער הימארקעט פארזאמלונג, נאָכדעם ווי איך בין ארויסגעקומען פון׳ם רעגן פון קוילן מיט א קליינער וואונד, און נאָכדעם ווי איך בין ארומגעגאנגען, ווי איך האָב דערציילט אפן עדות־שטול, זוכנדיק מיינע חברים, וועלכע זיינען געווען אפן מיטינג, כדי אויסצוגעפינען צי זיי לעבן אדער ניט, בין איך אוועק אהיים. דער אויפריים פון דער באַמבע איז פאר מיר געווען פונקט אזא איבעראַשונג, ווי דאָס איז געווען פאר וועלכן עס איז פאַלים־מאַן. איר קאָנט זיך פאָרשטעלן, ווי איך האָב דאן געפילט, ניט האָבנדיק קיין באגריף וועגן דעם שאָדן וואָס איז אָנגעטאָן געוואָרן און ווייסנדיק, אז איך וועל ווארשיינלאך, אין א געוויסן זין ווייניקסטנס, געהאלטן ווערן פאראַנטוואָרטלאך דערפאר. נאָכדעם ווי איך האָב געקראָגן אימיצן צו באנדאזשירן מיין וואונד, בין איך אוועק אהיים. ס׳איז שוין געווען שפעט. מיין מוח איז געווען פול מיט דעם געדאנק וועגן דעם וואָס וועט פאָרקומען אף מאָרגן, און איך האָב ענדלאך באשלאָסן, ווי וואָס פאר עס איז אומשולדיקער מענטש וואָלט געטאָן, אז אויב מען וועט מיך דארפן האָבן צו דער־קלערן מיין פארבינדונג מיט דער דאָזיקער קאַטאַסטראָפע, זאָל מען קומען און עס פארלאנגען פון מיר. מר. סלייטאָן האָט דא עדות געזאָגט, אז ווען ער איז געקומען צו מיר אין הויז, האָט ער מיך געטראָפן אין מיין צימער.

איך האָב ניט געמאכט קיין פארזוך צו אנטלויפן. איך בין יענעם אינדערפרי געווען אף דרויסן, איך האָב ארומגעשפאצירט אין גאַס, און איך האָב געהאט יעדע מעגלאכקייט צו זיין הונדערטער מיילן אוועק פון דאָרט. ווען מר. סלייטאָן איז געקומען האָב איך פאר אים געעפנט די טיר. ער האָט געזאָגט, אז ער דאַרף מיך האָבן. איך קען אים אפן קוק און איך האָב געוואוסט, וואָס זיין באשעפטיקונג איז. איך האָב אים געענטפערט: „גוט, איך וועל

גיין מיט אייך.״ איך האָב דאָ געזאָגט, אַז איך דיינק, ווען די פאר־טרעטער פון דער אַנקלאגע וואָלטן דורך זייערע פּאָליסלייט גע־מאַכט אַן אויספאָרשונג וועגן מיין פארבינרונג מיט דער באָמבע, דאַן וואָלט איך געדארפט באפרייט ווערן. און איך זאָג אצונד, גע־שטיצט אויף אַלע אויטאָריטעטן וואָס זיינען דאָ פאָרגעבראַכט גע־וואָרן וועגן דעם געזעץ און בנוגע צו מיטשולדיקע, — איך זאָג, אַז אין די אַלע באווייזן, אין דער גאַנצער עדות־זאָגעריי געגן מיר איז ניטאָ קיין שום זאַך וואָס זאָל מיך פארבינדן מיט דער דאָזיקער געשיכטע. איינע פון די שיקאגאָ׳ער צייטונגען האָט דערקלערט, נאָכדעם ווי דער פּראָקוראָר האָט געבראַכט אַלע זיינע עדות, אַז די אַנקלאגע האָט געמעגט ברייגען מער באווייזן וועגן די דאָזיקע מענער, וועגן דעם וואו זיי זיינען געווען און וואָס זיי האָבן געטאָן דעם 2טן און 3טן מאַי. ווען מען האָט מיר דערציילט, אַז קאפּיטאַן שאַק האָט ארויסגעקראָגן וידוי׳ס פון געוויסע פּערזאָנען, וועלכע זיינען געווען פארבונדן מיט דער דאָזיקער אפערע, האָב איך גע־זאָגט: „זאָלן זיי זיך מודה זיין אַזויפיל וויפיל זיי ווילן. אַזוי לאַנג ווי זיי וועלן נאָר זאָגן דעם אמת, אַרט עס מיך גאַרנישט.״ איך האָב גאָרנישט געהאַט צו טאָן דערמיט, איך האָב ניט אָנגע־הויבן וויסן דערפון, און די הערן דאַרט וויסן עס.

איך וועל ריידן עפּעס וועגן וואָס איז ניט ארויסגעבראַכט גע־וואָרן דאָ אויפן פּראָצעס. איך האָב א רעכט דאָס צו דערציילן איצט. איך טו דאָס ניט מיט וואָס פאר עס איז נקמה־געפיל. איך טו דאָס ניט, כדי אימיצן צו פארלעצן, נאָר אין דער האָפנונג, אַז אין די לעצטע עטלאָכע טעג וואָס איך האָב נאָך צו לעבן וועל איך אפשר טאָן א גוטע זאַך דורכדעם וואָס איך וועל עס דערציילן, און איך האָף, אַז דאָס וואָס איך וועל דאָ דערקלערן וועט פירן דערצו צו טאָן עפּעס גוטס. איך בין ארעסטירט און געבראַכט געוואָרן אין סענטראַל סטיישן. איך האָב שטענדיק פארשטאַנען, אַז א מענטש וואָס ווערט ארעסטירט אויפן פארדאַכט, אַז ער איז באַגאַנגען א פארברעכן, דאַרף באַטראַכט ווערן אַלס אומשולדיק ביז וואַנען עס ווערט באַוויזן, אַז ער איז שולדיק. נו, מען האָט מיך באַהאַנדלט מיט אַסך מער איינזען זינט איך בין געפונען געוואָרן שולדיק דאָ אין געריכט, ווי פריער, איידער עס איז אַזוי באַוויזן געוואָרן — לויט דער מיינונג פון די דזשורי־לייט. איך בין אריינגעפירט גע־וואָרן אין דעם קאָרידאָר פון׳ם געריכט־הויז. ליוטענאַנט שיע איז

געזעסן אפן טיש מיט אן ערך פינף און צוואנציק דעטעקטיוום ארום אים. מר. סלייטאן האט געזאגט: „דאס איז פילדן.“ ליוטענאנט שיע האט זיך געווענדט צו מיר און געזאגט: „דו — דאטשמאן, איידער דו ביזט געקומען אהער אין לאנד, האבען מענטשן געקריגן גוטע ווייזשעס.“ איך האב געזאגט: „מר. שיע, איך בין ניט קיין דאטשמאן.“ ער האט געזאגט: „דו ביזט — ערגער, דו — — —“. דאס איז די שפראך פון די באאמטע פון'ם געזעץ. ס'איז קיין חילוק ניט צי זיי זיינען דעמאקראטישע אדער רעפובליקאנע באאמטע, איך רייד וועגן זיי אלס א גאנצע. און דאס איז א פראמינענטער באאמטער אין דעם פאליציי-דעפארטמענט פון דער שטאט שיקאגא. איך האב געענטפערט אביסל שארף, ניט געברויכנדיק קיין זידל-ווערטער. ס'איז מיר זיכער ארויפגעקומען אפן זינען ווען איך האב זיך אומגעקוקט אף יענע פאליסלייט, אז פיליייכט זוכט דער דאזיקער מאן, וועלכער באהאנדלט אף אזא'ן אופן א הילפלאזן ארעסטאנט, — פיליייכט זוכט ער מיך צו פראוואצירן. אפשר וועט ער מיך דערשיסן. איך דיינק, אז עס איז געווען לאגיש צו ציען אזא שלוס. א מאן וואס איז געמיין גענוג און נידעריק גענוג צו געברויכן אזא שפראך צו א הילפלאזן געפאנגענעם, וואלט געגאנגען ווייטער. און איך האב זיך געטראכט בא זיך: „אויב ער וועט עס טאן, ווער איז דא פאראן עדות צו זאגן, אז ער האט מיך דערמארדעט? זיינען דען ניט פאראן דא פינף און צוואנציק פראפעסיאנעלע ליגנערס עדות צו זאגן, אז איך האב געמאכט א פארזוך אים צו טויטן?“ דאס זיינען געווען די געדאנקען, וואס זיינען דורכגעלאפן אין מיין מוח, און איך האב מער גארנישט געזאגט. איך האב בלויז געזאגט: „איר האט מיך דא איצט; איר קאנט טאן מיט מיר וואס איר ווילט.“

איך וועל דאס ניט ווידערהאלן נאך אמאל אין אייער אנוועזנהייט, הער ריכטער, און אין דער אנוועזנהייט פון דאמען. עס טוט מיר לייד וואס איך האב עס איצט איבערגעזאגט. ס'איז ארויסגעקומען ניט באטראכטערהייט, און עס איז א זייער אומאנגענעם ווארט צו געברויכן ערגעצוואו, און דארף ניט געברויכט ווערן פון קיינעם.

איך האב זיך געטראפן מיט דעם ווירדיקן טשיף, מר. עבערסאלד, איידער איך בין ארונטערגעפירט געווארן אין קעלער. מען האט אים מיטגעטיילט, אז איך בין פארוואונדעט געווארן און ער

האט מיר געהייסן ארונטערנעמען דעם באנדאזש און אים ווייזן. איך האב אזוי געטאן. ער האט געזאגט: „— — — דיין זעל, עס האט באדארפט ארייגגיין אט־א־דא" (אנווייזנדיק אף זיין שטערן צווישן די אויגן). דאס איז דער טשיף. און ווען עס האט געהאלטן דערביי מיך אריבערצופירן אהער, און איך האב זיך געבעטן און געבעטן, מען זאל מיר געבן אימיצן איבערצובינדן מיין וואונד (ווייל דער דאקטאר וואס האט זי באנדאזשירט מיט א נאכט פריער האט מיר אנגעזאגט, אז זי מוז איבערגעבונדן ווערן דעם קומענדיקן נאכמיטאג), האט מיר א דעטעקטיוו אדער א באאמטער, וועמעס נאמען איז מיר אומבאקאנט, געזאגט, אז מען וואלט באדארפט ארייגלייגן סטריכינען אין דער וואונד.

איר, הער ריכטער, וועט דאס פילייכט ניט גלויבן. איך וויים, אז עס איז דער מנהג פון אלע קלאסן ארעסטאנטן, וועלכע ווערן באשולדיקט אין פארברעכן, אנצופאלן אף די וואס ארעסטירן זיי און באשולדיקן אין אלערליי זאכן וואס זיי קאנען נאר אויסטראכטן. איך קאן בלויז מאכן די דערקלערונג. איר, הער ריכטער, וועט מיר פילייכט ניט גלויבן. מר. שיע און מר. עבערסאלד מעגן קומען אהער און דערקלערן, אז זיי האבן עס ניט געזאגט. איר וועט זיי פילייכט גלויבן גיכער פון מיר. אבער איך וויל אייך זאגן איין זאך: עס איז ניטא קיין איין מענטש וואס קען סעמועל פילדן און וואס זאל אים ניט גלויבן.

הער ריכטער, מיר ווערן אנגעקלאגט, אז מיר זיינען געגן דעם געזעץ. איך גלויב, אז איר, הער ריכטער, ווייסט אסך בעסער ווי איך וואס דאס געזעץ איז אזוינס. מען וואלט באדארפט לעבן אסך, אסך יארן אויסצוגעפינען וואס דאס איז. איך האב געזען, ווי מען האט געבראכט אהער אין געריכט גאנצע בערג מיט ביכער, כדי אויסצוגעפינען וואס דאס געזעץ איז. ס'איז אלגעמיין אנגענומען און פעסטגעשטעלט, און איך גלויב, אז עס איז א פונדאמענטאלער פרינציפ פון'ם געזעץ, אז קיין מענטש דארף ניט באפרייט ווערן פון שטראף פאר אריבערטרעטן דאס געזעץ, דערפאר ווייל ער האט ניט געוואוסט דערפון. נו, ארבעטנדיק בא מיין באשעפטיקונג אלס פורמאן פערצן שעה א טאג, דיינק איך ניט, אז איך וואלט אפילו אין פארלויף פון צען לעבנס געקאנט איבערלייענען יענע אלע אויטאריטעטן וואס זיינען דא ציטירט געווארן, כדי אויסצוגעפינען וואס דאס געזעץ איז אזוינס. אבער מיר ווערן

אויפגעפאָדערט צו ענטפערן אויף דער קלאַגע, אז מיר זיינען געזעצ־לאָזע מענטשן, וועלכע האָבן געבראָכן דאָס געזעץ, וועלכע האָבן געראטן אָפּצושאַפן דאָס געזעץ און יעדע סאָרט רעגירונג. איר, הער ריכטער, האָט געזאָגט „די רעגירונג“, אזוי ווי מיר וואָלטן גע־ווען פארשווערער געגן אָט דער באזונדערער רעגירונג. דער סאַמע פאַקט וואָס הונדערטער אויטאָריטעטן קאָנען ציטירט ווערן אויףביידע זייטן און אויף א טוץ זייטן פון וואָס פאר עס איז באזונדער פראַגע, איז דערפאר ווייל עס איז אוממעגלאך פאר וועלכן ס'איז איינציקן מענטשן צו מאכן געזעצן וואָס זאָלן זיך פּאַסן פאר וואָס פאר עס איז אנדער מענטש אָדער א צאָל פון מענטשן.

איך גלויב, אז עס איז פאראן א געזעץ, און איך ווייס ניט, צי עס איז דאָ וואָס פאר עס איז אויטאָריטעט וואָס קאָן ציטירט ווערן געגן דעם, אז איידער אימיצער קאָן אריינגיין אין הויז פון א בירגער, מוז ער האָבן די אויטאָריטעט פון'ם געזעץ, און ווייזן אז ער איז א באַאמטער פון'ם געזעץ און אז ער קומט צוליב א געזעצ־לאָכן צוועק. אויב א מאַן וואָס רופט זיך פּאָליסמאַן קאָן אריינגיין אין א הויז און זאָגן: „איך בין א באַאמטער פון'ם געזעץ, איך וויל דורכזוכן אייער הויז,“ פּאָדערט אָבער דאָס געזעץ, אויב איך פארשטיי עס, אז איידער ווער עס איז קאָן דורכזוכן א הויז, מוז ער האָבן א „סוירטש וואָרנט“, א צושריפט פון געריכט וואָס דער־לויבט אים צו מאכן די הויז־זוכונג. יעדעס מאָל, ווען א הויז איז דורכגעזוכט געוואָרן אין פארבינדונג מיט דעם דאָזיקן פּראָצעס, איז ניט פּאָרגעלייגט געוואָרן קיין „סוירטש וואָרנט“.

נו, אויב דאָס געזעץ קאָן געבראָכן ווערן פון מענטשן וואָס זיינען זיינע געשוואָרענע אונטערשטיצער, און וועלכע ציען זייער חיונה דערפון וואָס זיי היטן אָפּ דאָס געזעץ, דיינקט איר, אז עס קאָן אויף א נאַטירלאכן אופן ארויסרופן רעספּעקט צום געזעץ מצד יענע, וועמען זיי קומען ארעסטירן, ווען זיי טרעטן אריבער דאָס געזעץ? אויב איר זאָגט, אז זייער אָפּט, אונטער געוויסע אומ־שטענדן און נויט־פאַלן, וואָלט ניט געקאָנט דורכגעפירט ווערן קיין גערעכטיקייט, ווען מען זאָל דארפן אָפּהיטן יעדע פּאָרמאַליטעט פון'ם געזעץ, באווייזט עס דען ניט, אז עס איז אוממעגלאך אנ־צואווענדן דאָס געזעץ אויף א גערעכטן און ריכטיקן אופן פאר יעדן מענטשן? איך דיינק, עס איז א נאַטירלאכע זאך, אז דאָס זאָל ארויסרופן מיסאכטונג צום געזעץ, ווען די פארטרעטער זיינע

ווייזן ארוים אזוי ווייניק רעספעקט פאר אים. און איך וויל דאָ זאָגן, אז איך בין ארעסטירט געוואָרן אָן א „וואָרנט“. נאָך אן אריבער־טרעטונג פון׳ם געזעץ: איך בין ארויסגעפירט געוואָרן אפן טראָטואַר, אין דער צייט וואָס דריי מענער האָבן זיך געראַיעט אין מיין הויז און דאָרט איבערגעקערט אַלעס מיט׳ן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס ארויף, ווי דער אָנפירער זייערער האָט עס דאָ צוגעגעבן, הגם זיי האָבן גאָרנישט געפונען וואָס האָט אָנגעדייט אז איך בין א געפער־לאַכער מענטש — אפילו קיין פוסטע קויל פון א רעוואָלווער נית. און ניט נאָר דאָס אליין האָבן זיי געטאָן, נאָר מיין פרוי דערציילט מיר, אז אומגעפער צען מענער זיינען נאָך אַמאָל געקומען אהין, און ניט פאַרלייגנדיק קיין „סוירטש וואָרנט“ האָבן זיי ווידער אי־בערגעקערט דאָס הויז — בעת איר מאַן און באַשיצער איז געווען אין געפענגניש.

הער ריכטער, איך דערצייל אָט די זאכן, בלויז כדי צו באַ־ווייזן, אז מענער, וועלכע ווערן געדונגען פון׳ם געזעץ עס צו באַ־שיצן, זיינען אליין די וואָס דיסקרעדיטירן עס. יעדער אנדערער, ווער עס זאָל ניט זיין, וואָלט צו יעדער צייט געקאָנט אריינגיין צו מיר אין הויז, זיך ראַיען דאָרט און אוועקרויבן אַלץ וואָס דאָרט געפינט זיך, און ער וואָלט געהאט פונקט אזויפיל באַרעכטיקונג פאר זיין אריינגיין אהין, ווי ווער עס איז פון די דאָזיגע מענער האָט געהאט.

איך וויל אַף א ווײַלע ציען אייער אויפמערקזאַמקייט — עס איז א צוריק־קער צו דער פראַגע, וועגן וועלכער איך האָב פריער גערעט, אָבער איך דיינק, אז עס איז נייטיק אין מיין אייגענער פאַרטיידיקונג. איינער פון אָט דעם קלאַס פערזאָנען, וועלכע זיי־נען געוואוינט געווען אריינצוגיין אין הייזער אָן דער אויטאָריטעט פון׳ם געזעץ, איז געווען אן עדות בא דעם קאַראָנער׳ס אויספאָר־שונג, און ער האָט אויך עדות געזאָגט אַפן פראָצעס דאָ אין גע־ריכט, וואו ער האָט געשוואָרן, אז ער האָט דאָרט אין דעם קאַראָ־נער׳ס צימער דערקלערט, אז ער האָט געהערט ווי איך האָב גע־זאָגט: „דאָ קומען די בלוט־הינט; איר טוט אייער פליכט און איך וועל טאָן מיינע.“ מעג איך פאַרלייגן פאר אייך, הער ריכ־טער, אז עס וואָלט געווען א גוטע זאַך פאר אייך צו קריגן דעם באַריכט פון דער קאַראָנער׳ס דזשורי און זען, צי יענער מאַן האָט

דאָ ליגן געזאָגט, צי ניט. איך האָב קיין מורא ניט פאַר דעם רע־זולטאַט פון דער דאָזיקער אונטערזוכונג.

אין איינער פון די היגע צייטונגען איז פאַרעפנטלאכט גע־וואָרן אן אינטערוויו מיט מר. גרינעל, וואו עס איז באריכטעט גע־וואָרן, אז מר. גרינעל האָט געזאָגט — אָבער פּיליכט האָט דער רעפּאָרטער געלאָיגט; זיי האָבן עס געטאָן פריער און עס וואָלט ניט געווען קיין איבעראשונג — „אָך, אָט די מענער האָבן דאָך ניט קיין פּרינציפּן. זיי האָבן זיך ניט פאַרטיידיקט מיט זייערע פּרינ־ציפּן.“ איך האָב פריער געזאָגט, אז מיר זיינען דאָ ניט צו פאַר־טיידיקן אונזערע פּרינציפּן. מיר זיינען געווען דאָ צו ענטפערן אף דער קלאָגע פון מאָרד. ווען מיר וואָלטן געווען שולדיק אין מאָרד, וואָלטן מיר שולדיק געווען, צי מיר האָבן פּרינציפּן צי ניט. נאָכדעם ווי מיר האָבן ארויסגעשטעלט אלע אונזערע עדות און גע־בראכט אלע אונזערע באווייזן, האָט מען אונז דאן געזאָגט, אז מיר ווערן גע׳משפט דערפאַר ווייל מיר האָבן ניט קיין פּרינציפּן. וואָס זיינען די פליכטן פון א פּראָקוראָר, פון אן אָנקלעגער? די אדוואָ־קאַטן, שטעל איך זיך פאָר, קאָנען געבן טעכנישע דעפיניציעס, אָבער די אלגעמיינע אידייע וועגן די פליכטן פון א פּראָקוראָר איז— און איך באשטרייט ניט דעם פאַקט, אז זיי זיינען נייטיק אונטער דער איצטיקער סאָציאלער אָרדנונג — צו זען, אז קיין שולדיקער מענטש זאָל זיך ניט אויסדרייען, אויב ער קאָן עס נאר פאַרהיטן. ס׳איז אויך די פליכט פון דעם אָנקלעגער, אזוי ווי עס איז די פליכט פון דעם פאַרטיידיקער, צו זען, אז קיין אומשולדיקער מענטש זאָל ניט ליידן פאַר וואָס פאַר עס איז פאַרברעכן. אדוואָ־קאַטן האָבן אן אייגנארטיקע מאָראל. זייער דערפאָלג אין זייער פּראָפעסיע היינגט אָפּ אף זייער געווינען פּראָצעסן. און איך האָב מורא, אז עס געפינען זיך אדוואָקאַטן, וועלכע קימערן זיך ווינציק וואָס צי זייער פּראָצעס איז א גערעכטער אָדער אין די אינטערעסן פון אמת און יושר, אזוי לאַנג ווי זיי קאָנען געווינען זייער פּראָצעס און זיך מאכן א רעפּוטאַציע פאַר זיך. נו, עס איז ניט די פליכט פון דעם פּראָקוראָר צו קוקן אזוי אף זיין פּאָזיציע. און ווען איך בעט איך, הער ריכטער, זיך אומקערן צוריק און איבערקוקן די פאַרהאַנדלונגען פון דעם קאָראָנער׳ס אויספאָרשונג, פאַרלאַנג איך אויך פון מר. גרינעל זיי איבערצוקוקן. איך פאַרלאַנג פון אים ער זאָל זען, צי האָט ווער עס איז עדות געזאָגט אף דעם קאָראָנער׳ס

אויספארשונג, ווען די געשעענישן פון'ם 4טן מאי זיינען נאך גע־ ווען פריש אין זיין מוח, — צי האט אימיצער דארט עדות געזאגט, אז פילדן האט אין יענער נאכט געזאגט: „דא קומען די בלוט־ הינט; איר טוט אייער פליכט און איך וועל טאן מיינע.“ איך וויל דערקלערן ווייטער, אז קארנער הערץ איז געקומען צו מיר א קור־ צע צייט נאכדעם ווי איך בין איינגעשפארט געווארן דא אין אט דער געביידע, און ער האט מיך געבעטן זיך אונטערצושרייבן אף א באריכט פון די דערקלערונגען וואס די עדות האבן אפגעגעבן אין דעם קארנער'ס צימער, און אין יענעם באריכט איז ניט געווען קיין איין ווארט פון דעם סארט וואס איז צוגעשריבן געווארן צו מיר דא אף דעם דאזיקן פראצעס.

מיר באהויפטן, אז דער געמיינסטער פארברעכער וואס מען וואלט נאר געקאנט אויסזוכן אין די שמוציקע הינטער־געסלאך פון וואס פאר עס איז שטאט, וואלט קיינמאל ניט פאר'משפט געווארן אף אזעלכע באווייזן ווי עס זיינען דא געבראכט געווארן, ווען ער וואלט ניט געווען קיין געפערלאכער מענטש לויט דער מיינונג פון די פריווילעגירטע קלאסן. מיר באהויפטן, אז מיר ווערן פאר'משפט, ניט דערפאר ווייל מיר זיינען באגאנגען א מארד. מיר ווערן פאר־ משפט דערפאר, ווייל מיר האבן זייער ענערגיש פארטיידיקט די רעכטן פון די ארבעטער. איך צי אייער אויפמערקזאמקייט צו א זייער באדייטנדן פאקט — אז אין דעם היינטיקן טאג, אין דער צייט ווען דער טויט־אורטייל וועט ארויסגעגעבן ווערן געגן אונז, האבן די באלעבאטים פון די סטאק־יארדס געלאזט וויסן זייערע ארבעטער, אז זיי וועלן פון נעקסטן מאנטאג אן מוזן ארבעטן צען שעה א טאג, אדער די סטאק יארדס וועלן זיך צומאכן. איך מיין, מען קאן דא ציען א לאגישן שלוס, אז אט די מענער טראכטן בא זיך, אז זיי זיינען איצט פטור געווארן פון א געפערלאכן עלעמענט און זיי קאנען זיך אומקערן צו דעם צען־שטונדן־סיסטעם. איך וויים, אז איך האב געהאט א היפש ביסל צו טאן מיט דער אכט־ שטונדן־פראגע, הגם איך האב גערעט בלויז איין מאל אין יענער געגנט, ווייל יעדער ארבעטער דארט איז מיר געווען פרעמד. אבער איך בין געווען דארט פארגאנגענעם מערץ, איך האב דארט גע־ האלטן אן אכט־שטונדן־רעדע און דארט געלייגט דעם יסוד פון אן אכט־שטונדן־ארגאניזאציע, און עס איז די אנגעשטעלטע פון די סטאק־יארדס געלונגען אנצופאנגען אן אכט־שטונדן־סיסטעם, הגם

זיי זיינען ניט געווען אימשטאנד עס פולשטענדיק אויפצוהאלטן. יעדנפאלס האבן מיר פיל געטאן אין דעם פרט.

הער נעעבע האט אייך דערציילט וועגן די גוטע באדינגונגען וואס זיינען געוואונען געווארן פאר פארשידענע קלאסן ארבעטער דא אין שטאט, דורכדעם וואס ער האט זיי ארגאניזירט אין טרייד יוניאנס מיט דעם צוועק צו רעדוצירן די ארבעטס־שטונדן. אויב אונז האט זיך איינגעגעבן אף אזוי ווייט ווי ער האט דא דערציילט, דאן וועלן אונזערע לעבנס ניט זיין פארשווענדט אומזיסט.

און וואס אונזער שיקזאל זאל ניט זיין — און עס קוקט אויס, אז עס איז פאראן בלויז איין שלוס וועגן אט דער פראגע — זיינען מיר צופרידן וואס מיר האבן ניט געלעבט אף דער וועלט פאר גאר־נישט; וואס מיר האבן געבראכט געוויסע נוצן פאר אונזערע מיט־מענטשן און געטאן דאס וואס מיר גלויבן צו זיין אין די אינטע־רעסן פון דער מענטשהייט און פאר דעם פארטשריט פון געזעל־שאפטלעכקייט. דאס צו וויסן איז א באפרידיקונג. איך ווידערהויל די ווערטער, אזוי נאנט ווי איך קאן זיך דערמאנען אן זיי, פון לידי קאווענדיש, נאך דער דערמארדונג פון איר מאן אין פעניקס פארק. זי האט געזאגט: „אויב דער טויט פון מיין טייערן מאן וועט אף וואס פאר עס איז אופן פירן דערצו צו שאפן א בעסער פארשטענ־דעניש און א בעסערן צושטאנד צווישן אט די צוויי עלעמענטן, דאן גיב איך אים גערן אפ.‟ אויב מיין לעבן דארף גענומען ווערן דערפאר וואס איך האב געפרייעדיקט די פרינציפן פון סאציאליזם און אנארכיע, ווי איך האב זיי פארשטאנען און גלויב אויפריכטיק אז זיי זיינען אין די אינטערעסן פון דער מענטשהייט, דאן זאג איך אייך, אז איך גיב עס מיט פרייד אפ; און דער פרייז איז זייער קליין פאר דעם רעזולטאט וואס דאס וועט ברענגען.

געערטער ריכטער, מיט פולן רעספעקט פאר אייערע יארן ווינטש איך צו זאגן אט וואס: ס׳איז גאנץ מעגלאך, אז האבנדיק געלעבט אין אן אנדער אטמאספערע ווי די, אין וועלכער מיר האבן געלעבט, קאנט איר ניט פארשטיין, ווי אזוי מענטשן קאנען האבן אזעלכע לעבערלאכע אידייען. איך צווייפל ניט, אז איר האט אזוי געפילט. דאך איז דאס א גוט באקאנטע זאך, אז פערזאנען וואס האבן געלעבט לאנג און דערגרייכט א רייפע עלטער, בייטן זעלטן זייערע מיינונגען. איך שרייב ניט צו קיין שלעכטן מאטיוו דערצו. ס׳איז א נאטירלאכער רעזולטאט. אבער מיר באהויפטן, אז אונ־

זערע פרינציפּן וועלן אויסהאלטן דיסקוסיע, אויספאָרשונג און קריטיק. מיר באהויפּטן, אז אזוי ווייט ווי מיר זיינען געווען אימשטאנד אויסצוגעפינען, זוכנדיק א רפואה פאר די קראנקהייטן פון דער געזעלשאפט, האָבן מיר ניט אויסגעפונען קיין שום אנדער זאך וואָס זאָל זיך, לויט אונזער מיינונג, אזוי צופּאסן צו דער באזונדערער קראנקהייט, פון וועלכער די געזעלשאפט ליידט היינט־צו־טאָג, — קיין זאך וואָס זאָל זיין בעסער, איידער די פרינציפּן פון דעם סאָציאליזם. און, הער ריכטער, ווען דער סאָציאליזם וואָלט אזוי גרינטלאך פארשטאנען געוואָרן דאָ אין שטאָט און אין דער וועלט. ווי ער ווערט פון אונז פארשטאנען! אָבער איך גלויב, אז די וועלט, וועלכע איז בכלל ערלאך, ווי פאָראורטיילהאפט זי זאָל ניט זיין, וועט זיך ניט לאָזן לאנג בעטן און וועט אָננעמען די דאָזיקע פרינציפּן. און עס וועט זיין א גוטער טאָג, א גרויסער טאָג פאר דער וועלט; עס וועט זיין א גרויסער טאָג פאר דער מענטשהייט; זי וועט קיינמאָל ניט האָבן געמאכט אזא ווייטן שריט פאָרווערטס צו פולקאָמענהייט, אויב זי קאָן ווען עס איז דערגרייכן דעם דאָזיקן ציל, ווי זי וועט עס מאכן, ווען זי וועט אָננעמען די פרינציפּן פון סאָציאליזם. דאָס זיינען פרינציפּן, וועלכע איגנאָרירן קיינעם ניט, דאָס זיינען די פרינציפּן, וועלכע נעמען אין באטראכט יעדן אייזנעמ׳ס אינטערעסן. דאָס זיינען די פרינציפּן, וועלכע וועלן באזייטיקן אומרעכט און אומגערעכטיקייט, און מענטשלאכע ליידן וועלן רעדוצירט ווערן צו א מינימום אונטער אזא איינאָרדנונג פון דער געזעלשאפט. פארגליכן מיט דעם איצטיקן קאמף פאר עקזיסטענץ, וואָס דעגראדירט די געזעלשאפט און מאכט די מענטשן, ווי איך האָב דערקלערט אין דער היימארקעט־רעדע, איינפאך פאר מאשינען און חיות, — פארגליכן דערמיט וועט דער סאָציאליזם זיי געבן געלעגנהייטן צו אנטוויקלען די מעגלאכקייטן פון זייער נאטור. אָבער אונטער אונזער איצטיקער עקזיסטירנדער עקאָנאָמישער אָרדנונג קאָן גאָרנישט זיין. און, הער ריכטער, עס וועט, לויט מיין מיינונג, נעמען בלויז א קורצע צייט און אָט דער סיסטעם וועט זיך האָבן אויסגעלעבט, אזוי אז עס וועט קיין אנדער ברירה ניט זיין און מען וועט מוזן אָננעמען דעם סאָציאליסטישן סיסטעם. די ריזיקע ארמיי פון ארבעטסלאָזע מענטשן; די גרויסע צאָל פון פארברעכנס, וואָס ווערט א כמעט אומדערטרעגלאכע לאסט אף די פארשידענע שטעט דאָ אין לאנד און אין אייראָפּא זיי צו האלטן אין

צאם, — דאָס ווייזט אונז, אז עפּעס איז דאָ דורך און דורך פאַלש, אומגערעכט. אָט די צושטענדן װעלן אונז צווינגען צו פרעגן וואָס דאָס דאָזיקע אומרעכט איז, און אונז צווינגען אָנצונעמען א גע־וויסן אַנטידאָט, א געגן־מיטל פאַר דעם איבל.

איך האָב ערגעצוואו געלייענט וועגן א היסטאָרישן העלד פון די אַלטע צייטן, וועלכער האָט דער׳הרג׳עט זיין חבר. ספּאַרטאַקוס איז געווען א גלאַדיאַטאָר וואָס האָט געלעבט בלויז דערצו צו פאַר־שאַפן פאַרגעניגן און צייט־פאַרטרייב פאַר די פּאַרצייטיקע רוימישע פּריצים. מען דערציילט וועגן אים, אז ער האָט אַמאָל, בא א גע־וויסער געלעגנהייט, גערעט צו זיינע חברים־שקלאַפן און זיי אָנגע־וויזן אף זייער טרויעריקער לאַגע. ריידנדיק וועגן זיין היים, איי־דער ער איז געוואָרן א געפאַנגענער און א שקלאַף, דערציילט ער זיי וועגן די גוטע טעג, די פאַרגעניגנס פון זיין יוגנט; ער זאָגט זיי, בשעת זיי הערן דאָס ווילדע ברומען פון דעם נומידישן לייב, אז מאָרגן וועט אָט דער לייב פּראַוועז מיט זיי א סעודה, וועט שטילן זיין הונגער אף זייערע לייבער. „נעכטן", דערציילט ער זיי, „האָב איך אין דער אַרענא געטראָפן א גלאַדיאַטאָר, און איך האָב אים דער׳הרג׳עט. איך האָב געטראַכט וועגן דער צייט ווען איך בין געווען א קינד אף די בערג פון טראַציע, וועגן א קליינעם אינגל וואָס איז געווען א קינד פון א שכן, און מיט וועמען איך האָב זיך געטיילט מיט מיין אָרעמן מאָלצייט, בעת מיר האָבן אַכטונג גע־געבן אף אונזערע באַזונדערע סטאַדעס אף די בערגלאַך. און ווען איך האָב אויפגעהויבן דעם קאַפּושאָן פון דעם גלאַדיאַטאָר וואָס איך האָב דער׳הרג׳עט, האָב איך אויסגעפונען, אז דאָס איז געווען דער חבר פון מיין יוגנט. פאַרוואָס זאָל עס זיין אַזוי, אז מיר זאָלן זיך שלאָגן? פאַרוואָס זאָל עס זיין אַזוי, אז מיר זאָלן קעמפן איינע מיט די אַנדערע? פאַרוואָס זאָל עס זיין אַזוי, אז מיר זאָלן טויטן איינער דעם צווייטן פאַר דעם פאַרגעניגן און דעם צייט־פאַרטרייב פון די רוימישע פּריצים?"

און איך זאָג אַצונד, אין א צייט, ווען עס גייט אָן א מורא׳די־קער קאַמף פאַר עקזיסטענץ צווישן דעם קלאַס וואָס האָט ניט קיין געלט און קיין אייגנטום, אז דאָס איז א קאַמף פאַר דעם פאַרגעניגן און דעם צייט־פאַרטרייב פון די אייגנטום־פּריצים. די קינדער, וועלכע שפּילן זיך אין די גאַסן פון שיקאַגא, אין די שטעטלאַך און די דערפער וואָס זיינען צוזייט און צושפּרייט איבער׳ן גאַנצן לאַנד

פון׳ם אטלאנטיק ביז׳ן פאסיפיק, — אט די אלע קינדער וועלן אויס־וואקסן און זיך ארייננווארפן אין א ביטערן, אין א מורא׳דיקן קאמף פאר עקזיסטענץ, פאר דעם צייט־פארטרייב און פאר דעם בענעפיט פון קיין שום אנדערן, נאר פון זייערע באלעבאטים, די אמעריקאנער פריצים. איך זאג, מיינע פריינט, אז די קאנפליקטן וואס גייען אן און וועלן אנגיין צווישן אט די לייט, וועלן זיי סוף כל סוף פירן דערצו זיך אויפצוהויבן קעגן זייערע באלעבאטים. אויב איך קאן זאגן עפעס אין די אינטערעסן פון דער מענטשהייט, אין די אינ־טערעסן פון פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלאכקייט, וועל איך דאס זאגן איצט. נעמט זיך אין אכט, נעמט זיך אין אכט! די צייט, מיינע פריינט, איז ניט ווייט. דער שנעלער פראצעס פון רעדוצירן די מאסן אין א צושטאנד פון געזונקענקייט און דערני־דעריקונג, ווי מען קאן עס זען פון דער צאל מענטשן וואס זיינען אויסער ארבעט, באווייזט אונז קלאר וואוהין מיר גייען. מיר קאנען עס ניט אפלייקענען. קיין דיינקנדער מענטש, קיין פארנינפטיקער מענטש, קיין פריינט פון זיין מין קאן ניט איגנארירן דעם פאקט, אז מיר גייען שנעל צו אן אפגרונט.

אויב איך שריי אויס און רוף מען זאל זיך אפשטעלן, באַ־טראכט איך דאס אין די אינטערעסן פון דער מענטשהייט. איך מאך ניט קיין דראאונגען. איך האב קיינמאל ניט געמאכט קיין דראאונגען. איך האב בלויז גערעדט און געזאגט די מאסן וואס עס איז דער נאטירלאכער רעזולטאט פון די איצטיקע עקזיסטירנדע צושטענדן. איך זאג זיי איצטער, אז איך ראט קיינעם ניט צו באַ־גיין וועלכן ס׳איז אקט, וואס וואלט אים געמאכט שולדיק פאר׳ן געזעץ און אויסגעזעצט באשטראפט צו ווערן; אבער איך זאג צו די וואס האבן די מיטלען פון עקזיסטענץ אין זייער באזיץ, אז עס קאן קומען א צייט, ווען דאס פאלק וועט מער ניט ליגן צוזאמענגע־פרעסט אינאיינעם, ווען די ראצן, ווי מר. גרינעל האט זיי אנגע־רופן, וועלן ארויסקומען פון זייערע לעבער. איך וואלט געוואונטשן איר זאלט לייענען וויקטאר הוגא, לייענען אין זיין גלענצנדן ווערק „נאטר דאם" די שילדערונג פון די ווערים וואס זיינען ארויסגע־קראכן פון דעם לאטיינישן קווארטאל. אומאנגענעם ווי די דאזיקע זיינען, זיינען זיי דאך מענטשלאכע וועזנס. זעט דעם רעזולטאט פון דער דעגראדאציע, צו וועלכער די מאסן זיינען געבראכט גע־ווארן אין דער צייט פון דער פראנצויזישער רעוואלוציע פון 1789.

זיי האָבן גאָרנישט געוואוסט. זיי האָבן בלויז געפילט דעם בלינדן צאָרן פון א צורייצטן טיגער צו טויטן, צו פארניכטן וואָס עס איז, ווען זייער לאגע איז געוואָרן אזוי פארצווייפלט, אז עס איז מער ניט געווען קיין וואונטש פאר'ן לעבן און דער טויט האָט ניט גע־האט קיין שרעק. ס'איז א לעקציע, א „מוסר־השכל" פון דער גע־שיכטע. קיין מענטש וואַרפט ניט פריי־וויליק אוועק זיין לעבן.

עס איז ניט ווארשיינלאך, אז עס וועט זיין וואָס פאר עס איז אויפשטאנד אין אמעריקא, אז עס וועט פאָרקומען אן אויפשטאנד אין וואָס פאר עס איז לאנד אונטער דער זון, ביז עס וועט קומען די צייט, ווען די מענטשן וועלן מער ניט קאָנען לעבן. זיי וועלן עס קיינמאָל ניט טאָן ביז דאַן. עס איז די אויפגאבע פון דער געזעל־שאפט צו דיינקען, זיך צו באטראכטן, צו פארגלייכן. עס האָט קיין זין ניט פאר א מענטשן זיך אומצוקוקן ארום זיך אין זיין קליינער היים, אין זיין אייגענעם ווארעמן ווינקל, און זיך פאָרשטעלן ווי גוט און ווי באקוועם עס איז אים און דיינקען צוליב דעם, אז אלצ־דינג איז פיין און ליב און אלצדינג איז זיכער. עס איז ניט. אף דרויסן זיינען די מענטשן וואָס ליידן; מענטשן מיט אפּעטיטן; מענטשן מיט ליידנשאפטן; מענטשן מיט פארלאנגען; מענטשן מיט געפילן וואָס זיינען אזוי פיין, פילייכט, ווי די געפילן פון מאנכע פון די אינטעליגענטסטע טיילן פון דער געזעלשאפט; מענטשן וואָס זיינען צוגעדריקט צו דער וואנט. זיי וועלן זיין צו־געדריקט צו דער וואַנט, סיידן דער סיסטעם וועט געענדערט ווערן. ווען איך האָב אייך געזאָגט, אדער אָנגעדייטעט, ווי אזוי דעם פאָלק'ס מיטלען פון עקזיסטענץ האָבן זיך ביסלאכווייז קאָנצענט־רירט אין די הענט פון א הייפעלע פון א קליינער צאָל פון דער גע־זעלשאפט, איז דאָס אן אָנדייטונג וואָס ווייזט אָן א שום צווייפל אף א געפאר. איך ווינטש, אז די געזעלשאפט זאָל דאָס פארמיידן. איך האָב דערקלערט אפן עדות־שטול, אז עס איז ניט קיין פאר־גניגן פאר מיר צו טראכטן אפילו וועגן אזא זאך.

הער ריכטער, פאראן נאָך איין זאך וואָס איך וויל זאָגן וועגן מיין אייגענעם באזונדערן פאַל, און דאַן וועל איך זיין צו ענד. מען האָט דאָ גערעט וועגן דינאמיט, און מר. אינגהעם האָט אויפגעהויבן געגן אונז די קלאגע, אז מיר האָבן אלע געוואוסט אז עס וועט גע־ברויכט ווערן געוואלט אפן היימארקעט. אויב ער האָט עס ניט

געזאגט מיט די ווערטער, איז דאס אנגעדייט געווארן אין יענער באהויפטונג, אז מיר זיינען אלע גלייך שולדיק. מעגלאך אז דאס איז אזוי. איך ווייס ניט אף ווי וויט די אנדערע זיינען שולדיק. פישער, לינג און ענגל זיינען מענער, מיט וועמען איך בין זיך ניט צונויפגעקומען פאר א יאר צייט. איך האב געקענט פישער'ן; איך בין ניט געווען באקאנט מיט לינג'ן. ענגעל'ן האב איך געזען, אבער א היפשע צייט פאר דער היימארקעט געשיכטע, און איך ווייס, אז א געוויסע צייט האט ער ניט באלאנגט צו אונזער ארגאניזאציע — האט זי פארלאזן, און דאסזעלבע האט געטאן פישער, און איך האב ניט געוואוסט, אז זיי באלאנגען ווידער צו איר. איך האב אלזא ניט געקאנט קאנספירירן מיט זיי צו טאן וואס עס איז אין דעם היימארקעט סקווער דעם 4טן מאי. איך האב ניט געזען אט די אנדערע הערן זינט דעם זונטיק פאר דעם. איך גלויב, אז איך האב איבערהויפט ניט געזען מר. פארסאנס יענעם זונטיק און איך האב אים ניט געזען א וואך צייט פאר דעם. איך ווייס ניט וואס די באשטאנד־טיילן פון דינאמיט זיינען. איך האב קיינמאל, איידער איך בין געקומען אהער אין דעם געריכט, ניט געזען קיין דינאמיט־באמבע. איך האב קיינמאל ניט געזען קיין עקספערימענטן, אדער אנטייל גענומען אין וועלכע עס איז עקספערימענטן מיט דינאמיט אין וואס פאר עס איז פארם, און איך האב קיינמאל ניט געוואוסט— און איך ווייס עס בלויז איצט, אויב איך מעג גלייבן דאס עדות־זאגן פון די דעטעקטיוום אין דעם דאזיקן פראצעס — אז מען האט געהאלטן דינאמיט אין דער געביידע פון דער „ארבעטער צייטונג".

איך זאג אט די זאכן ניט דערפאר ווייל איך גלויב, אז מען וועט מיר גלייבן. איך ווייס, ווי איך האב שוין פריער דערקלערט, אז יעדער אנגעקלאגטער, כמעט, טענה'ט אז ער איז אומשולדיק, און עס איז אומגעפער אלץ וואס ער קאן טאן; און עס זיינען אן א שום ספק געווען פאלן, וואו אן אנגעקלאגטער האט גע'טענה'ט מיט אזויפיל אויגנשיינלאכער אויפריכטיקייט, ווי איך זאג עס היינט, אז ער איז אומשולדיק, און פונדעסטוועגן איז ער געווען שולדיק. אבער איך וויל זאגן אט וואס, הער ריכטער, אז ווען דער פראקוראר אדער די פאליציי פון דער דאזיקער שטאט זאלן אייך מארגן ארעסטירן פאר וואס פאר עס איז פארברעכן, און וועלכן זיי וועט זיך פארגלוסטן אייך אנצוקלאגן, וואלטן זיי געקאנט באווייזן אז איר זיינט שולדיק, ווען זיי זאלן נאר וועלן. דאס איז דער פאר־

צוג וואָס זיי האָבן. איך ווייס ניט, צי דאָס איז געטאָן געוואָרן אבזיכטלאך — איך וועל ניט באשולדיקן קיין מענטשן אין אזא זאך. איך ווייס, אז עס זיינען דא געזאָגט געוואָרן אבזיכטלאכע ליגנס, און דאָרט וואו איך ווייס עס זיכער, וועל איך עס דער־קלערן. איך וועל ניט פארלעצן קיינעמ׳ס געפילן; איך וועל ניט, כדי צו ראטעווען מיין לעבן, באשולדיקן וועמען עס איז, אז ער איז א מערדער, ביז וואנען איך ווייס ניט אף זיכער אז ער איז דאָס. דורכדעם וואָס איך בין געווען פארשפארט, אָפּגעזונדערט פון דער וועלט פאר אזא לאנגע צייט, ווייס איך ניט און קאָן ניט ווייסן, וואָס פאר אן איינפלוס עס איז אויסגעאיבט געוואָרן אף דעם פּראָקוראָר, אז עס זאָלן געבראכט ווערן געגן מיר די באַ־ווייזן וואָס זיינען דא ארייגעבראכט געוואָרן, און וועלכע איך ווייס, אז זיי זיינען פאלש. דערפאר וועל איך אים ניט באשול־דיקן, אז עס איז געווען אבזיכטלאך פון זיין זייט מיך צו פאר־משפּט׳ן, אבער איך האָב פארגעשלאָגן, אז ער קאָן אויסגעפינען פילע זאכן, ווען ער וועט דורכקוקן געוויסע רעקאָרדס וואָס איך האָב דערמאָנט. און וועלכע באשטרייטן פיל פון דעם וואָס איז באהויפּט געוואָרן דאָ אין מיין באזונדערן פאל.

הער ריכטער, איך האָב געארבעט בא שווערער ארבעט פון אינגלווייז אָן. איך בין אריין אין א באנוויל פאבריק ווען איך בין געווען אכט יאָר אלט, און איך האָב כסדר געארבעט זינט דאן, און עס איז קיינמאָל ניט געווען א צייט אין מיין לעבן, ווען אי־מיצער האָט מיך געקאָנט אָפּקויפן אָדער מיר באצאָלן צו דינען וואָס פאר עס איז צוועק, אין וועלכן איך האָב ניט געגלויבט און ניט געהאלטן פאר אמת. צו ווידערשפרעכן דעם ליגן וואָס איז פארעפנטלאכט געוואָרן אין פארבינדונג מיט דעם אקט פון דער גרענד דזשורי וואָס האָט אונז אָנגעקלאָגט אין מאָרד, וויל איך דאָ זאָגן, אז איך האָב קיינמאָל ניט באקומען קיין איין סענט פאר אגיטירן. ווען איך בין ארויסגעפאָרן פון שטאָט האָב איך געקראָגן באצאָלט פאר מיינע אויסגאבן. אבער אפטמאָל, ווען איך בין געפאָרן אין שטעט און שטעטלאך, ווען איך האָב זיך געמוזט פארלאָזן אף יענע שטעט צו באצאָלן מיינע רייזע־קאָסטן, בין איך צוריקגעקומען אהער אין שטאָט אף דעם געלט וואָס איך האָב געמוזט ארויסנעמען פון מיין אייגענער קעשענע, געלט וואָס איך האָב פארדינט דורך שווערער ארבעט. איך האָב געמוזט באצאָלן

פאר דער פריווילעגיע פון מיין אגיטאציע פון'ם ביסל געלט וואס איך האב אפגעשפארט און געהאט אין מיין באזיץ.

היינט, ווען די שיינע הערבסט־זון קושט מיט א באלזאם־ווינטעלע די באקן פון יעדן פרייען מענטשן, שטיי איך דא פאר־משפט קיינמאל מער ניט צו באדן מיין קאפ אין אירע שטראלן. איך האב ליב געהאט מיינע מיט־מענטשן ווי איך האב ליב געהאט זיך אליין. איך האב געהאסט שווינדל, אומערלאכקייט און אומ־גערעכטיקייט. דער נייעצנטער יארהונדערט באגייט דעם פאר־ברעכן צו טויטן זיין בעסטן פריינט. ער וועט עס שפעטער בא־דויערן. אבער, ווי איך האב פריער געזאגט, אויב עס וועט ברייני־גען וואס פאר עס איז גוטס, גיב איך זיך פרייוויליק אפ. איך גלויב, אז די צייט וועט קומען ווען עס וועט זיין א בעסער פאר־שטענדעניש, מער אינטעליגענץ, און איבער די בערג פון אומגע־רעכטיקייט, אומרעכט און קארופציע, האף איך, וועט שיינען די זון פון רעכט און אמת און יושר, און וועט באגיסן מיט איר באל־זאם־ליכט א באפרייטע וועלט. איך דאנק אייך, הער ריכטער, פאר אייער אויפמערקזאמקייט.

אלבערט ר. פּאַרסאָנס׳ רעדע

ביאָגראַפישער נאָטיץ

אין דער גרופּע פון אונזערע שיקאַגאָ׳ער מאַרטירער איז פּאַרסאָנס אַן אויסנאַם. ער איז געווען ניט בלויז אַן אַמעריקאַנער דורך געבורט, נאָר אַ זון פון אַן אַלטער אַמעריקאַנער פאַמיליע, וועמעס זיידעס האָבן געקעמפט אין דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע.

אַלבערט ר. פּאַרסאָנס איז געבאָרן געוואָרן דעם 20טן יוני, 1848, אין מאָנטגאָמערי, אַלאַבאַמאַ. זיינע אור־עלטערן זיינען אין יאָר 1632 געקומען פון ענגלאַנד קיין אַמעריקע און האָבן זיך באַזעצט ניט ווייט פונם נאַראַגאַנזעט בעי. זיי זיינען געווען פּיוריטאַנער. זיין פאָטער איז געבאָרן געוואָרן אין מעין; זיין מוטער — אין ניו דזשורזי. עטלעכע יאָר פאַר אַלבערט׳ס געבורט האָבן זיך זיינע עלטערן באַזעצט אין אַלאַבאַמאַ.

ווען אַלבערט איז אַלט געווען פינף יאָר איז זיין מוטער געשטאָרבן. מען האָט דעם אינגל אַוועקגעשיקט צו זיין פאַרהייראַטן ברודער אין טיילער, טעקסעס. אין 1856, ווען אַלבערט איז אַלט געוואָרן אַכט יאָר, איז ער מיט זיין ברודער אַריבער אין דזשאָנסאָן קאַונטי, וואו זיי זיינען געבליבן צוויי יאָר צייט. דערנאָך האָט מען דעם קליינעם אַלבערט אַוועקגעשיקט צו זיינער אַ פאַרהייראַטער שוועסטער אין וואַקאָ, טעקסאַס.

אין 1859, ווען ער איז אַלט געווען עלף יאָר, איז ער אָנגעקומען אַלס לערן־אינגל אין דער דרוקעריי פון דער „גאַלוועסטאָן דעילי ניוס“, וואו ער האָט זיך געלערנט די מלאכה פון שריפטזעצעריי. ווען עס האָט אין 1861 אויסגעבראָכן דער קריג געגן דער סויט, האָט זיך דער יונגער פּאַרסאָנס אָנגעשלאָסן אָן אַ קאָמפּאַניע פון וואָלונטירן מיטן נאָמען „דהי לאָון סטאַר רייפלס“. ער איז אַ קורצע צייט געווען אַ סאָלדאַט, אָבער צוליב דעם וואָס ער איז געווען צו יונג און צו שוואַכלאַך האָט אים זיין קאָמפּאַניע איבערגעלאָזט אין גאַלוועסטאָן. עטלעכע מאָנאַט שפּעטער איז ער אַוועקגעפאָרן קיין סאַבין־פּאַס, וואו ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן אַ קאָמפּאַניע פון אַרטילעריע. באַ דעם איז ער געבליבן אומגעפער אַ יאָר צייט, ווען אַלע פּריוואַטליקע אַרטילעריסטן זיינען, לויט דעם דורכגעפירטן קאָנסקריפּציאָנס־געזעץ, גענומען געוואָרן אַלס סאָלדאַטן. דאַן איז ער אַריינגעטראָטן אין דעם 12טן טעקסאַסער קאַוואַלערי־רעגימענט, וואו ער איז פאַרבליבן ביזן סוף פונם בירגער־קריג אין יאָר 1865. דאַן איז ער צוריקגעפאָרן קיין וואַקאָ, טעקסאַס.

אין 1868 האָט פּאַרסאָנס געגרינדעט אַ צייטונג, וועלכע ער האָט

גערופן „דהי ספעקטײטאָר”. אין זײַן צײַטונג איז ער אַרויסגעטראָטן פאַר דער רעקאָנסטרוקציע פון דער סויט דורך דער נאָרט. אַלס פאָלגע דערפון האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אָן דער רעפּובליקאַנער פּאַרטײ, װעלכע האָט אין יענער צײַט אַגיטירט פאַר דער באַשיצונג פון דער „באַפרײַטער שװאַרצער ראַסע”. פּאַרסאָנס שטעלונג, זײַן פאַרטיידיקן די רעכטן פון די נעגערס, האָט געגן אים אַרויסגערופן די שׂנאה פון אַלע זײַנע קרובים און זײַנע ביז־דאַמאָלסדיקע באַקאַנטע. די שקלאַפנהענדלער זײַנען געװען אַזױ בײז אױף אים, אַז ער איז מערערע מאָל געסטראַשעט געװאָרן מיטן טויט. אײנמאָל האָט אים אַ באַנקיר אין װאַקאָ דערלאַנגט מיט אַ שטיק אײַזן אין פּנים, װען פּאַרסאָנס האָט אין זײַן געגנװאַרט דערקלערט, אַז ער װעט קײנמאָל ניט אױפהערן צו פאַרטיידיקן די רעכטן פון זײַנע פאַרביקע ברידער. אחוץ דעם האָט ער געהאַלטן פּאָליטישע רעדעס, װעלכע די שקלאַפן־האַלטער האָבן דערקלערט אַלס אױפרײצנד.

אין 1871 איז פּאַרסאָנס דערװײלט געװאָרן אַלס פאָרלעזער פונם סטייט סענאַט פון טעקסאַס. צוגלײַכערצײַט האָט אים דער דאַמאָלסדי׳קער גאָ־װערנאָר באַשטימט אַלס עלצטן פון דער מיליץ. אַלס אַזעלכער האָט ער מערערע מאָל געהאַט די אױפגאַבע אַכטונג צו געבן אױף דעם אָנגאַנג פון די װאַלן באַם שטימקאַסטן, כּדי צו באַשיצן די נעגערס אין זײער בירגער־רעכט, װען זײ פלעגן פאַרפאָלגט און דערמאָרדעט װערן פון די קו־קלוקס באַנדעס.

אין יאָר 1872 האָט פּאַרסאָנס געהײראַט מיט זײַן פרוי, לוסי, אין אוסטין, טעקסאַס. ער האָט זי געקענט נאָך פון קינדװײַז אָן, װען זי איז געװען די שקלאַפין פון אײנעם פון זײַנע קרובים.

אין 1873 האָט ער זיך באַזעצט אין שיקאַגאָ, װאו ער איז זינט יענער צײַט געבליבן. ער האָט זיך גלײַך אָנגעשלאָסן אָן דער שריפט־זעצער יוניאָן. זײַן ערשטע שטעלע אַלס זעצער האָט ער געפונען אין דעם שיקאַגאָ׳ער „אינטער־אָושען” און אַן ערך פינף יאָר האָט ער געאַרבעט אין דער „שיקאַגאָ טײמס”.

אין 1875 איז פּאַרסאָנס אַרײַנגעטראָטן אין דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער פּאַרטײ און אין אַ יאָר אַרום האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אָן די „נײטס אָװ לײבאָר”. אין דעם זעלבן יאָר האָבן אים די סאָציאַליסטן נאָמינירט אַלס קאַנדידאַט פאַרן אַמט פון אָלדערמאַן. צוליב זײַן אָנטײל אין דעם גרױסן זעצער־סטרײַק, װאָס איז פאָרגעקומען אין יולי, 1877, האָט ער פאַרלאָרן זײַן שטעלע אין דער „שיקאַגאָ טײמס”. די סאָציאַ־ליסטן האָבן אים שפּעטער אױך נאָמינירט אַלס קאַונטי קלוירק, אַלס קאָנגרעסמאַן און אַנדערע אַמטן.

אין 1880 איז פּאַרסאָנס אַרױסגעטראָטן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטײ, האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן די סאָציאַל־רעװאָלוציאָנערן און אָנטײל גענומען אַלס דעלעגאַט אױף זײער קאָנגרעס אין שיקאַגאָ. ער איז אױך געװען אַ דעלעגאַט צום קאָנגרעס אין פּיטסבורג, װאו עס איז אָרגאַניזירט געװאָרן די „אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער אַסאָסיאַציע”, צו װעלכער פּאַר־סאָנס האָט געהערט ביז דעם לעצטן טאָג.

אלס סאָציאַליסטישער אגיטאַטאָר און אָרגאַניזאַטאָר האָט פּאַרסאָנס דורכגערייזט 16 שטאַטן און אין א משך פון עלף יאָר צייט האָט ער גערעדט אַף מער ווי טויזנט מאַסנפאַרזאַמלונגען איבער די פּרינציפּן פונם סאָציאַליזם.

זייט 1884 האָט ער רעדאַקטירט דעם „אַלאַרם", די אַנאַרכיסטישע ענגלישע צייטונג, וועלכע איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון דער אינט. אַרב. אַסאָסיאַציע. אויסער זיינע אַרטיקלען אין „אַלאַרם" איבער פאַרשידענע סאָציאַלע פראַגן האָט פּאַרסאָנס אויך געשריבן א גרינדלאַכע אָפּהאַנדלונג איבער דער אַנאַרכיסטישער לערע, וועלכע איז נאָך זיין טויט דערשינען אין בוך-פאָרם אונטערן נאָמען „אַנאַרכיזם".

פרייהייט

„בעט גאָט און אַרבעט!" רופט די וועלט,
„אייל מיט דיין תפלה, דען צייט איז געלט;
בא דיר אין טיר קלאַפּט דאָך די נויט —
דאַוון געשווינטער, דען צייט איז ברויט."

און דו אַקערסט און דו זייסט,
און דו שטריקסט און דו נייסט,
און דו האַמערסט און דו שפּינסט —
זאָג, אָ פאָלק, וואָס דו געווינסט!

שאַפסט באַם וועב-שטול טאָג און נאַכט,
גראָבסט דעם אייזן פון דער שאַכט,
איבערפילסט דעם רייכטום-בעכער
מיט וויין און קאָרן, העכער, העכער.

ווער עסט דעם מאָלצייט, וואָס האָסט געגרייט?
ווער טראָגט דאָס יום טוב קלייד, וואָס האָסט גענייט?
וואו'ז די וואַרמע היים, וואו דו הויזט?
דיין שאַרפער שווערד אין קאַמף אַנטבלויזט?

האָסט אַלץ באַשאַפן גאָר אָן שיעור,
פאַר פרעמדע אָבער, ניט פאַר דיר!
דעם לוין דערפאַר, וואָס דיר מען גיט —
די קייט בלויז, וואָס דו האָסט געשמיט!

א קייט, וואס שניידט דיין לייב און רייסט,
און ברעכט די פליגל פון דיין גייסט,
וואס אף דיין פוס אין וויג שוין
קלינגט. — א פאלק, אט דאס איז דיין לוין!

וואס איר שאפט, צום לעבן רופט,
ווערט דאס רייכטום פון דעם שופט;
וואס איר וועבט, דאס איז דער פלוך
פאר אייך, אין קאלירטן טוך.

הייזער בויט איר און האט קיין וואוינונג,
קיין דאך זאגאר אלם באלוינונג;
דער וואס איר באקליידט, באגליקט,
מיט חוצפה טרעט אף אייך און דריקט.

מענטשן־בינען, האט נאטור
געגעבן אייך האניק נור?
פוילענצער, וואס פון אייך לעבן,
קאנט איר גאר קיין בים ניט געבן?

מאן פון ארבעט אויפגעוואכט!
און דערקען דיין שטארקע מאכט!
אלע רעדער שטייען שטיל,
ווען דיין שטארקער ארעם וויל.

דיינע דריקער פון שרעק ווערן בלאסע,
ווען מיד, פארמאטערט פון דיין משא,
פארווארפסט דעם אקער און דעם פלוג
און זאגסט: גענוג געשקלאפט שוין, גענוג!

צוברעך דעם דאפעל־יאך, ווער פריי!
צוברעך די נויט פון שקלאפעריי!
צוברעך די שקלאפעריי פון נויט!
ברויט איז פרייהייט, פרייהייט איז ברויט!

אָט די פּאָעמע דריקט אויס אין קורצן די שטרעבונגען, די האָפנונג און די נויט פון די ארבעטער־קלאַסן ניט בלויז פון אמע־ריקא, נאָר פון דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט.

הער ריכטער, אויב עס איז דאָ א כאַראַקטעריסטיק, מיט וועל־כער די פירונג פון דעם דאָזיקן פּראָצעס האָט זיך אָף א פּראָמי־נענטן אופן אויסגעצייכנט, איז דאָס די לײדנשאפט, די היץ און די בייזוויליקייט, די געוואַלט־טאַט סײַ צו דער פּערזאָן און סײַ צום סענטימענט, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין אלץ וואָס איז געווען פארבונדן מיט דעם דאָזיקן פּראָצעס. איר פרעגט מיך, פאַר־וואָס דער טויט־אורטייל זאָל ניט ארויסגעגעבן ווערן געגן מיר, אָדער, וואָס איז איינס און דאָסזעלביקע, פארוואָס איר זאָלט מיר געבן א נייעם פּראָצעס, כדי איך זאָל קאָנען באווייזן מיין אומשולד און די גערעכטיקייט זאָל געפינען איר פולן אויסדרוק. איך ענט־פער אייך און זאָג, אז אָט דער אורטייל איז אן אורטייל פון לײדנ־שאַפט, געבוירן אין לײדנשאפט, געקעכלט אין לײדנשאפט, און איז דער סך הכל פון אן אָרגאַניזירטער לײדנשאפט פון דער שטאָט שיקאגאָ. צוליב דער דאָזיקער אורזאַך פארלאַנג איך פון אייך איר זאָלט סוספּענדירן דעם אורטייל און באוויליקן א נייעם פּראָ־צעס. דאָס איז איינע פון די פילע אורזאכן, וועלכע איך האָף פאַר־צולייגן פאר אייך, איידער איך וועל זיין צו ענד.

נו, וואָס איז אזוינס לײדנשאפט? לײדנשאפט איז דאס פּאַר־ווארפן פון דעם שכל. בא דעם המון אין גאַס, בא א געשלעג אין א סאַלון, אין די קריגערייען אָף די טראָטואַרן, דאָרט וואו מענטשן פארלירן זייער שכל און גיבן זיך איבער צו געפיל און אויפרעגונג,— דאָרט האָבן מיר לײדנשאַפט. דאָרט ווערן פארוואָרפן די עלע־מענטן פון גלייכגעוויכט, פון רואיקייט, פון קאָנען אונטערשיידן, וואָס איז נייטיק כדי אויסצוגעפינען דעם אמת, כדי פעסטצושטעלן די גערעכטיקייט. איך האַלט, אז איר קאָנט ניט באשטרייטן די קלאַגע וואָס איך ברייננ דאָ, אז אָט דער פּראָצעס איז געווען פאַר־טרונקען אין לײדנשאפט פון זיין סאמע אָנהויב ביז זיין סוף. און אפילו אין דער איצטיקער שעה, ווען איך שטיי דאָ בא דער תליה און דער תליון ווארט אָף מיר מיט זיין שטריק, זיינען פאראַן די וואָס באהויפּטן, אז זיי פאַרטרעטן די עפנטלאכע מיינונג דאָ אין שטאָט, און איך רייד איצט פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּרעסע— פון יענעם געמיינעם און אומפארשעמטן אָרגאַן פון מאָנאָפּאָל און

זיינע געדונגענע ליגנער, דעם פאָלק'ס אונטערדריקער — זאָגאר ביי היינטיקן טאָג לעבצן אָט די צייטונגען נאָך אונזער בלוט אין דער היץ און געוואַלט־טאַט פון ליידנשאַפט. ווער קאָן דאָס אָפּלייקע־נען? געוויס ניט דאָס דאָזיקע געריכט. דאָס געריכט איז גוט באַ־קאַנט מיט די פאַקטן.

כדי איך זאָל זיך קאָנען פאָרשטעלן פאַר אייך ווי געהעריק איז, און אין רעכטפאַרטיקונג פון דעם וואָס איך האָב פיליכט גע־זאָגט אָדער געטאָן אין פאַרלויף פון מיין לעבן, איז נייטיק, אַז איך זאָל זיך פאַרנעמען מיט איינצלהייטן; און איך באַהויפּט, אַז ווען עס זאָל מיר אפילו אויסקומען צו ריידן צו לאַנג, פאָדערן די צוועקן פון גערעכטיקייט אַז דאָס זאָל געטאָן ווערן.

פאַר די לעצטע צוואַנציק יאָר איז מיין לעבן געווען איינג פאַרבונדן מיט דעם וואָס איז באַקאַנט אלס די ארבעטער באַוועגונג פון אמעריקא, אין וועלכער איך האָב זיך אקטיוו באַטייליקט. אלס רעזולטאַט פון דער דאָזיקער דערפאַרונג און פון גענויע פאָרשונגען וואָס איך האָב געהאַט אַ געלעגנהייט פון צייט צו צייט צו מאַכן, בין איך גוט באַקאַנט מיט דער דאָזיקער באַוועגונג; און דאָס וואָס איך האָב צו זאָגן וועגן אָט דער פראַגע, סאַי וועגן דער ארבעטער באַוועגונג און סאַי וועגן מיר אליין אין פאַרבינדונג מיט איר דאָ אויף דעם דאָזיקן פּראָצעס, — וועגן אָט די אלע זאַכן וועל איך זאָגן דעם אמת, דעם גאַנצן אמת, מעגן די פאָלגן זיין וואָס זיי ווילן.

דער צענזוס פון די פאַראייניקטע שטאַטן פאַר דעם יאָר 1880 ווייזט, אַז אין די פאַראייניקטע שטאַטן געפינען זיך 16 מיליאָן מיט 200 טויזנט לוין־ארבעטער. דאָס זיינען די פּערזאָנען, וועלכע שאַפן מיט זייער אינדוסטרי דאָס גאַנצע רייכטום פון'ם דאָזיקן לאַנד. און איידער איך גיי ווייטער, און כדי קלאָר צו פאַרשטיין וואָס איך וועל דערקלערן שפּעטער, וועט זיין נייטיק פאַר מיר צו דעפינירן וואָס איך מיין און וואָס עס ווערט איבערהויפּט פאַרשטאַ־נען אין דער ארבעטער באַוועגונג אונטערן וואָרט לוין־ארבעטער. לוין־ארבעטער זיינען די וואָס ארבעטן פאַר שכירות, און וועלכע האָבן ניט קיין אנדערע מיטלען פאַר עקזיסטענץ אחוץ דעם פאַרקויפן פון זייער טעגלאַכער ארבעט פון שטונדע צו שטונדע, פון טאָג צו טאָג, פון וואָך צו וואָך, פון מאָנאַט צו מאָנאַט און פון יאָר צו יאָר. זייער גאַנצער פאַרמעגן באַשטייט אויסשליסלאַך אין ארבעט, אין זייער כח און קענטשאַפט, אָדער בעסער געזאָגט, זיי פאַרמאָגן גאָרנישט

אחוץ לייזדיקע הענט. זיי לעבן בלויז דאן, ווען מען גיט זיי די מעגלאכקייט צו ארבעטן, און די דאָזיקע מעגלאכקייט מוזן זיי קריגן פון די וואָס קאָנטראָלירן די מיטלען פון לעבן — פון קאפּי־טאל — אויב זיי קריגן איבערהויפּט דאָס רעכט צו לעבן, אָדער די מעגלאכקייט צו לעבן.

נו, אזעלכע מענטשן זיינען, לויט דעם צענזוס פון 1880, פאראן אין די פּארייאניקטע שטאַטן 16 מיליאָן מיט 200 טויזנט. אין דער דאָזיקער צאָל זיינען פאראן 9 מיליאָן מענער, און רעכע־נענדיק פינף פּערזאָן צו א פאַמיליע, רעפּרעזענטירן זיי 45 מיליאָן פון אונזער באפעלקערונג. מען באהויפּט, אז עס זיינען פאראן צווישן עלף און צוועלף מיליאָן ווייבער אין די פאראייניקטע שטאטן, און פון די דאָזיקע 12 מיליאָן ווייבער זיינען אלזאָ 9 מיליאָן לוין־ארבעטער. די איבעריקע באשטייען פון פרויען און קינדער, וועלכע ארבעטן אין די פאַבריקן, מינעס און בא די פארשידענע אנדערע באַשעפטיקונגען פון׳ם דאָזיקן לאַנד. אָט די מענטשן — דער אר־בעטער קלאַס—וואָס זיי אליין טוען די גאנצע נייטיקע און פּראָדוק־טיווע ארבעט דאָ אין לאַנד, זיינען די גערונגענע שקלאַפן פון דעם פּאַרמעגלאכן קלאַס און זיינען אָפּהענגיק פון אים.

העך ריכטער, אלס אן ארבעטער האָב איך פּארטיידיקט דאָס וואָס איך האלט פאר די גערעכטע פאָדערונגען פון׳ם ארבעטער קלאַס; איך האָב פאַרטיידיקט דאָס רעכט פון די ארבעטער אף פריי־הייט און איך בין באַשטאַנען דערויף, אז זיי האָבן א רעכט צו קאָנ־טראָלירן זייער אייגענע ארבעט און די פרוכטן פון זייער ארבעט; און אין דער דערקלערונג וואָס איך וועל דאָ אָפּגעבן פאר דעם דאָ־זיקן געריכט איבער דער פראַגע, פארוואָס איך זאָל נית פאר׳משפּט ווערן צום טויט, אָדער פארוואָס מען זאָל מיר באַוויליקן א נייעם פּראָצעס, וועל איך אויך געבן צו פארשטיין, פאַרוואָס עס איז פאַ־ראָן א קלאַס מענטשן דאָ אין לאַנד, וועלכע קומען צו אייך, הער ריכטער, און אפּעלירן צו אייך, אז איר זאָלט אונז קיין נייעם פּראָ־צעס נית באַוויליקן. איך גלויב, מיין הער, אז די פאָרשטייער פון יענער מיליאָנערסקער אָרגאַניזאציע, וועלכע איז באַקאַנט אלס די „שיקאַגאָ סיטיזענס אסאָסיאיישאָן“, שטייען ווי איין מאַן, פאָדערנ־דיק פון אייך, הער ריכטער, אונזער באַלדיקע פארניכטונג און אָפּ־ווישונג פון דער ערד דורך א שענדלאכן טויט. נו, שטיי איך דאָ אצונד אלס איינער פון פאָלק, א געוויינלאכער מענטש, אן ארבע־

טער, איינער פון די מאסן, און איך בעט אייך, הער ריכטער, איר זאָלט זיך צוהערן צו דעם וואָס איך האָב צו זאָגן. איר שטייט דאָ ווי א פעסטונג; איר זיינט א מין אָפּהאַלט צווישן זיי און אונז. איר זיינט דאָ אלס פאָרשטייער פון גערעכטיקייט, האַלטנדיק די וואַקלדיקע וואָג־שאָלן אין אייערע הענט. מען דערוואַרט פון אייך, אז איר זאָלט ניט קוקן ניט רעכטס און ניט לינקס, נאָר דאָרט וואו די גערעכטיקייט, און בלויז די גערעכטיקייט, זאָל אָפּגעהיט ווערן.

די פאראורטיילונג פון א מענטשן, הער ריכטער, באווייזט ניט נויטווענדיקערוויז, אז ער איז שולדיק. אייערע פּראָצעס־ביכער זיינען אָנגעפילט מיטביישפּילן פון מענטשן וואָס זיינען געשלעפּט געוואָרן צו דער תליה, און ערשט נאָך זייער טויט איז באוויזן געוואָרן, אז זייער הינריכטונג איז געווען א יוסטיץ־מאָרד. וואָס פאר א צוועק קאָן דאָ געדינט ווערן מיט דעם וואָס מען וועט יאָגן דעם פּראָצעס אָף דעם אופן ווי עס איז געטאָן געוואָרן ביז איצט? ווי אזוי קאָן מען דערגרייכן די צילן פון גערעכטיקייט און ווי אזוי קאָן מען אויסגעפינען דעם אמת, ווען מען יאָגט זיבן מענטשלאכע וועזנס מיט דער געשווינדקייט פון א שנעל־צוג צו דער תליה און צו א שענדלאכן טויט? אויב איר וועט מיר דער־לויבן, הער ריכטער, וועל איך אייך זאָגן, אז די סאמע מעטאָדע פון אונזער פאָרניכטונג, דער פאָרדאָמטער אופן ווי אזוי מען וויל פּטור ווערן פון אונז, אפּעלירט צו אייער געפיל פון גערעכטיקייט, פון אויפריכטיקייט און פון ערע. א ריכטער קאָן אויך אמאָל זיין אן אומגערעכטער מענטש. אזעלכע זאכן זיינען באקאנט. מיר האָבן, אין אונזערע געשיכטעס, געהערט פון לאָרד דזשעפרים. עס איז ניט געדרונגען דערפון, אז דערפאר וואָס א מענטש איז א ריכטער איז ער אויך א גערעכטער מענטש. ווי יעדער איינער ווייסט, איז דאָס שוין פון לאַנג אָן א מנהג אין דער אמעריקאנער פּאָליטיק, אז קאנ־דידאטן פאר ריכטער, איבעראל אין די פאראייניקטע שטאַטן, ווערן נאָמינירט פון טראָסטן און איינפלוסרייכע מאָנאָפּאָלן; און עס איז אויך א גוט באקאנטער סוד, אז מער ווי איינער פון אונזערע הויפּט־ריכטער זיינען באשטימט געוואָרן צו זייערע שטעלעס אין דעם העכסטן געריכט פון די פאראייניקטע שטאַטן אָף דעם באפעל פון די גרויסע באַן־מאַגנאַטן, די האַנטינגטאָנס און די דזשיי גולדס. דערפאר האָט דאָס פּאָלק אָנגעהויבן צו פאָרלירן דעם צוטרוי צו געוויסע פון אונזערע געריכטן.

איך האָב ניט געהאט די מעגלאַכקייט צוזאַמענצוקלייבן אין א געהעריקן סדר די דאָזיקע געדאַנקען, וועלכע איך וויל דאָ פאָר־לייגן פאַר אייער באַטראַכטונג. איך האָב זיי צוזאַמענגענומען אין איילעניש די לעצטע עטלאַכע טעג, זינט מיר האָבן אָנגעהויבן קור־מען אהער. ערשטנס, ווייל איך האָב ניט געוואוסט וואָס איר וועט טאָן און וואָס פאַר א שטעלונג איר, הער ריכטער, וועט נעמען אין דעם דאָזיקן פּראָצעס, און צווייטנס, ווייל איך האָב ניט געוואוסט אַף וואָס פאַר א גרונט די אָנקלאַגע וועט קומען צום שלוס, אז מיר זיינען ניט באַרעכטיקט צו א נייעם פאַרהער. דערפאַר, אויב די מעטאָדע פון מיין פאָרלייגן די אַרגומענטן וועט געוויסערמאַסן ניט האָבן קיין גענויעם צוזאַמענהאַנג און ריכטיקן סדר, וועט מען עס קאָנען צושרייבן צו דעם פאַקט, איבער וועלכן איך האָב ניט גע־האַט קיין קאָנטראָל.

איך האַלט, אז אונזער הינריכטונג, ווי די זאַך שטייט איצט, וועט זיין א גרויזאַמער מאָרד, א געמיינער און עקלהאַפטער יוסטיץ־מאָרד, און א יוסטיץ־מאָרד איז אסך אומפאַרשעמטער ווי לינטשעריי — ניט אין ערך ערגער. האָט אין זינען, איך בעט אייך, אז אָט דער פּראָצעס איז געפירט און אנגעטריבן געוואָרן פון א מאַב, פון די געשרייען און דעם טומל פון א מאַב, פון אן אָרגאַני־זירטן, מעכטיקן מאַב. אָבער יענער פּראָצעס איז שוין פאַריבער. איר זיצט דאָ אלס ריכטער, רואיק, שטיל, און איר דאַרפט איצט באַטראַכטן די זאַך פון'ם שטאַנדפּונקט פון פאַרנונפט און פון גע־זונטן מענטשן־פאַרשטאַנד. עס איז פאַראַן איין אייגנטימלאַכקייט אין דעם דאָזיקן פּראָצעס, אַף וועלכער איך וויל ציען אייער אויפ־מערקזאַמקייט. דאָס איז דער אופן און די מעטאָדע פון דער אָנ־קלאַגע. פון איין זייט האָבן די אַדוואָקאַטן פון דער אָנקלאַגע גע־פירט דעם פּראָצעס לויט דעם שטאַנדפּונקט פון קאַפּיטאַליסטן געגן אַרבעטער. פון דער אַנדער זייט האָט די פאַרטיידיקונג געפירט דעם פּראָצעס ניט אלס פאַרטיידיקער פון אַרבעטער און ניט אלס געגנער פון קאַפּיטאַליסטן, נאָר אלס א פאַרטיידיקונג געגן א מאָרד־קלאַגע. די אָנקלאַגע אין דעם דאָזיקן פּראָצעס איז געווען דורך און דורך א קאַפּיטאַליסטישע, געטריבן דערצו פון קאַפּיטאַליסטישן אינסטינקט; איך מיין דערמיט דעם קלאַסן־געפיל, דעם דיקטאַ־טאָרישן רעכט צו הערשן, דאָס רעכט צו זאָגן צו איינפאַכע מענטשן, אז זיי האָבן קיין רעכט ניט אויסצורעדן קיין וואָרט; אז זיי האָבן

אפילו קיין רעכט ניט צו וועלן זאגן עפעס; דורך יענעם קלאס מענטשן, וואס דיינקט, אז די ארבעטער האבן בלויז איין רעכט און איין פליכט און דאס איז, צו פאלגן וואס מען הייסט זיי. פון דעם דאזיקן שטאנדפונקט האט די אנקלאגע געפירט דעם פראצעס פון אנהויב ביז צום סוף און, ווי עס איז זייער ריכטיק באמערקט געווארן פון מיין חבר פילדן, מען האט לכתחלה גע׳משפט פאר מארד און באם סוף פון׳ם פראצעס האט מען פלוצלינג באפוילן דער דזשורי, — יא, באפוילן! — אז זי זאל ארויסברייינגען געגן אונז אן אורטייל דערפאר וואס מיר זיינען אנארכיסטן. הער ריכטער, איר ווייסט וועגן דעם, איר ווייסט, אז דאס איז אמת. איר זיינט דא געזעסן די גאנצע צייט און האט אלצדינג געהערט. איך וועל ניט מאכן קיין באהויפטונג, סיידן דאס וועט שטימען מיט די פאקטן, און דאס וואס איך זאג דא ווערט געזאגט מיט דעם צוועק אפצופרישן אייער זכרון און אייך באוועגן, אז איר זאלט זען די אנגעלעגנהייט פוןביידע זייטן און זי באטראכטן פון׳ם שטאנדפונקט פון פארנונפט און מענטשן־פארשטאנד.

נו, די געלט־מאכער, די געשעפטס־לייט, יענע לייט וואס האנדלען מיט אקציעס און ווערט־פאפירן, די שפעקולאנטן און ארבעטס־געבער, אט דער גאנצער קלאס מענטשן וואס איז באקאנט אלס דער געלט־מאכער־קלאס, זיי האבן קיין באגריף ניט וועגן דער ארבעטער־פראגע; זיי פארשטייען ניט וואס דאס מיינט. צו באנוצן זיך מיט דעם גאסן־אויסדרוק, קאן מען זאגן, אז פאר פילע פון זיי איז שווער צו „כאפן“ וואס דאס איז. זיי זיינען נאך דערצו איינגע׳עקשן׳טע רשעים און זיי ווילן דאס ניט וויסן. זיי ווילן קיין זאך ניט וויסן וועגן דעם, און זיי ווילן וועגן דעם קיין ווארט ניט הערן, און זיי וועלן שלאגן, איינשפארן, זאגאר דערשטיקן די יעניקע וואס וועלן באשטיין דערויף אז זיי זאלן יא אויסהערן די פראגע. קאן מען דען נאך אלץ אפלייקענען, אז עס איז פאראן אזא זאך ווי די ארבעטער פראגע?

איך בין אן אנארכיסט. נו, שלאגט! אבער הערט מיך אויס, איידער איר שלאגט. וואס איז סאציאליזם, אדער אנארכיזם? בקיצור גערעט איז דאס: דאס רעכט פון דעם ארבעטער זיך צו באנוצן מיט די געצייג פון פראדוקציע, און דאס רעכט פון די פראדוצירער אף זייער פראדוקט. דאס איז סאציאליזם. די געשיכטע פון דער מענטשהייט איז די געשיכטע פון וואקסן, פון שטענדיקן

פּראָגרעס. דער פּראָגרעס איז געווען עוואָלוציאָנער און רעוואָלו־ציאָנער. דער אונטערשייד צווישן עוואָלוציע און רעוואָלוציע, אָדער דער גרעניץ וואו איינס פאנגט זיך אָן און דאָס אנדערע ענדיקט זיך, קאָן קיינמאָל ניט אָנגעצייכנט ווערן. ווער האָט עס געגלויבט צו יענער צייט, ווען אונזערע אור־עלטערן האָבן אריינגעוואָרפן די טיי אין באָסטאָנער האפן, אז דאָס איז געווען די ערשטע טאַט פון א רעוואָלוציע, פון דער רעוואָלוציע, וועלכע האָט געפירט דערצו, אז דער דאָזיקער קאָנטינענט זאָל זיך אפטיילן און זיך באפרייען פון דער הערשאפט פון דזשאָרדזש דעם דריטן און אז עס זאָל געגרינ־דעט ווערן די רעפובליק, אין וועלכער מיר, זייערע יורשים, לעבן היינט־צו־טאָג? עוואָלוציע און רעוואָלוציע זיינען סינאָנימען. עוואָלוציע איז דער בריאונגס־פּראָצעס פון רעוואָלוציע. די געבורט איז די רעוואָלוציע, — דער פּראָצעס אירער איז די עוואָלוציע.

וואָס איז די געשיכטע פון דער מענטשהייט אף אזויפיל ווי־פיל עס האָט א שייכות מיט דעם ארבעטער קלאַס? אורשפּרינגלאך איז די ערד און אלץ וואָס געפינט זיך אף איר געווען דאָס געמיינ־שאפטלאכע אייגנטום פון אלע מענטשן. דאָן איז געקומען אן ענ־דערונג, וואָס איז פאראורזאכט געוואָרן דורך געוואלט, רויב און מאסן־מאָרד וואָס מען האָט גערופן מלחמה. שפּעטער, אָבער נאָך אלץ לאנג צוריק אין דער געשיכטע, געפינען מיר בלויז צוויי קלאסן אין דער וועלט — שקלאַפן און הערשער. די צייט איז זיך געגאנ־גען ווייטער און מיר געפינען אן ארבעטס־סיסטעם פון פאנשטשינע, פון לייב־אייגנטום. פאנשטשינע האָט עקזיסטירט אין זעכצנטן און זיבעצנטן יאָרהונדערט, און איבער דער גאנצער וועלט האָט דער פאנשטשיזניק געהאט א רעכט אף דאָס לאנד, אף וועלכן ער האָט געלעבט. דער האַר פון'ם לאנד האָט אים ניט געקאָנט אוועקטרייבן פון דעם אָרט, אף וועלכן ער האָט זיך געפונען. אָבער די אנטדע־קונג פון אמעריקא און די אנטוויקלונגען וואָס זיינען געקומען נאָכ־דעם, ווען אמעריקא איז שוין געווען באוואוינט פאר א יאָרהונדערט אָדער צוויי; דאָס גאָלד וואָס איז געפונען געוואָרן אין פּערו און אין מעקסיקא דורך די מחנות פון פיזאַראָ און קאָרטעז, וועלכע האָבן דעם דאָזיקן טייערן מעטאל אוועקגעפירט מיט זיך קיין איי־ראָפּא, — דאָס אלעס האָט אריינגעבראכט לעבן אין דעם פּארגלי־ווערטן געשעפטס־בלוט פון אייראפּא און האָט געזעצט אין באַווע־גונג די רעדער, וועלכע האָבן זיך געדרייט אזוי לאנג, ביז מיר זעען

איצט פאר זיך, ווי דער האנדל באדעקט די גאנצע אויבערפלעך פון דער ערד, ווי צייט איז אפּגעווישט און ווייטקייט איז א זאך וואס מען ווייסט מער ניט דערפון.

נאך דער אפשאפונג פון'ם סיסטעם פון פאנשטשינע איז איינגעפירט געווארן דאס סיסטעם פון לוין־ארבעט. דאס דאזיקע סיסטעם האט געפונען זיין געבורט אין די פראנצויזישע רעוואלוציעס פון די יארן 1789 און 1793. עס איז דאן צום ערשטן מאל עטאבלירט געווארן אין איירא̇פּא דאס ציווילע און פּאליטישע רעכט. ווען מיר בליקן צוריק אין דער געשיכטע זעען מיר, אז דער זעכצנטער יארהונדערט איז געווען פול מיט קאמף פאר רעליגיעזער פרייהייט און פאר דעם רעכט פון געוויסן, — פאר דער פרייהייט פון גייסט. דערנאך, אין זיבעצנטן און אכצנטן יארהונדערט, איז אנגעגאנגען איבער גאנץ פראנקרייך דער קאמף, וועלכער האט זיך געענדיקט מיט דער עטאבלירונג פון דער רעפּובליק און מיט דער גרינדונג פון'ם רעכט פון פּאליטישער פרייהייט. דער איצטיקער קאמף, וועלכער פאלגט אין דער ליניע פון פּראגרעס און אין דער לאגיק פון די געשעענישן, איז א קאמף צו לייזן דאס אינדוסטריעלע פּראבלעם, וואס מיר זיינען זיינע פארשטייער, ווי דער פּראקוראר האט עס געזאגט, און מיר זיינען „אויסדערוויילט" געווארן פון דער גרענד דזשורי, ווייל מיר זיינען געווען די פירער פון דעם קאמף און מיר דארפן דערפאר באשטראפט ווערן, איבערגעגעבן ווערן צו א שענדלאכן טויט, כדי די לוין־שקלאפן פון שיקאגא און פון גאנץ אמעריקא זאלן אויפגעציטערט ווערן, זאלן טעראריזירט און צוריקגעטריבן ווערן אזוי ווי מייז אין זייערע לעכער צום הונגער, צו שקלאפעריי, צו עלנד און צום טויט. די אינדוסטריעלע פראגע, פאלגנדיק אין דעם נאטירלאכן סדר פון די געשעענישן, דארף דאס איצט באטראכט ווערן. זי פאדערט א פארהער; זי פאדערט א לייזונג. זי קאן ניט דערשטיקט ווערן פון דעם דאזיקן פּראקוראר, און אפילו ניט פון אלע פּראקורארן וואס געפינען זיך אין אמעריקא.

נו, וואס איז דאס אזוינס אט די ארבעטער פראגע, וועלכע ווערט באהאנדלט פון די דאזיקע הערן מיט אזא טיפער פאראכטונג, און פאר דער פּראפּאגאנדירונג פון וועלכער אט די בכבוד'יקע „געאכטעטע" הערן זיינען גרייט אונז צו טרעטן מיט די פיס, אונז

איבערגעבן צו דעם שענדלאַכסטן טויט און אונז יאָגן ווי די ראַצן אין די לעכער? וואָס איז דאָס אַזוינס? איר וועט מיר אַנטשולדיקן, אויב איך ווייז צייטנווייז אַרויס צו שאַרפע געפילן. איך בין דאָ אָפּגעזעסן צוויי חדשים, און אָט די מענטשן האָבן אויסגעגאָסן אויף מיין קאָפּ די שענדלאַכסטע באַליידיגונגען, און מען האָט מיר אַפילו ניט דערלויבט אַרויסצוזאָגן קיין איין איינציקן וואָרט אין מיין אייגענער פאַרטיידיקונג. פאַר צוויי מאָנאַט צייט האָבן זיי אויסגעגאָסן זייער גיפט אויף מיר און אויף מיינע קאָלעגן. פאַר צוויי מאָנאַט צייט זיינען זיי געזעסן דאָ און האָבן געשפּיגן אויף אונז, ווי גיפטיקע שלאַנגען, דעם שמוציקן סם פון זייערע צינגער. און אויב מענטשן קאָנען איבערגעגעבן ווערן צו אַ גייסטיקער אינקוויזיציע און פאַרמוטשעט ווערן צום טויט, האָבן עס אָט די לייט באַוויזן דאָ. וואָרים מען האָט אונז באַליידיקט, דערנידעריקט און מיסרעפּרעזענטירט; מען האָט אונז געהאַלטן אין דער שענדלאַכסטער מיסאַכטונג, אָן דער מינדסטער מעגלאַכקייט צו ריידן אָדער צו זאָגן אַ וואָרט נעגן דעם. דערום, אויב איך ווייז צייטנווייז אַרויס צו שאַרפע געפילן, איז דאָס דערפאַר; און אויב מיינע חברים קאָלעגן, וואָס זיצן דאָ מיט מיר, האָבן זיך געהיצט אין זייערע רייד, איז דאָס צוליב דערזעלביקער אורזאַך. פאַרצייט אונז. באַטראַכט דאָס פון דעם ריכטיקן שטאַנדפּונקט.

וואָס איז אָט די אַרבעטער פראַגע? ס'איז ניט אַ פראַגע פון געפיל. די אַרבעטער־פראַגע איז ניט אַ פראַגע פון סענטימענט; זי איז ניט קיין רעליגיעזע פראַגע; זי איז ניט קיין פּאָליטישער פּראָבלעם. ניין, מיין הער, זי איז אַן ערנסטער עקאָנאָמישער פאַקט, אַן איינגע'עקשנ'טער פאַקט וואָס רירט זיך ניט פון אָרט. זי האָט, אמת, אירע עמאָציאָנעלע, געפילפולע פּאַזן; זי האָט אירע פּאָליטישע, רעליגיעזע און סענטימענטאַלע זייטן; אָבער דער סך הכל פון דער דאָזיקער פראַגע איז די ברויט און פוטער פראַגע, דער פאַרוואָס און דער וויאַזוי מיר זאָלן לעבן און פאַרדינען אונזער טעגלאַך ברויט. דאָס איז די אַרבעטער באַוועגונג. זי האָט אַ ווויסנשאַפטלאַכן באַזיס. זי איז באַגרינדעט אויף פאַקטן, און איך האָב געגנוג געאַרבעט און געפאָרשט און שטודירט גוט באַקאַנטע און באַרימטע געלערטע, וועלכע האָבן געשריבן איבער דער דאָזיקער טעמע, כדי צוזאַמענצוקלייבן און פאָרלייגן פאַר אייך אין קורצן וואָס די דאָזיקע פראַגע איז און פון וואַנען זי קומט אַרויס.

איך וועל אייך אפריער דערקלערן בקיצור וואס אזוינס איז קאפיטאל.

קאפיטאל איז דער אנגעזאמלטער און אפגעשפארטער איבערפלוס פון פארגאנגענער ארבעט; קאפיטאל איז דער פראדוקט פון ארבעט. די פונקציע פון קאפיטאל איז צו פארכאפן און צו קאנפיסקירן פאר זיינע אייגענע נוצן די „איבערגעבליבענע“ ארבעט פון דעם לוין־ארבעטער. דער קאפיטאליסטישער סיסטעם איז ארויסגעוואקסן פון דעם, וואס די ווייניקע האבן מיט גוואלט פארכאפט די נאטירלאכע מעגלאכקייטן און דערנאך געמאכט דערפון ספעציעלע פריווילעגיעס, וועלכע האבן זיך אנטוויקלט אין א פעסטגעשטעלטן רעכט, באשיצט פון געזעץ און רעגירונג, באשיצט הינטער דער פעסטונג פון געזעץ און רעגירונג. קאפיטאל קאן ניט עקזיסטירן סיידן עס איז פון דער צווייטער זייט פאראן א גרויסער קלאס אייגנטומלאזע, א קלאס, וועמעס איינציקער מיטל צום לעבן איז דער פארקויף פון ארבעט צו די קאפיטאליסטן. דער קאפיטאליזם ווערט אויפגעהאלטן, ווערט אנטוויקלט און ארויפגעצוואונגען דורך געזעץ; פאקטיש איז קאפיטאל געזעץ און געזעץ איז קאפיטאל.

נו, קורץ גערעדט — ווארים איך וויל ניט אוועקנעמען אייער צייט מער ווי דאס איז נייטיק — וואס איז ארבעט? ארבעט איז א פארקויפס־ארטיקל, און דער לוין, די שכירות, איז דער פרייז וואס מען צאלט פאר דעם. דער אייגנטימער פון דעם דאזיקן ארטיקל פארקויפט אים, דאס הייסט זיך אליין, צו דעם אייגנטימער פון קאפיטאל, כדי ער זאל קאנען לעבן. ארבעט איז דער אויסדרוק פון ענערגיע, די קראפט פון דעם ארבעטער׳ס לעבן. אט די ענערגיע און קראפט מוז ער פארקויפן צו אן אנדער פערזאן, כדי ער זאל קאנען לעבן. דאס איז זיין איינציקער מיטל צום לעבן. ער ארבעט, כדי צו לעבן, און זיין ארבעט איז ניט נאר א טייל פון זיין לעבן, עס איז אויך דער קרבן וואס ער מוז ברענגען, כדי צו קאנען עקזיסטירן. זיין ארבעט איז אן ארטיקל וואס ער מוז איבערגעבן אונטער דעם דרוק פון נויט צו אן אנדער פערזאן, אונטער דער מאסקע פון כלומר׳שטער פרייער ארבעט. דאס וואס דער ארבעטער קריגט פאר זיין ארבעט איז ניט דער פראדוקט פון זיין ארבעט — זייער ווייט פון דעם. די זייד וואס ער וועבט, דער פאלאץ וואס ער בויט, דער מעטאל וואס ער גראבט אויס פון די מינעס, — דאס אלעס איז ניט

פאַר אים. דאָס איינציקע וואָס ער פּראָדוצירט פאַר זיך איז זיין לוין; און די זייד און די מעטאַלן וואָס ער קריגט ארויס, און די פּאַלאַצן וואָס ער בויט ווערן פאַרוואַנדלט פאַר אים אין א געווּיסן סאָרט קלעגלאַכע מיטלען פון עקזיסטענץ: א באַנוולגע העמד, עטלאַכע גראָשן און אן אָרעמע וואוינונג אין א לאָזשיר־הויז. מיט אַנדערע ווערטער, זיינע שכירות רעפּרעזענטירן בלויז דאָס סאַמע נייטיקסטע וואָס ער דאַרף האָבן צום לעבן, און דער ניט־דערצאָלטער טייל פון זיין ארבעט־פּראָדוקט, אָדער דער „איבערפלוס" שטעלט צוזאַמען מיט זיך דאָס אומגעהייער גרויסע רייכטום פון דעם ניט־פּראָדוצירנדן, אדער קאַפּיטאַליסטישן קלאַס.

דאָס איז דאָס קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם, דערקלערט אין עטלאַכע ווערטער. ס'איז דאָס דאָזיקע סיסטעם וואָס שאַפט די באַזונדערע קלאַסן, און עס זיינען אָט די קלאַסן וואָס רופן ארויס דעם דאָזיקן קאָנפליקט. אָט דער קאָנפליקט ווערט שאַרפער, ווען די מאַכט פון די פּריווילעגירטע קלאַסן איבער די ניט־באַזיצנדע אָדער אייגנטומלאָזע קלאַסן ווערט גרעסער און שטאַרקער, און די דאָזיקע מאַכט ווידער פאַרגרעסערט זיך, ווען די געציילטע ליידיקגייער ווערן רייכער און די אמת'ע פּראָדוצירער ווערן אָרעמער. אָט דער צושטאַנד ברייננגט מיט זיך דאָס וואָס ווערט אָנגערופן ארבעטער באַוועגונג. דאָס איז די ארבעטער פראגע. רייכטום איז מאַכט; אָרימקייט איז מאַכטלאָזיקייט.

ווען איך וואָלט געהאַט מער צייט וואָלט איך דאָ געפּרוּווט פאַרענטפערן געוויסע פראַגן וואָס דערוועקן זיך וואַרשיינלאַך אין די מוחות פון געוויסע פערזאָנען — און פיליצכט אויך בא אייך אליין, הער ריכטער — וועלכע זיינען ניט באַקאַנט מיט דער דאָזיקער פראגע. עפּעס דוכט זיך מיר, אַזוי ווי איך וואָלט געהערט ווי איר, הער ריכטער, רופט אויס: „וואָס הייסט? ארבעט איז דאָך פריי! דאָס איז דאָך א פריי לאַנד." נו, האָבן מיר געהאַט אין די דרום־שטאַטן פאַר כמעט הונדערט יאָר צייט א פאָרם פון ארבעט, וואָס איז געווען באַקאַנט אלס שקלאַפן־ארבעט. דאָס איז אפגעשאַפט געוואָרן, און איך הער ווי איר זאָגט, אז ארבעט איז פריי; אז דער בירגער־קריג האָט זיך געענדיקט דערמיט וואָס פרייע ארבעט איז עטאַבלירט געוואָרן איבערן גאַנצן לאַנד. איז דאָס אמת? טראַכט זיך גוט אריין אין דעם. דער פאַרקויפטער שקלאַף פון אַמאָל, דער לוין־שקלאַף פון היינט — וואָס איז דער אונטערשייד?

אונטער דער לייב־אייגנשאפט, דאס הייסט אונטער דער פארקויפ־
טער שקלאפעריי, האט דער מייסטער אויסגעקליבן זיינע שקלאפן,
אונטער דעם סיסטעם פון לוין־שקלאפעריי קלייבט דער שקלאף
אויס זיין מייסטער, און ער מוז געפינען א מייסטער, אניט שלעפט
מען אים אוועק אהער צו מיין פריינט דעם געפענגניש־וועכטער,
און ער פארנעמט א צעל נעבן מיינער. ער איז געצוואונגען צו גע־
פינען א מייסטער. אט די ענדערונג פון דעם אינדוסטריעלן סיס־
טעם ווערט אף א קלארן אופן אויסגעדריקט פון דזשעפערסאן
דייוויס, געוועזענער פרעזידענט פון דער דרום־קאנפעדעראציע, אין
א געשפרעך וואס ער האט געהאט מיט א מיטארבעטער פון דעם
„נויארק העראלד" וועגן דער פראגע פון שקלאפעריי אין די דרום־
שטאטן און דעם אזויגערופענעם „פרייען ארבעטער". דזשעפערסאן
דייוויס האט דערקלערט אויסדריקלאך, אז די ענדערונג איז פאזי־
טיוו געווען לטובת דעם געוועזענעם שקלאפן־האלטער, וועלכער
וואלט פאר קיין פאל ניט אומגעביטן דאס איצטיקע סיסטעם צוריק
אף שקלאפעריי, ווייל איצט דארפן די טויטע זיך אליין באגראבן,
די קראנקע דארפן אליין זארגן פאר זיך, און די באלעבאטים דארפן
איצט ניט אנשטעלן קיין אויפזעער אכטונג צו געבן אף די שקלאפן.
זיי גיבן איצט די ארבעטער א געוויסע פארציע פון ארבעט, וואס
מוז געמאכט ווערן. זיי זאגן: „דא האסטו א געוויסע ארבעט און
דו מוזט עס מאכן אין א געוויסער צייט," און אויב איר מאכט
עס ניט (אונטער דעם לוין־סיסטעם, זאגט מר. דייוויס) דאן, ווען
איר קומט נעקסטן שבת נאך אייערע שכירות, געפינט איר איינ־
פאך אין דעם קאנווערטל, וואס אנטהאלט אייער געלט, א צעטעלע,
וואו מען לאזט אייך וויסן, אז מען נייטיקט זיך מער ניט אין אייער
ארבעט. דזשעפערסאן דייוויס האט אין דעם אינטערוויו נאך צו־
געגעבן, אז דער לעדערנער רימען איינגעטונקט אין זאלץ־וואסער,
פאר דעם לייב־שקלאף, איז איצטער, אונטער דעם לוין־סיסטעם,
אומגעביטן געווארן אף דעם בייטש פון הונגער, פון א ליידיקן מאגן
און פון טראנטעס פאר דעם לוין־שקלאף, פאר די פריי־געבוירענע
אמעריקאנער מאיעסטעטישע בירגער, וועלכע שטעלן צוזאמען, לויט
דעם צענזוס פון די פאראייניקטע שטאטן פאר דעם יאר 1880,
מער ווי ניין צענטל פון אונזער גאנצער באפעלקערונג.

אבער איר זאגט, אז דער לוין־שקלאף האט געוויסע פארצוגן
איבער דעם לייב־שקלאף. דער לייב־שקלאף האט זיך ניט געקאנט

באַפרייען פון זיין שקלאַפעריי. נו, ווען מיר וואָלטן דאָ געהאַט די נייטיקע ציפערן, גלויב איך, אז עס וואָלט געקאָנט באַוויזן ווערן, אז עס זיינען דאן אנטלאָפן פון שקלאַפעריי, מיט די בלוט־הינט פון זייערע הערשער הינטער זיך, בעת זיי האָבן זיך געשלעפּט איבער די שניי־באַדעקטע פעלזן פון קאַנאַדאַ, דורך די אונטערער־דישע שטעגן צווישן די קוסטעס, — איך גלויב, אז די סטאַטיסטיק וואָלט געוויזן, אז עס זיינען דאן אנטלאָפן פון שקלאַפעריי פונקט אזויפיל לייב־שקלאַפן, וויפיל עס קאָנען היינט אנטלויפן לוין־שקלאַפן פון דער לוין־שקלאַפעריי אין דער קאַפּיטאַליסטישער פרייהייט.

איך בין אַ סאָציאַליסט. איך בין איינער פון די וואָס גלויבן, כאָטש איך בין אליין אַ לוין־שקלאַף, אז עס איז אַן אומרעכט צו זיך אליין, אַן אומרעכט צו מיין שכן און אַן אומרעכט צו מיינע מיטמענטשן צו אנטלויפן פון לוין־שקלאַפעריי, דורכדעם וואָס איך זאָל אליין ווערן אַ מייסטער און אַ שקלאַפן־האַלטער. איך אנטזאָג זיך דאָס צו טאָן; איך אנטזאָג זיך צו זיין סיי אַ שקלאַפן־האַלטער און סיי אַ שקלאַף. וואָלט איך אויסגעקליבן אַן אנדער וועג אין לעבן, דאן וואָלט איך זיך אפשר געפונען איצט אין דער רייכסטער גאַס פון שיקאַגאָ, ארומגערינגלט אין מיין שיינער היים מיט לוקסוס און וואוילטאָג, און מיט שקלאַפן וואָס וואָלטן געפאָלגט מיינע באַ־פעלן. אָבער איך האָב אויסגעקליבן דעם אנדער וועג, און דערפאַר שטיי איך איצט אין שאָטן פון דער תליה. דאָס איז מיין פאַר־ברעכן. באַם הויבן הימל, דאָס און דאָס אליין איז מיין פאַרברעכן. איך בין געווען פאַלש און אַ פאַרעטער צו די נידערטרעכטיקייטן וואָס עקזיסטירן היינט־צו־טאָג אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעל־שאַפט. אויב דאָס איז, לויט אייער מיינונג, אַ פאַרברעכן, דאן דער־קלער איך זיך שולדיק אין דעם.

האָט געדולד מיט מיר. איך בין געווען געדולדיק מיט אייך, אָדער ריכטיקער געזאָגט, איך בין געווען געדולדיק מיט דעם דאָזיקן פּראָצעס. פאָלגט מיר נאָך, איך בעט אייך, און קוקט זיך צו צו די אומגערעכטיקייטן פון דעם דאָזיקן קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם פון דער אינדוסטרי. ווי מיין חבר פילדן האָט עס געשילדערט היינט אינדערפרי, ווערט יעדע נייע מאַשין, וואָס קומט אריין אין מאַרק, אַ קאָנקורענט פון דעם ארבעטער; זי ווערט אַ שטערונג, אַ געפאַר

און א פארניכטונגס־מיטל פאר דער סאמע עקזיסטענץ פון די וואָס מוזן פארקויפן זייער ארבעט, כדי צו קאָנען פארדינען זייער ברויט. דער מענטש ווערט ארויסגעשליידערט אין גאס צו שטארבן פון הונגער, און גאנצע פאכן און גאנצע מלאכות ווערן רעוואָלוציאָניזירט און פולשטענדיק רואינירט דורך דער איינפירונג פון מאשינערי, אין איין טאָג צייט, אמאָל אין איין שטונדע. איך האָב געהאט א געלעגנהייט עס צו זען אין דער געשיכטע פון מיין אייגענעם לעבן — און איך בין נאָך א יונגער מענטש — ווי אזוי גאנצע פאכן און באשעפטיקונגען זיינען אָפּגעווישט געוואָרן דורך דער דערפינדונג פון נייע מאשינען.

וואָס ווערט פון די דאָזיקע מענטשן? וואו זיינען זיי? זיי ווערן די קאָנקורענטן פון אנדערע ארבעטער און מען צווינגט זיי צו פארקלענערן די שכירות און פארגרעסן די ארבעטס־שטונדן. פילע פון זיי זיינען קאנדידאטן פאר אייערע געפענגנישן, קאנדידאטן פאר דער תליה. בויט נאָך צוכט־הייזער; שטעלט אויף נייע תליות, וואָרים אָט די מענטשן געפינען זיך אף דעם ברייטן וועג פון פארברעכן, פון עלנד, פון טויט! הער ריכטער, עס איז קיינמאָל ניט געווען קיין דערשיינונג אָן אן אורזאך. מען דערקענט דעם בוים דורך זיינע פרוכטן. סאָציאַליסטן זיינען ניט אזעלכע מענטשן, וואָס פארמאכן זייערע אויגן און אנטזאגן זיך צו זען און אנטזאגן זיך צו הערן, נאָר האָבנדיק אויגן צו זען, זעען זיי, און האָבנדיק אויערן צו הערן, הערן זיי. באטראכט דעם דאָזיקן קאפּיטאַליסטישן סיסטעם; זעט זיין ווירקונג אף דעם קליינעם געשעפטסמאן, אף דעם קליינעם הענדלער, אף דעם מיטל־קלאַס. „בראדסטריט'ס" דערציילט אונז אין דעם רעפּאָרט פון פארגאנגענעם יאָר, אז עלף טויזנט קליינע געשעפטס־לייט זיינען פינאנציעל פארניכטעט געוואָרן אין משך פון די לעצטע צוועלף חדשים. וואָס איז געוואָרן פון די דאָזיקע מענטשן? וואו זיינען זיי און פארוואָס זיינען זיי אָפּגעווישט געוואָרן? איז דען געוואָרן ווייניקער רייכטום? ניין, דאָס וואָס זיי האָבן פארמאָגט איז פשוט אריבער אין די הענט פון וואָס פאר עס איז אנדער פערזאָן. ווער איז אָט דער אנדערער? עס איז דער, וואָס פארמאָגט גרעסערע קאפּיטאַליסטישע איינריכטונגען. עס איז דער מאָנאָפּאָליסט, עס איז דער מאַן וואָס קאָן איינקויפן אסך מיט אמאָל, וואָס קאָן שאפן אייגענע מערק, וואָס קאָן דערשטיקן די דאָזיקע מענטשן צום טויט און זיי

ארונטערוואַרפן, ווי מען וואַרפט ארונטער טויטע פליגן פון טיש, אין דעם מאָנאָפּאָליסטישן קאַרב אריין. די מיטל־קלאַס־מענטשן, וועלכע ווערן פארניכטעט אַף אַזאַ'ן אופן, שליסן זיך אָן אָן די רייען פון דעם פּראָלעטאַריאַט. וואָס ווערט פון זיי? זיי לאָזן זיך אוועק צו די פאַבריק־טויערן, זיי זוכן ארבעט אין די פארשידענע באַשעפ־טיקונגען. און וואָס איז דער רעזולטאַט? מער מענטשן אַף דעם ארבעטער־מאַרק, די צאָל פון די וואָס זוכן ארבעט ווערט פארגרע־סערט. און וואָס פּאַסירט דאַן? עס ווערט פארשטאַרקט די קאָנ־קורענץ צווישן די ארבעטער, און דאָס שאַפט פון דער אַנדער זייט, גרעסערע מאָנאָפּאָליסטן, און דער לוין ווערט נאָך קלענער, ביז מען דערגרייכט דעם הונגער־פּונקט. און דאַן וואָס?

הער ריכטער, דער סאָציאַליזם קומט צו די מענטשן און פאַר־לאַנגט פון זיי, אַז זיי זאָלן זיך אריינטראַכטן אין דער זאַך, אַז זיי זאָלן דאָס דיסקוטירן, באַרעכענען, נאָכקוקן, אונטערזוכן; אַז זיי זאָלן וויסן די פּאַקטן, וואָרים דורך דעם, און נאָר דורכדעם, וועט פאַרהינדערט ווערן גוואַלט און בלוט־פארגיסונג וועט אויסגעמיטן ווערן. וואָרים, ווי מיין פריינט דאָ האָט געזאָגט, מענטשן אין זייער בלינדן צאָרן, אין אומוויסנהייט, ניט וויסנדיק וואָס עס טוט זיי וויי, וויסנדיק בלויז אַז זיי זיינען הונגעריק, אַז זיי זיינען עלנד און אומגליקלאַך, פּאַלן אָן בלינדערהייט און טוען דאָס וואָס זיי האָבן געטאָן דאָ מיט מאַקסוועל'ן, און קעמפן געגן די מאַשינען וואָס שפּאָרן און פאַרלייכטערן ארבעט. באַרעכנט, אַזאַ אבסורדע זאַך, און דאָך האָט די קאַפּיטאַליסטישע פרעסע זיך דערוועגט צו זאָגן, אַז די סאָציאַליסטן קעמפן געגן מאַשינען, אַז מיר קעמפן געגן אייגנטום. מיין הער, דאָס איז דאָך אָן אומזין, דאָס איז דאָך נאַ־ריש, דאָס איז דאָך אַזוי לעבערלאַך. קיין מענטש האָט נאָך ניט געהערט פון'ם מויל פון אַ סאָציאַליסט, אַז ער זאָל ראַטן אַזאַ זאַך. אדרבא, מען ווייסט גראָד דאָס געגנטייל דערפון. מיר באַקעמפן ניט די מאַשינען; מיר זעצן גאָרנישט אויס געגן דער זאַך. עס איז בלויז דער אופן און די מעטאָדע ווי אַזוי מען באַנוצט זיך מיט זיי, וואָס מיר באַקעמפן. עס איז דאָס אויסנוצן פון די דאָזיקע זאַכן דורך די ווענִיקע; עס איז זייער מאָנאָפּאָליזירונג — אָט געגן וואָס מיר זעצן אויס. מיר ווילן, אַז אַלע קרעפטן פון דער נאַטור, אַלע קרעפטן פון דער געזעלשאַפט, דער גאַנצער גיגאַנטישער כוח, וואָס איז דער רעזולטאַט פון דער פאַראייניקונג פון וויסן און ארבעט

פון די פילע דורות פון דער פארגאנגנהייט, — מיר ווילן, אז אַט די אלע קרעפטן זאָלן איבערגעגעבן ווערן צו דעם מענטשן און זאָלן געמאַכט ווערן פאר זיין דינער, פאר זיין געהאָרכזאמן שקלאַף אף אימער. דאָס איז דער צוועק פון דעם סאָציאַליזם. ער וויל בא קיינעם גאָרנישט אוועקנעמען. ער זוכט ניט צו פארשאפן קיין שאָדן צו וועמען עס איז. אָבער ווען מיר זעען אַט דעם צושטאַנד, ווען מיר זעען ווי קליינע קינדערלאַך שטופן זיך און שפּאָרן זיך ארום די פאבריק־טויערן, אַט די קלייניקע אומגליקלאַכע וועזענס, וועמעסביינדעלאַך זיינען נאָך ניט הארט געגוג; ווען מיר זעען ווי אזוי זיי ווערן ארויסגעריסן פון די היימען, אוועקגענומען פון דעם פאמיליען־מזבח, ווי זיי ווערן געטראָגן צו די באסטיליעס פון אר־בעט, און ווי זייערע ביינדעלאַך ווערן צומאָלן אין גאָלד־שטויב צו באַצירן די געשטאַלט פון אן אריסטאָקראַטישער איזבל, — ווען מיר זעען דאָס אַלעס, דאַן רעגט עס אונז אויף און מיר הויבן אויף אונזער שטים. מיר בעטן פאר די קלייניקע; מיר בעטן פאר די הילפלאָזע; מיר בעטן פאר די אונטערדריקטע; מיר זוכן פארגיטי־קונג פאר די געקריוודעטע; מיר זוכן וויסן און אינטעליגענץ פאר די אומוויסנדע; מיר זוכן פרייהייט פאר דעם שקלאַף. סאָציאַליזם פארזיכערט דאס וואוילזיין פון יעדן מענטשלאַכן וועזן.

הער ריכטער, אויב איר וועט עס דערלויבן, וואָלט איך וועלן זיך אָפּשטעלן איצט און פאָרטזעצן מיין רעדע מאָרגן אינדערפרי.

(די זיצונג פון געריכט איז אָפּגעלעגט געוואָרן ביז אף מאָרגן צען אזייגער פארמיטאָג, ווען פארסאָנס האָט פאָרטגעזעצט זיין רעדע.)

הער ריכטער, איך האָב זיך אָפּגעשטעלט נעכטן אוונט בא יענעם טייל פון מיין דערקלערונג, וואָס האָט באצוועקט צו ווייזן די ארבעט און די ווירקונג פון אונזער עקזיסטירנדן סאָציאַלן סיס־טעם און די נאַטירלאַכע איבלען וואָס קומען ארויס פון די עטאַב־לירטע סאָציאַלע באַציאונגען; פון יענע באַציאונגען וואָס זיינען געגרינדעט אף דער עקאָנאָמישער פארשקלאַפונג פון דעם וואָס אר־בעט צו דעם וואָס מאָנאָפּאָליזירט די מיטלען פון ארבעט און די מיט־לען פון לעבן. איך האָב אין פארבינדונג מיט דעם געזוכט צו ווייזן, אז אַלע קראַנקהייטן וואָס האָבן זיך איינגעגעסן אין'ם געזעלשאַפט־לאַכן קערפּער—סאָציאַלע עלענדן, גייסטיקע געזונקנהייט, פּאָליטישע

אָפּהײנגיקײט — אַז זײ אַלע זײנען דער רעזולטאַט פון דער עקאָ־נאָמישער אָפּהײנגיקײט און אונטערװאָרפנקײט פון דעם אַרבע־טער צו דעם װאָס האָט מאָנאָפּאָליזירט די מיטלען פון עקזיסטענץ; און אַזױ לאַנג װי די אורזאַך איז דאָ, מוזן די רעזולטאַטן זיכער פאָלגן. איך האָב אָנגעװיזן װאָס ברערדסטריטס האָט געהאַט צו זאָגן װעגן דער צושטערונג פון דעם מיטלקלאַס פאַר דעם לעצטן יאָר, און די זעלביקע כּוחות, װעלכע װירקן אױף די קלײנע סוחרים, די מיטלקלאַס־מענטשן פון אונזערע האַנדלס־גאַסן, אַרבעטן אױך צושטערנדיק צװישן דעם פאַרמער־קלאַס.

לױט דער סטאַטיסטיק זײנען נײנציק פּראָצענט פון די אַמע־ריקאַנער פאַרמס פאַר׳משכּנ׳ט. דער מאַן, װאָס איז ערשט מיט עטלאַכע יאָר צוריק געװען דער אײגנטימער פון דעם באָדן װאָס ער באַאַרבעט, איז הײנט־צוטאָג אַ פּאַכטער און זײן באָדן איז פאַר־זעצט בײ אַן אַנדערן; און װען ער, דער פאַרמער, װעמעס הענט עס באַאַרבעטן די ערד און װעלכער מאַכט, אַז זי זאָל בליען װי אַ רױז און זאָל אַרױסברײנגען פון זיך די רײכע שפּײז װאָס איז נײ־טיק פאַר דער עקזיסטענץ פון דער מענטשהײט, — װען דער דאָ־זיקער פאַרמער שלאָפט אַפילו, האַלטן די פּראָצענטן אױף זײן חוב אין אײן װאַקסן. זײ װאַקסן און פאַרגרעסערן זיך, און דאָס מאַכט אַלץ שװערער און שװערער פאַר אים אױסצוקומען און פאַרדינען אױף אַ לעבן. די באַן־קאָמפּאַניס מאַכן דערװײל געשעפטן, לאָדן אָן זײערע פראַכט־צוגן װיפיל עס לאָזט זיך נאָר, און די באָארד אָװ טרײד פּראָצענטניקעס שינדן די הױט אַזױ לאַנג, ביז — װאָס? ביז עס פּאַסירט דאָס, װעגן װאָס עס איז באַריכטעט געװאָרן אין דער „שיקאַגאָ טריביון" מיט אַן ערך דרײ חדשים צוריק. אַ פראַכט־צוג פול מיט קאָרן פון אײאָװאַ, געשיקט צו אַ קאָמיסיאָנער אין שיקאַגאָ, האָט געמוזט פאַרקױפט װערן פאַר װײניקער װי די פראַכט האָט געקאָסט און עס איז נאָך געבליבן אַ חוב פון דרײ דאָלאַר צו דעם קאָמיסיאָנער פאַר דער פראַכט, נאָכדעם װי דער קאָרן איז פאַרקױפט געװאָרן. דער פּרײז פאַר פראַכט אױף יענעם קאָרן איז געװען מיט דרײ דאָלאַר מער װי עס האָט אַרײנגעבראַכט דער קאָרן אױפן מאַרק. אַזױ שטײט עס מיט דעם אָרענדע־פאַרמער אין אַמעריקאַ. העד ריכטער, מיר דאַרפן ניט פאָרן קײן אירלאַנד, כּדי אױסצוגעפינען די איבלען פון׳ם לענדלאָרדיזם. מיר דאַרפן ניט

אריבערשווימען דעם אטלאנטישן אקעאן, כדי צו געפינען לארד ליעטרים'ס עקספלאטירטע פארם־שכנים, אדער לענדלארדס וואס זעצן ארויס זייערע פעכטער. מיר האבן זיי אלע דא בא זיך. איר געפינט אן אירלאנד גלייך דא אין שיקאגא און איבעראל דא אין לאנד. קוקט זיך צו צוברידזשפארט, וואו עס וואוינען די אירלענדער! קוקט זיך צו! די שכנים זיינען צוזאמענגעשטיקט, ווי דער פראקוראר גרינעל וואלט דאס אנגערופן, ווי די ראצן, פירן דעם זעלביקן לעבן ווי אין דובלין, לעבן פונקט אזוי ווי אין לימעריק — באלאדן ביז צום טויט מיט צינזן און אן א מעגלאכקייט צו באצאלן ווען עס איז די מורא'דיקע, הויט־שינדערישע פראצענטן פון דעם לענדלארד.

די אנקלאגע האט אונז דא דערציילט, אז דאס געזעץ איז איצט פארן געריכט; אז די רעגירונג איז איצט פארן געריכט. דאס איז וואס די הערן אויף דער אנדער זייט האבן דערקלערט פאר דער דזשורי. דאס געזעץ ווערט גע'משפט, און רעגירונג ווערט גע'משפט. נו, כמעט ביז צום סוף פון דעם דאזיקן פראצעס האבן מיר, די אנגעקלאגטע, געדיינקט, אז מיר זיינען אנגעקלאגט און ווערן גע'משפט פאר מארד. איצט, ווידער, אויב דאס געזעץ ווערט גע'משפט, אויב די רעגירונג ווערט גע'משפט, ווער האט זיי געשטעלט צום פראצעס? און איך לאז דאס איבער צו די בירגער פון אמעריקא, אז זיי זאלן זאגן, צי די אנקלאגע אין דעם דאזיקן פראצעס האט פעסטגעשטעלט איר אנקלאגע; און איך באשולדיק דא אפן, אז כדי צו ברייגגען אונזער פאראורטיילונג האט די אנקלאגע, די פארשטייער פון'ם שטאט, די געשווארענע באאמטע פון'ם געזעץ, די מענטשן, וועלכע האבן זיך פארפליכטעט צום פאלק צו פאלגן דאס געזעץ און אפהיטן די ארדנונג, — איך באשולדיק די דאזיקע מענטשן אין אויסגערעכנטן, שענדלאכן און אבזיכטלאכן אריבערטרעטן יעדן געזעץ, וואס גאראנטירט דאס רעכט פון די אמעריקאנער בירגער. זיי האבן פארבראכן געגן פרייע רעדע. אנפירנדיק דעם דאזיקן פראצעס זיינען זיי אריבערגעטראטן דאס רעכט פון פרייער פרעסע. זיי האבן פארבראכן געגן דאס רעכט פון עפנטלאכער פארזאמלונג. יא, זיי זיינען זאגאר אריבערגעטראטן און האבן פארדאמט דאס רעכט פון זעלבסט־פארטיידיקונג. איך קלאג זיי אן אין דעם דאזיקן פארברעכן. אט די גרויסע, מיט בלוט געקויפטע רעכט, אויף וועלכע אונזערע אור־עלטערן האבן פארווענדט גאנצע יארהונדערטע פון

קאַמף, ווייל דאָ די אָנקלאגע אריינטרייבן ווי די ראַצן אין די לעבער אריין. נו יאָ, מיינע הערן, דאָס געזעץ ווערט דאָ גע׳משפּט; די רעגירונג שטייט איצט פאַרן געריכט. יאָ, זיי זיינען אליין שולדיק אין דעם סאַמע פאַרברעכן, אין וועלכן זיי באשולדיקן מיך. זיי זאָגן, אַז איך בין אַן אַנאַרכיסט און איך אַנטזאַג זיך צו רעספּעקטירן דאָס געזעץ. „דורך זייערע מעשים וועסטו זיי דערקענען", און פון זייערע אייגענע מיילער ארויס שטייען זיי דאָ פאַר׳משפּט און פאַרדאַמט. זיי זיינען דיווירקלאכע אַנאַרכיסטן אין דעם דאָזיקן פאַל און מיר שטייען באַ דער קאָנסטיטוציע פון די פאַראייניקטע שטאַטן. איך האָב ניט פאַרבראָכן געגן קיין שום געזעץ פון דעם דאָזיקן לאַנד. ניט איך און ניט מיינע קאָלעגן דאָ האָבן ניט פאַרבראָכן געגן וואָס פאַר עס איז געזעצלאך רעכט פון אמעריקאנער בירגער. מיר שטייען אף דעם רעכט פון פרייע רעדע, פון פרייע פּרעסע, פון עפנטלאכער פאַרזאַמלונג, אומגעשטערט און אומפאַרלעצט. מיר שטייען אף דעם קאָנסטיטוציאָנעלן רעכט פון זעלבסטפאַרטיידיקונג און מיר פאָדערן ארויס די אָנקלאַגע צו פּרואוון אוועקרויבן באַם אמעריקאנער פאָלק אָט די טייער־געקויפטע רעכטן. אָבער די אָנקלאגע שטעלט זיך פאָר, אַז זי טריאומפירט דערמיט וואָס עס וועט זיך איר איינגעבן צו הינריכטן זיבן מענטשן. זיבן מענטשן דאַרפן פאַרניכטעט ווערן דערפאַר ווייל זיי באשטייען אף די אומבאַשטרייטבארע רעכטן וואָס די קאָנסטיטוציע גיט זיי. זיבן מענטשן דאַרפן פאַרניכטעט ווערן דערפאַר ווייל זיי פאָדערן דאָס רעכט פון פרייע רעדע און ווילן זיך באַנוצן מיט דעם דאָזיקן רעכט. זיבן מענטשן דאַרפן דורך דעם דאָזיקן געריכט געשיקט ווערן צום טויט דערפאַר ווייל זיי באַהויפּטן זייער רעכט פון זעלבסט־פאַרטיידיקונג. דיינקט איר, הערן פון דער אָנקלאַגע, אַז איר וועט האָבן געשליכטעט די פראַגע, ווען איר וועט אַוועקטראָגן מיינע טויטע ביינער אף דעם „פּאַטערס־פילד", אף דעם קהל׳שן בית עולם פאַר אָרעמע? דיינקט איר, אַז אָט דער פּראָצעס וועט זיין געענדיקט דורכדעם וואָס איר וועט דערשטיקן מיך און מיינע קאָלעגן? איך זאָג אייך, אַז עס איז פאַראַן נאָך א גרעסערער אורטייל, פון וועלכן איר וועט ערשט הערן. דאָס אמעריקאנער פאָלק וועט אויך האָבן עפּעס צו זאָגן וועגן דעם דאָזיקן פאַרזוך צו פאַרניכטן זיינע רעכטן, וועלכע עס האַלט פאַר הייליק. דאָס אמעריקאנער פאָלק וועט האָבן עפּעס צו זאָגן וועגן דעם, צי די קאָנסטיטוציע פון דעם

דאָזיקן לאַנד קאָן געטראָטן ווערן מיט די פיס אַף דעם באַפעל פון די טראַסטן, פון מאָנאָפּאָל און פון זייערע געדונגענע ווערקצייג.

הער ריכטער, איר האָט נעבטן פאַרגעלייגט אייערע אורזאכן פארוואָס מען דאַרף אונז אַנטזאָגן א נייעם פּראָצעס, און איך וויל ציען אייער אויפמערקזאמקייט, אויב איר וועט מיר דערלויבן, אַף אייניקע פּונקטן, וועלכע באַווייזן, דוכט מיר, אז איר געפינט זיך אונטער א פאַלשן איינדרוק. איר זאָגט, אז עס קאָן ניט געבן קיין צווייפל בא וועמען עס איז וואָס האָט נאָר געלייענט די דאָזיקע ארטיקלען (מיינענדיק די ארטיקלען אין דעם „אלארם" און אין דער „ארבעטער צייטונג"), אָדער וואָס האָט געהערט די דאָזיקע רעדעס, וועלכע זיינען געשריבן און געהאַלטן געוואָרן אסך פריער, איידער מען האָט אָנגעהויבן ריידן וועגן דער אַכט שטונדן באַוועגונג, — ס'קאָן קיין ספק ניט זיין, זאָגט איר, אז די עצם באַוועגונג איז פּראָפּאגאנדירט געוואָרן פון אונז בלויז אלס מיטל צו גרייכן די צוועקן, וועלכע מיר האָבן געזוכט, און אז די באַוועגונג גופא האָט אונז ווייניק וואָס געקימערט. נו, הער ריכטער, עס קוקט אויס, אז איר משפּט דאָ ניט נאָר מיינע מעשים, נאָר אויך מיינע מאָטיוון. דאָס איז א געפערלאַכע זאַך פאר וועמען עס איז צו טאָן; וואָס פאר עס איז מענטש, ווער ער זאָל ניט זיין, איז עלול צו מאכן א טעות אין אזא פאַל. איך באהויפּט, אז עס וואָלט ניט געווען גערעכט פון אייער זייט צו נעמען אַף זיך און דערקלערן וואָס מיינע מאָטיוון זיינען געווען אין דער אַכט שטונדן באַוועגונג; אז איך האָב זי איינפאַך אויסגענוצט פאר אַן אנדער צוועק. פון וואַנען ווייסט איר דאָס? קאָנט איר לייענען מיין הארץ און באַשטימען מיינע טאָטן? אויב איר וועט נאָכזוכן מיין פאַרגאַנגנהייט, וועט איר אויסגעפינען, הער ריכטער, אז אייער השערה איז ניט באַגרינדעט, וויל עס איז ניט מער ווי א השערה!

דער שטאַטס־פּראָקוראָר האָט אין פאַרלויף פון דעם דאָזיקן גאַנצן פּראָצעס געהאַנדלט פּונקט ווי מר. אינגליש, דער רעפּאָרטער פון דער „טריביון", איז, ווי ער אליין האָט דערציילט, פון זיינע באַלעבאַטים באַפוילן געוואָרן צו האַנדלען יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט באַזוכן גרויסע ארבעטער פאַרזאַמלונגען. ס'איז געווען דער מנהג פון די הויפּט־רעדאַקטאָרן פון די גרויסע טעגלאַכע צייטונגען צו באַפעלן די, וואָס זיינען געגאַנגען צו ארבעטער־פאַרזאַמלונגען, אז זיי זאָלן באַריכטן בלויז יענע שטעלן פון דעם רעדנער'ס באַ־

מערקונגען, וועלכע זיינען געווען אויפּריכטיגע. דאָס איז פאַקטיש די מעטאָדע, מיט וועלכער די הערן פון דער אָנקלאַגע האָבן זיך באַנוצט. זיי האָבן דאָ פאַרגעלעגט פאַר אייך נומערן פון דעם „אַלאַרם" פאַר דריי יאָר צייט און מיינע רעדעס פאַר דעם זעלבן פעריאָד פון דריי יאָר צייט. זיי האָבן אויסגעקליבן אַזעלכע טיילן פון די אַרטיקלען און אַזעלכע אַרטיקלען, מערקט אייך, וועלכע זאָלן קאָנען דינען זייער צוועק; אַזעלכע, וואָס זיי האָבן געדענקט, אַז זיי וועלן קאָנען אויפרייצן אייער געדאַנק און אַרויסרופן אַ פאָר־אורטייל בּאַ אייך און בּאַ דער דזשורי געגן אונז. איר דאַרפט זיין זייער פאָרזיכטיק מיט דעם. ס'איז ניט ריכטיק און גערעכט פון אייער זייט צו שליסן פון דעם וואָס די דאָזיקע הערן האָבן דאָ פאַרגעבראַכט, אַז מיר זיינען ניט געווען אין דער דאָזיקער אַרבעטער באַוועגונג דאָס, וואָס מיר האָבן פּרעטענדירט צו זיין. זעט נאָך מיין פאַרגאַנגנהייט. מען האָט דאָך מיך געקענט איבעראַל אין די פאַראייניקטע שטאַטן פאַר יאָרן און יאָרן און איך בין דאָך געקומען אין פּערזענלאַכער בּאַרירונג מיט הונדערטער און טויזנטער אַרבעטער פון נעבּראַסקאַ אין דער וועסט ביז נויאָרק אין דער איסט, און פון מערילאַנד ביז וויסקאָנסין און מינעסאָטאַ. איך בין דורכגעפאָרן די שטאַטן בּאַר די לעצטע צען יאָר און עס קענען מיך הונדערטער און טויזנטער, וועלכע האָבן מיך געזען און געהערט.

פילייכט איז כדאַי זיך אָפּצושטעלן אַף אַ ווייל און דערקלערן, ווי אַזוי דאָס איז פאָרגעקומען. די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס האָבן געשיקט נאָך מיר. צייטנווייז זיינען עס געווען די „נייטס אָוו לייבּאָר"; צייטנווייז זיינען עס געווען די טרייד יוניאָנס; צייטנווייז די סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס; אָבער איך בין אַלע מאָל געגאַנגען אַלס אַן אָרגאַניזירער פון אַרבעטער, אַלעמאָל אַלס אַן אַרבעטער־רעדנער אַף אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען. נו, אויב עס איז פאַראַן עפּעס, צוליב וואָס איך בין גוט באַקאַנט, איז דאָס מיין פּראָפּאַגאַנדע פאַר דעם אַכט שטונדיקן אַרבעטס־טאָג; און דאָס־זעלבע קאָן געזאָגט ווערן וועגן מיינע קאָלעגן דאָ. אָבער דערפאַר וואָס איך האָב זיך אויסגעדריקט אין פאַרבינדונג מיט דער פראַגע, אַז איך גלויב ניט, צי עס וועט מעגלאַך זיין צו רעפאָרמירן דעם עקזיסטירנדן לוין־סיסטעם, ווייל די מאַכט פון די אַרבעטס־געבער איז אַזוי גרויס, אַז זיי קאָנען זיך אַנטזאָגן פון מאַכן וועלכע עס איז קאָנצעסיעס, זאָגט איר, אַז איך האָב ניט געהאַט קיין אינטערעס

אין דער אַכט־שטונדן־באַוועגונג. איז דאָס ניט א פאַקט, אז דער איצטיקער סאָציאַלער סיסטעם גיט איבער די גאַנצע מאַכט אין די הענט פון דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס? די קאַפּיטאַליסטן קאָנען זיך אַנטזאָגן פון מאַכן וועלכע עס איז קאָנצעסיעס און זיי אַנטזאָגן זיך טאַקע, און טאָמער גיבן זיי עפּעס יאָ אמאָל, נעמען זיי דאָס צו צוריק ווען עס פאַרווילט זיך זיי נאָר. זיי קאָנען דאָס טאָן. דאָס לוין־סיסטעם גיט זיי די מאַכט דערצו. די טיראַניי, דער דעספּאָטיזם פון דעם לוין־סיסטעם פון ארבעט באַשטייט דאָך גראָד אין דעם פאַקט, וואָס דער לוין־ארבעטער איז געצוואונגען, אונטער דעם דרוק פון הונגער־טויט, צו פאָלגן אלעס און אָננעמען אלע באַדינגונגען וואָס זיין ארבעטס־געבער לעגט אים פאָר. דערפאַר האָב איך אָנגעוויזן, אז צוליב דער דאָזיקער אורזאַך וועט עס ווארשיינלאך זיין שווער דורכצופירן אַן אַכט־שטונדיקן ארבעטס־טאָג. וואָס האָב איך געזאָגט אין פאַרבינדונג מיט דעם? איך האָב געזאָגט צו די ארבעטס־געבער, צו די פאַבריקאַנטן און די טראָסטן, צו די מאָנאָפּאָליסטן פון אמעריקע: „מיינע הערן, דאָס אַכט שטונדיקע סיסטעם פון ארבעט איז דער איילבערט־צווייג פון פרידן וואָס מען שטרעקט אייך אויס. נעמט אים אָן. גיט נאָך אָט די באַשיידענע פאָדערונג פון די ארבעטער־מאַסן. גיט זיי בעסערע געלעגנהייטן. זאָלן זיי האָבן די רו און די פרייע צייט וואָס דער אַכט שטונדיקער ארבעטס־טאָג וועט ברענגען, און זאָל דאָס האָבן א גוטע ווירקונג אויפן לעבן און די געוואוינהייטן פון'ם פאָלק.“ אזוי האָב איך גערעט צו די רייכע פון דעם דאָזיקן לאַנד וואוהין איך בין נאָר געקומען, און איך האָב דאָס זיי געזאָגט ניט אין דער שפּראַך פון דראָאונגען; ניט אין דער שפּראַך פון אָנשרעקן. איך האָב געזאָגט: „אויב איר וועט ניט נאָכגעבן די דאָזיקע פאָדערונג; אויב איר וועט אָנשטאָט דעם נאָך לענגער מאַכן די ארבעטס־שטונדן און איינפירן מער און מער מאַשינען, וועט איר דערמיט פארגרעסערן די צאָל פון די, וואָס זיינען געצוואונגען ארומצוגיין ליידיק; איר וועט דערמיט פאַרגרעסערן די ארמיי פון די געצוואונגענע ארבעטסלאָזע; איר וועט שאַפן נייע עלעמענטן פון אומצופרידנקייט; איר וועט פאַרגרעסערן די ארמיי פון ליידיקגייער און נויטליידנדע.“ און איך האָב זיי געזאָגט: „ס'איז געפערלאך צו האָבן אזא צושטאַנד אין א לאַנד. דאָס קאָן לייכט פירן צו גוואַלט־טאַטן. עס וועט טרייבן די ארבעטער צו רעוואָלוציע. די פאָדערונג פאַר אַכט

שטונדן איז א שריט וואָס איז אין די אינטערעסן פון דער מענ־טשהייט, אין די אינטערעסן פון פרידן, אין די אינטערעסן פון שפע און אָרדנונג.״

אצונד, הער ריכטער, פרעג איך: קאָנט איר ווידער אויפנע־מען אייערע באמערקונגען און נאָך אלץ זאָגן, אז מיר האָבן געהאַט אנדערע מאָטיוון, און ווייטערע מאָטיוון? אייער איינדרוק נעמט זיך פון די אויפרייצנדע טיילן פון ארטיקלען וואָס די אָנקלאגע האָט אויסגעקליבן פאר אייך צו לייענען. איך גלויב, אז איך ווייס וואָס מיינע מאָטיוון זיינען געווען און איך דערקלער זיי דאָ פאר אייך איינפאַך און אָפנהאַרציק און ערלאך, איבערלאָזנדיק פאר אייך צו אורטיילן, אויב איך זאָג דעם אמת אָדער ניט. איר זאָגט, אז „די פארשידענע שריפטן און רעדעס ווידערשפּרעכן דירעקט די ארגו־מענטן פון אונזערע פארטיידיקער, אז מיר האָבן פארגעשלאָגן זיך צו באנוצן מיט געווער בלויז אין דעם פאַל, ווען די פּאָליציי וועט אונז אטאַקירן אף אן אומגעזעצלאכן אופן.״ דער אמת איז דאך, אז גראָד דער ארטיקל וואָס איר ציטירט פון „אלאַרם״ — פון וועלכן איך האָב ניט קיין עקזעמפּלאַר און וועלכן איך וואָלט זייער גע־וואָלט זען — דער ארטיקל וואָס רופט די „אמעריקאנער גרופּע״ זיך צו פארזאַמלען מיט דעם צוועק צו באטראַכטן קאמף־אָנגעלעגנ־הייטן און קאמף־אָרגאניזאַציעס, זאָגט אויסדריקלאַך, אז דער צוועק און ציל איז צו באַקלערן מיטלען פון פארטיידיקונג געגן אומגעזעצ־לאכע און אומקאָנסטיטוציאָנעלע אטאַקעס פון דער פּאָליציי. גראָד דער דאָזיקער ארטיקל ווייזט דאָס. איר האָט זיכער פארגעסן אָט דעם פאַקט, ווען איר האָט געמאַכט אייער באמערקונג; און איך פאָדער ארויס יעדן איינעם צו באווייזן דורך מיינער א רעדע, אָנצו־געבן אמת׳ע באווייזן און בלויז באווייזן, אז איך האָב ווען עס איז געזאָגט עפּעס מיט׳ן מויל אדער געשריבן מיט מיין פען, אויסער אין זעלבסט־פארטיידיקונג. אנטהאַלט דען ניט די קאָנסטיטוציע פון דעם דאָזיקן לאַנד, אונטער וועמעס פאָן איך און מיינע אור־עלטערן זיינען געבאָרן געוואָרן פאר די לעצטע 260 יאָר, דעם דאָ־זיקן שוץ, און גיט זי ניט מיר, זייער יורש, דאָס דאָזיקע רעכט? זאָגט דען ניט די קאָנסטיטוציע, אז איך, אלס אמעריקאנער ביר־גער, האָב א רעכט צו האַלטן בא זיך און צו טראָגן מיט זיך גע־ווער? איך באשטיי אף דאָס דאָזיקע רעכט; און לאָמיך זען, צי דאָס דאָזיקע געריכט וועט עס פון מיר אוועקנעמען.

לאָמיך ציען אייער אויפמערקזאמקייט אַף אן אנדער פונקט דאָ. פאר א טייל פון די ארטיקלען וואָס זיינען דערשינען אין דעם „אלארם" בין איך ניט מער פאראנטוואָרטלאך ווי עס איז דער רע־דאקטאר פון וואָס פאר עס איז אנדער צייטונג. איך האָב ניט גע־שריבן אלצדינג אין דעם „אלארם", און עס קאָן מעגלאך זיין, אז דאָרט זיינען געווען אזעלכע זאכן, וועלכע איך בין ניט גרייט צו געבן מיין צושטימונג. איך בין גענוג אָפנהארציק צוצוגעבן, אז אזוי איז דער פאַל. איך גלויב, אז איר וועט קוים געפינען א רע־דאקטאָר פון א צייטונג אין דער גאנצער וועלט, וואָס זאָל אייך גע־וויסנהאַפט ניט צוגעבן דיזעלבע זאך. נו, דאַרף איך געשלעפט ווערן צו דער תליה און הינגעריכטעט ווערן פאר רייד און שרייבע־רייען פון אנדערע, אַפילו ווען זיי זיינען געווען פאַרעפנטלאכט אין א צייטונג, פון וועלכער איך בין געווען דער רעדאקטאר? הער ריכטער, איר דאַרפט וויסן און געדענקען, אז דער „אלארם" איז געווען אן ארבעטער־צייטונג, ארויסגעגעבן פון דער אינטערנאציאָ־נאַלער ארבעטער־אסאָסיאציע און האָט געהערט צו דער דאָזיקער אָרגאַניזאציע. איך בין דערוויילט געוואָרן פון דער אָרגאַניזאציע אלס דער רעדאקטאר פון דער צייטונג, און מען האָט מיר, ווי כמעט אלע ארבעטער־רעדאקטאָרן, געצאָלט א „בכבוד'יקע" שכירות, וואָס איז געווען גענוג פאר וואסער אַף קאשע צו יעדן מאָלצייט. מיין געהאלט איז געווען אכט דאָלאר א וואָך, און איך האָב געקראָגן דאָס דאָזיקע געהאלט אלס רעדאקטאָר פון דעם „אלארם" פאר איבער דריטהאלבן יאָר — אכט דאָלאר א וואָך! איך האָב געקראָגן מיין געהאלט פון דער אסאָסיאציע. עס איז פארשריבן אין די ביכער. איר קאָנט עס אויסגעפינען ווען איר ווענדט זיך צו דער פאַרוואלטונג. קוקט איבער די חשבונות אין די ביכער און זיי וועלן אייך ווייזן, אז א. ר. פאַרסאָנס האָט געקראָגן אכט דאלאר א וואָך פאַר רעדאַקטירן דעם „אלאַרם" פאַר איבער דריטהאַלבן יאָר צייט. די צייטונג האָט באַלאַנגט צו דער אָרגאַניזאציע. ס'איז געווען זייערע. זיי פלעגן אריינשיקן זייערע ארטיקלען — דער עולם, הייסט עס, יעדער טאָם, דיק און העריִ; יעדער איינער האָט געוואָלט האָבן עפּעס צו זאָגן, און איך האָב קיין רעכט ניט געהאט צוריק־צואווייזן ווען עס איז אַן ארטיקל. דער „אלאַרם" איז געווען אן ארבעטער־צייטונג און איז אַרויסגעגעבן געוואָרן מיט דער איינ־ציקער אבזיכט צו מאכן מעגלאך פאר יעדן מענטשלאכן וועזן, וואָס

האָט געהאַט וועלכע ס׳איז קריווּדע, עס דורכצוּלופטערן אין די שפּאַלטן פון דער צייטונג; צו געבן יעדן מענטשלאכן ווערן, וואָס האָט געטראָגן די קייטן פון מאָנאָפּאָל, א געלעגנהייט צו קלינגען מיט די קייטן אף די שפּאַלטן פון דעם „אַלאַרם“. ס׳איז געווען א פרייע פּרעסע אָרגאַן. ס׳איז געווען א פרייע רעדע צייטונג.

אָבער איר, הער ריכטער, זאָגט: „יאָ, פּאַרסאָנס, אָבער אייער אייגענע שפּראַך, אייערע אייגענע ווערטער, אייערע אייגענע דערקלערונגען אף די פּאַרזאַמלונגען — דאָס וואָס איר האָט געזאָגט.“ נו, מעגלאך אז איך האָב טאַקע געזאָגט געוויסע נאַרישע זאַכן. ווער האָט דאָס ניט געזאָגט אמאָל נאַרישקייטן? אלס א פאָלקס־רעדנער האָב איך ווארשיינלאך ארויסגעזאָגט מאַנכע ווילדע און מעגלאך זינלאָזע באַהויפּטונגען. ווער האָט, אלס פאָלקס־רעדנער, ניט געטאָן דאָסזעלבע? נו, באַטראַכט פאַר א מאָמענט מיין לאַגע. שטעלט זיך פאָר, ווי עס איז דער פאַל מיט מיר, אָט זע איך פאר זיך קליינע קינדערלאך אין שרעקלאכע ליידן, מענער און פרויען וואָס גייען אוים פון הונגער. פון דער צווייטער זייט זע איך מענטשן, וועלכע באָדן זיך אין לוקסוס, אין רייכטום און אין וואוילטאָג, אף די קאָסטן פון דער אומבאַצאָלטער ארבעט פון די ארבעטער. איך בין באוואוסטזיניק וועגן דעם דאָזיקן פאַקט. איך זע די גאַסן פון שיקאגא, ווי עס איז געווען דער פאַל לעצטן ווינטער, פול מיט 30 טויזנט מענטשן וואָס זיינען געצוואונגען ארומצוגיין ליידיק; אָרעמקייט, עלנד און נויט און פארצווייפלונג אף אלע זייטן. איך זע דאָס אלעם. פון דער אנדער זייט זע איך דעם ערשטן רעגימענט אין די גאַסן, מושטירנדיק זיך פאר דעם צוועק צו אונטערדריקן א „גאַסן־ראַיאָט“, און לייענענדיק אף מאָרגן די צייטונגען, געפין איך אוים פון די קאַפּיטאַליסטישע רעדאַקטאָרן, אז דער ערשטער רעגימענט מאכט איבונגען ווי אזוי אויסצוקאָסען די אומגליקלאכע און עלנדע, ווען זיי וועלן ארויסקריכן פון זייערע לעכער, ווי די אָנקלאַגע האָט זיך דאָ אויסגעדריקט אין פארלויף פון דעם דאָזיקן פּראָצעס; אז די ארבעטערמאַסן וועלן אויסגעשאָכטן ווערן קאַלטבלוטיק און אז מענטשן מאכן איבונגען אף די גאַסן פון אמעריקע און לערנען זיך ווי אזוי אויסצושלאַכטן זייערע מיטמענטשן, ווען זיי וועלן פאָדערן דאָס רעכט צו ארבעטן און צו געניסן די פרוכט פון זייער ארבעט. זעענדיק אָט די אלע זאכן ווערט מיין האַרץ איבערוועלטיקט פון צער און צאָרן, און עס הויבט אָן צו ריידן. איז עס דען

ניט נאַטירלאך, אז איך זאָל דאן זאָגן אזוינס וואָס איך וואָלט אין א מאָמענט פון איבערלייגונג ניט געזאָגט? און זיינען דען ניט אזעלכע סקאַנדאַלעזע, שענדלאכע זאכן אויסגערעכנט ארויסצורופן די ביטערסטע פּראָטעסטן און פאַרדאַמונגען?

הער ריכטער, איך וויל ציען אייער אויפמערקזאַמקייט אף מאנכע פון די אורזאכן, וועלכע איך וויל דאָ פאָרלעגן היינט אלס א באַרעכטיקונג פאר די ווערטער און די אויסדריקן, און די טאטן, וואָס זיי זאָלן ניט געווען זיין, פון מיר און פון מיינע קאָלעגן, וועגן דער פראגע פון גוואלט, וועגן דער פראגע פון וואָפן, וועגן דער פראגע פון דינאַמיט. נו, ווען מיר קערן זיך אום צוריק צו דעם יאָר 1877, וואָס געפינען מיר? עס האָבן דאן אויסגעבראָכן באַן־סטרייקן. אין משך פון׳ם קאָנפליקט פון יענעם יאָר זיינען די פאָלגנדע ווערטער ארויסגעזאָגט געוואָרן פון גרויסע ארבעטסגעבער און פאבריקאנטן און מאָנאָפּאָליסטן פון דעם דאָזיקן לאַנד. איך וועל אייך דאָ געבן עטלאכע ביישפּילן. דאָס, מערקט אייך, איז געווען פארעפנטלאכט אין דעם „אלארם" פון׳ם 8טן נאָוועמבער, 1884, אָבער דיזעלבע אויסצוגן געפינען זיך שטענדיק אין אלע צייטונגען, וואָס ווערן ארויסגעגעבן פון די נייטס אָוו לייבאָר, פון די טרייד יוניאָנס און פון די סאָציאַליסטן פון די פאראייניקיטע שטאטן, און אזעלכע צייטונגען זיינען פאראן אריבער דריי הונ־דערט. נו, איצט הערט: „גיט זיי (די סטרייקערס) א ביקס־דיעטע פאר עטלאכע טעג צייט, און זעט, ווי אזוי עס וועט זיי שמעקן אָט דער סאָרט ברויט." האָט געזאָגט טאָם סקאָט, דער פּרעזידענט פון דער פּענסילווייניא סענטראַל ריילוויי, בעת ער האָט אדרעסירט דעם גאָווערנאר הארטרענפט פון פּענסילווייניא און פון אים גע־פאָדערט, אז ער זאָל שיקן זיין ארמיי פון מיליץ קיין פּיטסבורג צו דערשטיקן זיינע באַן־סטרייקערס, וועלכע האָבן געבעטן אביסל מער געצאָלט, און א טייל פון זיי האָבן געבעטן גענוג געצאָלט צו קאָנען קויפן ברויט פאר זייערע הונגעריקע קינדערלאך. זיין ענט־פער איז: „גיט זיי א ביקס־דיעטע פאר עטלאכע טעג צייט, און זעט, ווי עס וועט זיי שמעקן אָט דער סאָרט ברויט". מערקט אייך, דאָס איז געווען אין 1877. „ווען די ארבעטער וואָלטן ניט גע־האָט קיין שטימרעכט, וואָלטן זיי זיך בעסער צוגעהערט צו דעם, וואָס די צייט לערנט זיי," זאָגט די „אינדיאנאפּאָליס ניוס". — „פאראן צופיל פרייהייט דאָ אין לאַנד און ניט צו ווייניק פריי־

הייט,“ זאָגט די „אינדיאַנאַפּאָליס דזשורנאַל“. אין 1878 האָט די „נויאָרק טריביון“ זיך באַנוצט מיט פאָלגנדע ווערטער אין א לייט־אַרטיקל וועגן סטרייקס: „אָט די ברוטאַלע סטרייקערס און באַשעפעניש קאָנען ניט פאַרשטיין קיין אנדער זאַך אויסער גוואַלט, און זיי דאַרפן קריגן גענוג דערפון, אַזוי אַז זיי זאָלן דאָס האָבן צו געדענקען אַף דור־דורות.“ — „מען דאַרף וואַרפן האַנט־גראַנאַטן אַף די דאָזיקע יוניאָן־מאַטראָזן, וועלכע זוכן צו קריגן העכערע שכירות און קירצערע אַרבעטס־שטונדן. אַזאַ האַנדלונג וואָלט זיי געלערנט א טייערן לעסאָן און אַנדערע סטרייקערס וואָלטן געקראָגן א וואָרנונג פון זייער סוף,“ האָט געזאָגט די „שיקאַגאַ טיימס“. „ס'איז זייער פיין צו לינדערן אמת'ן עלנד וואו ער עקזיסטירט נאָר, צי אין שטאָט צי אין דאָרף, אָבער דער בעסטער מאָלצייט וואָס קאָן געגעבן ווערן צו אַן אָפּגעריסענעם טרעמפּ איז א פּאָרציע בליי, און זיי דאַרפן קריגן אַזויפיל דערפון, אַז עס זאָל זיין גענוג צופרידנצושטעלן דעם גרעסטן פרעסערישן אַפּעטיט,“ האָט געשריבן דער „נויאָרק העראַלד“ אין 1878. „דער אַמעריקאַנער אַרבעטער דאַרף איינמאָל פאַר אַלעמאָל באַשליסן בא זיך, אַז ער קאָן ניט לעבן קיין סך בעסער, איידער דער אייראָפּייאישער אַרבעטער. ער דאַרף זיין צופרידן צו אַרבעטן פאַר ווייניקער שכירות און אננעמען פאַר ליב דעם סאָרט לעבן, וואָס גאָט האָט געפונען פאַר פּאַסנד אים צוצוטיילן.“ די „נויאָרק וואָרלד“ האָט אַרויסגעזאָגט דעם דאָזיקן געדאַנק אין 1878.

איך וואָלט געקאָנט דורכגיין די גאַנצע מאָנאָפּאָליסטישע פּרעסע פון אַמעריקע און אַרויסנעמען פון דאָרט ענלאַכע געדאַנקען, ענלאַכע אויסדריקן פון געפיל. אָט די סענטימענטן זיינען באַנוצט געוואָרן געגן סטרייקערס, געגן מענטשן, וועלכע האָבן איינפאַך געזוכט צו פאַרבעסערן זייער לאַגע. זיי האָבן בלויז פאַרלאַנגט קירצערע אַרבעטס־שטונדן און אַביסל מער געצאָלט. דאָס זיינען די בלוטיקע, ביטערע ווערטער פון די דאָזיקע צייטונגען. נו, וואָס פאָלגט דערפון? עס פירט זיך היינט־צו־טאָג און עס האָט זיך אַזוי געפירט זינט יענער צייט, אַז ווען אַרבעטער סטרייקן, רופט מען אַרויס די מיליץ. אַזוי האָט זיך געפירט זינט די דאָזיקע אַרויסזאָגונגען און דערקלערונגען אין 1878, וועלכע זיינען געווען דער רעזולטאַט פון דעם גרויסן אייזנבאַן־סטרייק. ס'איז געוואָרן א מנהג אין אַמעריקע אַרויסצורופן די מיליץ, ווען עס ברעכט אויס

א סטרייק, אָדער אפילו ווען עס ווערט נאָר געפּלאַנט צו דערקלערן א סטרייק. וואָס דאַרפט איר מער, גיט א קוק אף די פּליישהייזער אין דער שטאָט שיקאגא. ערשט נעכטן האָבן די באַלעבאַטים פון די פליישהייזער, וועלכע באַשעפטיקן 25 טויזנט מענטשן, ארויסגערופן אן ארמיי פון „פינקערטאָנס" און אנאָנסירט פאר זיי, זיי זאָלן קומען. דאָס איז געשען נאָך איידער עס איז געווען א סטרייק — מען האָט בלויז געהאַט בדעה אים ארויסצורופן, הערי ריכטער. דאָס קומט פאָר אין אמעריקע — אין די פאראייניקטע שטאַטן! נו, איז דאָס אן איבעראַשונג, אַז די ארבעטער זאָלן אויפגעבראַכט ווערן איבער אָט די זאַכן און זאָגן צו מר. גולד אדער צו טאָם סקאָט: „אויב איר וועט אונז געבן א ביקס־דיעטע אַנשטאָט א ברויט־דיעטע; אויב ווען מיר בעטן בא אייך ברויט, גיט איר אונז א שטיין, און ניט נאָר גיט איר אונז א שטיין, נאָר איר צווינגט אונז מיט דעם שפּיץ פון׳ם באַיאָנעט דעם שטיין ארונטערצושלינגען, דאַן וואו בלייבט דאָס קאָנסטיטוציאָנעלע רעכט פון ווידערשטאַנד געגן די דאָזיקע רציחות?" אויב איך ווער באַרויבט פון מיין רעכט פון פארטיידיקונג געגן דער אויסטיילונג פון א „ביקס־דיעטע" און געגן דאָס ארויפלעגן סטריכינין אף מיין ברויט און שפּייז, וואָס איז פאָרגעשלאָגן געוואָרן פון דער „שיקאגא טריביון", ווען זי האָט געזאָגט, אז ווען טרעמפּס קומען אין דער נאָכבאַרשאַפט, גיט זיי א רייפטל ברויט מיט סטריכינין דערויף, און דאָס וועט זיין א וואָרנונג פאר אנדערע טרעמפּס, וועלכע וועלן שוין פארזאָגן א צענטן צו קומען אין דער נאָכבאַרשאַפט, — אויב איך ווער באַרויבט פון מיין רעכט זיך צו פארטיידיקן, וואָס זאָל איך טאָן? זיינען ניט אזעלכע אויסדריקן ווי דער דאָזיקער ווי צוגעמאָסטן ארויסצוברייגען מענטשן פון געדולד? איז דאָ ניט פאראַן קיין בארעכטיקונג פאר דעם וואָס איר רופט גוואַלטיקע רעדעס? האָבן דען אָט די מאָנאָפּאָליסטן אליין ניט ארויסגעבראַכט דעם אָנפאַנג פון דער דאָזיקער שפּראַך? זיינען זיי דען ניט געווען די ערשטע זיך צו באַנוצן מיט איר? זיינען זיי ניט געווען די ערשטע צו זאָגן: „וואַרפט דינאַמיט־באָמבעס צווישן די סטרייקערס, און דאָס וועט זיין א וואָרנונג פאר אנדערע"? איז עס ניט געווען טאָם סקאָט, וועלכער האָט דער ערשטער געזאָגט: „גיט זיי א ביקס־דיעטע"? איז עס ניט געווען די „טריביון", וועלכע האָט די ערשטע געזאָגט: „גיט זיי סטריכינין"? און זיי האָבן עס געטאָן.

זינט יענער צייט האָבן זיי אויסגעטיילט א „ביקס־דיעטע“; זיי האָבן אויסגעטיילט סטריכינין. זיי האָבן געוואָרפן האַנט־גראַנאַטן, און די האַנט־גראַנאַטע אף דעם היימארקעט אין דער נאַכט פון׳ם 4טן מאַי איז געוואָרפן געוואָרן דורך דער האַנט פון א מאָנאָפּאָ־ליסטישן פארשווערער, וואָס איז געשיקט געוואָרן פון דער שטאָט נויאָרק מיט דעם ספּעציעלן צוועק צו צוברעכן די אכט־שטונדן־באוועגונג און ברייגגען די דאָזיקע מענער צו דער תליה דאָ, אין דעם דאָזיקן געריכט.

הער ריכטער, מיר זיינען די אָפּפער פון דער נידערטרעכטיק־סטער און שווארצסטער פארשווערונג, וואָס האָט ווען עס איז גע־מאַכט צו שאַנד די אַנאַלן פון דער צייט. אויב אָט די לייט פריי־דיקן די דאָזיקע זאַכן; אויב די „טריביון“ דענקט, אז סטריכינין איז גוט גענוג פאר אונז; אויב די „טיימס“ דענקט, אז האַנט־גראַנאַטן זיינען גוט גענוג פאר אונז, פארוואָס האָבן מיר ניט קיין רעכט צו זאָגן, אז זיי ווילן זיך דערמיט באַנוצן? זיי זאָגן, אז זיי גלויבן אין דעם. זיי זאָגן, אז זיי דענקען אזוי. וואָס פאר א רעכט האָבן מיר צו זאָגן, אז זיי ווילן ניט דינגען איינעם פאר געלט דורכצופירן דאָס וואָס זיי דענקען, אויספירן אין דער פּראַקטיק דאָס, אין וואָס זיי גלויבן?

אין פארבינדונג מיט דעם וויל איך ציען אייער אויפמערק־זאַמקייט אף דעם אופן ווי אזוי באוואָפנטע מענער, מיליץ־לייט און פינקערטאָן׳ס פּריוואַטע ארמיי, ווערן באַנוצט געגן ארבעטער, סטרייקערס; דעם אופן ווי זיי ווערן באַנוצט צו שיסן אף די סטריי־קערס, זיי צו ארעסטירן און מאַכן אף זיי אלערליי בלבולים. אין דעם „אַלאַרם“ פון׳ם 17טן אָקטאָבער, 1885, איז געווען געדרוקט פאָלגנדעס: „פינקערטאָן׳ס ארמיי. זיי גיבן ארויס א געהיימען צירקולאַר, אָנבאָטנדיק זייער דינסט צו קאַפּיטאַליסטן פאר דער אונטערדריקונג פון סטרייקערס. דער סעקרעטאַר פון דער „טריידס ענד לייבאָר אסעמבלי“ פון מינעאַפּאָליס, מינ., שיקט אונז צו פאָלגנדן בריוו: מינעאַפּאָליס, מינ., 6טן אָקטאָבער, 1885. רעדאַקטאָר פון׳ם „אַלאַרם“. געערטער הער: זייט אזוי גוט און שיינקט אייער אכטונג צו די פינקערטאָן־הינטעלאך פאר זייער אויסערגעוויינלאַכער פּריינטשאַפט צו די ארבעטער. פּרואווט באַ־ווענן די רעגירונג פון אייער שטאָט אָפּצושאַפן די שטאָט־פּאָליציי און אָנשטעלן פינקערטאָן־באַשיצער.“ (פארשטייט זיך, דאָס איז

סאַרקאַסטיש). דער ביילינגנדער צירקולאַר איז אריינגעפאלן אין די הענט פון דער מינעאפּאָליס טריידס אסעמבלי, וועלכע געפינט, אז עס איז כדאי אים איבערצושיקן צו אייך. ביטע, דרוקט אים אָפּ אין אייער צייטונג. ברידערלאַך אייערער, ט. וו. בראָסנאַן."

דער דאָזיקער בריוו איז אונטער דעם זיגל פון דער „טרייד ענד לייבאָר אסעמבלי" פון דער שטאָט מינעאַפּאָליס, מינ. דאַן פאָלגט דער צירקולאַר. נאָכדעם ווי מען פאררופט זיך דארט אף די לייסטונגען וואָס זיינען געגעבן געווארן אין משך פון'ם פאר־גאנגענעם יאָר צו קאַפּיטאַליסטן, קאָרפּאָראציעס און מאָנאָפּאָליסטן אין פארלויף פון די סטרייקס אין אלע טיילן פון לאנד, שליסט זיך דער צירקולאַר מיט די פאלגנדע פאראגראַפן, וועלכע מיר גיבן דאָ איבער פולשטענדיק, אלס אילוסטראציע פון די פינצטערע פּלענער פון די דאָזיקע געהיימע שונאים געגן דער אָרגאַניזירטער ארבע־טערשאפט. זאָל יעדער ארבעטער זיך פארטראכטן וועגן די צוועקן פון די דאָזיקע מערדער־באַנדעס. אָט וואָס דער צירקולאַר זאָגט: „דער פינקערטאָן שוץ־פּאטרול איז פארבונדן מיט פינקערטאָן'ס נאַציאָנאַלע דעטעקטיוו־אגענטור, און שטייט אונטער דערזעלבער פארוואלטונג. קאָרפּאָראציעס אָדער איינצלנע ארבעטס־געבער, וועלכע ווילן אויסגעפינען די געפילן פון זייערע ארבעטער, צי זיי האַלטן דערביי ארויסצוגיין אין סטרייק אדער צי זיי שליסן זיך אָן אָן וועלכע ס'איז געהיימע ארבעטער אָרגאַניזאציעס, ווי די נייטס אָוו לייבאָר, מיט דעם ציל ארויסצוקריגן פון די קאָרפּאָראציעס אָדער איינצלנע ארבעטס־געבער גינסטיקע באדינגונגען, — די וואָס ווילן דאָס אויסגעפינען דארפן זיך ווענדן צו דעם סופּער־אינטענדענט פון אירגנד וועלכן פון די אָפיסעס און זיי וועלן קריגן א פּאַסנדן דעטעקטיוו זיך צו חבר'ן מיט זייערע ארבעטער און ארויסקריגן פון זיי די דאָזיקע אינפאָרמאציע." דער צירקולאַר זאָגט ווייטער: „אין דער איצטיקער צייט, ווען עס איז פאראַן אזויפיל אומצופרידנקייט צווישן די ארבעטער־קלאַסן, און געהיי־מע ארבעטער געזעלשאפטן אָרגאַניזירן זיך איבעראל אין די פאר־אייניקטע שטאַטן, לעגן מיר פאָר צי עס וואָלט ניט געווען גוט פאר אייזנבאַן־קאָמפּאַניס און אנדערע קאָרפּאָראציעס, אזוי גוט ווי פאר יחידים וואָס זיינען גרויסע ארבעטס־געבער, נאָכצושפּירן און האַלטן אן אויג, כדי צו קאָנען אָנווייזן אף אזעלכע וואָס זיינען טעטיק אין די אינטערעסן פון געהיימע ארבעטער פאראיינען, און

וועלכע באאיינפלוסן די ארבעטער זיך אַנצושליסן אַן די דאַזיקע אָרגאַניזאציעס און דאַן ארויסרופן א סטרייק. ס'איז אָפט דער פאַל, אז דורכדעם וואָס אזא זאך ווערט ניט פארנאכלעסיקט, נאָר ווערט אויפגענומען אין צייט, דורכדעם וואָס מען אנטדעקט די רעדלפירער און מען מאכט מיט זיי א קורצן פּראָצעס — „דורכדעם וואָס מען אנטדעקט די רעדלפירער", מערקט אייך, „און מען מאכט מיט זיי א קורצן פּראָצעס" — קאָנען אויסגעמיטן ווערן ערנסטע צרות אין דער צוקונפט. אכטונגספול אייערע, וויליאם א. פּינקערטאָן, דזשענעראל סופּעראינטענדענט וועסטערן איידזשענסי, שיקאַגאָ; ראָבערט א. פּינקערטאָן, דזשענעראל סופּעראינטענדענט איסטערן דיוויזשאָן, נויאָרק."

נו, דאָ האָט איר א פירמע, אן אינסטיטוציע, וועלכע אָרגאַניזירט א פּריוואטע ארמיי. אָט די פּריוואטע ארמיי איז אונטער דער קאָמאנדא און קאָנטראָל פון די וואָס שינדן אָפּ די הויפּט פון די אָרימע לייט, וואָס דריקן אראָפּ די שכירות פון דעם ארבעטער ביז א הונגער־פּונקט. אָט די פּריוואטע ארמיי קאָן געשיקט ווערן צו יעדן פּלאַץ, וואו מען נייטיקט זיך נאָר אין איר. אָט פּאָרט זי צו דעם „האקינג וואלי" צו אונטערדריקן די הונגערנדע קוילנגרעבער; דאַן ווערט זי אריבערגעשיקט איבער די פּלאַכ־לענדער פון נעבראסקא צו שיסן אָפּ די סטרייקנדע מיינערס אין יענער געגנט. דאַן ווערט זי געשיקט נאָך דער איסט אָפּצושטעלן דעם סטרייק פון די פאבריק־ארבעטער און זיי צו דערשטיקן. די ארמיי באוועגט זיך, פּאָרט אהער און אהין איבערן גאנצן לאנד, גנב'עט זיך אריין אין די ארבעטער אָרגאַניזאציעס, פרעסט זיך אריין ווי א וואָרים אין די דאָזיקע ארבעטער פּאראיינען, געפינט אויס, ווי זי זאָגט, ווער עס זיינען די רעדלפירער און מאכט מיט זיי א קורצן פּראָצעס. „קורצן פּראָצעס", הער ריכטער, „מיט זיי". וואָס מיינט דאָס? עס מיינט אָט וואָס: אז ווען עס געפינט זיך אן ארבעטער וואָס נעמט א מוטיקע שטעלונג אין זיין אָרגאַניזאציע; אן ארבעטער וואָס שטייט אויף און רעדט ארויס זיינע געפילן, פּראָטעסטירט, קאָן ניט און וויל ניט פארליידן די דאָזיקע געמיינהייטן און ער זאָגט עס ארויס אָפן, — אזא איינער ווערט געשטעמפּעלט אלס רעדלפירער, און אָט די שפּיאָנען נעמען זיך צו דער ארבעט און טוען אים עפּעס אָפּ. אויב זיי קאָנען אים ניט דערצאָרענען און מאכן, ווי די „נויאָרק טריביון" זאָגט, אז ער זאָל

אריבערטרעטן דאס געזעץ, קאנען זיי אים קריגן אף אן אנדער אופן. זיי נעמען זיך צו דער ארבעט און טראכטן עפעס אויס אף אים, און מאכן א פארשווערונג וואס וועט אים ברייננגען אין געריכט. ווען ער ווערט געבראכט אין געריכט, איז ער א לוין־שקלאף; ער האט ניט קיין פריינט, ער האט ניט קיין געלט — ווער איז ער? ער שטייט דא פאר די ריכטער, ווי א שולדיקער. ער האט ניט קיין פאזיציע אין דער געזעלשאפט, קיין פארמעגן, קיין פריינט אים צו באשיצן. וואס איז דער רעזולטאט? זעכציק טעג אין דעם „ברייִדוועל" אדער א יאר אין קאונטי געפעננגיש. די זאך ווערט אפגע'פטר'ט מיט א מאך מיט דער האנט. דער געריכט־דינער פירט ארויס דעם „רעדלפירער". דער סטרייק איז אונטערדריקט. די מאנאפאליסטן טריאומפירן און די פינקערטאנס האבן אפגעטאן די ארבעט, פאר וועלכער זיי קריגן זייער געצאלט.

אט די זאכן האבן עס פאראורזאכט, אז די „אמעריקאנער גרופע" זאל נעמען א שטארקן אינטערעס אין דעם דאזיקן אופן ווי אזוי די קארפאראציעס און טראסטן פון'ם לאנד האבן באהאנדלט די ארבעטער, און מיר זיינען געווארן אויפגעבראכט דעריבער. מיר האבן פראטעסטירט, מיר האבן עס פארדאמט. האבן מיר געקאנט טאן עפעס אנדערש? האבן מיר געקאנט טאן עפעס אנדערש ווי פראטעסטירן און ארויסטרעטן געגן דעם און עס פארדאמען? כדי צו אילוסטרירן וואס מיר האבן געטאן, וועל איך, אלס ביישפיל, איבערלייענען דא פאר אייך א באריכט פון א מיטינג פון דער „אמעריקאנער גרופע", פון וועלכער איך בין געווען א מיטגליד, — א באריכט וואס איז דערשינען אין דעם „אלארם" פון'ם 12טן דעצעמבער, 1885. אזוי ווי איך בין געווען אנוועזנד אף יענער פערזאמלונג, און דער באריכט וועגן דעם וואס דארט איז פארגעגאנגען איז אין יענער צייט געדרוקט געווארן אין דעם „אלארם", האלט איך, אז דער דאזיקער באריכט פארדינט אייער צוטרוי און אכטונג, ווייל ער באווייזט וואס עס איז געווען אונזער שטעלונג איבער דער פראגע פון געוואלט און פון וואפן און פון דינאמיט. דער ארטיקל איז באטיטלט: „גאסן־רייאט־מושטיר. מאסנפארזאמלונג פון ארבעטער אפגעהאלטן אין 106 איסט רענדאלף סטריט". דאס איז געווען דער רעגולערער זאל און מיטינג־פלאץ. דער ארטיקל לייענט זיך: „א גרויסעה מאס־מיטינג פון ארבעטער און ארבעטארינס איז אפגעהאלטן גע־

וואָרן לעצטן מיטוואָך אוונט אין זייער זאַל, 106 איסט רענדאָלף סטריט. די טעמא פון דיסקוסיע איז געווען דער גאַסן־רייאַט־מושטיר פון׳ם ערשטן רעגימענט, וואָס איז פאָרגעקומען אין טאָג פון „טהענקסגיווינג“. וויליאם האָלמס איז געווען פאָרזיצער. דער הויפּט־רעדנער פון אָוונט איז געווען מרס. לוסי ע. פּאַרסאָנס. זי האָט אָנגעפאנגען דערמיט, אַז די גרינדער פון דער דאָזיקער רעפּובליק, וועמעס מאָטאָ איז געווען, אַז יעדעס מענטשלאַכע וועזן איז פון נאַטור באַרעכטיקט צו לעבן, פרייהייט און דאָס זוכן פון גליק, וואָלטן זיך איבערגעדרייט אין זייערע קברים, ווען זיי וואָלטן געקאָנט לייענען און ווּיסן, אַז א גרויסער גאַסן־רייאַט־מושטיר גייט איצט אָן אין צייטן פון פרידן. „לאָמיר אַקאָרשט באַטראַכטן די דאָזיקע אָנגעלעגנהייט,“ האָט זי געזאָגט, „און אויסגעפינען, אויב מיר קאָנען, פאַר וואָס פאַר א צוועק אָט דער גאַסן־רייאַט־מושטיר פון דעם מיליטער ווערט געמאַכט. געוויס ניט פאַר דעם צוועק צו קעמפן געגן שונאים פון דרויסן; ניט פאַר א פרעמדן, אויסלענדישן שונא, וואָרים אויב דאָס וואָלט געווען דער פאַל, וואָלטן מיר געזאַמלט אונזערע ארמייען באַם ים־ברעג. מוז דאָך דאָס זיין פאַר אונזערע שונאים פון אינעווייניק. נו, דאַן פרעגט זיך, לאָזן צופרידענע און גליקלאַכע מענטשן איבער זייערע באַ־שעפטיקונגען און גייען ארוים אין די גאַסן מאַכן רייאָטן? פאַר וועמען זשע איז אָט דער גאַסן־רייאַט־מושטיר? פאַר וועמען ווערט ער צוגעגרייט? ווער דאַרף דאָס געשאַסן ווערן? ווען די שווערע טריט פון׳ם מיליטער וועלן זיך לאָזן הערן און א רעגן פון קוילן און שראַפּנעלן וועט פאַרפלייצן פיר גאַסן מיט אַמאָל, ווי עס ווערט געפּלאַנעוועט דורך אָט דעם ניי־מאָדנעם מושטיר, וואָס איז אַזוי בילדלאַך באַשריבן געוואָרן אין א קאַפּיטאַליסטישער צייטונג, — ווען דאָס וועט געשען, וועט דאָך דאָס זיכער ניט זיין מיט דעם צוועק נידערצושיסן די בורזשואַזיע, די רייכע, ווייל די־זעלביקע פרעסע אַפּעלירט דאָך צו זיי בייצושטייערן מיט א ברייטער האַנט פאַר דעם מיליטערישן פאָנד, כדי צו מאַכן די מיליץ צוויי מאָל אַזוי שטאַרק ווי זי איז איצט, מחמת אירע לייסטונגען וועלן גאָר אינגיכן נייטיק זיין נידערצושיסן דעם המון.“ די רעד־נערין האָט דאַן פאָרגעלייענט אַן אויסצוג פון א באַריכט אין א קאַפּיטאַליסטישער צייטונג וועגן דעם גאַסן־רייאַט־מושטיר, וואָס איז פאָרגעקומען אין דעם טהענקסגיווינג־טאָג.“

הער ריכטער, אַט דער מיטינג איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן די וואָך נאָך טהענקסגיווינג, דאָס הייסט נאָך דעם טאָג, ווען דער מושטיר איז פאָרגעקומען. דער אויסצוג פון דעם ארטיקל, קאָפּירט פון א קאפּיטאַליסטישער צייטונג, וואָס איז א באשרייבונג פון דעם מושטיר, לייענט זיך ווי פאָלגט: „צום שלום זיינען די דיוויזיעס אויסגעשטעלט געוואָרן צום קאַמף, און פון אַלע זייטן האָט מען ווידער אָנגעהויבן שיסן. דער מושטיר האָט צוגעגעבן פיל קרעדיט דעם ערשטן רעגימענט, וועלכער וועט טאָן אויסגעצייכנטע ארבעט אין די גאסן, אין פאַל פון נויטווענדיקייט. אָבער ס'איז נייטיק צו האָבן מער געלעגנהייטן פאר איבונג אין ביקס־שיסעריי, און קאַלאַנעל נאקס וואָלט זייער וועלן אזוי גיך ווי מעגלאך האָבן די מעגלאכקייט צו שאפן אזא איבונג־פּלאַץ. אַנשטאָט 400, וואָלט דער רעגימענט געדאַרפט האָבן 800 מיטגלידער. ביזנעס־לייט דאַרפן נעמען א גרעסערן אינטערעס אין דער אָרגאַניזאַציע און העלפן אזוי ווייט ווי מעגלאך זי צו ברייגען צו דער בעסטער שטופע, אזוי אז מען זאָל קאָנען זיך איספּראָווען מיט א „מאב“, ווארים עס קאָן זיין, אז דער טאָג איז גאָר ניט ווייט, ווען מען וועט זיך נייטיקן אין די לייסטונגען פון דעם רעגימענט.“

אַט די ווערטער זיינען אַף מאָרגן נאָך'ן מושטיר דערשינען אין דער „טיימס“ אָדער אין דער „טריביון“. איך געדענק ניט גענוי אין וועלכער צייטונג. נאָכדעם ווי די רעדנעריו האָט פאַרגעלייענט דעם דאָזיקן אויסצוג פון דער קאַפּיטאַליסטישער צייטונג, האָט זי געזאָגט:

„וואָס מוזן זיך טראַכטן די אונטערדריקטע אין פרעמדע לענדער, ווען זיי הערן די פּוס־טריט פון דער מיליץ אונטער די פלאַטערנדע פאָלבן פון די „שטערן און שטרייפן“? די, וועלכע האָבן צוערשט אויפגעצויגן די דאָזיקע פאָן, האָבן פּראָקלאַמירט, אז אונטער אירע פאָלבן וועלן די אונטערדריקטע פון אַלע לענדער געפינען א מקום מנוחה און וועלן זיין באשיצט געגן דעם דעספּאָטיזם פון אַלע לענדער. איז דאָס דער פאַל היינט, ווען עס הערן זיך די פּוס־טריט פון צוויי מיליאָן היימלאָזע וואנדערער איבער גאַנץ אַמעריקע, — קרעפּטיקע און פייאיקע מענער וואָס זיינען גרייט און וויליק צו ארבעטן, כדי צו קאָנען קויפן שפּייז פאַר זיך און זייערע פאַמיליעס; ווען דער געשריי פון אומצופרידנקייט לאָזט זיך הערן פון די ארבעטער־קלאַסן איבעראַל, און זיי אנטזאגן זיך

לענגער צו הונגערן און אָננעמען רואיק א „ביקס-דיעטע“ און שטאַרבן אין עלנד און נויט, אין איינקלאַנג מיט'ן געזעץ און מיט דער אָרדנונג, וועלכע מען זוכט צו באַשיצן דורך דעם דאָזיקן מי־ליטערישן מושטיר? האָט אָט דער מיליטערישער מושטיר דעם צוועק זיי צו פאַרניכטן, זיי אָפּצוראַמען מיט א האָגל פון קוילן און שראַפּנעלן אַף דער גאַס?

„מיר ארבעטער הערן אָט די גערוישן, וועלכע זאָגן פאָרויס דאָס אָנקומען פון א שטורם, און מיר פאַרטראַכטן זיך וועגן זייער אורשפּרונג. מיט איניקע יאָר צוריק האָבן מיר גאָרנישט גע־הערט פון דעם סאָרט; אָבער גרויסע ענדערונגען זיינען פאָרגע־קומען אין פאַרלויף פון פאַרגאַנגענעם דור. דער ענגלישער שריפטשטעלער טשאַרלס דיקענס, וועלכער האָט באַזוכט אמעריקע מיט פערציק יאָר צוריק, האָט דערקלערט, אז דאָס וואָס האָט אים אַם מערסטן איבעראַשט איז געווען די אַלגעמיינע שפע און די גלייכקייט פון אלע מענטשן, און אז דער אָנבליק פון א בעטלער אַף די גאַסן פון באָסטאָן וואָלט אין יענער צייט ארויסגערופן אזאַ שרעקלאַכע איבעראַשונג, ווי דער אָנבליק פון א מלאך מיט א פייערדיקן שווערד. וואָס הערט זיך אין באָסטאָן היינט? א קאָ־רעספּאָנדענט פון דער „שיקאַגא טריביון“, שרייבנדיק פון יענער שטאָט, האָט לעצטן ווינטער דערציילט, אז דאָרט זיינען געווען 30 טויזנט היימלאָזע און ברויטלאָזע מענטשן, און אז עס זיינען דאָרט פאַראַן גאַנצע גאַסן מיט טענעמענט-הייזער, וואו צו פאַר־מאָגן א קאָך־אייוועלע הייסט זיין א פאַרהעלטניסמעסיקער אריס־טאָקראַט. די אָרעמע לייט וואָס וואוינען אין דער נאַכבאַרשאַפט צאָלן עטלאַכע פענים א שטונדע פאַר באַנוצן די לעבער אַף די אויוונס פון די „אַריסטאָקראַטן“.

„אזוי האַלט עס אויך מיט נויאָרק, שיקאַגא און יעדן אַנדערן אינדוסטריעלן צענטער אין דעם דאָזיקן גרויסן לאַנד. פאַרוואָס איז דאָס אזוי? האָבן מיר געהאַט א הונגער? האָט די נאַטור זיך אָנטזאָגט ארויסצוגעבן איר שפע? דאָס זיינען ערנסטע פראַגן, וואָס מיר, די פּראָדוצירער און די ליידנדע, דאַרפן ווייניקסטנס באַטראַכטן. טוט א קוק אַפן רייכטום פון'ם דאָזיקן לאַנד. אין משך פון די לעצטע צוואַנציק יאָר האָט עס זיך פאַרגרעסערט מיט איבער צוואַנציק ביליאָן דאָלאַר. אין וועמעס הענט איז דאָס דאָזיקע רייכטום אריינגעפאַלן? זיכער ניט אין די הענט פון די

פראָדוצירער, ווארים ווען דאס וואָלט געווען דער פאַל, וואָלט ניט נייטיק געווען צו האָבן גאַסן־רייאָט־מושטירן. דאָס דאָזיקע לאַנד האָט א באַפעלקערונג פון 55 מיליאָן מענטשן, און א סטאַטיס־טישער חשבון ווייזט, אז אין די דריי שטעט נויאָרק, פילאַדעלפיא און באָסטאָן זיינען פאראן צוואנציק פערזאָן, וועלכע באזיצן, אלס זייער פריוואט אייגנטום, איבער 750 מיליאָן דאלאר, אָדער אומ־געפער א זעקס־און־צוואנציקסטל פון דעם גאנצן צוגעקומענעם רייכטום וואָס איז געשאפן געוואָרן דורך דער פראצע פון דעם ארבעטער־קלאַס; אָט די צוואנציק פערזאָן זיינען ווי איינער אין דריי מיליאָן. אין צוואנציק יאָר צייט האָבן אָט די פראָפיט־מאכער צוגענומען באַם פאָלק די ריזיקע סומע פון 750 מיליאָן דאָלאר, און דאָס איז אריינגעפאלן בלויז אין דריי שטעט און אין די הענט פון צוואנציק רויבער.

„א רעגירונג וואָס באשיצט אזא אויספּלינדערונג פון׳ם פאָלק, א רעגירונג וואָס דערלאָזט, אז מענטשן זאָלן אזוי דעגראדירט ווערן און געטריבן ווערן צו אזא עלנד און נויט, — אזא רעגירונג איז אן איינפאכער שווינדל, אלצאיינס מיט וואָס פאר א נאָמען זי רופט זיך, אָדער וואָס פאר א פאָן עס פלאטערט איבער איר; צי דאָס איז א רעפובליק, א מאָנארכיע, אדער א קייזערטום. די אמעריקאנער פאָן באשיצט אזויפיל עקאָנאָמישן דעספּאָטיזם ווי וואָס פאר עס איז אנדער פאָן אף דער וועלט. אויב דאָס איז דער פאַל, דאן פרעגט זיך: אין וואָס באשטייט די צופּויקטע, בארימטע פרייהייט פון די אמעריקאנער ארבעטער? אונזערע פאָטערס פלעגן זינגנדיק רופן אלע אָרעמע און אונטערדריקטע פון יעדן פאָלק, פון יעדן לאנד, צו קומען אהער; „אנקל סעם איז רייך גענוג צו געבן אונז אלעמען א פארם, א היים.״ אין יענע טעג האָט די פאָן מיט די שטערן און שטרייפן געפלאטערט איבער יעדן וואסער אלס דער עמבלעם פון די פרייע, אָבער היינט פאָלגט זי בלויז דעם באַפעל פון מאָנאָפּאָ־ליסטן און פון קאָרפּאָראַציעס, פון די וואָס שינדן די הויט פון די ארעמע און בארויבן און פארשקלאַפן דעם ארבעטער. וואָלט רוס־לאנד געקאָנט טאָן מער, ווי מושטירן אין אירע גאסן מיט דעם צוועק אויסצושלאכטן דאָס פאָלק? אָבער אך! אמעריקאנער בוקן זיך און פאלן צו די פיס פון רייכטום און פארגעטערן דעם גאָלדענעם קאַלב. קאָן א מענטש אָנזאמלען מיליאָנען אָן דעם אז ער זאָל אוועקרויבן די ארבעט פון אנדערע? מיר אלע ווייסן, אז ער קאָן

דאָס ניט. עס קוקט אויס, אז די אמעריקאנער ארבעטער דעגענערירן. זיי פאַרשטייען, ווייזט אויס, ניט אין וואָס פרייהייט באַשטייט אין דער ווירקלאַכקייט. זיי ווערן הייזעריק שרייענדיק אין׳ם טאָג פון די וואַלן — פאַר וואָס? פאַר דער קלעגלאַכער פּריווילעגיע צו קאָנען אויסקלייבן זייער האַר; ווער עס זאָל זיין זייער באַלעבאָס און הערשן איבער זיי. א גרויסע פּריווילעגיע! אָט די אמעריקאנער — „סואווערענען" — גאַנצע מיליאָנען פון זיי ווייסן ניט, וואו זיי קאָנען קריגן א געלעגער אָדער א נאַכטמאָל. אייער שטימצעטל — אף וואָס טויג עס? קאָן א מענטש שטימען פאַר זיך ברויט, אדער קליידער, אָדער א דאַך איבערן קאָפּ, אָדער ארבעט? אין וואָס באַשטייט די פרייהייט פון די אמעריקאנער לוינשקלאַפן? די אָרעמע זיינען איבעראַל די שקלאַפן פון די רייכע. דער שטימצעטל איז ניט קיין באַשיצונג געגן הונגער און ניט געגן די קוילן פון דעם מיליטער. ברויט איז פרייהייט; פרייהייט איז ברויט. דער שטימצעטל איז קיין שום שוץ ניט געגן די קוילן פון די, וועלכע מאַכן די גאַסן־רייאָט־מושטירן אין שיקאַגאָ. דער שטימצעטל, אונטער די דאָזיקע באַדינגונגען, איז ווערטלאָז פאַר דעם אינדוסטריעלן שקלאַף. די פּאַלאַצן פון די רייכע פאַרטונקלען די היימען אָדער די כאַטעס פון די אָרעמע, און מיר זאָגן מיט וויקטאָר הוגאָ, אז דער גן עדן פון די רייכע איז געמאַכט פון דעם גיהנום פון די אָרעמע. די גאַנצע גוואַלט פון דער אָרגאַניזירטער רעגירונגס־מאַכט ווערט ארויסגעשטעלט געגן די ארבעטער, ווען די אזויגערופענע בעסערע קלאַסן באַטיטלען מיט׳ן נאָמען א „מאַב", א המון. נו, ווען די ארבעטער פון אמעריקע אנטזאָגן זיך צו הונגערן לויט געזעץ און אָרדנונג, און ווען זיי הויבן אָן דענקען און האַנדלען, — דאַן הויבט זיך אָן דער גאַסן־מושטיר. די פאַרשקלאַפער פון די ארבעטער זעען דעם קומענדן שטורם. זיי זיינען אנטשלאָסן, מעג קומען וואָס עס וויל, צו אונטערדריקן אָט די מענטשן און זיי מאַכן פאַר זייערע שקלאַפן, האַלטנדיק אין זייער באַזיץ די מיטלען פון לעבן אלס זייער אייגנטום.

„ארבעטער — מיר מיינען פרויען אויך — וואַכט אויף! גרייט זיך צו צו קעמפן און מיט דערפאָלג עטאַבלירן דאָס רעכט צו לעבן און געניסן פון די נאַטירלאַכע מתנות, צו וועלכע אלע זיינען גלייך באַרעכטיקט. אגיטירט, אָרגאַניזירט זיך, גרייט זיך צו פאַרטיידיקן אייער לעבן, אייער פרייהייט, אייער גליק געגן די מערדער, וועלכע

פּראַקטיצירן דעם גאַסן־רייאָט־מושטיר אום „טהענקסגיווינג", אין טאָג פון דאַנקגעבונג."

קורצע רעדעס זיינען אויך געהאלטן געוואָרן פון די קאַמע־ראַדן פילדן, דר. טיילאָר, וויליאַם סניידער, וויליאַם האָלמס און אַנדערע. דערמיט האָט זיך דער מיטינג געשלאָסן."

נו, הער ריכטער, איך פאָדער אייך ארויס צו געפינען א זאַץ אָדער אַן אויסדרוק אין יענעם מיטינג, צו געפינען איין־איינציק וואָרט, וואָס איז אומגעזעצלאַך, וואָס איז געגן דער קאָנסטיטוציע, אָדער וואָס איז אַן אריבערטרעטונג פון פרייע רעדע, אָדער וואָס איז אַן אריבערטרעטונג פון פרייע פּרעסע, אָדער וואָס איז אַן אריבערטרעטונג פון'ם רעכט פון עפנטלאכער פארזאמלונג אדער פון'ם רעכט פון זעלבסט־פארטיידיקונג. און דאָס איז אונזער שטעלונג, און דאָס איז זי געווען די גאַנצע צייט. שטעלט זיך פאָר פאַר א מאָמענט, דער ערשטער רעגימענט פּראַקטיצירט דעם גאַסן־רייאָט־מושטיר, ווי עס איז באַשריבן געוואָרן — זיך לערנענדיק, ווי אזוי אָפּצוראַמען פיר גאַסן פון די פיר גאַסן־ווינקלען מיט איינמאָל. וועמען וויל מען דאָס מיט קוילן און שראַפּנעלן אָפּראַמען פון די גאַסן? די „טריביון" און „טיימס" זאָגן: „דעם המון". ווער איז דער המון? אומצופרידענע מענטשן, אומצופרידענע אַרבעטער. מענער און פרויען; מענטשן וואָס אַרבעטן פאַר א הונגער־לוין, מענטשן וואָס גייען ארויס אין סטרייק פאַר א בעסער געצאָלט — אָט די זיינען דאָס דער המון. זיי זיינען שטענדיק דער המון. אָט דערפאַר דאַרף מען דאָס האָבן דעם רייאָט־מושטיר. שטעלט זיך פאָר, אז עס טרעפט אזא פאַל. דער ערשטער רעגימענט גייט ארויס — א טויזנט מאַן, באַוואָפנט מיט די נייסטע, מיט די סאַמע לעצטע ווינטשעסטער ביקסן. דאָ זיינען די מאַסן, דער המון; דאָ זיינען די נייטס אָוו לייבאָר און די טרייד־יוניאָנס און אַלע אָרגאַניזאַציעס אָן וואָפן. זיי האָבן ניט קיין קאַסע, און א ווינטשעסטער ביקס קאָסט 18 דאָלאַר. זיי קאָנען ניט קויפן די דאָזיקע זאַכן. מיר קאָנען ניט אָרגאַניזירן קיין ארמיי. עס פאָדערט זיך קאַפּיטאַל צו אָרגאַניזירן אַן ארמיי. עס פאָדערט זיך אזוי פיל געלט צו אָרגאַ־ניזירן אַן ארמיי ווי צו אָרגאַניזירן אינדוסטרי, אדער צו בויען אייזנ־באַנען; דערפאַר איז דאָס אוממעגלאַך פאַר די אַרבעטער־קלאַסן זיך צו אָרגאַניזירן און קויפן ווינטשעסטער ביקסן. וואָס זשע קאָנען זיי טאָן? וואָס מוזן זיי טאָן? הער ריכטער, די דינאַמיט־באָמבע, זאָגט

מען מיר, קאָסט אינגאַנצן זעקס סענט. זי קאָן פאַבריציִרט ווערן פון יעדן איינעם. דער ווינטשעסטער ביקס קאָסט $18. דאָס איז דער אונ־טערשייד. בין איך שולדיק דערפאַר? דאַרף איך געהאַנגען ווערן דערפאַר וואָס איך זאָג דאָס? דאַרף איך פאַרניכטעט ווערן דער־פאַר? וואָס האָב איך געטאָן? גייט, גראָבט אויס די אַשעס פון דעם מאַן וואָס האָט דערפונדן די דאָזיקע זאַך. געפינט זיינע אַשעס און צושפּרייט און צוזייט זיי אין אַלע ווינטן, דערפאַר וואָס ער האָט געגעבן דער וועלט אָט די מאַכט. ניט איך בין דאָס גע־ווען. גענעראַל שערידאַן — ער איז דער הויפּט קאָמאַנדיר פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי, און אין זיין באַריכט צו דעם פּרעזידענט און צום קאָנגרעס מיט צוויי יאָר צוריק האָט ער געהאַט אַ געלעגנהייט צו ריידן וועגן די מעגלאַכע אַרבעטער־אומרוען, וואָס קאָנען פּאַר־קומען אין לאַנד, און וואָס האָט ער געזאָגט? אין דעם דאָזיקן באַ־ריכט זאָגט ער, אַז דינאַמיט איז אַ געגנשטאַנד פון אומגעהייערע קראַפט, וואָס איז לעצטנס אַנטדעקט געוואָרן, און עס איז פון אַזאַ נאַטור, אַז מענטשן קאָנען עס אַרומטראָגן אין די קעשענעס פון זייערע קליידער מיט פולשטענדיקער זיכערקייט פאַר זיך אַליין, און זיי קאָנען דורכדעם פאַרניכטן גאַנצע שטעט און גאַנצע אַר־מייען. דאָס איז געווען גענעראַל שערידאַן. אָט דאָס האָט ער גע־זאָגט. מיר האָבן ציטירט די דאָזיקע ווערטער און זיך פאַרופן אַף זיי.

איך וויל זאָגן נאָך אַ וואָרט וועגן דינאַמיט, איידער איך גיי אַריבער צו עפּעס אַנדערש. די אָנקלאָגע דאָ רופט מיך „דינאַמי־טירער“. פאַרוואָס? האָב איך ווען עס איז זיך באַנוצט מיט דינאַ־מיט? ניין. האָב איך ווען עס איז געהאַט דינאַמיט? ניין. ווייס איך עפּעס וועגן דינאַמיט באָמבעס? ניין. פאַרוואָס זשע רופט מען מיך דינאַמיטירער? הערט, און איך וועל אייך זאָגן. פולווער האָט אין פופצנטן יאָרהונדערט אָנגעצייכנט אַן ערא אין דער וועלט־געשיכטע. ס'איז געווען דער נידערפאַל, דער סוף פון'ם פאַנצער פון דעם ריטער, דעם פיראַט און דעם רויבער פון יענער צייט. ס'האָט געמאַכט, אַז די קרבנות פון די דאָזיקע וועג־רויבער זאָלן קאָנען שטיין פון וויטן אין אַ זיכערן פּלאַץ און זיך פאַרטיידיקן, דורכדעם וואָס זיי האָבן זיך באַנוצט מיט שוס־פולווער, דורכדעם וואָס עס איז געוואָרן מעגלאַך פאַר זיי אַריינצושיסן אַ קויל אין דעם פלייש פון זייערע רויבער און פאַרניכטער. פולווער איז געקו־

מען ווי א דעמאָקראַטישער אינסטרומענט. עס איז געקומען ווי א רעפובליקאַנישע אינסטיטוציע, און דער עפעקט איז געווען, אז עס האָט באַלד אָנגעהויבן אויסצוגלייכן און צו שאַפן א גלייכגעוויכט פון מאַכט. נאָכדעם איז שוין געווען ווייניקער מאַכט אין די הענט פון'ם אדל, פון די פּריצים; ווייניקער מאַכט אין די הענט פון'ם קעניג; ווייניקער מאַכט איז די הענט פון די וואָס האָבן נאָכדעם געזוכט צו באַרויבן און דערנידעריקן און פאַרניכטן דאָס פאָלק.

אזוי קומט דינאַמיט היינט־צו־טאָג אלס דער באַפרייער פון'ם מענטשן פון דער הערשאַפט און פאַרשקלאַפּונג פון זיין מיט־מענטשן. (דער ריכטער האָט דאָ ארויסגעוויזן סימפּטאָמען פון אומגעדולד.) האָט געדולד א ווײַלע, הער ריכטער. דינאַמיט איז די אויסברייטערונג פון מאַכט. ס'איז דעמאָקראַטיש; עס מאַכט אַלעמען גלייך. גענעראַל שערידאַן האָט געזאָגט: „וואָפן זיינען ווערטלאָז". זיי זיינען ווערטלאָז אין דער אָנוועזנהייט פון דעם דאָזיקן אינסטרומענט. קיין זאַך קאָן ניט ביישטיין געגן דעם. די פינקערטאָנס, די פּאָליציי, די מיליץ זיינען אבסאָלוט ווערטלאָז אין דער אָנוועזנהייט פון דינאַמיט. זיי קאָנען גאָרנישט טאָן מיט דעם פאָלק. ס'איז דער שאַפער פון גלייכגעוויכט. ס'איז דער פאַרניכטער. ס'איז דער פאַרשפּרייטער פון מאַכט. ס'איז דער נידערפאַל, דער סוף פון אונטערדריקונג. ס'איז די אָפּשאַפונג פון אויטאָריטעט; ס'איז דער אויפגאַנג פון פרידן; ס'איז דער סוף פון מלחמה, ווייל מלחמה קאָן ניט עקזיסטירן סיידן ס'איז פאַראַן אימיצער, מיט וועמען מלחמה צו האַלטן, און דינאַמיט מאַכט דאָס אומזיכער, אומווינטשנסווערט און אבסאָלוט אוממעגלאַך. ס'איז א שלום־מאַכער; ס'איז דעם מענטשנס בעסטער און לעצטער פריינט; עס באַפרייט די וועלט פון דער הערשאַפט פון די ווייניקע איבער די פילע, ווייל יעדע רעגירונג איז סוף כל סוף גוואַלט; יעדעס געזעץ איז סוף כל סוף גוואַלט. אַלצדינג איז באַזירט אף גוואַלט. גוואַלט איז דאָס געזעץ פון'ם אוניווערזום; גוואַלט איז דאָס געזעץ פון דער נאַטור, און אָט די ניי־אַנטדעקטע גוואַלט מאַכט אַלע מענטשן גלייך און דערום פריי. ס'איז זינלאָז צו ריידן פון רעכטן, ווען מען האָט ניט די מאַכט זיי דורכצופירן. די וויסנשאַפט האָט איצט געגעבן יעדן מענטשלאַכן וועזן די דאָזיקע מאַכט. עס ווערט פאַרגעלעגט פון דער אַנקלאַגע דאָ מיך צו נעמען מיט געוואַלט און מיך דערוואַרגן אף דער תליה פאַר אָט די זאַכן וואָס איך האָב געזאָגט, פאַר אָט די אויס־

דריקן. נו, גוואַלט איז דער לעצטער מיטל פון טיראַנען; ס'איז דער לעצטער מיטל פון דעספּאָטן און פון אונטערדריקער, און דער, וואָס וויל דערשטיקן א צווייטן, דערפאַר וואָס יענער גלויבט ניט אזוי ווי ער וואָלט געוואָלט אז ער זאָל גלויבן; דער, וואָס וויל פאַרניכטן אַן אַנדערן, דערפאַר וואָס יענער טוט ניט ווי ער הייסט אים, — אָט דער מאַן איז א דעספּאָט און א טיראַן און איז ניט ווערט וואָס ער לעבט אף דער וועלט.

נו, איך רעד גאַנץ איינפאַך. איז גערדרונגען דערפון, ווייל איך האָב אָט די מיינונגען, אז איך בין באַגאַנגען דעם דאָזיקן אקט אפן היימאַרקעט? איז דאָס גערדרונגען דערפון? אף אזא אופן וואָלט איר פונקט אזוי גוט געקאָנט באַשולדיקן גענעראַל פיל. שערידאַן אין דעם אַקט, און צוליב דער זעלביקער אורזאַך, ווארים אויב ער איז אין זיין לויב־געזאַנג וועגן דינאַמיט ניט אריין אזוי ברייט אין דער פראַגע ווי איך האָב געטאָן, האָט ער מיר אָבער צוגעשטעלט דעם טעקסט, פון וועלכן איך האָב געצויגן מיין וויסן וועגן דער דאָזיקער זאַך.

אָבער, זאָגט איר, מיינע רעדעס זיינען צייטענווייז געווען עקסטראַוואַגאַנט און אומגעזעצלאַך. לאָמיך אייך דערמאָנען אָן עפּעס. ס'איז געווען אין פאַרלויף פון דער דיסקוסיע וואָס איז אָנגעגאַנגען וועגן אויסשפּרייטן די שקלאַפעריי און זי אריינפירן אין די נייע טעריטאָריעס, אין קענזעס און אין דער וועסט. טשאַרלס סאָמנער איז נאָך דאַן געווען א מיטגליד פון'ם סענאַט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, און אָט דער מוטיקער מאַן איז דאָרט געשטאַנען אלס קעמפער און פאַרטיידיקער פון פרייהייט. איינמאָל האָט אים זיינער א פריינט געמאַכט פאָרוואורפן און אים אויסגע'מוסר'ט פאַר זיין שאַרפער שפּראַך. „סאָמנער", האָט ער געזאָגט, „איר זיינט ניט פּראַקטיש; איר מוזט האָבן מער טאַקט, מער אויסרעכענונג וועגן דעם וואָס איר זאָגט, איר דאַרפט זיך ניט אויסדריקן אף אזא אופן; איר דאַרפט ניט זיין אזוי פאַרדאַמנדיק און אזוי מאָדנע געגן דער דאָזיקער שקלאַפעריי, געגן דער דאָזיקער פאַרשקלאַפונג. איך וויים, אז עס איז אַן אומרעכט; איך וויים, אז זי דאַרף פאַרדאַמט ווערן, אָבער האַלט זיך אין די ראַמען פון דעם געזעץ; האַלט זיך אין די ראַמען פון דער קאָנסטיטוציע."

הער ריכטער, איך ציטיר פון דער רעדע פון טשאַרלס סאָמנער, דעם גרויסן אַמעריקאַנער, ענטפערנדיק אף יענער באַמערקונג. ער

האט געזאגט: „דאס וואס פארטיידיקט מענטשלאכע רעכטן, אלצ־איינס וואס דאס זאל ניט זיין, איז קאנסטיטוציאנעל. קיין גע־לערנטקייט פון ביכער, קיין געשיקטקייט וואס מען קריגט אין גע־ריכט־הייזער, קיין שארפקייט אין יורידישע ענינים, קיין געניטקייט אין האר־שפאלטעריי קאן ניט פארמינדערן די קראפט דערפון. דאס איז דאס העכסטע געזעץ פון׳ם לאנד, מעג די קאנסטיטוציע אדער די געזעצן פון וואס פאר עס איז שטאט זיין קעגן דעם.״ איך האב קיינמאל ניט געזאגט עפעס וואס וואלט געקאנט זיך פארגלייכן דער־מיט אין געזעצלאזיקייט. גייט, איר הערן פון דער אנקלאגע, גראבט אוים די אשעס פון סאמנער און צושפרייט זיי צו זיין שאנד פאר אלע ווינטן, רייסט ארונטער דעם מאנומענט וואס דאס אמעריקאנער פאלק האט אויפגעשטעלט פון זיין כבוד וועגן, און שטעלט אוועק אף דעם פלאץ וואס פאר עס איז עמבלעם פון אייער פאר־אכטונג!

איך וועל אייך דא איבערלייענען אן אויסצוג פון דעם „אלארם״, א קליינעם רעדאקציאנעלן נאטיץ: „אירגענד וועלכע פרעטענזיע וואס טראגט דעם נאמען פרייהייט, ווי הויך זי זאל ניט פראקלא־מירט ווערן, אבער וועלכע ברייננגט ניט קיין פרידן, שפע און באַ־קוועמלאכקייט פאר אלע מיטגלידער פון דער מענטשלאכער ראסע, איז פון אויבן־אויף א ליגן און א שווינדל.״ נאך אן אויסדרוק פון דעם „אלארם״ — א קליינער עדיטאריעלער נאטיץ: „א מענטש ווערט רייך דורך קארגקייט און ארים דערפאר וואס ער איז גרויסמו־טיק. ווי לאנג נאך וועלן מיר דולדן דעם געמיינעם סיסטעם, וואס באלוינט קלייניקייט און קארגקייט און פארהונגערט גרויסמוטי־קייט?״

הער ריכטער, איינע פון די דערשטוינענדסטע טאטזאכן אין פארבינדונג מיט דעם דאזיקן פראצעס, די ארבעטער באוועגונג און די אלגעמיינע לאגע אין לאנד, קאן מען געפינען אין דעם פאקט וואס אין משך פון די לעצטע צוויי אדער דריי יאר זיינען וויניקס־טנס א העלפט פון די גרויסע אינדוסטריעלע ארגאניזאציעס פון די פאראייניקטע שטאטן, די גרעסערע קארפאראציעס, טראסטן און אינדוסטריען אנגעפירט געווארן אונטער מיליטערישער אויפזיכט. דאס איז א שטוינענדער פאקט. באוואפנטע מענער, באוואפנטע וועכטער, אדער פינקערטאנס אדער די פאליציי, די פאליציי פון די מוניציפאליטעטן אין די שטעט, אדער די מיליץ, אדער די ארמיי

פון די פאראייניקטע שטאטן, ווי עס איז געטאָן געוואָרן אין געוויסע פאלן, האָבן די אויפזיכט איבער א העלפט פון די אינדוסטריען פון אמעריקע, דאָס הייסט, די גרעסערע אינדוסטריען. ס׳איז א פאָזיטיווער פאקט. און ווער טוט דאָס?! נו, אלס געגנזאץ צו דער דאָזיקער לאגע געפינען מיר 1,220 דעלעגאטן פארזאמלט אין ריטשמאָנד, ווירדזשיניא, פארטרעטנדיק אונזערע אמעריקאנער ארבעטער אף דער קאָנווענשאָן פון די נייטס אָוו לייבאָר. אָט דער קאָנגרעס, אָט די אָרגאניזאציע איז דער ענטפער וואָס ווערט געגעבן פון פרידלאכע ארבעטער אף די עצות וועגן דער „ביקס־דיעטע“, וועגן סטריכינין און וועגן די האנט־גראנאטן, וואָס עס האָבן געגעבן די גרויסע צייטונגען פון שיקאגא, נויאָרק, פילאדעלפיא און אנדערע שטעט אין לאנד. די דאָזיקע ארבעטער זיינען פארזאמלט אין זעלבסט־פארטיידיקונג. דער קאָנפליקט איז דער קאמף צווישן פרייהייט און אויטאָריטעט — אויטאָריטעט אין יעטוועדער פאָרם. די וואָס זיינען אין אויטאָריטעט זאָגן צו די ארבעטער, אז אויב זיי ווילן געניסן פון׳ם געזעץ און האָבן דעם שוץ פון׳ם געזעץ, מוזן זיי מאכן א צופרידענע, א פריילאכע מיענע און געהאָרכן דאָס געזעץ. נו יאָ, ווען דער שקלאפן־האלטער באשטראָפט זיין שקלאף, ווען ער שמייסט אים פאר אומגעהאָרכזאמקייט, זאָגט ער אים דיזעלבע זאך.

הער ריכטער, לויט דער צוזאמענשטעלונג פון אייער אורטייל, אָדער לויט דער אורזאך וואָס איר לעגט פאָר אלס א טייל פון דעם באזיס, אף וועלכן איר האָט בדעה ארויסצוגעבן אייער אורטייל, לייקנט איר אָפּ דאָס רעכט פון אמעריקאנער זיך צו פארטיידיקן געגן דער ביקס־דיעטע און צו פראָטעסטירן געגן אָט די שוידערלאכע זאכן, ארויסצוטרעטן געגן דער סטריכינין־עצה. דאָס זיינען די זאכן, וועלכע האָבן אונז געמאכט פאר דאָס וואָס מיר זיינען. אויב עס איז פאראן עפּעס שלעכטס אין מיר, בין איך דער פּראָדוקט פון די דאָזיקע באדינגונגען. איך בין די באשעפעניש פון אומשטענדן; איך בין דער עפעקט, די ווירקונג פון אן אורזאך. נו, וואו ליגט יענע אורזאך? וואָס איז יענע אורזאך? אָבער ווען עס קומט דערצו ווערט דאָס רעכט פון פרייע רעדע, דאָס רעכט פון פרייע פרעסע, דאָס רעכט פון פרידלאכער פארזאמלונג און דאָס רעכט פון זעלבסט־פארטיידיקונג, — דאָס אלעס ווערט פארלייקנט דעם ארבעטער. אויב דאָס וועט אונז פארלייקנט ווערן פון די געריכטן, וואָס וועט

זיין דער רעזולטאט? די ארבעטער וועלן קיין אנדער ברירה ניט האבן און זיי וועלן גלייך זאגן: „אויב אזוי, צו וואס נוצט אונז איינגאנצן דאס געזעץ? צו וואס טויג די קאנסטיטוציע? וואס פאר א ווערט האט זי פאר אונז? זי מוז דאך זיכער באלאנגען צו אימיצן. יא, זי ווערט באנוצט פאר די אינטערעסן און דעם שוץ פון אימיצן אנדערש, זיכער ניט פאר אונזערע אינטערעסן און פאר אונזער שוץ.“ דאס וועט זיין דער נאטירלאכער שלוס, אומפאר־מיידלאך.

עס זיינען ניט געבראכט געווארן קיין באווייזן מיך צו פאר־וויקלען מיט דער היימארקעט־באמבע. די באווייזן וואס זיינען געבראכט געווארן האבן בלויז בארירט צוויי פון אונז, האבן בלויז אריינגעצויגן צוויי פון אונז, און יענע באווייזן, ווי איר, הער ריכ־טער, מוזט וויסן, זיינען געווען געקויפטע און באצאלטע. יעדער איינער ווייסט עס. איר, הער ריכטער, ווייסט עס. איר גלויבט ניט דאס עדות־זאגן פון גילמער. איר קאנט עס ניט גלויבן. ס'איז אף אן איבערוועלטיקנדן און אומווידערשטיילאכן אופן באשטריטן גע־ווארן. אט דער מאן איז דער פארליימדונגס־פאדים וואס פאר־בינדט צוויי פון אונז מיט דער היימארקעט־געשיכטע.

נו, וואס זיינען די פאקטן וועגן דער היימארקעט־געשיכטע? דינסטיק אוונט, דעם 4טן מאי, האבן זיך עטלאכע טויזנט פערזאן, ארבעטער, פארזאמלט אפן היימארקעט צו ריידן וועגן דעם אכט־שטונדן־סטרייק און פראטעסטירן געגן דעם אנפאל וואס די פאליציי האט מיט א טאג פריער געמאכט, טויטנדיק עטלאכע ארבעטער. אט די בירגער, פארזאמלט אין דער פרידלאכער אנווענדונג פון פרייער רעדע און עפנטלאכער פארזאמלונג אונטער זייערע קאנסטיטוציא־נעלע רעכטן, האבן שוין געהאלטן דערביי זיך פאנאנדערצוגיין, ווייל עס איז שוין געווען נאך צען אזייגער, ווען זיי זיינען באפאלן געווארן פון צוויי הונדערט באוואפנטע פאליציסטן, און אונטער דער ווארנונג פון טויט און מאסן־אויסשלאכטונג זיינען זיי קאמאנ־דירט געווארן זיך פאנאנדערצוגיין, באפוילן געווארן ווי שקלאפן זיך אוועקצו'גנב'ענען, אוועקקריכן פון דער אנוועזנהייט פון זייערע באלעבאטים. נו, איז דאס ניט געווען א פרעכער אנגריף? איז דאס ניט געווען א שוידערלאכע רציחה? איז דאס ניט געווען אן איבערטרעטונג פון אלע יענע פרינציפן, פאר וועלכע אונזערע פאר־פאטערס האבן געקעמפט דא אין לאנד? אין דעם דאזיקן

מאָמענט וואַרפט אַן אומבאַקאַנטע פערזאָן אריין א באָמבע צווישן דער פּאָליציי, טויטנדיק עטלאַכע מענטשן. איר זאָגט, אַז איך האָב עס געטאָן. וואו איז אייער באַווייז, הערן פון דער אָנקלאַגע? איר האָט עס ניט. איר האָט ניט געהאַט קיין באַווייזן. יאָ, אָבער איר האָט געהאַט א טעאָריע, און די דאָזיקע טעאָריע איז, אַז קיין אַנ־דערער האָט ניט געקאָנט האָבן וואָס פאַר עס איז מאָטיוו צו וואַרפן יענע באָמבע, — קיין אַנדערער אַחוץ מיר; און, ווי עס באַמערקן אַלע גרויסע צייטונגען דאָ אין שטאָט, דער פּאָליציי פעלט קיינמאָל ניט קיין טעאָריע. זי האָט שטענדיק א טעאָריע באַ דער האַנד פאַר אַלצדינג. באַזונדערס די דעטעקטיווס; זיי טראַכטן אויס עפּעס א טעאָריע און הויבן גלייך אָן זי באַאַרבעטן, זי נאָכצופּאָלגן. אין פאַרלויף פון דעם דאָזיקן פּראָצעס איז דורכגעפירט געוואָרן א גע־ווייסע טעאָריע. לאָמיר זי עקזאַמינירן. איך זאָג, אַז איינער פון די פינקערטאָנס, אָדער א מיטגליד פון דער שיקאַגאָ׳ער פּאָליציי גופא, האָט געהאַט אַזויפיל אורזאַך צו וואַרפן יענע באָמבע ווי איך האָב געהאַט, און פאַרוואָס? ווייל דאָס וואָלט באַוויזן די נויטווענדיקייט פאַר זייער עקזיסטענץ און וואָלט געפירט דערצו צו פאַרגרעסערן זייער געהאַלט. זיינען אָט די מענטשן צו גוט צו טאָן אַזאַ זאַך? זיינען זיי אַף וואָס פאַר עס איז אופן בעסער, איידער איך בין? זיינען זייערע מאָטיוון בעסערע, איידער מיינע? לאָמיר באַטראַכטן די דאָזיקע זאַך פון יעדן שטאַנדפּונקט. פון דער אַנדער זייט איז מעגלאַך, אַז דאָס איז געווען אַן אַקט פון נקמה, אַז די שרעקלאַכע באָמבע איז געוואָרפן געוואָרן פון וואָס פאַר עס איז אָרימען מאַן אָדער פרוי, אָדער א קינד אפילו, וועמעס פאָטער אָדער באַשיצער אָדער פריינט איז דער׳הרג׳עט געוואָרן פון דער פּאָליציי אין איי־נער פון די צאָלרייכע בלוטיקע אָנפאַלן וואָס זי האָט פריער געמאַכט אַפן פאָלק. ווער ווייסט? און אויב עס איז אַזוי געווען, דאַרפן מיר זיבן גיין צום טויט פאַר דעם? זיינען מיר פאַראַנטוואָרטלאַך פאַר יענעם אַקט? אָדער, קאָן עס דען ניט זיין, אַז וואָס פאַר עס איז פערזאָן, מיט דער מורא פון טויט פאַר זיינע אויגן, האָט גע־וואָרפן יענע באָמבע אין זעלבסט־פאַרטיידיקונג? און אויב דאָס איז אַזוי געווען, בין איך פאַראַנטוואָרטלאַך דערפאַר? דאַרף איך הינגעריכטעט ווערן דערפאַר? איז דאָס גענוג מיך דערפאַר צו שיקן צום טויט? און ווער ווייסט? מיין אייגענע מיינונג בנוגע דער דאָזיקער היימאַרקעט געשיכטע איז, אַז די טויטלאַכע באָמבע

איז געווען די ארבעט, די איבערלעגטע, קאַלטבלוטיקע ארבעט פון די מאָנאָפּאָליסטן, דער אַקט פון יענע גופא, וועלכע באַשולדיקן אונז מיט דער דאָזיקער טאַט. איך בין ניט דער איינציקער וואָס האָט אָט די מיינונג וועגן דער דאָזיקער פראגע.

לאָמיך קודם כל ציען אייער אויפמערקזאמקייט צו דער פון פריער עקזיסטירנדער פארשווערונג פון די מאָנאָפּאָליסטן געגן דעם אמעריקאנער פאָלק, וואָס האָט דערגרייכט איר העכסטע שטופע דאָרט אפן היימאקעט. איך וועל אייך געבן אַ קורצע געשיכטע פון דעם דאָזיקן גרויסן פארברעכן; פון די פרינציפּן פון דער לאַנג־אַניקער פארשווערונג מצד דער „שיקאַגא טיימס“ און דער „שי־קאגאָ טריביון“ צו געברויכן האַנט־גראַנאַטן, רעקאָמענדירנדיק די „ביקס־דיעטע“ פאר סטרייקערס און ארסעניק און סטריכינין פאר די ארבעטסלאָזע. דאָס אַלעס איז געווען דער רעזולטאַט פון דעם אויסגערעכנטן פארזוך פון קאָרפּאָראַציעס צו צאָלן פּראָצענט און דיווידענדס אף אקציעס, וועלכע זיינען געווען איינפאַכע „וואַסער“ און האָבן ניט געהאט קיין ווערט, און כדי אויפצוהאַלטן די דאָזיקע טאָפּלטע, דרייפאַכע און צייטנווייז פירפאַכע צאָלונגען איבער דעם פאַקטישן ווערט פון דעם גאַנצן עקזיסטירנדן קאַפּיטאַל, האָט מען ניט נאָר אף א מורא׳דיקן אופן באַלאַסטעט די פּראָדוקציע, די טראַנספּאָרטאַציע און די טעלעגראַפישע אינדוסטרי, אזוי אז עס זאָל טראָגן מער ווי צען פּראָצענט אף די פאַקטישע קאָסטן און די קאָרפּאָראַציעס זאָלן זיין אימשטאַנד צו דיקטירן דעם פּרייז פון ארבעט און פון די פּראָדוקטן פון ארבעט, נאָר דער גרעסטער פּאַר־ברעכן פון אלע איז געווען אָט וואָס: דער קאָנגרעס האָט אויסגעאַר־בעט אַ געזעץ, דורך וועלכן די מיטלקלאַסן, ווען זיי קומען אין א צושטאַנד פון באַנקראָט, ווערן צוגעדריקט צו דער וואַנט און מוזן אָפּט פארלירן זייערע פארמס, ווען זיי קאָנען ניט נאָכקומען די באַ־דינגונגען פון זייערע מאָרטגיידזשעס. די פארוואַלטער פון די דאָ־זיקע קאָרפּאָראַציעס ווענדן דאָן זייער גאַנצע אויפמערקזאמקייט צו דער רעדוצירונג פון אויסגאַבן, און די ערשטע צו ליידן דערפון זיינען די, דורך וועמעס פּיאַיקייט און ארבעט די אייזנבאַן, טעלע־גראַף און טעלעפאָן, און אנדערע קאָרפּאָראַציעס טוען זייער ארבעט; וואָרים די קאָרפּאָראַציעס ווייסן גאַנץ גוט, אז דער ארבעטס־מאַרק איז איבערפילט און דאָס וועט צווינגען זייערע אָנגעשטעלטע אָנצו־נעמען די פארקלענערטע שכירות, כדי ניט צו שטאַרבן פון הונגער.

אלס רעזולטאַט דערפון קומט אן אינדוסטריעלער קריג, ווייל דאָס לוין־סיסטעם גיט די מאָנאָפּאָליסטן די מעגלאכקייט צו טאָן די דאָזיקע זאכן.

נו, אף דעם איז באַגרינדעט די לוין־פראַגע. דער קריזיס איז געקומען, ווען די אָרגאַניזירטע ארבעטער זיינען ארויס אין סטרייק געגן לאַנגע שטונדן, דעם ערשטן מאַי, 1886, נאָך דעם פּראָטעסט וואָס עס האָבן אין אפּריל ארויסגעטראָגן די 15 טויזנט אָנגעשטעלטע פון גולד׳ס מיזורי באַן־סיסטעם פון סויט־וועסט, געגן די קלעגלאכע שכירות פון פינף און פופציק און זיבעציק סענט א טאָג, צו וואָס גולד׳ס קאָרפּאָראַציע האָט ארונטערגעדריקט די ארמיי פון געאיבטע באַן־ארבעטער. אָבער אָט די געשעענישן זיינען מיט א מערקווירדיקער שנעלקייט אָנגעטריבן געוואָרן דורך די פאַראייניקטע ארבעטער יוניאָנס און דורך די דיסטריקט קערפּערשאַפטן פון די נייטס אוו לייבאָר פון דער סויט־וועסט. וועגן וואָס האָט זיך דאָס געהאנדלט? אף אייזנבאַן־אקציעס אליין אף אלע באַנען אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וועלכע באַטרעפן ארום און ארום צוויי ביליאָן דאָלאַר, איז געווען א קאַפּיטאַליזירונג פון זעקס ביליאָן. נו, שטעלט זיך פאַר דעם עפעקט, די ווירקונג פון דעם דאָזיקן פאַלשן און פיקטיוון ווערט פון ארבעט, וואָרים בלויז געאיבטקייט און ארבעט גיבן וואָס פאַר עס איז ווערט צו די אקציעס און אָבליגאַציעס און מאכן מעגלאך פאַר אָט די מאָנאָפּאָליסטישע אינפלאַציאָניסטן אויפצובויען ריזיקע איינקונפטן אף דעם וואָס האָט געקאָסט בלויז דאָס פּאַפּיר, אף וואָס אָט די וואַסערדיקע אקציעס זיינען ארויסגעגעבן געוואָרן. די אָנגעשטעלטע פון די דאָזיקע עפנטלאכע אינסטיטוציעס און זייערע פּאַטראָניזירער קאָנען ניט פאַרשטיין, פאַרוואָס אָט די האַלטער, באַזיצער און ארויסגעבער פון פיקטיווע אקציעס און אָבליגאַציעס באַטראַכטן עס פאַר א פאַרברעכן צו סטרייקן. דאָס איז געווען א קאַמף־פראַגע אין 1877 און עס איז א קאַמף־פראַגע איצט אין 1886 צווישן די ארבעטער און די מאָנאָפּאָליסטישע אינפלאַציאָניסטן, וועלכע האַלטן, אז א סטרייק פאַר העכערע שכירות, וואָס צילט אויך צו פאַרהינדערן אנדערע ארבעטער־פּאַכן פון אָננעמען דעם מאָגערן לוין וואָס ווערט באַשטימט פאַר ארבעט, איז אן אַטאַקע אף דער „פרייהייט פון קאָנטראַקט“, — דאָס איינציקע מיטל וואָס איז זיי איבערגעבליבן צו רעאַליזירן דיווידענדן און פּראָצענטן אף זייער פיקטיוון רייכטום.

נאָבעלע און זעלבסט־אויפאָפּפערנדע לייט! אַט די מאָנאָפּאָליסטן קימערן זיך גאָרנישט פאַר פרייהייט, נאָר אַלצדינג איז פאַר דער מאַכט צו האַנדלען מיט קאָנקורירנדע הונגערנדיקע אַרבעטער.

נו, הער ריכטער, די אָפּפער פון די דאָזיקע אומרעכטן ציילן זיך אין די מיליאָנען אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וואָס א מיליאָן פון זיי זיינען, לויט דעם אָפיציעלן באַריכט פון דער לייבאָר ביוראָ, אויסער אַרבעט.

אַט די אָרגאַניזירטע, לעגאַליזירטע פאַרשווערונגען פון די מאָנאָפּאָליסטן רופן אַרויס מאָסן־באַנקראָטן; זיי בלאָזן אויף די באָן־אַקציעס פון'ם לאַנד פון צוויי ביליאָן צו זעקס ביליאָן דאָלאַר; זיי צווינגען די מענטשן פון דעם דאָזיקן לאַנד צו צאָלן פּראָצענט אָף פיר ביליאָן דאָלאַר פון וואַסערדיקע אַקציעס נאָר אָף אייזנבאַנען אַליין, צווינגנדיק די אַרבעטער פון אַמעריקע צו צאָלן אין שכירות פאַר דער דאָזיקער אינפלאַציע, וואָרים אַרבעט מוז סוף כל סוף סילוק'ן דעם חוב. נו, דאָס איז א טייל פון'ם פּראָגראַם, וואָס האָט דערגרייכט זיין העכסטע שטופּע דאָ אין דער דאָזיקער היימאַרקעט געשיכטע. אַט די טרויעריקע פאַרשווערונג צו צוברעכן די אַכט שטונדן באַוועגונג און זיך נוקם צו זיין אָן די פירער פון דער אַרבעטער באַוועגונג, איז אָן אומבאַשטרייטבאַרער באַווייז, אַז מיר, די אַכט שטונדן מענער, דאָ פאַר דעם דאָזיקן געריכט, זיינען די קרבנות פון דער נידערטרעכטיקער פאַרשווערונג צו באַרויבן און פאַרשקלאַפן דאָס אַמעריקאַנער פאָלק.

וואָס זיינען די ווירקלאַכע פאַקטן פון דער דאָזיקער היימאַרקעט טראַגעדיע? מעיאָר הערריסאָן, פון שיקאַגאָ, האָט געלאָזט פאַרעפנטלאַכן זיין מיינונג, ווייל, מערקט אייך, דאָס איז אינגאַנצן א פראַגע פון מיינונגען און השערות. מען האָט בלויז אָנגענומען, אַז איינער פון די דאָזיקע מענער האָט געוואָרפן די באָמבע. ס'איז בלויז א שלום, אַז ווער עס איז פון אונז האָט געהאַט עפּעס צו טאָן דערמיט. ס'איז ניט קיין טאַטזאַך, און עס איז ניט באַוויזן געוואָרן. ס'איז בלויז א מיינונג. איר, הער ריכטער, גיט צו, אַז מיר זיינען ניט באַגאַנגען די טאַט, אָדער אַז מיר ווייסן ווער עס האָט עס געטאָן, אָבער איר זאָגט, אַז מיר, דורך אונזערע רעדעס, האָבן באַוואוינגן אימיצן אַנדערש דאָס צו טאָן. נו, לאָמיר זען די אַנדערע זייט פון דעם דאָזיקן פאַל. מעיאָר הערריסאָן האָט געלאָזט פאַרעפנטלאַכן אין דער „נויאָרק וואָרלד" די דאָזיקע דערקלערונג, וועל־

כע איז איבערגעדרוקט געוואָרן אין דער היגער „טריביון“: „איך גלויב ניט, אַז שפּיז און אַט די אַנדערע מענער האָבן געהאַט וואָס פאַר עס איז אבזיכט צו וואַרפן באָמבעס אף דעם היימאַרקעט. אויב דאָס וואָלט געווען דער פאַל, פאַרוואָס איז געוואָרפן געוואָרן בלויז איינע? ס'איז געווען פּונקט אַזוי לייכט פאַר זיי צו וואַרפן א טוץ אָדער פופציק, און זיי צו וואַרפן אין אַלע טיילן פון שטאָט, ווי עס איז געווען צו וואַרפן איינע. און אויסערדעם, ווען זיי וואָלטן געהאַט בדעה צו וואַרפן באָמבעס יענע נאַכט, דאַן וואָלטן די פירער, לויט מיין מיינונג, איבערהויפּט ניט געווען דאָרט. ווי הויפּט קאָמאַנדירן וואָלטן זיי געווען אין א זיכערן פּלאַץ. ניין, עס קאָן ניט באַוויזן ווערן, אַז עס איז געווען וואָס פאַר עס איז אבזיכט מצד די דאָזיקע מענטשן צו טויטן דעם און דעם מאַן, וואָס איז דער'הרג'עט געוואָרן בא יענעם היימאַרקעט מיטינג.“ נו, הער ריכטער, דאָס איז דער מעיאָר פון שיקאַגאָ. ער איז א פאַרנינפטיקער מענטש. ער איז אין א לאַגע צו ויסן וועגן וואָס ער רעט. ער האָט ערשטקלאַסיקע מעגלאַכקייטן צו פאָרמירן אַן אינטעליגענטע מיינונג, און זיין מיינונג פאַרדינט רעספּעקטירט צו ווערן. ער ווייסט וועגן דער דאָזיקער זאַך מער ווי די דזשורי, וועלכע איז געזעסן דאָ אין דעם צימער, וואָרים ער ווייסט — איך דיינק, אַז דער מעיאָר ווייסט — ווי אַזוי די מערסטע פון די אַזוי־גערופענע באַווייזן און עדות־זאָגערייען ווערן פאַבריצירט. איך זאָג ניט אף זיכער, נאָר עס איז מעגלאַך, אַז ער האָט געקראָגן וואָס פאַר עס איז אָנדייטונג וועגן דעם, און אויב ער האָט דאָס געקראָגן, דאַן ווייסט ער וועגן דעם דאָזיקן פּראָצעס און די פאַרדינסטן פון דעם דאָזיקן פּראָצעס מער ווי ע… האָט געוואוסט די דזשורי, וועלכע איז געזעסן דאָ. צופיל ליגט דאָ אין קאָן, אַז מען זאָל אָננעמען אַלצדינג פאַר גוט געלט. איר קאָנט זיך ניט דערלויבן דאָס צו טאָן, הער ריכטער.

איז דאָס גאָרנישט צו פאַרניכטן די לעבנס פון זיבן מענטשן? האָבן די רעכטן פון די אָרעמע גאָר קיין ווערט ניט? איז עס גאָרנישט, אַז מיר זאָלן קוקן דערויף אַזוי לייכט, ווי אף א בלויזן צייטפאַרטרייב? אָט דערפאַר שטעל איך זיך דאָ אָפּ באריכות פאַרצולעגן די דאָזיקע פראַגע פאַר אייך, כדי איר זאָלט פאַרשטיין וואָס דאָ טוט זיך; כדי איר זאָלט האָבן אונזער זייט פון דער פראַגע, אַזוי גוט ווי די זייט פון דער אָנקלאַגע. נו, אָט די מיינונג פון מעיאָר הערריסאָן איז געווען באַגרינדעט אף זיין פערזענלאַכער באַ־

אבאַכטונג אויפן פּלאַץ פון'ם היימארקעט מיטינג. מערקט אייך, ער איז געווען דאָרט, און דאָס איז זיין מיינונג, סיי וועגן דעם כאַראַקטער פון די רעדעס און סיי וועגן דער האַלטונג פון די רעדנער און פון די צוהערער. לויט דער דאָזיקער מיינונג האָט אינספּעקטאָר באָנפילד אליין איינגעשטימט מיט דעם מעיאָר, אַז עס איז געווען א פרידלאכע פאַרזאמלונג און אַז עס האָט זיך ניט געפאָדערט קיין אריינמישונג פון דער פּאָליציי ביז מיט צען מינוט פאַר דעם אומגעזעצלאכן באפעל פון די היטער פון רו און אָרדנונג אויפצולייזן דעם מיטינג.

נו, די צוויי עדות פאַר דער אָנקלאַגע, ווער זיינען זיי? וואָלער און שרעדער. אָט די צוויי זיינען געווען דער אָנקלאַגע'ס „מוסרים", אויף וועמען די אָנקלאַגע האָט געפּרואווט באַזירן דעם באַווייז און געמאַכט די פאַרשווערונג געגן אונז. וואָס פאַר א באַשולדיקונגס־אַקט האָבן זיי אויסגעאַרבעט אויף דאָס עדות־זאָגן פון די דאָזיקע מענער? לאָמיר א ווײַלע באַטראַכטן די באַווייזן פון דער אָנקלאַגע. אָט די צוויי מענער זיינען געווען די ערשטע עדות וואָס זיינען ארויסגערופן געוואָרן, און זיי האָבן אבסאָלוט און פולשטענדיק אָפּגעלייקנט די אידייע, און ניט בלויז די אידייע, נאָר דעם פאַקט גופא, אַז דער צוזאַמענשטויס פון'ם היימארקעט איז ווען עס איז געפּלאַנט געוואָרן בא יענעם מיטינג, נאָך ווייניקער איז ער צוגעגרייט געוואָרן פון פריער דורך וועמען עס איז פון אונזער קרייז. נו, דאָס שטייט פעסט אַלס א פאַקט אין די אויסזאָגונגען פון די עדות דאָ. דער אַקט איז ניט באַגאַנגען געוואָרן דורך וואָס פאַר עס איז פּערזאָן, אָדער דורך וואָס פאַר עס איז מיטגליד פון דער אזוי־גערופענער באַוואָפנטער גרופּע. און איר, הער ריכטער, וועט דאָך ניט באַהויפּטן, אַז מיר האָבן ניט קיין רעכט צו האָבן א באַוואָפנטע גרופּע. איר וועט דאָך ניט זאָגן, אַז עס איז אומגעזעצלאך צו האָבן א באַוואָפנטע גרופּע, אויב מיר ווילן עס. ווי איך פאַרשטיי דאָס געזעץ און די קאָנסטיטוציע איז, אויב מיר ווילן האָבן אן אָרגאַניזירטע גרופּע, האָבן מיר א רעכט דערצו. די קאָנסטיטוציע דערקלערט אויסדריקלאך, אַז פאַראַט געגן דער רעגירונג באַשטייט אין דעם פאַקט, בלויז אין דעם פאַקט, פון אן אָפענעם, פאַרברעכערישן אַקט וואָס איז באַוויזן געוואָרן, באַוויזן געוואָרן אויף אן אומבאַשטרייטבאַרן אופן, דורך ווייניקסטנס צוויי פּערזאָנען. דאָס איז וואָס איך, אַלס אמעריקאַנער, האָב פאַרשטאַ־

נען וואָס די קאָנסטיטוציע מיינט. איר זאָגט אין אייערע באמער־קונגען וועגן דעם אורטייל, אז עס קאָן ניט זיין קיין צווייפל נאָר אז דאָס איז געווען אן אומגעזעצלאכע גרופּע. נו גוט, לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אז דאָס איז ווירקלאך אזוי געווען. אויב איך בין א מיטגליד פון אן אומגעזעצלאכער גרופּע, דארף איך געהאנגען ווערן דערפאר? דארפן זיבן מענטשן פארניכטעט ווערן פאר דעם? זיי־נען דען ניטאָ געוויסע גראַדן אין באַשטראָפונג? דערפאַר וואָס איך געהער צו אן אומגעזעצלאכער גרופּע דארף איך געשיקט ווערן צום טויט? דאָס וואָלט דאָך געווען גרויזאַם. דאָס וואָלט געווען אן אורטייל פון האַס. דאָס וואָלט געווען א שטראָף פון נקמה, ניט פון גערעכטיקייט; און עס איז ניט באוויזן געוואָרן, ס׳איז זאָגאר ניט באהויפּטעט געוואָרן, אז איך בין געווען א מיטגליד פון אן אומגעזעצלאכער גרופּע. אָט די פראַגע איז ניט פאָרגעלעגט גע־וואָרן פאר באטראַכטונג אין דעם דאָזיקן געריכט; ס׳איז ניט געווען די אויפגאַבע פון דער דאָזיקער דזשורי פעסטצושטעלן, צי איך בין איצט אָדער איך בין ווען עס איז געווען א מיטגליד פון אן אומגע־זעצלאַכער גרופּע, אָדער ניט. נו, הער ריכטער, אלס באוויז פון דער טענה, צו וועלכער איך וויל ציען אייער אויפמערקזאמקייט, אז עס איז ניט געווען קיין פארשווערונג, און ארויסגעגעבן פון די מיילער פון די עדות פון דער אָנקלאַגע, וועל איך דאָ ברייננגען די סאַמע ווערטער פון דעם עדות וואָלער גופא. אין ענטפער אף א פראַגע פון דעם פּראָקוראָר וועגן דעם וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן אף דער פאַרזאַמלונג, נאָכדעם ווי ער האָט זי געעפנט, האָט וואָלער געזאָגט: „עס איז געזאָגט געוואָרן, אז אָט די מענטשן זיינען דער־הרג׳עט געוואָרן בא מעקאָרמיק׳ס פאבריק,“ מיינענדיק די סטרייי־קערס וואָס זיינען געטויטעט געוואָרן מיט א טאָג פריער פון דער פּאָליציי.

ענגל האָט פאָרגעלעגט א רעזאָלוציע אף דעם אפּריל מיטינג, און וואָס האָט ענגל געזאָגט? ער האָט געזאָגט, אז אויב דורך דעם פאַלן פון די סטרייקערס וועלן די אנדערע ארבעטער קומען אין קאָנפליקט מיט דער פּאָליציי, זאָלן מיר זיי העלפן. ער האָט אונז דאָן געזאָגט, אז די נאָרט־וועסטערן גרופּע האָט באַשלאָסן צו שאַפן הילף פאר די דאָזיקע לייט; אז אויב עס זאָל, צוליב דער דאָזיקער ארבעט, עפּעס פּאַסירן מיט דער פּאָליציי, מוזן מיר זיך פאַרזאַמלען אף די ראָגן פון די גאַסן. וואָס נאָך האָט ענגל געזאָגט? ער האָט

געזאגט, אז אויב עס וועלן פארקומען אומרוען אין שטאט, דאן זאלן מיר זיך טרעפן אין וויקער פארק; ווען עס וועט געגעבן ווערן דאס ווארט אין דער צייטונג, דאן זאל די נארט־וועסטערן גרופע און דער „לעהר אונד וועהר פאראיין" זיך פארזאמלען אין פארק מיט וואפן. נאכדעם ווי ענגל האט דאס געזאגט, איז באשטימט געווארן א קאמיטע צו באאבאכטן די באוועגונגען אין דער שטאט און אונז באריכטן, אויב עס וועט פארקומען א רייאט.

נו אלזא, נעמט אין באטראכט די דאזיקע שפראך. באטראכט אקארשט די לאגע. באטראכט די האלטונג פון די דאזיקע קאפי־טאליסטישע צייטונגען צו די ארבעטער פאר יארן לאנג; און ניט נאר דאס אליין, נאר דאס פאקטישע באנוצן זיך מיט אט די בא־וואפנטע געדונגענע מערדער אין איסט סט. לואיס, אין סעגינאו, אין פיטסבורג, איבערן גאנצן לאנד, און בא מעקארמיק'ס פאבריק מיט א טאג פאר דעם. גיט א קוק אף דער לאגע, און איך פרעג אייך, צי זיינען אט די מענטשן ניט געווען בארעכטיקט צו מאכן וואס פאר עס איז פארבארייטונג, דורך וועלכער זיי זאלן זיך קאנען פארטיידיקן, ווייל עס איז דא ניטא קיין פארשלאג צו באפאלן, אנצוגרייפן אימיצן. ס'איז דא ניטא קיין פארשלאג צו פירן קריג און אטאקירן אימיצן, זייערע פערזאנען אדער זייער אייגנטום:

פראגע. „נו, איז עפעס געזאגט געווארן וועגן אפהאלטן א מיטינג פון ארבעטער אף מארגן?"

ענטפער. „יא, מיין הער; איך האב פארגעשלאגן, אז א מי־טינג זאל אפגעהאלטן ווערן אף מארגן נאכמיטאג, אבער דאס איז פארווארפן געווארן. ס'איז באשלאסן געווארן צו האבן א פארזאמ־לונג אין אוונט, ווייל מער מענטשן קאנען דאן קומען."

פראגע. „ווער האט פארגעשלאגן צו רופן א מיטינג אין אוונט?"

ענטפער. „פישער. ער האט פארגעשלאגן צו האבן א פאר־זאמלונג אפן היימארקעט און ס'איז ענדלאך באשלאסן געווארן צו רופן דעם מיטינג אף אכט אזייגער."

פראגע. „איז עפעס געזאגט געווארן וועגן דעם וואס עס זאל געטאן ווערן בא יענעם מיטינג?"

ענטפער. „מען האט באאבזיכטיקט אויפצומונטערן די אר־בעטער, אזוי אז ווען עפעס זאל פאסירן, זאלן זיי זיין צוגעגרייט

פאַר א קאָנפליקט. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צו רופן דעם דאָזיקן מיטינג דורך צירקולאַרן. די דאָזיקע ארבעט איז אָנפארטרויט געוואָרן צו פישער'ן, אָבער ער האָט ניט געזאָגט וואו די צירקולאַרן וועלן געדרוקט ווערן. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן, אז אלס א קערפערשאפט זאָלן מיר זיך ניט באטייליקן אין דעם היימארקעט מיטינג, נאָר מיר זאָלן זיך פאַרזאַמלען אין זאַלן. בלויז א קאָמיטע זאָל זיין אפן היימאַרקעט; אויב די קאָמיטע וועט באריכטן, אז עפעס האָט געטראָפן, זאָלן מיר אטאַקירן די פּאָליציי דאָרט וואו עס איז אָרגאַנזשירט געוואָרן פאַר יעדער גרופּע עס צו טאָן. אויב נייטיק, זאָלן מיר, אחוץ די פּאָליציי, אויך אטאַקירן די מיליץ און דעם פייער־דעפּאַרטמענט."

נו, אלזאָ, אין דעם ערשטן טייל פון אָט די ענטפערס זאָגט זיך, אז אין פאַל ווען די פּאָליציי וועט זיך אַראָפּלאָזן אף די סטרייקערס, דערשיסן די סטרייקערס, זיי פאַרניכטן, שטערן די ארבעטער־מאַסן, זיי שטערן אומגעזעצלאך, שטערן דאָס רעכט פון'ם פאָלק זיך צו פאַרזאַמלען, שטערן דאָס רעכט פון די ארבעטער אויסצודריקן זייערע מיינונגען, — מערקט אייך, ס'איז געזאָגט געוואָרן, אז אין אזאַ נויט־פאַל וועלן זיי זיך פאַרטיידיקן. נו, אָט די מענער, שרעדער און וואָלער, וועלכע האָבן עדות געזאָגט דאָ אין געריכט, האָבן געברויכט דאָס וואָרט „אטאַקירן". ווען עס איז איבערזעצט געוואָרן „אטאַקירן", מוזט איר דאָס ניט נעמען ווי א ווערטערלאַכע מיינונג פון די דאָזיקע מענער. ס'איז געוועזן פאַרטיידיקונג. זיי האָבן מיט דעם דאָזיקן וואָרט געמיינט פאַרטיידיקונג. ווען עס וואָלט בוכשטעבלאך איבערזעצט געוואָרן ווי די דאָזיקע מענער האָבן עס געמיינט, און ווי דער גייסט פון'ם עדות־זאָגן ווייזט, וואָלט דאָס וואָרט ניט געווען „אטאַקע", נאָר עס וואָלט געווען פאַרטיידיקונג. די גאַנצע פאַרבאַרייטונג באַווייזט, אז עס איז געווען פאַר דעם צוועק פון פאַרטיידיקונג. וואָס האָבן זיי געקאָנט אטאַקירן? וואָס קאָן א הייפעלע מענטשן אטאַקירן? עס זיינען אין בעסטן פאַל געווען בלויז א הייפעלע מענטשן. וואָס קאָנען זיי אטאַקירן? וועמען קאָנען זיי אטאַקירן? וואָס האָבן זיי געקאָנט פאַרכאַפּן? וואָס האָבן זיי געקאָנט נעמען? וואָלט עס ניט געווען לעכערלאך פון זיי צו אונטערנעמען צו אטאַקירן די שטאָט שיקאַגאָ, צו אטאַקירן די שטאָט־רעגירונג, וועלן פאַרכאַפּן די שטאָט? דאָס וואָלט דאָך געווען אומזין. עס וואָלט געווען לעכערלאך.

ס'איז געווען פאר פארטיידיקונג. זיי האָבן געזאָגט, אז עס איז געווען פאר פאַרטיידיקונג, און ניט פאר קיין אנדער צוועק, אין פאַל ווען די פאָליציי וועט זיך אריינברעכן אין ארבעטער־פאַרזאַמלונגען, אומגעזעצלאך — ווי ריכטער מעקאליסטער האָט געזאָגט די ארבעטער פון דער דאָזיקער שטאָט, אז די פאָליציי פון שיקאגאָ קאָן ניט אף אן אומגעזעצלאכן אופן אריינקומען צו זייערע מיטינגען און זיי אָפּברעכן — ריכטער מעקאליסטער האָט דאָס געזאָגט אין זיין אנטשיידונג. מיר האָבן געגלויבט, אז דאָס איז דאָס געזעץ. מיר האָבן געגלויבט, אז מיר האָבן דאס קאָנסטיטוציאָנעלע רעכט זיך צו פאַרזאַמלען. נו, פארוואָס האָבן מיר זיך ניט געטאָרט באַשיצן אין אַזאַ נויט־פאַל?

אין פאַרבינדונג מיט דעם וויל איך גלייך דאָ (ריכטער גערי האָט געלאָזט מערקן זיין אומגעדולד) — כ'בעט אייך, האָט געדולד מיט מיר פאר עטליכע מינוט. אין 1877 — כדי אייך צו ווייזן וואָס די פאָליציי וועט טאָן, און וואָס זי וועט טאָן אומגעזעצלאך — האָבן זיי איינגעבראכן די טירן; זיי זיינען אריין אין דעם זאַל, אין וועסט 12טע סטריט טוירנער האָל, וואו די מעבל ארבעטער יוניאָן האָט געהאט א מיטינג, באַטראַכטנדיק די אכט שטונדן באוועגונג און די פראגע פון שכירות. זיי האָבן זיך אריינגעריסן אין יענעם זאַל. זיי האָבן ארויסגעטריבן די מענטשן מיט בולאַווועס און רעוואָלווערס. זיי האָבן געשאָסן אף די ארבעטער און דער'הרג'עט איינעם פון זיי אין יענעם זאַל; און ריכטער מעקאליסטער, פאַר וועמען עס איז שפּעטער פאָרגעקומען דער פּראָצעס, האָט דערקלערט, אז דאָס איז געווען א שענדלאכער אָנגריף, אז עס איז געווען גרויזאמער, בלוטיקער מאָרד, און אז אפילו ווען יעדער איינציקער פאָליסמאַן — און עס זיינען געווען אומגעפער פינף און צוואַנציק אדער דרייסיק, וואָס האָבן זיך אריינגעריסן אין יענעם זאַל — ווען יעדער איינציקער פון זיי, האָט ריכטער מעקאליסטער געזאָגט, וואָלט דער'הרג'עט געוואָרן דארט אפן שטעל, וואָלט קיינער ניט געקאָנט באַשטראָפט ווערן דערפאַר. דאָס איז געווען די אנטשיידונג פון'ם ריכטער; דאָס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן אלס דאָס געזעץ. אָט די זאכן זיינען אָפּגעטאָן געוואָרן אין שיקאגא. מיט א טאָג פריער איז די פאָליציי באפאלן די ארבעטער ארום די געהילץ־הויפן אין מעקאָרמיק'ס פאבריק. אָט די זאכן זיינען אָפּגעטאָן געוואָרן איבערן גאנצן לאַנד און דאָ אין

שטאָט, מיט דעם צוועק צו אונטערדריקן סטרייקס איבעראַל. נו, וואו איז דאָ דער פאַרברעכן פון אונזער זייט, ווען מיר האָבן געזאָגט, אז מיר וועלן, אויב עס וועט אונז ניט בלייבן קיין אנדער וועג און קיין אנדער מיטל, — אז מיר וועלן פאָלגן דאָס געזעץ, וואָס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן פון ריכטער מעקאַליסטער, און זיך באַנוצן מיט אונזער רעכט, מיט אונזער קאָנסטיטוציאָנעלן רעכט, אונזער געזעצלאכן רעכט זיך צו פאַרטיידיקן?

נו, מערקט אייך, אָט דער שרעדער און אָט דער וואַלער זיינען געוועזן עדות פאר דער אָנקלאַגע; זיי זיינען געוועזן וואָס מען רופט „מוסרים", און זיי האָבן — פאַרגעסט אקאָרשט ניט דעם דאָזיקן פונקט — אָט די מענער האָבן דערציילט זייער געשיכטע אונטער דעם איינפלוס פון א גרויסן פרייז, מיט וועלכן מען האָט זיי אונטערגעקויפט. וואָס איז געוועזן די זאַך, מיט וואָס מען האָט זיי אונטערגעקויפט? וואָס האָבן זיי געקראָגן דערפאַר? פרייהייט און לעבן, צוויי פון די גרעסטע זאכן וואָס דער מענטש קען. לעבן און פרייהייט זיינען אָנגעבאָטן געוואָרן צו שרעדער'ן און וואַלער'ן. איז דאָס געוועזן בלויז דער פאקט וואָס מען האָט זיי געגעבן געלט, ווי זיי ביידע האָבן דערקלערט און עס איז ניט אָפּגעלייקנט געוואָרן פון דער אָנקלאַגע? אחוץ דעם דאָזיקן פאקט, האָט מען אָט די מענער געגעבן לעבן און פרייהייט, אויב זיי וועלן דערציילן א געשיכטע וואָס וועט זיך צופּאַסן צו א טעאָריע און וועט דורכפירן א געוויסן צוועק פון דער אָנקלאַגע ארויסצוקריגן א געוויסן אורטייל. אזאַ מין עדות זאָגן איז דאָס געוועזן. איר וועט זיך דערמאָנען, אז זעליגער'ס ווייב האָט אפן עדות-שטול דערקלערט, אז די דאָזיקע מענער, און זי אליין אויך, זיינען פאַרהאַלטן געוואָרן פון קעפּטיין שאַק אין סטיישן, אונטער ארעסט, ביז וואַנען זעליגער און וואַלער זיינען ביידע געוועזן געצוואונגען דורך סטראַשונקעס זיך אונטערצושרייבן אף פיר פאַרשידענע געשריבענע דערקלערונגען. אָט די דערקלערונג פון זעליגער'ס פרוי איז ניט ווידערשפּראָכן געוואָרן. אצונד באַרעכנט די לאַגע, אונטער וועלכע אָט די מענער האָבן עדות געזאָגט, און נאָך אַלעם דעם דערקלערן זיי בלויז, אז דער מיטינג איז פאַררופן געוואָרן פאר דעם צוועק פון פאַרטיידיקונג, און ניט פאר וועלכער ס'איז אקציע בא דער היימארקעט פאַרזאמלונג, און האָט גאָרנישט געהאט צו טאָן מיט דער היימארקעט פאַרזאמלונג, האָט ניט געהאט קיין פאַרבינדונג דערמיט. דאָס איז

די דערקלערונג פון די עדות פאר דער אנקלאגע וועגן דער ראלע פון די אזויגערופענע פארשווערער. באם קרייץ־פארהער איז געשטעלט געווארן די פראגע: „האט ניט ענגעלס געזאגט, ריידנדיק איבער דעם פלאן פון טעטיקייט וואס איז ארומגערעדט און אנגענומען געווארן פון דער באוואפנטער גרופע מאנטיק באנאכט און זונטיק, אז ער דארף אויסגעפירט ווערן אין פאל ווען די פאליציי זאל זיך ארייננמישן און שטערן אייער רעכט פון פרייע רעדע און פרייע פארזאמלונג?“ — „אויב די פאליציי זאל אונז אטאקירן, יא,“ איז געווען דער ענטפער.

„אז דער דאזיקער פלאן, הייסט עס, דארף דורכגעפירט ווערן בלויז ווען די פאליציי וועט“ — איך גלויב, אז קעפטן בלעק האט געשטעלט די דאזיקע פראגע — „דורך ברוטאלער גוואלט שטערן אייער רעכט פון פרייער פארזאמלונג און פרייער רעדע?“

ענטפער: „ס'איז געזאגט געווארן, אז מיר וועלן זיך באנוצן מיט דעם דאזיקן פלאן אדער אים אויספירן, ווען נאר די פאליציי וועט אונז אטאקירן.“

נו, הערט זיך צו צו דעם, הער ריכטער. דא אויבן, אין איין טייל פון דער דאזיקער עדות־זאגעריי, הייסט עס, אז מיר זיינען געווען גרייט צו אטאקירן די פאליציי, און דא אונטן, באם קרייץ־פארהער, ציינגט עס זיך ארויס, אז דער עדות גופא האט געמיינט, אז מיר זאלן זיך פארטיידיקן — ניט אטאקירן די פאליציי. ס'איז געווען א לעכערלאכקייט — פולשטענדיק לעכערלאך — צו ריידן וועגן דעם אז א הייפעלע מענטשן וועלן אטאקירן די רעגירונגס־באאמטע פון דער דאזיקער שטאט. וואס וואלט שוין געווען, ווען זיי קריגן די שטאט שיקאגא, וואלט עס ניט געווען אן אנשיקעניש, א לאסט פאר זיי? וואס, אין נאמען פון מענטשלאכער פארנונפט, וואלטן זיי געקאנט טאן דערמיט? עס דערמאנט מיך וועגן געוויסע מענטשן, וועלכע האבן מורא, אז ווען די וועלט זאל ווערן פריי און די ארבעטער זאלן קריגן זייער פרייהייט, קאנען זיי נאך צו'גנב'ענען די וועלט און אנטלויפן דערמיט. ס'איז א לעכערלאכער געדאנק. נו, די דערקלערונג פון די דאזיקע מענער אונטערן קרייץ־פארהער ווייזט, וואס זייער אבזיכט איז געווען, און זיי האבן געברויכט דאס ווארט „פארטיידיקונג“, בעת אין דער דירעקטער אונטערזוכונג, און דורך דער איבערזעצונג פון דעם פראקוראר, מאכט מען זיי געברויכן אין ענגליש דאס ווארט „אטאקע“:

פראגע: „איר זאָגט, אז אף דעם מיטינג פון מאָנטיק באנאכט איז גאָרנישט געזאָגט געוואָרן וועגן וועלכער ס'איז אַקציע, וואָס איר האָט געדאַרפט דורכפירן אפן היימארקעט?"

ענטפער: „מיר האָבן געזאָגט, אז מיר וועלן גאָרנישט טאָן דאָרטן; מיר האָבן ניט געזאָלט טאָן קיין שום זאך אפן היימאר־קעט."

פראגע: „איז עס ניט געווען דער פּלאַן, אז איר זאָלט איבער־הויפּט ניט זיין דאָרטן?"

ענטפער: „יאָ, מיין הער."

דאָס זיינען די עדות פון דער אָנקלאָגע, הער ריכטער, אף וועלכע זי באַצוועקט צו ווייזן און פעסטשטעלן א פאַרשווערונג פון אונזער זייט.

פראגע: „און איר זאָגט אויך, אז איר האָט ניט דערוואַרט, אז די פּאָליסלייט וועלן קומען צום היימארקעט?"

ענטפער: „ניין, מיר האָבן ניט געדיינקט, אז די פּאָליציי וועט קומען צום היימארקעט."

פראגע: „צוליב דער אורזאך זיינען ניט געמאכט געוואָרן קיין פּאַרבאַרייטונגען צו באגעגענען וואָס פאר עס איז פּאָליציי־אַטאַקע אף דעם היימארקעט סקווער?"

ענטפער: „ניט פון זיי."

פראגע: „איז עס ניט געווען דער איינציקער צוועק פון דער פאַרזאַמלונג אפן היימארקעט צו פּראָטעסטירן געגן דער אקציע פון דער פּאָליציי וואָס האָט דערשאָסן די אַרבעטער בא מעקאָרמיק'ס פאבריק?"

ענטפער: „יאָ, מיין הער."

דאָס איז געווען דאָס עדות־זאָגן פון דעם אָנקלאָגע־עדות, וואָלער.

מר. שרעדער, אן אנדער עדות, אף וועמען די אָנקלאָגע האָט זיך געשטיצט צו באווייזן, אז עס איז געווען א פאראייניקטע קאָנס־פּיראַציע אריינצוכאַפּן די פּאָליציי אין א פּאַסטקע און זי פאַר־ניכטן, האָט געשוואוירן: „לינג איז ניט געווען אָנוועזנד. מיר האָבן גערעדט וועגן דער לאַגע פון די ארבעטער, און עס איז געמאכט גע־וואָרן א באַמערקונג, אז די מיטגלידער פון דער נאָרט־וועסטערן גרופּע זאָלן גיין צו וויקער פּאַרק אין פּאַל ווען די פּאָליציי וועט מאַכן אף זיי אן אַטאַקע" — איר פאַרשטייט, הער ריכטער, פּאָליס־

לייט קאָנען מאכן אטאַקעס. ריכטער מעקאַליסטער זאָגט, אז זיי קאָנען מאכן אומגעזעצלאכע און אומקאָנסטיטוציאָנעלע אטאַקעס. נו, זאָל עס מעגלאך זיין, אז איר האַלט, אז די פּאָליציי, ווי די קעניגע פון אמאָל, קאָנען ניט באַגיין קיין אומרעכט, דערפאר ווייל דאָ, אף דעם דאָזיקן פּראָצעס, זיצן גראָד אף דער אָנקלאָגע־באנק אכט אָרימע לייט, אכט ארבעטער, אכט מענער אָן געלט אָדער פריינט? דאַרפן מיר אויפגעגעבן ווערן, געבראַכט ווערן אלס קרבנות אף דעם מזבח פון „מאַמאָן", כדי צו באַפרידיקן דעם נקמה־דאָרשטיקן האַס און גייציקייט פון די מאָנאָפּאָליסטן פון דער דאָזיקער שטאָט? וואָרים דאָס, הער ריכטער, איז דער סך הכל פון דער גאַנצע געשיכטע.

אָט איז דער פאַרהער פון שרעדער:

פראַגע: „ווי אזוי האָבן זיי זיך געזאָלט פאַרטיידיקן? איז עפּעס געזאָגט געוואָרן וועגן דינאַמיט?"

ענטפער: „ניין; אזוי גוט ווי מען וועט קאָנען, אויב אימיצער וועט עפּעס האָבן מיט זיך."

פראַגע: „ווי לאַנג זיינט איר געווען אין גרייף׳ס האָל יענעם מאָנטיק באַנאַכט פאַר דעם היימאַרקעט מיטינג?"

ענטפער: „דריי פערטל שעה."

פראַגע: „וועגן וואָס האָט מען דאָרט גערעט?"

ענטפער: „אויב די פּאָליציי וועט מאכן אַן אטאַקע אף די ארבעטער" — נו, הער ריכטער, האָט דאָס אין זינען; די אָנקלאַגע האָט געפּרוּווט ארויסברייינגען, אז עס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן א מיטינג; אז ס׳איז אָרגאַניזירט געוואָרן א פארשווערונג, און אז עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו מאכן אַן אטאַקע אף דער פּאָליציי. זייערע אייגענע עדות דאָ, זייער אייגענע אויסזאָגונג ווייזט, אז קיין שום זאַך פון דעם סאָרט איז ניט באַאבזיכטיקט געוואָרן — „אויב די פּאָליציי וועט מאכן אַן אטאַקע אף די ארבעטער, וועלן זיי העלפן די ארבעטער זיך אליין צו העלפן."

פראַגע: „איז עפּעס געזאָגט געוואָרן וועגן באָמבעס?"

ענטפער: „ניין."

פראַגע: „אף וועלכן ס׳איז פון די מיטינגען?"

ענטפער: „ניין; ניט אין דער צייט וואָס איך בין געווען דערביי."

פראגע: „בעת איר זיינט געווען אנוועזנד אף דעם מיטינג פון מאנטיק באנאכט האבן זיי גערעט וועגן דעם, ווי זיי וואלטן געהאלפן די ארבעטער זיך פארטיידיקן?“

ענטפער: „יא, מיין הער.“

פראגע: „און עס איז גארנישט געזאגט געווארן וועגן ווארפן באמבעס יענעם מאנטיק באנאכט, אדער אין וואס פאר עס איז אנדער צייט?“

ענטפער: „ניין.“

פראגע: „האט מען ניט גערעט וועגן ווארפן באמבעס באם היימארקעט מיטינג?“

ענטפער: „ניין; ניט ווען איך בין דארטן געווען.“

פראגע: „דאן האט מען גערעט וועגן ווארפן דינאמיט צו פארניכטן די פאליציי בא דער קומענדיקער פארזאמלונג אפן היימארקעט?“

ענטפער: „ס'איז גארנישט געזאגט געווארן וועגן דעם אין דער צייט וואס איך בין געווען דארט.“

פראגע: „איר זיינט געגאנגען צו דעם היימארקעט מיטינג?“

ענטפער: „יא, מיין הער; איך בין געווען אין א סאלון, ווען די באמבע האט עקספלאדירט.“

פראגע: „זיינט איר געגאנגען אהין מיט דינאמיט אין אייער קעשענע?“

ענטפער: „איך ווייס ניט וואס דינאמיט איז; כ'קען ניט קיין דינאמיט.“

פראגע: „האט איר געוואוסט, אז עס וועלן פארקומען אומרועז בא יענער פארזאמלונג?“

ענטפער: „אלץ וואס איך ווייס איז אט וואס: מען האט גערעט, אז ווען די פאליציי וועט אטאקירן די ארבעטער, זאל יעדער איינער זיך פארטיידיקן אזוי גוט ווי ער וועט קאנען.“

פראגע: „אין דער צייט וואס איר האט פארלאזן דעם היימארקעט, איז דער מיטינג געווען רואיק און פרידלאך?“

ענטפער: „יא.“

און דאס, הער ריכטער, איז די עדות-זאגעריי, אף וועלכער מען האט זיך געשטיצט צו באווייזן א פארשווערונג פון מיין זייט. נו, איך האב ניט באלאנגט צו דעם דאזיקן מיטינג; איך האב נאר

ניט געוואוסט, אז עס איז געווען אזא מיטינג. אין פאקט, איך בין ניט געווען אין שיקאגא. איך בין געווען אין אהייא. אחוץ דעם איז דער מיטינג געפירט געווארן אין דייטש; איך קאן ניט ריידן קיין דייטש; איך פארשטיי ניט די שפראך. כ'האב קיינמאל פריער אין מיין גאנצן לעבן ניט געזען שרעדער'ן אדער וואלער'ן, ביז איך האב זיי דערזען דא אפן עדות־שטול. וואס איז שייך צו לינג'ן, איז דאס ערשטע מאל אין מיין לעבן וואס איך האב אים געזען, איז געווען דאן, ווען איך בין אריינגעקומען אהער אין געריכט־צימער, כדי זיך איבערצוגעבן צום פראצעס, און איך האב אים געזען זיצנדיק צווישן די אנגעקלאגטע. זאגט איר אליין, הער ריכטער: דאס איז דאך לעכערלאך. ס'איז דאך א פאלשע אויפפאסונג פון דער גאנצער סיטואציע און דער צוזאמענשטעלונג פון די אומשטענדן אין פארבינדונג מיט דער גאנצער געשיכטע, אין דער צייט וואס איך בין געווען אוועק פון דער שטאט; און דאס איז אן אורטייל וואס ווערט ארויסגעגעבן געגן מיר פאר זיין פארבונדן מיט א פארשווערונג, וועלכע איז, לויט דער אנקלאגע, ארגאניזירט געווארן פאר דעם צוועק און וועלכע האט געפירט צום טויט פון מאטיאס דעגאן אפן היימארקעט סקווער, דעם 4טן מאי.

זיך אומקערנדיק צוריק צו דעם עדות־זאגן פון'ם „מסור" וואלער. לויט ווי עס איז באריכטעט געווארן אין דעם „העראלד" פון'ם 17טן יולי, האט דער פראקוראר געזאגט: „דאס עדות־זאגן פון דעם דאזיקן מאן וועט פאר'משפט'ן די אנגעקלאגטע." דאס איז וואלער. ווי לעבערלאך און אומזיניק! די צוויי מוסרים האבן ניט ארויסגעבראכט קיין איין פאקט, וואס האט געטראגן די ענלאכקייט פון א פארשווערונג, וואס מיינט, לויט'ן געזעץ, אן אפמאך צו באגיין א קרימינעלן אקט. נו, איך בין דארט ניט געווען. איך ווייס גארנישט וועגן דעם. איך רעד ניט קיין דייטש. איך קען ניט די דאזיקע מענער. איך האב זיי פריער קיינמאל ניט געזען. איך ווייס ניט, ווער עס זיינען געווען די מענטשן דארט אפן מיטינג. דער איינציקער מאן וואס איך קען, און וועלכער איז פארבונדן מיט דעם דאזיקן עניין, גלויב איך, איז ענגעל; מיט אים האב איך זיך געטראפן פריער, איך ווייס ניט צי איז ער געווען אפן מיטינג צי ניט. איך האב ניט געוואוסט, אז עס איז אפגעהאלטן געווארן אזא מיטינג. כ'האב קיינמאל ניט פארלאנגט מען זאל אים פאררופן. נו, זאגט דער פראקוראר, אז דאס עדות־זאגן פון דעם דאזיקן מאן

איז דער פּאַדים, אַף וועלכן ער פֿאַרבינדט מיך מיט דער דאַזיקער פֿאַרשווערונג צו באַגיין אַן אומגעזעצלאַכע זאַך, וואָס האָט געפֿירט צו דעם טויט פֿון מאַטיאַס דעגאַן אַפֿן היימאַרקעט דעם 4טן מאַי. ווי לעכערלאַך! אַט די מוסרים ברייגגען ניט ארוים קיין פֿאַקט וואָס טראָגט די ענלאַכקייט פֿון אַ פֿאַרשווערונג, נאָר אדרבה, זייער עדות־זאָגן האָט איינפאַך אויפגעדעקט אַ נאָבעלן און אַ ברידער־לאַכן און אַ פּאַטריאָטישן צוועק: אַז — ציטירנדיק די שפּראַך פֿון שרעדער גופא — „אויב די פּאָליציי וועט ווידער אַף אַן אומגעזעצ־לאַכן אופן מאַכן אַן אַטאַקע אַף די אַרבעטער, וועלן זיי העלפֿן די אַרבעטער זיך אַנטקעגנשטעלן געגן דעם, אָדער זיך צו פֿאַרטיידיקן.“ וואַלער האָט עדות געזאָגט באַ זיין הויפּט־פֿאַרהער, און האָט דאָס־זעלביקע איבערגע'חזר'ט באַם קרייץ־פֿאַרהער, אַז ענגעל און פֿישער, אַט די נאָבעלע און בראַווע דייטשן, האָבן אין גרייף'ס האָל, ווען עס איז אַנאָנסירט געוואָרן, אַז זעקס אַרבעטער זיינען קאַלטבלוטיק און ברוטאַל דערמאָרדעט געוואָרן פֿון דער פּאָליציי באַ מעקאָר־מיק'ס פֿאַבריק, — האָבן זיי פֿאָרגעשלאָגן אַ רעזאָלוציע, אַז אויב נאָך אַרבעטער וועלן קומען אין צוזאַמענשטויס מיט דער פּאָליציי, זאָלן מיר זיי העלפֿן; און וואַלער האָט ווייטער געשוואָרן, אַז דער דאַזיקער פּלאַן האָט געזאָלט דורכגעפֿירט ווערן בלויז דאַן, ווען די פּאָליציי וועט דורך ברוטאַלער גוואַלט שטערן די אַרבעטער אין זייער רעכט פֿון פֿרייער פֿאַרזאַמלונג און פֿרייער רעדע.

נו אַלזאָ, וואו איז דאָ די געמיינע און נידערטרעכטיקע פֿאַר־ברעכערישע פֿאַרשווערונג? וואו זי איז? אַזוי לעכערלאַך און אומזיניק איז דאָס געווען אַנצורופֿן אַזאַ נאָבעלן אָפּמאַך צו טאָן אַ געזעצלאַכע זאַך מיט'ן נאָמען „פֿאַרשווערונג“, אַז עס איז גע־וואָרן נייטיק זיך צו באַנוצן מיט געמיינע פֿעלשונגען וועגן דעם ווי אַזוי און פֿון וואַנען די באָמבע איז געוואָרפֿן געוואָרן. ניט קוקנדיק אַף אַ טוץ עדות, סיי פֿאַר דער אַנקלאַגע און סיי פֿאַר דער פֿאַרטיידיקונג, וועלכע האָבן געשוואָרן, אַז די באָמבע איז געקומען פֿון'ם טראָטואַר פֿון דעספּליינס סטריט, אין דרום זייט פֿון'ם געסל, צווישן געסל און רענדאָלף סטריט, — אַ דערקלערונג וואָס באָנפֿילד אַליין האָט געמאַכט צו צייטונגס־לייט אומגעפֿער אַ האַלבע שעה נאָכדעם ווי די טראַגעדיע האָט פּאַסירט; ניט קוקנדיק אַף דעם וואָס לויט האַאַז, באָנפֿילד'ס ספּעציעלער דעטעקטיוו, האָט באַ דעם קאָראָנער'ס אויספֿאָרשונג געשוואָרן, אַז די באָמבע איז געוואָרפֿן

געווארן פון דער מזרח זייט פון דעספליינס סטריט און אן ערך פופצן פוס, גלויבט ער, צו דרום צו פון'ם געסל, — א דערקלערונג וואס איז באשטעטיקט געווארן פון דעם עדות בוירנעט, פאר דער פארטיידיקונג, — דאך ווערן מיר געפונען שולדיק אף די אונטערגעקויפטע און פאלשע עדות פון גילמער, וועלכער האט געשווארן, אז די באמבע איז געווארפן געווארן פון אינווייניק פון'ם געסל, בלויז דערפאר ווייל דערזעלבער גילמער איז אויך געווען וויליק צו שווערן פאלש, אז ער האט געזען ווי שפיז האט אנגעצונדן דעם קנויט פון דער באמבע. די אידייע פון א מאן וואס רייבט אן א שוועבעלע אין א געסל, כדי אנצוצינדן א באמבע, אין סאמע מיטן פון א גרויסן עולם, מיט הונדערטער מענטשן און פאליציי שטייענדיק ארום אים! מיר דוכט, אז אזא באהויפטונג ווי די דאזיקע האט, צווישן פארנינפטיקע מענטשן, גלייך געדארפט פארווארפן ווערן. ס'איז דאך פולשטענדיק לעכערלאך! ווען די דאזיקע באהויפטונג וואלט געטראגן אף זיך אן ענלאכקייט פון אמת בנוגע צו גילמער'ן, אדער. וואלט געווען אמת, דאן וואלט קיין איינער פון די אנגעקלאגטע זיך ניט געקווייקלט צו נעמען אף זיך די פאראנטווארטלאכקייט פון'ם רעכט פון זעלבסטפארטיידיקונג און פון פרייע רעדע. און דאס רעכט פון'ם פאלק זיך צו פארזאמלען פרידלאך. אבער דערפאר ווייל ס'איז ניט די ארבעט פון די אנארכיסטן און פון די ארבעטער, ווארפן מיר אפ פון זיך די קלאגע, וועלכע האט ניט באוויזן, אז עס איז געווען א פאראייניקטע אקציע, אויב אז עס האט געהאט וואס עס איז צו טאן מיט די פלענער פון די דאזיקע גרופעס ס'איז ניט אומגעזעצלאך זיך צו פארטיידיקן און צוריקשטויסן אן אריינריס, אן אנפאל אף אונזערע פארזאמלונגען. אין דעם פראצעס פון'ם שטאט געגן מילער האט דער געלערנטער ריכטער מעקאליסטער דייטלאך דערקלערט דעם געזעץ פון אילינאיס, אונטער וועלכן דאס פאלק האט דאס רעכט זיך צו פארזאמלען אפן היימארקעט. ער האט געזאגט, אז די פארזאמלטע זיינען בארעכטיקט צו זיין פריי פון שטערונג, פונקט ווי אין אונזערע היימען. מיר האבן ניט געשטערט דעם פארקער אף דער גאס. אזוי ווי מען פארט דארטן ניט באנאכט, איז ניט געווען און ס'האט ניט געקאנט זיין קיין אויסרייד אין דעם פרט. ווייל דער מעיאר פון דער שטאט שיקאגא איז געווען אנוועזנד און האט גארנישט געהאט איינצואווענדן געגן דעם מיטינג; נאך מער, ארום צען אזייגער האט

ער דערקלערט דעם פּאָליציי אינספּעקטאָר, אז לויט זיין מיינונג איז ניטאָ קיין געלעגנהייט פאר דער פּאָליציי זיך אריינצומישן. ער האָט דערום, אלס דער איינציקער ריכטער, אונטערן געזעץ, אָנער־קענט יענע פארזאמלונג ניט בלויז אלס א געזעצלאכע פארזאמלונג, נאָר נאָך מער, אלס א פרידלאכע פארזאמלונג, אין די ראמען פון׳ם געזעץ און פון דער קאָנסטיטוציע סיי פון׳ם שטאַט און סיי פון דער פעדעראלער רעגירונג, און אז זי איז געווען בארעכטיקט צו ביידנס שוץ, — א שוץ וואָס מיר האָבן דאָ אומזיסט געפּאָדערט, ווייל דאָס דאָזיקע געריכט אנטזאגט זיך, אדער האָט זיך יעדנפאלס ביז איצט אנטזאגט, אויסצופירן דאָס רעכט פון׳ם פאָלק.

צוליב די דאָזיקע גרינדן פארלאנג איך, אז איר זאָלט אָפּליינן אייער אורטייל, צוליב די גרינדן וואָס זיינען דאָ דערקלערט גע־וואָרן: אז עס איז ניט געווען קיין פארשווערונג, אז עס איז געווען אן אָרגאַניזאציע פאר פארטיידיקונג; אז דער מיטינג איז געווען פרידלאך; אז עס איז געווען א געזעצלאכער מיטינג, ווי דער מעיאָר פון דער שטאָט שיקאגא האָט אפן עדות־שטול אים דערקלערט צו זיין, און ווי באַנפילד און האאז האָבןביידע אף מאָרגן נאָך דער היימארקעט טראגעדיע דערקלערט, אז די באָמבע איז ניט געקומען פון׳ם געסל, נאָר פון א פונקט אין דרום זייט פון׳ם געסל. איך פארלאנג פון אייך, הער ריכטער, אָפּצוליינן אייער אורטייל און געבן אונז, אומשולדיקע מענטשן, א שאנס בא א נייעם פּראָצעס צו באווייזן די דאָזיקע פאקטן אף אזא אופן אז עס זאָל ווענן דעם קיין פראגע ניט זיין. דער מיטינג, הער ריכטער, איז געווען הייליק געגן יעדן איינדראנג אָדער שטערונג — אזוי הייליק ווי א מענ־טשן׳ס היים, וואָס איז זיין פעסטונג; נאָך מער, וואָרים א פאָלקס־פארזאמלונג איז דער הויפט זיץ פון׳ם פאָלק׳ס אקציע, פון יעדע פאָלקס־אויטאָריטעט אין א רעפּובליק, און ווערט באשיצט און אָפּ־געהיט פון יעדער פארקירצונג, דורך דעם ערשטן אמענדמענט צו דער קאָנסטיטוציע פון די פאראייניקטע שטאַטן, און אזוי אויך דורך דער קאָנסטיטוציע פון׳ם שטאַט אילינאָיס, וואָס איז איצט ארוי־בערגעטראָטן געוואָרן דורך דעם דאָזיקן אומקאָנסטיטוציאָנעלן אור־טייל. איר האָט געלייענט די אנטשיידונג פון ריכטער מעקאליסטער אין דער דאָיקער פראגע; איך האָב זי דאָ. עס וואָלט פארנומען צייט זי פאָרצולייענען דאָ פאר דעם געריכט, און איך וועל זי בלויז פאָרליינן פאר אייך. איר האָט זי אודאי געלייענט, הער ריכטער,

און איך וועל ניט פארנעמען אייער צייט זי נאך אמאל צו לייענען פאר אייך. אבער איך לייג זי דא פאר, אלס א טייל פון דער דערקלערונג וואס איך וויל מאכן אין פארבינדונג מיט אונזער פארטיידיקונג און אונזער אפיל צו אייך פאר א נייעם פראצעס.

איך וויל אצונד ציען אייער אויפמערקזאמקייט צו דעם וואס מיר באטראכטן אלס דעם אורשפרונג פון דער דאזיקער באמבע אפן היימארקעט. איך גלויב, אז דאס איז געווען די ארבעט פון מאנאפאליסטן פון דער איסט ארויסצורופן די עפנטלאכע מיינונג געגן פאלקס־באוועגונגען, באזונדערס געגן דער אכט־שטונדן־באוועגונג, און אז מאנכע פון די פינקערטאנס זיינען געווען זייערע ווערקצייג אויסצופירן דעם פלאן. כדי צו אונטערשטיצן די דאזיקע באשולדיקונג לייג איך דא פאר פאר אייך פאלגנדע פאקטן: פונקט פיר טעג פאר דעם גרויסן סטרייק פאר אכט שטונדן איבער די גאנצע פאראייניקטע שטאטן, און בלויז איין וואך פאר דער היימארקעט טראגעדיע, האט די „נויארק טיימס“, איינער פון די הויפט ארגאנען פון׳ם מאנאפאל פון אייזנבאנען, בענק, קוילן, טעלעגראף און טעלעפאן, פארעפנטלאכט דעם פאלגנדן נאטיץ, אונטער׳ן דאטום פון׳ם 25טן אפריל 1886, אין א לייט־ארטיקל איבער דעם צושטאנד פון׳ם מארקעט און די אורזאכן פון דעם ארונטערפאל און פון די פאניק־סימפטאמען וואס האבן דאן עקזיסטירט. די „נויארק טיימס“ זאגט: „די סטרייק־פראגע איז, פארשטייט זיך, די דאמינירנדע, און איז אומאנגענעם אין פארשידענע פרטים. אין געוויסע קרייזן פאדערט מען א קורצן און לייכטן וועג ווי אזוי זי צו שליכטן, און דאס איז, אנצוקלאגן אין פארשווערונג יעדן מאן וואס סטרייקט און אים אן צערעמאניעס אריינזעצן אין תפיסה. אט די מעטאדע וואלט אן צווייפל אריינגעווארפן א געזונטן שרעק אין די הערצער פון די ארבעטער קלאסן. אן אנדער וועג וואס ווערט פארגעשלאגן איז, אויסצוקלייבן די פירער און לערנען מיט זיי דרך ארץ, מאכן אזא ביישפיל פון זיי, וואס וואלט אפגעשראקן אנדערע און זיי געטריבן זיך אונטערצוגעבן.“ דאס איז געווען דעם 25טן אפריל, א לייט־ארטיקל אין דער „נויארק טיימס“, געשריבן אין אויסזיכט פון דעם געפלאנטן סטרייק פאר אכט שטונדן, וואס איז גערופן געווארן אף דעם 1טן מאי. די „נויארק טריביון“, וואס איז שוין איצט ניט מער דער ארגאן פון דער גרויסער אמעריקאנער טריבונע, האראס גרילי, יענער פארטיידיקער פון דער אונטערדריק־

טער מענטשהייט. נאָר דער פּארקויפטער אָרגאַן פון די סאַכע אונטערדריקנדסטע פּאַרמען פון מאַנאָפּאָל, האָט פּונקט אין דער צייט אין א לייט־ארטיקל געשריבן: „די בעסטע טאַקטיק וואָלט געווען צו טרייבן די ארבעטער אין אן אָפענעם אויפשטאַנד געגן דעם געזעץ.“ די „נויארק העראָלד“, אָנגעפייערט דורך אירע צייט־גענאָסן צו מאכן ביישפּילן פון די פירער אין דער באוועגונג פאר קירצערע שטונדן, האָט געזאָגט: „צוויי שעה אַרונטער־גענומען פון די צען שטונדן ארבעט איבער די גאנצע פאראייניקטע שטאַטן, ווי עס באַצוועקט די קורצע־שטונדן באוועגונג, וואָלט געמאַכט אַן אונטערשיד פון הונדערטער מיליאָנען יערלאך אין ווערט, סיי פאר דעם קאַפּיטאַל וואס ווערט אינוועסטירט אין אינדוסטריען און סיי פאר דעם עקזיסטירנדן סטאָק.“ די פראַגע פון טאָג, פאר די בערזן פון נויארק און שיקאגא און פאר די באָרד אָוו טרייד און די פּראָ־דיוס־עקססטשיינדזשעס, איז אלזא געווען, ווי אזוי אויפצוהאַלטן די שטאַנדהאַפטיקייט פון דעם מאַרקעט און די פיקטיווע ווערטן, וועלכע זײַנען אלע ווײַלע געפאַלן אונטער דעם איינפלוס פון דער גלייכצייטיקער אכט שטונדן פאָדערונג איבערן גאַנצן לאַנד.

הער ריכטער, אזוי אַלגעמיין איז דער דאָזיקער איינדרוק צווישן מענטשן, אזוי אַלגעמיין איז דער דאָזיקער גלויבן צווישן די אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס און ארבעטער דאָ אין לאַנד, אז איך וואָלט וועלן, אז די מיינונג וואס איך לייג דאָ פאָר, זאָל אויך מאַכן אַן איינדרוק אויף אייך. איך בין א מיטגליד פון די נייטס אָוו לייבאָר; דאָס איז אן אָרגאַניזאַציע פון קרוב צו א מיליאָן אַמעריקאַנער ארבעטער. איך בין א מיטגליד פון מיין יוניאָן, די דרוקער־יוניאָן, און איך בין עס געווען פאַר 14 יאָר צייט אין דער שטאָט שיקאגא. דאָס איז א נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע מיט עטלאכע און זעכציק טויזנט מיטגלידער אין די פאראייניקטע שטאַטן. אָט די אָרגאַניזאַציעס גיבן ארויס פילע צייטונגען אין אַמעריקע, און יעדע איינע פון זיי גלויבט, אז יענע באַמבע אפן היימארקעט איז אונטערגעשיקט געוואָרן פון די מאָ־נאָפּאָליסטן, כדי צו צוברעכן די אכט שטונדן באַוועגונג. הערט אויס אונזער צד. איר האָט געהערט די זייט פון דער סיטיזענס אַסאָסיאיישאַן וועגן דער דאָזיקער פראַגע, איר האָט געהערט באַנקירן׳ס זייט, איר האָט געהערט די זייט פון די אייזנבאַן מאַ־גנאַטן, איר האָט געהערט די זייט פון דער באָרד אָוו טרייד; איך

בעט אייך אצונד אויסצוהערן אויך די זייט פון די ארבעטער. איך וואלט אייך געקאנט דא פארלייענען איין אויסצוג נאך'ן אנ־דערן פון די דאזיקע צייטונגען, כדי אייך צו ווייזן, אז וואס איך זאג איז דער אמת. איך וועל אייך איבערלייענען איינעם צווישן די פילע וואס איך האב. די „נייטס או לייבאר", ארויסגעגעבן אין דער שטאט שיקאגא פון די נייטס או לייבאר, זאגט: „עס קוקט, אויס, אז פינקערטאן'ס דעטעקטיוו אגענטור האט זיך אונ־טערגענומען דורכצופירן די דאזיקע פאליסי און וויניקסטנס מאכן דעם עולם גלויבן, אז ארבעטער זיינען רעבעלן און בונטעווען זיך קעגן דעם געזעץ. עס וועט פילייכט ניט נעמען לאנג, ביז מענטשן וועלן איינזען, אז אט די דעטעקטיוו־באנדעס, אנשטאט צו זיין אינסטרומענטן פון פרידן, זיינען אין דער ווירקלאכקייט אגענ־טורן פון מאנאפאליסטן, מיט דעם צוועק צו פאבריצירן קלאגעס און ארויסרופן עפנטלאכע געפילן קעגן פאפולערע באוועגונגען פון'ם פאלק." נו, וועגן דעם זעלבן ענין שרייבט א צייטונג וואס ווערט געדרוקט אין מארינעט, וויסקאנסין, די „מארינעט איגל": „עס שטעלט זיך ארויס, אז דאס אויפרייסן פון סטריט קארס אין סט. לואיס מיט דינאמיט אין פארלויף פון דעם סטרייק, וואס איז פארגעקומען דארט לעצטן זומער, איז געווען די ארבעט פון פינקערטאן'ס אגענטן. גולד'ס באאמטע האבן אנומאלט ארונ־טערגעריסן און פארניכטעט א טעלעגראף־סלופ, און די טייוועלשע פרעסע האט בלויז אויפגעהויבן א גאנץ שוואכן פראטעסט קעגן דעם, בעת די וואס זיינען באגאנגען דעם דאזיקן פארברעכערישן אקט זיינען קיינמאל ניט אנגעקלאגט געווארן, און פונדעסטוועגן ווערן די לוין־ארבעטער אנגערופן אנארכיסטן."

ווי איך האב פריער געזאגט, איך וואלט געקאנט ציטירן און צונעמען פיל פון אייער צייט, ציטירנדיק און לייענענדיק פאר אייך די געפילן פון אנטי־מאנאפאליסטישע, ארבעטער־, נייטס או לייבאר, טרייד יוניאניסטישע און סאציאליסטישע צייטונגען אין די פאראייניקטע שטאטן, וועלכע האלטן די מאנאפאליסטן פאר־אנטווארטלאך פאר דעם דאזיקן אקט. איך וועל ניט אוועקנעמען אייער צייט, נאר איך וועל ציען אייער אויפמערקזאמקייט אין דער דאזיקער פארבינדונג צו איין זאך.

אין דעם סטרייק וואס איז פארגעקומען לעצטן זומער דארט אין איסט סט. לואיס, וואו די אייזנבאן קאמפאניס האבן גערופן

„מוטיקע מענער“ און האָבן אנאָנסירט, אז זיי וועלן צאָלן אזעלכע מוטיקע מענער, „וואָס מיינען ביזנעס“, פינף דאָלאַר א טאָג, האָבן זיי געקריגן א גאַנצע מאַסן פון זיי, און די דאָזיקע מענער האָבן געשאָסן אף פרידלאַכע מענטשן אין איסט סט. לואיס און דער־הרג׳עט זיבן מענער און איין פרוי. אָט די מערדער זיינען געוועזן געדונגען און באַצאָלט פון דעם אייזנבאַן־טראַסט. די גרענד דזשורי פון סט. לואיס האָט זיך אנטזאָגט אפילו אָנצוקלאָגן יענע מענער, איר פאַרשטייט? אפילו אָנקלאָגן זיי האָט מען זיך אנט־זאָגט; און זיי זיינען אָפּגעשיקט געוואָרן אהיים מיט געצאָלט און מיט כבוד. אָבער דאָ אין שיקאַגאָ ווערט אָפּגעהאַלטן א מאַס־מיטינג פון אַרבעטער, און אף דעם דאָזיקן מיטינג ווערט געוואָרפן א באָמבע; אייניקע מענטשן ווערן דער׳הרג׳עט. די טאַט ווערט אָנגעטשפּעט אף די מענער, וועלכע האָבן גערעט אף יענעם מי־טינג; זיי ווערן געמאַכט פאַראַנטוואָרטלאַך דערפאַר, און זיי ווערן געבראַכט אהער און אין טאָפּל־שנעלער צייט ווערן זיי אריבער־געדעלט צו דער תליה. נו, הער ריכטער, ווען איר איצט זיך אנטזאָגן אונז צו געבן א געלעגנהייט, אז אָט די פראַגע זאָל אויס־געהערט ווערן אף אן אומפּאַרטייאישן אופן, אונז צו געבן א שאַנס אין א נייעם פּראָצעס? די באַשולדיקונג וואָס ווערט געמאַכט פון די אַרבעטער צייטונגען, אז די מאָנאָפּאָליסטן זיינען געוועזן הינ־טער דער היימאַרקעט טראַגעדיע, און אז די פּינקערטאָנס זיינען אָנגעשטעלט געוואָרן זי דורכצופירן, גיט דעם שליסל צו דער לייזונג פון דער מיסטעריע וועגן דעם ווער עס האָט געוואָרפן יענע באָמבע, וואָרים עס איז ניט באַוויזן געוואָרן אף קיין איינעם פון די דאָזיקע אָנגעקלאָגטע.

פּינקערטאָן׳ס אגענטן האָבן, לויט מיין מיינונג, זיך אונ־טערגענומען עס דורכצופירן; זיי האָבן שוין בא פריערדיקע געלעגנ־הייטן געטאָן אזעלכע זאַכן. זיי האָבן אָפּט אָפּגעטאָן אזעלכע גע־מיינהייטן; ס׳איז באַוויזן געוואָרן אין א סך ענלאַכע פאַלן פון פאַר־שווערונג וואָס זיי האָבן געמאַכט, מיט דעם צוועק צו רואינירן פאָלקס־באַוועגונגען אין אלע טיילן פון לאַנד, און איך האָב גע־לייענט פאַר אייך יענעם אָפיציעלן צירקולאַר פינקערטאָן׳ס, אָנ־באָטנדיק זיינע לייסטונגען צו די מאָנאָפּאָליסטן, וועלכע זוכן אזעל־כע קאָנספּיראַטאָרס און אזעלכע פינסטערע פּלענער, ווי די „הע־ראַלד“ פון נויאָרק, און די „טיימס“, „טריביון“ און אנדערע ציי־

טונגען האָבן פאַרגעשלאָגן. די פינקערטאָנס, אין זייער צירקולאַר וואָס זיי האָבן אדרעסירט צו די דאָזיקע מאָנאָפּאָליסטן, האָבן געזאָגט, אז זיי האָבן גרייט די נייטיקע מענטשן; זיי זיינען גרייט צוצושטעלן די אינפאָרמאַציע, און זיי קאָנען אָרגאַניזירן א פאַר־שווערונג וואָס וועט צושטערן און צוברעכן וואָס פאַר עס איז גע־פּלאַנטן פאַרזוך פון די ארבעטער צו קריגן העכערע שכירות אדער א פאַרבעסערונג פון זייער לאַגע. דאָס איז פינקערטאָן׳ס אייגענער צירקולאַר. ער באַט זיך אָן פאַר יעדן איינעם וואָס וויל אים קויפן צו טאָן דעם סאָרט ארבעט; ער דערקלערט אָפן אין דעם צירקולאַר, אז דאָס איז זיין געשעפט; אז ער מאַכט זיין לעבן און זיין געלט דורך דער דאָזיקער באַשעפטיקונג.

ס׳פעלן אונז אויך ניט קיין רינגעלאַך, אין דער קייט פון אומ־שטאַנדס־באַווייזן, וואָס טייטלען קלאָר אויף די אמת׳ע שולדיקע, וועלכע וועלן נאָך אַמאָל שרייען צום הימל, ער זאָל זיי אויסבאַ־האַלטן פון דעם צאָרן פון׳ם אויפגעבראַכטן פאָלק. צווישן די דאָ־קומענטן, וואָס זיינען אין באַזיץ פון געריכט, געפינט זיך דאָס געשוואָרענע עדות־זאָגן פון דזשאָן פיליפ דע־לום פון אינדיאַנאַפּאָ־ליס, א סאַלון־קיפּער, וועמעס געשיכטע עס איז געדרוקט געוועז אין די צייטונגען, ווען ער האָט זי צום ערשטן מאָל פאַרעפנטלאַכט אין מאַי פון היינטיקן יאָר. ער שווערט, אז איין פרימאָרגן אין מאַי פון דעם יאָר, ארום זיבן אזייגער, איז אין זיין פלאַץ אריינגע־קומען אָן אַמעריקאַנער מאַן מיט וואָנצעס, אָנגעטאָן אין שווארצע קליידער, פינף פוס מיט פינף אָדער פינף פוס מיט זעקס אינטשעס הויך, און אוועקשטעלנדיק א קליינעם רענצל אָפן שיינק־טיש, האָט ער באַשטעלט א טרונק בראַנפן. אויסגעטרונקען, האָט דער קונה זיך א זאָג געטאָן, אז ער קומט פון נויאָרק און אז ער איז אָפן וועג קיין שיקאַגאָ, און פאַרענדיקט האָט דער פרעמדער מיט דער באַ־מערקונג, אז ער, דער סאַלון־קיפּער, וועט גאָר אין קורצן הערן וועגן אומרוען אין שיקאַגאָ. אָנווייזנדיק אויף זיין רענצל, האָט ער א זאָג געטאָן: „איך האָב דאָ אינווייניק עפּעס, וואָס וועט ארבעטן; איר וועט הערן וועגן דעם". שוין באַם ארויסגיין, האָט ער אין טיר זיך אומגעקערט, אויפגעהויבן דאָס רענצל אין דער הויך און אָנווייזנ־דיק דערויף, האָט ער נאָך אַמאָל באַמערקט: „יאָ, יאָ, איר וועט הערן פון דעם אין גיכן."

באַלד נאָך דער געשיכטע האָט די נייס וועגן דער היימאַרקעט־

טראַגעדיע דערגרייכט צו דע־לום׳ן, און דע־לום אַפּעלירט צו אַ געוויסן אָסקאַר סמיט, וועלכער האָט בייגעוואוינט דעם געשפּרעך, און סמיט רופט זיך באַלד אָפּ מיט אַן אַפידייוויט, וואו ער שווערט אָף דעם אמת פון דע־לום׳עס דערקלערונג. דאָס איז געשען נאָך אין מאַי.

איצט, הער ריכטער, אויב דאָ ווערט אַלץ געבויט אָף סברות און אָף טרעפּעניש, פרעג איך, צי דאָס עדות־זאָגן פון אַט דעם מאַן פאַרדינט ניט פונקט אַזאַ באַטראַכטונג פון געריכט, ווי דאָס עדות־זאָגן פון הערי גילמער? אָדער, ווען דער הער ריכטער נעמט נאָך אַלץ אָן, אַז מיר האָבן אָנגעגרעט אַן אַנדערן צו וואַרפן די באָמבע, פרעג איך, צי די סטראַשונקעס אין די מאָנאָפּאָליסטישע צייטונגען און דער אָנבאָט פון פינקערטאָן דורכצופירן די סטראַשונקעס — צו דאָס ווייזט ניט, אַז עפּעס אַ פאַרקויפטער נפש אין פינקערטאָן׳ס דינסט האָט דורכגעפירט דעם אקט, וואָס האָט גע־בראַכט די הײמאַרקעט טראַגעדיע? הערט נאָר: די פינקערטאָן־אַגענטור אַנאָנסירט, אַז זי נעמט זיך אונטער צו טאָן אַזאַ אַרבעט. פינקערטאָן לאָזט וויסן אין אַ צירקולאַר, אַז ער שטייט גרייט פונקט פאַר אַזאַ דזשאָב. דער „נויאָרק העראַלד" און די „נויאָרק טיימס" דערקלערן, אַז דער מאַרקעט ברעכט צוזאַמען צוליב דעם געפּלאַנטן סטרייק אָפן ערשטן מאַי, און זיי פאָדערן אויף, אַז די אַרבעטער־פירער זאָלן אַרעסטירט און אַריינגעוואָרפן ווערן אין געפענגניש, און אַזוי אַרום טעראָריזירן די אַנדערע אין אונטערוואָרפנקייט, מאַכנדיק די פירער פאַר אָפּשרעק־ביישפּילן. דאָס איז וואָס די „טיימס" זאָגט, און דאָס איז וואָס פינקערטאָן זאָגט. און אַרום יענער צייט, ווי צוויי באַגלויבטע מענטשן זאָגן עדות, שטעלט זיך אימעצער אָפּ אין אינדיאַנאַפּאָליס; דאָס איז געווען אין מאַי; די הײמאַרקעט־טראַגעדיע איז פאָרגעקומען דעם פערטן. דאָס איז דער אויסגעשוואָרענער פאַקט: אַ פרעמדער שטעלט זיך דאָרט אָפּ. ער זאָגט: „איך פאָר קיין שיקאַגאָ. איך האָב עפּעס וואָס וועט אַר־בעטן. איר וועט הערן פון דעם." דער מאַן איז אָן ספק געווען פאַרשנאַשקעט; מסתמא האָט ער איבערגעכאַפּט די מאָס. די פינ־קערטאָן׳ס זיינען ניט אַלע אָפּגעהיטע פון ביטערן טראָפּן. זיי נע־מען אַמאָל אַ קאַפּעטשקע, און אַמאָל מעגלאַך אַ קאַפּעטשקע צופיל. ס׳איז אויך מעגלאַך, אַז ער האָט גערעדט אַביסל מער, ווי ער האָט געדאַרפט ריידן; און אפשר האָט אים גאָר ניט געאַרט. ווי די

מעשה איז, עס איז געשוואָרן געוואָרן, אז געזאָגט האָט ער עס; און ער איז געקומען קיין שיקאגא, און מען האָט געהערט פון דער באָמבע — איבער דער גאנצער וועלט געהערט. הער ריכטער, לייגט זיך דען ניט די סברה אפן שכל? עס איז מער וואַרשיינלאַך און מער שכל׳דיק, ווי דעם הער ריכטער׳ס פּרוּאוון טרעפן, אז איך האָב עמיצן אנגערעדט עס צו טאָן. איז דאָס ניט אין דער מעגלאַכקייט פון מענטשלאַכע געשעענישן? קאָן דאָס גאָרניט געמאָלט זיין? איז דען באַוויזן, הער ריכטער, אומבאַשטרייטבאר און אומווידער־לייגבאר, אז עס איז ניט געטאָן געוואָרן פון דעם דאָזיקן מאַן, אז עס איז ניט געטאָן געוואָרן פון א פינקערטאָן? איז דען באַוויזן אויסער יעדן מעגלאַכן צווייפל, אז איך אדער איינער פון די וואָס זיצן דאָ האָט די באָמבע געוואָרפן אדער געוואוסט, אז זי וועט גע־וואָרפן ווערן? ניין, ס׳איז ניט פעסטגעשטעלט. דאָס עדות זאָגן ווייזט עס ניט.

אָט די מוסרים־עדות פאַר׳ן שטאַט, וואַלער און שרעדער, ביידע דערקלערן, אז אונזער מיטינג איז געווען פאַר פּאַרטיידיקונג בלויז, אז עס האָט קיין שייכות ניט געהאַט צום היימאַרקעט, עס האָט גאָרניט צו טאָן געהאַט דערמיט; זיי האָבן אפילו ניט געזאָלט גיין אהין; דאָרט האָט מען קיין שווערקייטן ניט דערוואַרט. דאָס זיינען דעם שטאַטס אייגענע עדות און זיי ריידן וועגן דאָס עדות זאָגן פון גילמער, אז שפּיז האָט אנגעצונדן די באָמבע, וואָס דאָס איז אַן און פאַר זיך לעכערלאַך, דער סאַמע גערדאַנק פון אַזאַ זאַך איז אומזין. מר. באָנפילד און לייטענאַנט האַאַז זאָגן, אז די באָמ־בע איז געוואָרפן געוואָרן אַרום פופצן פוס צו דרום פון׳ם קוואַר־געסל און בוירנעט — א מאַן אויסער יעדן חשד — קומט צום עדות־שטול און שווערט, אז ער איז געשטאַנען נעבן דעם מאַן, וואָס האָט די באָמבע געוואָרפן, און האָט געזען ווי ער האָט זי אָנ־געצונדן און זי געוואָרפן. דאָס אַלץ געגן גילמער׳ן: דער אפידייוויט פון דע־לוס און די דערקלערונגען פון די עדות פאַר דער אַנקלאַגע. איך האַלט דעריבער, אז צוליב דעם זיינען מיר באַרעכ־טיקט צו שטיין דאָ און פאָדערן א נייעם פאַרהער פאַר אייך.

מען זאָגט מיר, אז עס איז פאַראַן אַן עפנטלאַכע דערקלערונג פון׳ם פּאָליציי־פּרעפעקט פון פּאַריז וועגן דעם, אז די פּאָליציי גופא רופט אָפטמאָל אַרויס אומרוען, כדי צו דערגרייכן געוויסע רעזול־טאַטן. אין פּאָליציי־קרייזן זיינען אַזעלכע פּערזאָנען באַקאַנט אַלס

פּראָקוראַטאָרס אדער פּראָוואָקאטאָרס. ווייס איך ניט, צי דאָס איז אמת אדער ניט. איר זייט א ריכטער און איר זיינט באקאנט מיט די זאכן. נו, אָט די באשרייבונג פון דעם פרעמדן מיטל־געוויקסיקן מאַן, אין שווארצע קליידער, שטימט גענוי מיט בוירנעט׳ס באשרייבונג פון דעם מאַן, וואָס ער האָט געזען אי אָנצינדן אי ווארפן די באָמבע, און בוירנעט האט זיך דאָרט געפונען. איר געדיינקט דאָך דאָס, הער ריכטער; דאָ איז בוירנעט געשטאנען, ווען ער האָט עדות געזאָגט; און געזאָגט האָט ער, אז ער איז געשטאנען הארט בא דעם מאַן און אים געזען אָנצינדן די באָמבע און א שליידער טאָן זי אין יענער ריכטונג. עס קאָרעספּאָנדירט מיט דעם מאַן, וועגן וועלכן דזשאָן פיליפּ דע־לוס האָט דאָ געשוואָרן — דער מאַן, וועלכן די „נויארק טיימס“, „הערald“ און „טריביון“ האָבן ארויגסערופן — וויניקסטנס דורך דער אָנצוהערעניש, אז צו די זאכן דארף געמאכט ווערן א סוף. פּינקערטאָן קומט ארויס מיט א צירקולאר און באַט זיך אָן אָפּצוטאָן פונקט אזא שטיקל ארבעט. דאָס איז די האנט פון דער פּאָליציי. נו, איז דאָס איבער׳ן מענטשלאכן שכל אנצונעמען, אז די מענטשן האָבן געקאָנט דורכפירן וואָס זיי האָבן זיך אונטערגענומען צו טאָן — וואָס לויט זייער אייגענער באהויפּטונג וואָלט עס ווערט געווען פאר זיי מיליאָנען? איך לייג ניט אריין קיין ווערטער אין זייערע מיילער. זיי דערקלערן דאָ, אז זיי זיינען גרויט צו טאָן אזא ארבעט. מעגלאַך, אז זיי האָבן איבערגעכאפּט די מאָס; מעגלאַך, אז זיי האָבן דער׳הרג׳עט מער מענטשן, וויפיל זיי האָבן גערעכנט צו הרג׳ענען; מעגלאַך, אז דאָס איז דער אמת. מעגלאַך אז זיי האָבן ניט גערעכנט, אז דאָס וועט קאָסטן אזויפיל מענטשן־קרבנות. אָבער איך וויל נאָך צוגעבן אין שייכות צו דער פראגע: בוירנעטס באשרייבונג פון דעמזעלביקן מענטשן, וועלכן ער האָט געזען אָנצינדן און שליידערן די באָמבע פינף און דרייסיק פוס צו דרום־צו פון׳ם קוואָר־געסל, ווייזט, אז די פּאָרויסזאָגונג פון דעם פרעמדן פון דער שטאָט נויאָרק, „איר וועט הערן פון דעם“, איז באשטעטיקט געוואָרן אין פארלויף פון 24 שטונדן, ווייל עס איז ניט געווען קיין דינאַמיט־באָמבע, נאָר א מורא׳דיקע אויפרייס־מאשין, מיט וועלכער דער פרעמדער האָט זיך בארימט, ווען ער האָט, א באַטרונקענער, אָנגעוויזן אפן רענצל און א זאָג געטאָן, „איך האָב דאָ עפּעס, וואָס וועט ארבעטן; איר וועט הערן פון דעם; איר וועט אין גיכן הערן וועגן טראָבל אין שיקאגא“ — רײדנדיק

וועגן די אומרועז וועלכע האבן געזאלט, געדארפט פארקומען דא אין שטאט.

אין פיר און צוואנציק שטונדן נאך דעם אינצידענט אין אינ־דיאנאפאליס, ווי עס איז געשוואוירן פאר דעם דאזיקן געריכט, האט דאס „עפעס" אין רענצל ווירקלאך געלאזט הערן פון זיך — און דער ווידער־קול דערפון קלינגט נאך אין די אויערן פון אן אויפגעצי־טערטער וועלט. און א טאג נאכדעם, דעם 5טן מאי, האט די „דיילי ניוס" פון שיקאגא פארעפנטלאכט די ערשטע געדרוקטע באשריי־בונג פון דעם מאן וואס האט געווארפן די באמבע — צוגעשטעלט פון א מאן, וואס האט געשוואוירן, אז ער איז ניט קיין סאציאליסט, קיין אנארכיסט און קיין קאמוניסט, נאר א צופעליקער צושויער, וועלכער האט פאר נייגעריקייט פארבלאנדזשעט אפן מיטינג. אט וואס די „ניוס" האט געשריבן דעם 5טן מאי:

„די פאליציי האט א גוטע באשרייבונג פון דעם מאן, וואס האט געווארפן די באמבע אפן אנארכיסטישן מיטינג לעצטן אוונט. דער חברה־מאן איז געשטאנען אין פראנט פון דזשאן בוירנעט, א קענדי־מאכער, אן אנגעשטעלטער פון מר. בערי, אפן ווינקל פון וואשינגטאן און סאנגאמאן סטריט, און בוירנעט האט געזען ווי ער האט געווארפן די שרעקלאכע באמבע. דער גרויזאמער מערדער איז געווען א יונגערמאן, עפעס איבער מיטעלן הויך, און גוט געקליידט. בוירנעט, וועלכער האט געזען, ווי יענער האט ארויסגענומען די באמ־בע פון קעשענע, פונקט ווען די פאליציי האט געהאלטן אין צוקומען, זאגט, אז ער איז געשטאנען צוויי פוס פון דעם מאן און ער וואלט זיכער אים דערקענט, ווען ער טרעפט אים ווידער. קוים א מאמענט איז אריבער, ווי די באמבע איז אנגעצונדן געווארן, האט דער מאן אויפגעהויבן זיינע ארעמס, גרייטנדיק זיך זי א שליידער צו טאן פון זיך. יעדע איינצלהייט פון דער האנדלונג איז צוגעזען געווארן פון בוירנעט'ן, וועלכער האט ניט אנגעהויבן צו פארשטיין וואס אט די מאדנע האנדלונג באטייט. שפעטער א ווייל האט דאס קנייטל, וואס איז געווען צוגעפעסטיקט צו דער באמבע, גענומען ברענען, און דאן, צום ערשטן מאל, האט בוירנעט באגריפן וואס דא וועט געשען. דא האט דער מאן, מיט א פלינקן ווארף פון זיינע ארעמס, א לאז געטאן די באמבע דורך דער לופטן, און דעם נעקסטן אייגנ־בליק האט ער זיך אומגעדרייט און זיך געלאזט לויפן. בוירנעט האט אים געוואלט נאכיאגן, אבער א פליענדיקע קויל האט אים גע־

טראָפּן אין אָרם און ער איז געפאַלן אפן טראָטואר. ווען ער האָט זיך צוריק אויפגעהויבן, איז אלץ געווען צעמישעניש און טומל. — דאָס איז דער תמצית פון דער געשיכטע וואָס איז היינט פרי דערציילט געוואָרן אונזער רעפּאָרטער. דעטעקטיווס זיינען ארויסגעשיקט געוואָרן אויסצוזוכן בוירנעט'ן, אבער זיי האָבן אים דערוויילע נאָך ניט געפונען".

הער ריכטער, דאָס איז געווען דעם 5טן מאַי, אף מאָרגן נאָך דער היימאַרקעט אפערע. מר. בוירנעט איז געפונען געוואָרן, און ער האָט ווידערהאָלט די אויבן־געבראַכטע פאַקטן פאַר'ן דיסטריקט אטוירני, באַשטעטיקנדיק די דערקלערונג, אף וועלכער ער האָט שפּעטער געשוואָרן אין געריכט פאַר דער פאַרטיידיקונג, אז דער פרעמדער איז געשטאַנען אַן ערך 35 פוס צו דרום פון'ם קוועָר־געסל; אז ער האָט אים געזען אָנצינדן דעם קנייטל און דערנאָך וואַרפן די באָמבע; אז דער מאַן האָט געטראָגן טונקעלע קליידער; און עס איז שפּעטער באַוויזן געוואָרן אפן פּראָצעס, אז רודאָלף שנאובעלט, ווען גילמער האָט אריינגעשלעפּט, האָט יענעם אָוונט גאָר געטראָגן העלע קליידער, און דער פינקערטאָן־מאַן האָט געהאַט וואָנצעס, אבער קיין באָרד אדער באַקנבערד, בעת שנאובעלט, דער אַנאַרכיסט, האָט געהאַט ביידע זאַכן; און יענער איז געווען א מאַן פון מיטעלן הויך, בעת שנאובעלט איז באַוואוסט פאַר זיין גרויסן וואוקס; זיין הויך איז זעקס פוס צוויי אינטשעס. דער פּראָקוראָר האָט געדאַרפט צוריבן די רייד פון זיינע אייגענע עדות מיט דער ניט אונטערשטיצטער, פאַבריצירטער, פאַלשער עדות־זאָגעריי פון גילמער, וועלכער פאַר דעם פרייז פון פערציק זילבער־שטיקלאַך איז וויליק געווען צו שווערן, אז שפּיז האָט אָנגעצונדן דאָס קנייטל, בעת אַן אנדער מאַן האָט געוואָרפן די באָמבע — זייער א הויכער מאַן, אין ליכטיקע קליידער, מיט א העלער אדער זאַמד־קאָלירטער באָרד. גילמער האָט געשוואָרן, אז ווען פילדען האָט גערעט, האָט ער ארומגעזוכט א פערזאָן, וועמען ער האָט געדאַרפט דאָרט טרעפן, — „און איך בין צוריקגעגאַנגען צום קוועָר־געסל, וואָס איז צווישן די קריין־געביידע און דער געביידע צו דרום פון איר. אָפּשטעלנדיק זיך אין קוועָר־געסל האָב איך באַמערקט א צאָל מענער, פאַרנומען אין א געשפּרעך, אַנטקעגנאיבער צו דרום זייט פון קוועָר־געסל. איינער האָט געזאָגט: „דאָ גייט די פּאָליציי". דאָ איז א מאַן אראָפּגעשפּרונגען פון א וואָגן צו דער גרופּע מענער, וואָס זיינען גע־

שטאַנען צו דרום זייט פון׳ם קוואָר־געסל, ער האָט אָנגעצונדן א שוועבעלע, עפּעס א ריר געטאָן דאָ־דאָרט, געמאַכט עטלאכע שריט פאָרויס און עס אריבערגעוואָרפן צו דער גאַס.״

זייט באַ זייט מיט דעם, וויל איך געבן די גענויע ווערטער פון מר. באָנפּילד, ווי זיי זיינען פארעפנטלאכט געוואָרן אין די „שיקאגא טיימס״ פון מאַי דעם 5טן, און וועלכע ער האָט געזאָגט צו א גרופּע רעפּאָרטערס, וועלכע זיינען פאַרזאַמלט געווען ארום אים אין סטיישאַן־הויז א האלבע שטונדע נאָך דער טראַגעדיע. לויט דעם באַריכט אין „טיימס״ פון 5טן מאַי האָט ער געזאָגט: „דער גע־נויער פלאַץ פון דעם אויפרייס איז אין צענטר פון דער גאַס און פונקט געגן דעם קוואָר־געסל, אף דער מזרח זייט, וואָס טיילט אָפּ נומער 9 סויט דעספּליינס פון דער „קריין־בראָדערס פאונדערי״ דאָרט, צווישן קוואָר־געסל און ראנדאלף סטריט, באַם סאַמע ראַנד פון טראָטואַר, שטייען אָפּגעטיילט איינס פון אנדערן, גרויסע, שווע־רע, צו קאסטנס ענלאכע געשטעלן, און פון דאָרט איז דאָס די באָמ־בע געוואָרפן געוואָרן.״ אויך לייטענאַנט האַאַז האָט פעסטגע־שטעלט, אז דער אָרט פון׳ם אויפרייס איז באַ וואָסערע פופצן פוס צו דרום פון׳ם קוואָר־געסל, אבער ניט אין קוואָר־געסל גופא, ווי גילמער האָט עס געוואָלט האָבן.

יאָ, די פאָרויסזאָגונג פון דעם אינדיאַנאַפּאָליסער פרעמדן האָט זיך באשטעטיקט. די באָמבע האָט זיך געלאָזט הערן — איי־בער דער גאַנצער וועלט האָט זי זיך געלאָזט הערן. די אויפגאַבע וואָס די צייטונגען פון ניו־יאָרק האָבן אָפּן זיך געשטעלט — אויס־צוקלייבן די פירער און מאַכן פון זיי ביישפּילן, כדי איינצושרעקן אַלע אנדערע און זיי טרייבן צו אונטערטעניקייט — אָט די אויפ־גאַבע איז דערפאָלגרייך דורכגעפירט געוואָרן — און טיכטיק איז די טייפעלשע גרויזאמע פאַרשווערונג דורכגעפירט געוואָרן. אַכט מענער — „פירער״ — דריי רעדאַקטאָרן פון ארבעטער־צייטונגען, פינף ארבעטער־אָרגאַניזאטאָרס און אַגיטאַטאָרס — וואָס שטייען דאָ פאַר אייך, דאַרפן באקומען טויט־אורטיילן, אין דער דורכפי־רונג פון דער נידערטרעכטיקער קאָנספּיראַציע, צו וועלכער די היי־מאַרקעט־טראַגעדיע, דאָס האַנט־ווערק פון א פינקערטאָן־דעטעק־טיוו, איז געווען דער ערשטער קלין; און גילמער׳ס עדות זאָגן איז בלויז א טייל פון דעם פלאַן אָפּצוציען די אויפמערקזאמקייט פון די דערקלערונגען פון צוועלף עדות, אחוץ באָנפּילדס, פאר א

„טיימס"־רעפּאָרטער, אַז די העלישע מאַשין איז געוואָרפן געוואָרן פון אַן אָרט, וואָס איז פון 15 ביז 35 פוס צו דרום פון קוואַר־נעסל, וואו דער מיטל־געוויקסיקער מאַן אין טונקעלע קליידער איז ווירקלאַך געשטאַנען, ווען דער מלאך המות איז געשיקט געוואָרן אין זיין גיהנום'שער שליחות — פאַר דעם צוועק, ניט בלויז מיט באוואוסטזיניקער כונה מקריב צו זיין די לעבנס פון די פּאָליסלייט וואָס האָבן זיך געפונען אַפן פּלאַץ, נאָר אויך כדי די אַרבעטער־פירער זאָלן קאָנען אַרעסטירט און פאַראורטיילט ווערן צום טויט אַף דער באַשולדיקונג, אַז זיי האָבן דעם פאַרברעכן באַגאַנגען — און פאַר דעם ווייטערן צוועק, אין וועלכן די „נויאָרק טיימס", די אַגענטין און פאָרשטייערין פון די זינקענדיקע סטאָק־מאַרקעטס פון דער איסט, האָט זיך אַפן מודה געווען, אַריינצושרעקן די אַרבעטער אין נאָכגיביקייט, זיי זאָלן פאַר מורא איינגיין אַף דעם צען־שטונדן־פּלאַן.

הער ריכטער, באַוויליקט מיר צו מאַכן אַ קליינעם איבעררייס. איך בין צו מיד. איך האָב נאָך אַ פּאָר ווערטער צו זאָגן, און איך וועל זיי פאַרענדיקן נאָך הײנטיקן נאָכמיטאָג.

ד ע ר ר י כ ט ע ר: איך האָב בדעה געהאַט צו האַלטן בלויז איין זיצונג היינט. אָט איז שוין צוויי שטונדן מיט דריי פערטל הײנטיקן פרימאָרגן און אַ שטונדע נעכטן, דריי שטונדן מיט דריי פערטל, פאַרשווענדט געוואָרן אַף זאַכן וואָס, ווי דער רעדנער אַזוי גוט ווי די צוהערער ווייסן, האָבן זייער ווייניק צו טאָן מיט דער פראַגע וואָס ליגט פאַר מיר; און איך גלויב ניט, אַז איך דאַרף האַלטן ווידערהאָלטע געריכט־זיצונגען אויסצוהערן ווידער־האָלונגען פון צייטונגען א. א. וו., וואָס וואָלטן קיינמאָל ניט גע־קענט באַנוצט ווערן אַף קיין פּראָצעס; זיינען ניט באַנוצט געוואָרן און קענען ניט באַנוצט ווערן. איך וואָלט אסך בעסער פאַרגעצויגן צו פאַרענדיקן דעם ענין היינט. איך וועל אייך ניט באַגרעניצן אין צייט.

פּ אַ ר ס אָ נ ס: איך וויל זאָגן, הער ריכטער, אַז איך האַלט איצט אין מיטן פון יענעם טייל פון מיין דערקלערונג, וואָס האָט מער דירעקט צו טאָן מיט דער היימאַרקעט־טראַגעדיע.

ר י כ ט ע ר: גייט אָן. זאָגט אַלץ וואָס איר ווילט זאָגן.

(עס איז אָבער קלאָר געווען צו זען, אַז דער רעדנער איז געווען פיזיש אומפּייאיק „אָנצוגיין".)

פ א ר ס א נ ס: די באָמבע, וואָס איז געוואָרפן געוואָרן איז ניט געווען קיין דינאַמיט, נאָר דאָס וואָס איז אין בירגער־קריג באקאנט געווען אלס העלישע מאַשין. דאָס איז אבסאָלוט באַוויזן געוואָרן דורך די רייד פון יעדן כירורג, וואָס האָט דאָ עדות געזאָגט — נעמלאך, אז אלע איינשניטן זיינען געווען גלאַט און ריין, נאָר אינעווייניג איז דאָס פלייש צעריסן געוואָרן ווי פון אן אויפרייס־שטאָף. אָט די וויסנשאַפטסלייט, הער ריכטער, האָבן עדות געזאָגט, אז דינאַמיט איז א צעשמעטערנדיקער שטאָף, און אז ווען א קויל, די גרויס פון דער קויל וואָס ווערט דאָ אויסגעשטעלט אלס באַווייז־מוסטער פון לינג'ס מלאכה — ווען אזא קויל וואָלט געוואָרפן גע־וואָרן אין די איינגע רייען פון דער פּאָליציי, אזוי ווי די העלישע מאַשין איז געוואָרפן געוואָרן, וואָלט דער רעזולטאַט געווען, אז אנשטאָט צו הרגענען בלויז איינעם אפן אָרט, און פאַרוואונדן אייניקע אנדערע, וואָלט עס צעריסן אף אומדערקענבאַרע שטיק־שטיקלאך גאנצע פּאָליציי־אָפּטיילונגען אין דער נאכבאַרשאַפט, און וואו עס וואָלטן געווען וואונדן, וואָלטן די וואונדן געווען גלאַט און ריין, ווי פון האַרטע שליידער־געוועער.

דאָס איז געווען א העלישע באָמבע פון ניו־יאָרק, געבראכט אהער פון יענעם אינדיאַנאַפּאָליסער דורכפּאַרער, און ניט קיין דיי־נאַמיט באָמבע; די באַשרייבונג פון איר עפעקט אף די קרבנות שטימט גענוי מיט דעם עפעקט פון יענע אויפרייס־שטאָפן, וואָס זיינען גענוצט געוואָרן אין דער שלאכט באַם פּאָטאָמאַק. די אויס־געהוילטע קוילן, אינווייניק אין שיידל, עקספּלאָדירן אזוי גיך ווי זיי דרינגען אריין אין קרבן, צעקראַצן און צעפּיצלען דאָס פלייש, מאַכנדיק שוידערלאכע, אמת גיהנום'שע וואונדן.

אָבער דינאַמיט איז אן אויפרייסשטאָף, וואָס פאַרניכטעט די קרבנות. יעדער עקספּערימענט און יעדע דערפאַרונג באַשטעטיקן עס. כדי צו פּאַראורטיילן וועלכן ס'איז מענטשן פאַר געברויכן א דינאַמיט־באָמבע אפן היימאַרקעט, דאַרף דער שטאַט איליניאָיס פריער פון אלץ באַווייזן, אז עס איז געווען דינאַמיט. וואָרים דער באַווייז, אז עס איז געווען א דינאַמיט־באָמבע און ניט קיין „הע־לישע מאַשין", ווי דאָס איז אָנגערופן געוואָרן אין מלחמה־צייט, — אָט דער באַווייז איז אן אבסאָלוט נייטיקער רינג צו פאַרבינדן די דאָזיקע אָנגעקלאָגטע מיט דעם אויפרייס. ספּעציעל דאַרף עס גע־זאָגט ווערן וועגן לינג'ן, וועמען זיי באַשולדיקן און גייען הענגען

בלויז פאר דער השערה, אז ער זאָל האָבן פאבריצירט די באָמבע. דער פּאָזיטיווער באווייז, אז דאָס איז ניט געווען אזא באָמבע ווי לינג האָט געמאכט, איז אין דעם פאַקט, וואָס נאָר איין מענטש איז דער׳הרג׳עט געוואָרן גלייך אף אן אָרט, און די אנדערע זיינען בלויז פאַרוואונדעט געוואָרן, כאָטש די באָמבע איז געפאלן צווישן צוויי נאָענט־שטייענדיקע, געדיכט־צענויפגעפּרעסטע פּאָליציי־אָפּטיילונגען.

מערקט אייך, מיין הער, דינאַמיט איז אן עקספּלאָזיוו, וואָס פאַרניכטעט זיינע קרבנות. א פונט דינאַמיט צעטרייסלט די לופט אף א שטח פון טויזנט פוס ארום און ארום. די דערבייאיקע פּאָליציי־אָפּטיילונג וואָלט צובלאָזן געוואָרן, ווי איך האָב שוין געזאָגט, אין אומדערקענבארן אטאָמען־שטויב, ווען דאָס וואָלט געווען לינג׳ס א דינאַמיט־באָמבע. איך דערמאָן דאָ, אלס ביישפּיל, די פאַלן פון פראַנס, און דאַראָן, און בערידזש אין וואָרען, פּענסילוויינא. אין יעדן פון די דאָזיקע פאַלן איז די באַזונדערע כאַראַקטעריסטיק פון זייער טויט דער פאַקט, וואָס מאַטעריע איז פולשטענדיק פאַרניכטעט געוואָרן, ספּעציעל די מאטעריע פון מענטשלאכן קערפּער. אחוץ מענטשלאכן קערפּער זיינען די אייזערנע געשטעלן פון וואָגנס און אפילו מאסיווע ניטראָ־גליצערין קאסעס אזוי גרינטלאַך פאַרשוואונדן פון מענטשלאכן בליק, ווי זיי וואָלטן גאָר קיינמאָל ניט עקזיסטירט.

דאָס איז ניט בלויז אן אומשטאַנדס־באווייז. ס׳איז א פּאָזיטיווע באשטעטיקונג, אז דאָס איז ניט געווען קיין דינאַמיט־באָמבע פון דעם סאָרט, וואָס די כלומר׳שטע קאָנספּיראַטאָרס זאָלן האָבן פאַרטיילט אף דעם מאָנטיק באַנאַכטיקן מיטינג פון דער „באַוואַפנטער גרופּע" — א גרופּע מענער וואָס האָבן אפילו די היימארקעט פאַרזאַמלונג ניט בייגעוואוינט; לינג אליין האָט זיך געפונען עטלאכע מייַלן ווייט פון׳ם פלאַץ. ס׳איז א באשטעטיקונג, שטאַרק ווי א באווייז פון דער הייליקער שריפט, אז דער מיטל וואָס איז גענוצט געוואָרן צו צושטערן אונזערע לעבנס און די אכטשטונדן באוועגונג איז געווען א נויאָרקער העלישע מאַשין.

זעקס פון די פאַראורטיילטע מענער זיינען אפילו אפן היימארקעט מיטינג ניט אָנוועזנד געווען, ווען די טראַגעדיע איז פּאָרגעקומען. איינער פון זיי איז געווען פינף מייַלן ווייט, אין די „דירינג מארוועסטער וואָרקס", אין לייק וויו, אדרעסירנדיק א

מאַסנפאַרזאַמלונג פון צוויי טויזנט אַרבעטער. אַ צווייטער איז געלעגן אין בעט, באַ זיך אין דערהיים, און האָט איבערהויפּט ניט געוואוסט, אַז אַ מיטינג איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן, ביז אויף מאָרגן. אָט די פאַקטן, הער ריכטער, שטייען אומבאַשטריטן פאַר דעם דאָזיקן געריכט. בלויז איין עדות — גילמער — און זיין עדות־זאָגן, ווי איך האָב שוין פריער דערקלערט, לאָזט זיך זייער שטאַרק אָפּלייקענען — בלויז אָט דער איין עדות האָט געפּרואווט מאַכן וועלכע ס'איז פאַרבינדונג צווישן די איבעריקע צוויי מענער — בלויז צוויי! — און דער טראַגעדיע אויפן היימאַרקעט.

נו, מיט די דאָזיקע פאַקטן פאַר די אויגן איז דער פאַרזוך צו־נויפצושטעלן געגן אונז אַ באַשולדיקונג אין קאָנספּיראַציע איינפאַך אַ שענדלאַכער פאַרס. וואָס זיינען די פאַקטן, וואָס די אַזויגערופענע „אינפאָרמאַטאָרס" האָבן עדות געזאָגט אויף זיי? זיי האָבן דערקלערט, אַז צוויי פון די דאָזיקע אָנגעקלאָגטע האָבן בייגעוואוינט דעם אַזויגערופענעם קאָנספּיראַציע־מיטינג פון מאָנטיק באַנאַכט. וואָס זשע וועט איר טאָן מיט די אַנדערע זעקס, וואָס זיינען קיין מיטגלידער ניט געווען, האָבן דעם מיטינג ניט בייגעוואוינט און אַפילו ניט געוואוסט, אַז עס ווערט געהאַלטן אַ מיטינג מאָנטיק באַנאַכט? אָט די צוויי אַזויגערופענע אינפאָרמאַטאָרס האָבן עדות געזאָגט, אַז אויף דעם אַזויגערופענעם קאָנספּיראַציע־מיטינג פון'ם 3טן מאַי איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז אין דער צונויפט, ווען די פּאָליציי און די מיליץ וועלן אַטאַקירן און שלאָגן און הרג'ענען אַרבעטער אויף זייערע מיטינגען, דאַן, און נאָר דאַן, זיינען זיי פאַרפליכטעט צו העלפן די דאָזיקע אַרבעטער זיך פאַרטיידיקן געגן די אומגעזעצלאַכע, אומגערעכטע און שענדלאַכע אַטאַקעס. דאָס איז געווען אַלץ וואָס איז געזאָגט אָדער געטאָן געוואָרן. איז דאָס געווען אַ פאַרשווערונג? אויב יאָ, הער ריכטער, דאַן איז דאָס געווען אַ פאַרשווערונג צו טאָן וואָס איז רעכט און זיך צו שטעלן געגן אומרעכט.

אָבער אייער אורטייל זאָגט, אַז עס איז אַ פאַרברעכן פאַר די אַרבעטער צו באַשליסן צו פאַרטיידיקן זייערע לעבנס און זייערע פרייהייטן און זייער גליק געגן ברוטאַלע, בלוטיקע און אומגעזעצלאַכע אָנפאַלן פון דער פּאָליציי און פון דער מיליץ.

אַצונד באַטראַכט פאַר אַ מאָמענט די דזשורי; קוקט זיך צו צו דעם מאַטעריאַל, פון וועלכן זי איז צוזאַמענגעשטעלט. אָט איז

דער דזשורי־מאַן טאָד; ווען ער איז אויפגענומען געוואָרן אין דער דזשורי, האָט ער זיך באַצייכנט אַלס אַ סיילסמאַן פון קליידער און אַלס באַפּטיסט. אַזוי גיך ווי דער אורטייל איז אַרויסגעגעבן געוואָרן, איז ער נאַטירלאַך אינטערוויואירט געוואָרן. אָט וואָס ער האָט געזאָגט:

„ס'איז געווען אַן אָפּגעקליבענע דזשורי; זיי זיינען אַלע געווען דזשענטעל־לייט. איר פאַרשטייט, מיידזשאָר קאָול, וועלכער איז געווען דער ערשטער דזשורי־מאַן אויפגענומען צו ווערן, און איך האָבן גענומען די אַנדערע דזשוראָרס אין די הענט אַריין, אַזוי גיך ווי זיי זיינען אויפגענומען געוואָרן.“

מיידזשאָר קאָול, ווי איר געדיינקט, האָט זיך באַצייכנט אַלס בוכהאַלטער און עפּיסקאָפּאַליסט. טאָד, אין זיין אינטערוויו, האָט זיך ניט צוריקגעהאַלטן פון דערציילן, ווי ניט קוקנדיק אַף זייערע פרומע איבערצייגונגען, האָבן זיי זיך געזעצט שפּילן אין קאָרטן, אַזוי גיך ווי זיי זיינען נאָר אַריין אין דזשורי־צימער; זיי האָבן אויך געשפּילט פידל און גיטאַר און פּיאַנאָ, און האָבן געזונגען לידער. די דאָזיקע „דזשענטלמען“ האָבןווירקלאַך גאַנץ פריילאַך פאַרבראַכט, בעת עס האָט געהייסן, אַז זיי זיינען פאַרנומען מיט משפּט'ן איבער די לעבנס פון די זיבן אַנאַרכיסטן; און נאַטירלאַך האָבן זיי אַרויסגעטראָגן אַן אורטייל, ווי עס פּאַסט פאַר „דזשענטלמען“. מיט מוזיק, געזאַנג, מיט שפּאַצירן־פאָרן אין שיינע קאַרעטן, מיט גרויסאַרטיק לעבן אין אַ פיינעם האָטעל, מיט קאַמער־ספּעקטאַקלען אין די אָוונטן — איז די דאָזיקע צוועלף „דזשענטל־לייט“ ווי עס איז געלונגען צו דערהרג'ענען זייער צייט, און אַזוי אַרום זיינען זיי ענדלאַך געקומען צו זייער אורטייל צו טויטן די דאָזיקע פאַרדאַמטע זיבן אַנאַרכיסטן, אָט די אַרבעטער, וואָס זייערע לעבנס זיינען נאַטירלאַך ניט ווירדיק גענוג ערנסט גענומען צו ווערן אין באַטראַכט פון די עלעגאַנטע „דזשענטלמען“ — פון אָט די פיינע, ליבע, נאָבעלע „דזשענטלמען“.

איידער דער פּראָצעס האָט זיך אָנגעהויבן, און בעת דער פּראָצעס איז אָנגעגאַנגען, און זינט ער האָט זיך געשלאָסן, האָט אַ פּאַרטייפּלטע פּרעסע געוווילדעוועט און געגוואַלדעוועט, ווי אַ סטאַדע בלוט־דאָרשטיקע היענעס, נאָך די לייב־און־לעבנס פון די אַכט אַרבעטס־מענער. אָט די פאַרקויפטע צייטונגען, אַף געהאַלט בא די

מאַנאָפּאָליסטן און אַרבעטער־פאַרשקלאַפער, האָבן געהאַלטן אין איין פאָדערן פון דעם דאָזיקן געריכט און פון דער דזשורי און פון די אַנקלעגער אונז צו פאַר׳משפּט׳ן.

און איצט, וואָס קומט אַלס קרוינונג פון אָט דער פינצטערער פאַרשווערונג אויף אונזער לעבן און פרייהייט? (דאָ האָט דער רעדנער אויסגעשטרעקט זיינע הענט און אַ טייטל געטאָן מיט׳ן פינגער צו דער סטאַטוע פון דער בלינדער „געטין פון גערעכטיג־קייט“, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן איבערן ריכטער־שטול). אָ, באַהאַלט דיינע אויגן איצט! באַהאַלט זיי! באַהאַלט זיי! ס׳איז גוט וואָס דיינע אויגן זיינען פאַרבונדן און דיין בליק איז פאַר־שטעלט. וואָרים וואָלסטו געקאָנט זען די קאָרופּציע און שאַנד, וואָס זיינען אין דיין נאָמען פּראַקטיצירט געוואָרן בעת דעם דאָזיקן פּראָצעס, וואָלסטו אַנטלאָפן פון אָט דעם טעמפּל אויף אייביק! דער קרוינענדיקער שלום־אַקט צו דער פינצטערער פאַרשווערונג אויף אונ־זער לעבן און פרייהייט איז געווען, ווען אייניקע שיקאַגאָ׳ער מיליאָ־נערן האָבן זיך אָנגעבאָטן צו זאַמלען אַ סומע פון 100 טויזנט דאָ־לאַר און עס צוטראָגן אַלס מתנה צו די דזשורי־לייט פאַר זייער אור־טייל געגן אונז. דאָס איז געטאָן געוואָרן, ווי יעדער איינער ווייסט, אין די לעצטע טעג פון דעם פּראָצעס; און נאָך׳ן אורטייל — זאָל אימיצער קומען און עס אָפּלייקענען! — איז דאָס בלוט־געלט אויסגעצאָלט געוואָרן צו דער דזשורי. אחוץ דעם, זינט זיי האָבן זייער אורטייל אַרויסגעגעבן, ווערן די דזשורי־לייט אויף די הענט גע־טראָגן. מען יום־טוב׳ט זיי מיט וויינען, מאָלצייטן און באַנקעטן; די שונאים פון מענטשלאַכע רעכט און מענטשלאַכער גלייכהייט שיטן אויף זיי מיט אַ ברייטער האַנט קאָסטבאַרע פּרעזענטן. „אָ, בושה, פאַרוואָס ווערסטו ניט רויט? אָ, געוויסן, ביזטו אַנטלאָפן צו די בעסטיעס אין וואַלד?“

קיינער איז ניט צוגעלאָזט געוואָרן צו דינען אין דער דזשורי, ווען ער איז נאָר באַפעלעקט געווען אפילו מיט אַ שאָטן פון סימ־פּאַטיע פאַר דעם אַרבעטער קלאַס אין זיינע קאַמפן געגן מאָנאָפּאָל. יעדן איינעם פון די 1139 קאַנדידאַטן, וועלכע זיינען גערופן גע־וואָרן אַלס דזשורי־לייט, האָט דער פּראָקוראָר געשטעלט אַזעלכע און ענלאַכע פראַגעס: „זיינט איר אַ מיטגליד פון אַ טרייד און לייבאָר יוניאָן? זיינט איר אַ מיטגליד פון די נייטס אוו לייבאָר? האָט איר וועלכע ס׳איז סימפּאַטיע מיט קאָמוניסטן, אַנאַרכיסטן,

און סאָציאַליסטן?“ און יעדער איינער, ווער עס האָט נאָר געענטפערט אז יאָ, איז אָן ווייטערע דבורים פארבראַקירט געוואָרן. בלויז פינף פערזאָן פון 1200 קאַנדידאַטן, וואָס זיינען ארויסגערופן געוואָרן, זיינען געווען אף דער ליסטע; איך מיין צו זאָגן, בלויז פינף ארבעטער צווישן 1200 ארויסגערופענע. דער דעפּיוטי שעריף, מר. רייס — דאַכט זיך, דאָס איז זיין נאָמען — מיר האָבן געשוואָרן דערויף, הער ריכטער, אין אונזער אפּיל פאַר א נייעם פּראָצעס, אז ער האָט דאָס צונויפגערופן די דזשורי, און עס איז דאָ אן אפּידייוויט צווישן די דאָקומענטן וואָס ליגן פאַר אייך, אז דער דעפּיוטי שעריף רייס, וועלכער איז אָנפארטרויט געווען מיט צענויפרופן די דזשורי, האָט גאַנץ אָפן דערקלערט, אז ער וועט נאָר רופן אזעלכע, וואָס וועלן ווילּיק זיין אונז צו שיקן צו דער תליה. אזא שאַנדטאַט האָט צו זיך קיין גלייבן ניט.

די דזשורי איז געווען א ספּעציעל צענויפגעזוכטע; זי איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פון מענטשן, וואָס באַשטייען אף זייער רעכט צו דיקטירן און ראַבירן די לוין־ארבעטער, ווען זיי באַטראַכטן פאַר זייערע געדונגענע משרתים; זיי באַטראַכטן ארבעטער אלס נידעריקערע פון זיך און ניט קיין „דזשענטלמען“. אזוי האָבן זיי באַקומען א דזשורי, וואָס איר אויפגאַבע איז געווען אונז צו פאַראורטיילן פאַר אנאַרכיע, אלצאיינס צי זיי וועלן געפינען וואָס פאַר עס איז באַוויז פון מאָרד אדער ניט. דער גאַנצער פּראָצעס איז געפירט געוואָרן מיט דעם צוועק צו פאַרדאַמען אנאַרכיע. „אנאַרכיע ווערט גע'משפט,“ האָט געזאָגט מר. אינגהעם. „הייננט די אַכט מענער און ראַטעוועט אונזערע אינסטיטוציעס!“ האָט געשריען גרינעל. „דאָס זיינען די פירער; מאַכט א ביישפּיל פון זיי!“ האָט געליאַרעמט די אָנקלאַגע, אדרעסירנדיק דעם ריכטער און די דזשורי. יאָ, מיר זיינען אנאַרכיסטן, און דערפאַר, הער ריכטער, זיינען מיר פאַראורטיילט געוואָרן. „אָט די אַכט אָנגעקלאָגטע,“ האָט געזאָגט דער פּראָקוראָר צו דער דזשורי, „זיינען אויסגעקליבן און אָנגעקלאָגט געוואָרן פון דער גרענד דזשורי. זיי זיינען ניט מער שולדיק ווי די, וועלכע פאָלגן זיי נאָך. זיי זיינען אויסגעקליבן געוואָרן, ווייל זיי זיינען די אָנפירער.“ „פאַראורטיילט זיי, און די געזעלשאַפט איז געראַטעוועט!“ האָט געשריען די אָנקלאַגע. און דאָס איז אמעריקא, דאָס לאַנד, פאַר וועלכן אונזערע פאָטערס האָבן געקעמפט און פריי זייער בלוט פארגאָסן, כדי

מיר, זייערע יורשים, זאָלן געניסן דאָס רעכט פון פרייער רעדע-פרייער פרעסע און אומגעשטערטער פאַרזאַמלונג.

אַט די טייוולשע פאַרשווערונג געגן דעם מענטשנס איינגע־באָרענע, ניט־אוועקצונעמענדע גרונט־רעכטן געפינט איר בעסטע אָפּשפּיגלונג אין די ווערטער פון דעם שטאַט־פּראָקוראָר גרינעל, וועלכער איז אליין איינער פון די הויפּט אקטיאָרן אין דעם דאָזיקן ריזיקן פאַרברעכן. ווען דער פּראָצעס איז געווען צו ענד, איז גרינעל אינטערוויואירט געוואָרן פון א פאַרטרעטער פון דער „אסאָשיאייטעד פּרעס“, וועלכע האָט פאַנאַנדערגעשיקט א פולן באריכט וועגן דעם, פון וועלכן איך ציטיר דאָס פאָלגנדע:

„מיינט איר אָנצוגיין גלייך ווייטער און ברייגען די אנדערע פירער פון דעם אַנאַרכיזם צום שטריקל?“ האָט דער רעפּאָרטער געפרעגט. מר. גרינעל האָט געענטפערט: „מיר האָבן ברעה צו לאָזן די אנארכיסטן אף א ווײַלע צורו און זען, צי זיי האָבן שוין איצט געלערנט, וואָס עס מיינט דאָס רעכט פון פרייער רעדע דאָ אין לאַנד, און צי זיי גלויבן נאָך אלץ, אז דאָס מיינט אז זיי מעגן אויפרייצן מענטשן צו רייאָט, מאָרד און פּלינדעריי. אָבער איך וויל דאָ זאָגן: מיר האָבן געהאַט אין דעם פּראָצעס מענטשן, וואָס ווערן אָנגערופן „מוסרים“ אדער „אינפאָרמאַטאָרס“, דריי אָדער פיר אזעלכע. פון זיי האָבן מיר געקראָגן די נעמען פון אלע לייטנדע אַנאָרכיסטן אין שיקאגאָ. מיר האָבן זיי אף אונזער ליסטע, און די אַנאַרכיסטן ווייסן עס ניט. וויל איך, אז זיי זאָלן עס איצט וויסן; איך וויל, זיי זאָלן וויסן, אז זיי זיינען געשטעמפּלטע מענטשן, און ווען א האַנט וועט זיך אויפהויבן א קרים צו טאָן א האָר אפן קאָפּ פון וועלכן ס'איז דזשוראָר, אָדער פערזאָן, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט דעם אָקאָרשט פארענדיקטן פּראָצעס, וועט יעדער אנאַרכיסט שוין מעגן קוקן אף זיך ווי אף א פאַר'משפּט'ן צום טויט, וואָס דער גלאָק קלינגט שוין צו זיין לויה. מיר האָבן זייערע נעמען און מיר וועלן יעדן איינעם פון זיי ברייגען צו דער תליה. זאָלן זיי עס זיך אריינגעמען אין קאָפּ.“

איך נעם אָן, הער ריכטער, אז איר האָט אמאָל געזען די קאָמישע אָפּערעטע מיט'ן נאָמען „דער מיקאַדאָ“. וועט איר זיך דערמאָנען, אז דער לאָרד אויבער־תליון פון'ם מיקאַדאָ אין יאפּאַן האָט זיי אלעמען געהאַט אף דער ליסטע, פונקט ווי גרינעל. גרינעל נעמט זיך פאָר צו באגיין אויך ווייטער אזעלכע אקטן, וועלכע

וואָלטן, ווי מעיאָר העריסאָן דריקט זיך אויס, ניט געקאָנט אָפּגעטאָן ווערן מיט זיכערקייט אין קיין מאָנאַרכיסטישן לאַנד, און ווען זיי ווערן אָפּגעטאָן אין לאָנדאָן, וואָלטן זיי צוטרייסלט אפילו דעם טראָן פון קעניגין וויקטאָריא. מר. גרינעל נעמט זיך פאָר אָנצוהאַלטן אָט דעם „רעקעט“, אָט די גוואַלט־חזקה זיינע, און זי פאָרטזעצן ביז אין דער אייביקייט אריין. אָט דער מאָן, באקליידט מיט א קליין ביסל קורץ־טערמיניקער מאַכט, צעשפּרייט זיך ווי א בוים באם ברעג וואַסער און בלאָזט זיך פאנאנדער מעשה אומבאגרעניצטער אויטאָקראַט. ער וויל מיט זיין געפאנצערטן מאכט־אָרם איינהאַמעווען די אומצופרידנקייט און אויפהאלטן געזעץ און אָרדנונג — ביז עס וועט זיך איינשטעלן די טויט־שטילקייט פון בית עולם און די אָרדנונג וואָס האָט געהערשט אין ווארשא... אף דעם באפעל פון אָט דעם קליינלאכן אוזורפּאַטאָר איז די ציימונג „אלאַרם“, פון וועלכער איך בין געווען דער רעדאקטאר, פארכאפּט און אונטערדריקט געוואָרן. אָט דער מאָן איז דאָס דער פאַרכאַפּער געווען; ער האָט פארנומען דעם גאנצן רייסטער מיט די דאָקומענטן וואָס האָבן צו טאָן מיט׳ן אָפיס. דאָס זעלבע האָט ער געטאָן מיט דער טעגלאכער ציימונג פון די דייטשע ארבעטער — די „ארבעטער ציימונג“, און פאר מערערע וואָכן, יאָ, פאר מערערע וואָכן, האָט אָט דער מאָן געצוואונגען די ארויסגעבער און דעם רעדאקטאר צו בריינגען צו אים זייערע לייט־ארטיקלען ער זאָל זיי צענזורירן; און ער האָט זיך געלאָזט וואוילגיין מיט זיין בלויער בלייפעדער איבער אלע יענע ארטיקלען, וואָס זיין מאַיעסטעט גרינעל האָט געהאַלטן פאַר נייטיק צו אונטערדריקן.

אין אן אינטערוויו מכח דעם דאָזיקן ענין, וואָס איז געדרוקט געווען אין די שיקאגאָ׳ער ציימונגען, האָט גרינעל געזאָגט: „זייער שטריינגע מיטלען וועלן אָנגענומען ווערן געגן דער „ארבעטער ציימונג“. די מינדסטע אָנצוהערעניש דערויף, אז די דזשורי איז געווען אונטערגעקויפט אָדער אנדערע אויפרייצנדיקע אויסדרוקן, און די ציימונג וועט אויגנבליקלאך אָפּגעשטעלט ווערן. מיר וועלן דעם ענין דערליידיקן גרינטלאך.“

אזוי קומט אויס, אז די מענטשן, וואָס ווערן אויסגעקליבן אָפּצוהיטן דאָס געזעץ, און וועלכע ווערן באַשוואָרן און קריגן באַצאָלט דערפאר עס צו געהאָרכן און עס דורכזעצן, — דווקא זיי טראַמפּלען אונטער זייערע פיס דאָס געזעץ און די קאָנסטיטוציע,

אף דעם באפעל פון עטלאכע רייכע לייט, ווען זיי געפינען עס פאר באקוועם צו באשטראפן די ארעמע. אט אזוי איז פארטראכט, גע־פלאנעוועט און דורכגעפירט געווארן די שענדלאכע פארשווערונג גענן פרייע רעדע, פרייע פרעסע און עפנטלאכע פארזאמלונג.

אין זייער פארזוך ארויסצושטעלן אונזערע מיינונגען צו עפנט־לאכער שאנד, האבן די אנקלעגער זיך גאר פארגעסן אן דער מארד־קלאגע. אומלאיאליטעט צו זייער קלאס און צו זייער בארימטער ציווילייזאציע איז בא זיי אין די אויגן אסך א גרעסערער פארברעכן, איידער מארד. אנארכיע, אין דער שפראך פון גרינעל, איז פראסט־פשוט א געמיש פון רויבעריי, אונטערצינדעריי און מערדעריי. דאס אלזא, הער ריכטער, איז די אפיציעלע דערקלערונג פון מר. גרינעל, און געגן זיין דעפיניציע פון אנארכיע וויל איך אוועקשטעלן די דע־פיניציע פון מר. וועבסטער. איך דענק, אז וועבסטער איז לכל הפחות אזא גוטע אויטאריטעט, ווי אט דער דזשענטלמאן.

וואס איז אנארכיע? וואס איז דער תמצית פון דער מורא'די־קער זאך — אט די אנארכיע, וואס פאר האלטן זיך אן איר, זאגט דער דאזיקער מאן, פארדינען מיר דעם טויט? אין די לעצטע שטונדן פון דעם דאזיקן פראצעס, יא, פאר פינף טעג נאכאנאנד האבן די פארשטייער פון דער פריווילעגירטער, אוזורפאטארישער מאכט פון דעספאטיזם געזוכט צו פארליגנערן, מיסרעפרעזענטירן און פארליימדן די לערע, אין וועלכער איך גלויב. אצונד, הער ריכ־טער, וועט איר אזוי גוט זיין מיר דערלויבן צו ריידן וועגן דעם פאר א מאמענט. וואס איז אנארכיע? וואס זיינען אירע דאקטרי־נען —

גענעראל פארסאנס: פאר וועלכע איר ווערט איצט אויפגעפאדערט צו שטארבן.

אלבערט פארסאנס: יא, פאר וועלכע איך ווער איצט אויפגעפאדערט צו שטארבן. פריער פון אלץ איז אונזער מיינונג, אדער די מיינונג פון אן אנארכיסט, אז רעגירונג איז דעס־פאטיזם; אז רעגירונג איז אן ארגאניזאציע פון אונטערדריקונג, און געזעץ, דאס געשריבענע, דאס סטאטוטן־געזעץ, איז איר אינסטרו־מענט. אנארכיע איז אנטי־רעגירונג, אנטי־רעגירער, אנטי־דיקטא־טארס, אנטי־באסעס און אנטי־עקספלואטאטארס. אנארכיע איז די פארניינונג פון געוואלט; די אפשאפונג פון יעדער אויטאריטעט אין סאציאלע ענינים; ס'איז די פארלייקענונג פון'ם רעכט פון הער־

שאפט פון איין מענטשן איבער אן אנדערן. עס איז די אויסשפרייטונג פון רעכט, פון מאַכט, פון פליכטן, אין פרייהייט און גלייכהייט, צווישן אלע מענטשן. אָבער אַנאַרכיע, הער ריכטער, ווי אסך אנדערע ווערטער, ווערט פארטייטשט אין וועבסטער׳ס ווערטערבוך אין צוויי ערליי זינען. צוערשט ווערט עס פארטייטשט: „אָן הערשער אָדער רעגירער“. דערנאָך ווערט עס פארטייטשט: „אומאָרדנונג און כאַאָס“. נו, אין צווייטן זין מיינט עס דאָס וואָס מיר רופן „קאַפּיטאַליסטישע אַנאַרכיע“, ווי מיר זעען עס איצט אין אלע טיילן פון דער וועלט און באזונדערס דאָ, אין דעם געריכט־זאַל; אין ערשטן זין, וואָס הייסט „אָן הערשער“, איז עס דאָס וואָס מיר באַצייכענען מיט׳ן נאָמען „קאָמוניסטישע אַנאַרכיע“, וואָס וועט איינגעפירט ווערן דורך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

סאָציאַליזם איז א וואָרט וואָס דעקט די גאַנצע טעריטאָריע פון מענטשלאַכן פראָגרעס און פאָרטשריט. סאָציאַליזם ווערט פארטייטשט פון וועבסטער׳ן — איך דיינק, אז איך האָב א רעכט צו ריידן וועגן דער דאָזיקער פראגע, ווייל איך ווער דאָ גע׳משפט אלס סאָציאַליסט. איך בין פאר׳משפט אלס סאָציאַליסט, און וועגן סאָציאַליזם האָבן דאָס מיין פריינט גרינעל און זיינע לייט געהאַט אזויפיל צו זאָגן. דיינק איך אלזאָ, אז איך האָב א רעכט צו ריידן פאר׳ן לאנד און געהערט צו ווערן אין מיין אייגענעם נאָמען ווייניקסטנס. אויב איר שיקט מיך צום טויט, זאָל דאָס פאָלק ווייניקסטנס וויסן פארוואָס. אלזאָ, סאָציאַליזם, ווי וועבסטער פארשטייט עס, איז „א טעאָריע פון געזעלשאפט, וואָס פרײדיקט א גענויערע, הארמאָנישערע, מער געאָרדנטע איינשטעלונג פון די סאָציאלע באציאונגען פון דער מענטשהייט, איידער די וואָס האָט ביז אהער עקזיסטירט“. דערפאר, אלץ וואָס איז אין דער ריכטונג פון פראָגרעס און ציוויליזאציע איז, אין פאקט, סאָציאַליסטיש. עס זיינען היינט־צו־טאָג פאראן צוויי באזונדערע פאזן פון סאָציאַליזם אין דער ארבעטער באוועגונג איבער דער גאנצער וועלט. איינע איז באַקאַנט אלס אַנאַרכיזם, — אָן פאָליטישער רעגירונג אדער אויטאָריטעט; די אנדערע איז באַקאַנט אלס שטאַט־סאָציאַליזם אָדער פאַטערנאַליזם, אָדער רעגירונגס־קאָנטראָל איבער אלץ און אלעמען. דער שטאַט־סאָציאַליסט זוכט צו פארלייכטערן די לאַגע פון די לוין־ארבעטער, צו באפרייען זיי דורך דעם מיטל פון געזעץ, פון געזעצגעבערישע אקטן. די שטאַט־סאָציאַליסטן פאָדערן דאָס רעכט צו

דערהויילן זייערע אייגענע רעגירער. די אַנאַרכיסטן ווילן ניט האָבן קיין שום רעגירונג, קיין שום געזעצגעבער. די אנארכיסטן זוכן צו דערגרייכן דעם זעלביקן ציל דורך בטל מאכן דאָס געזעץ, דורך דער אָפּשאַפונג פון יעדער פאָרמע פון רעגירונג, לאָזנדיק די מענטשן פריי זיך צו פאַראייניקן אָדער זיך פאַנאַנדערצוגיין, ווי זייער וואונטש אָדער אינטערעס דיקטירט זיי, ניט צווינגנדיק קיינעם, ניט אָנטרייבנדיק קיינעם.

נו, הער ריכטער, מיר ווערן געשטיצט אין אָט דער פּאָזיציע פון אַ זייער פּראָמינענטן מאַן, ניט פון קיין קלענערן ווי באָקל, דער פּאַרפאַסער פון „די געשיכטע פון דער ציוויליזאַציע". ער דערקלערט, אַז עס זיינען געווען צוויי געגענגעזעצטע עלעמענטן וואָס האָבן געשטערט דעם פּראָגרעס פון דער מענטשלאכער ציוויליזאַציע. דער ערשטער פון די דאָזיקע צוויי כוחות איז די קירכע; די קירכע, וועלכע דיקטירט וואָס דער מענטש זאָל גלויבן. און דער צווייטער כוח איז דער שטאַט, וועלכער דיקטירט אים וואָס צו טאָן. נו, מיין הער, באָקל זאָגט, אַז די איינציקע גוטע געזעצן וואָס זיינען דורכגעפירט געוואָרן פאַר די לעצטע דריי אָדער פיר הונדערט יאָר, זיינען געווען די געזעצן וואָס האָבן צוריקגערופן און בטל געמאַכט אַנדערע, פריערדיקע געזעצן. דאָס איז פּונקט דער שטאַנדפּונקט פון די אַנאַרכיסטן. אונזער גלויבן איז, אַז אָט די אַלע געזעצן דאַרפן אָפּגעשאַפט ווערן, און דאָס איז די איינציקע גוטע געזעצגעבונג וואָס קאָן געמאָלט זיין.

נו, געזעץ איז הפקר־ווילן, און פאָלגלאַך איז דאָס דעספּאָטיזם. אַ געזעץ־אַקט איז איינפאַך עפּעס, וואָס אויטאָריזירט אימיצן צו טאָן עפּעס צו אימיצן אַנדערש אָדער פאַר אימיצן אַנדערש, וואָס ער וואָלט ניט געקאָנט טאָן, ווען ניט דאָס געזעץ, דער סטאַטוט. דער סטאַטוט איז אַלזאָ דאָס אַוועקנעמען, די פאַרלייקענונג פון'ם רעכט פון אַן אַנדערן, און מיר האַלטן דאָס פאַר אַן אומרעכט; מיר באַטראַכטן עס אַלס אַריינדרינגונג אין אַ מענטשנס נאַטירלאַכן רעכט. מערקט אייך, מיר זיינען ניט געגן אַלע געזעצן; דאָס געזעץ וואָס איז אין איינקלאַנג מיט דער נאַטור איז גוט. די קאָנסטיטוציע פון די פאַראייניקטע שטאַטן, ווען זי גאַראַנטירט מיר דאָס רעכט פון פרייער רעדע, פרייער פּרעסע און אומגעשטערטער פאַרזאַמלונג, און דאָס רעכט פון זעלבסט־פאַרטיידיקונג, איז גוט, טאַקע דערפאַר ווייל זי סאַנקציאָנירט די דאָזיקע רעכט. פאַרוואָס? ווייל

די אלע רעכט זיינען אין איינקלאנג מיט דעם נאטירלאכן געזעץ. עס פאדערט זיך ניט קיין סטאטוט, קיין געשריבענער געזעץ צו שאפן אזא פארזיכערונג, אזא גאראנטיע. ווארים דאס זיינען נאטירלאכע, אומבאשטרייטבארע רעכט, וואס איך האב גע'ירש'נט דורך דעם פאקט פון מיין עקזיסטענץ, און דער בלויזער פאקט וואס די רעכט זיינען איינגעשלאסן אין דער קאנסטיטוציע מאכט זיי בשום אופן ניט הייליקער. פארקערט, עס ווייזט נאר, ווי נאריש עס איז צו געבן דורך א קאנסטיטוציע דאס וואס די גוטע מוטער־נאטור האט אונז שוין פריי און גרויסמוטיק געגעבן. וואס מער מיר ווערן רעגירט, אלץ ווייניקער פריי זיינען מיר. איך גלויב ניט, הער ריכטער, אז איר ווערט דאס אפלייקענען.

דער געזעץ־ליבנדער בירגער, ספעציעל ווען ער ווערט אויפגעפאדערט צו טאן עפעס אונטער א געזעץ וואס פארשקלאפט אים, איז אן אונטערטעניקער שקלאף צו דער מאכט וואס רעגירט איבער אים. שטעלט אייך פאר א געקויפטן שקלאף דארט אין די דרום־שטאטן, וואס איז געווען געזעץ־ליבנדיק, וואס איז געווען געהארכזאם; וואס מיינט דאס? דאס מיינט, אז ער האט גאר קיין טענות ניט געהאט; אז ער האט גארנישט געהאט וואס אויסצוזעצן געגן א געזעץ וואס האט אים געמאכט פאר א שקלאף צו אן אנדער מענטשן. נו, דער ארבעטער היינט־צו־טאג דא אין לאנד, וואס זאגט גארנישט, וואס האט גארנישט אויסצוזעצן געגן די אלע געזעץ־פארארדנונגען, וואס פראטעסטירט ניט געגן די אלע שענדלאכע זאכן, וועלכע ווערן פראקטיצירט דורך דער געזעצגעבונג, — אזא ארבעטער איז א געזעץ־ליבנדער, געהארכזאמער ארבעטער. ער איז א פיינער, א רואיקער, א פרידלאכער, א שטילינקער בירגער.

אנארכיסטן זיינען ניט פון דעם סארט. מיר זיינען געגן די אלע געזעצן. צי די רעגירונג באשטייט פון איינעם איבער א מיליאן, צי פון א מיליאן איבער איינעם, — אן אנארכיסט איז פונקט אזוי געגן דער הערשאפט פון מאיאריטעטן, ווי פון מינאריטעטן. אויב מענטש האט א רעכט, האט ער א רעכט, אלציינס צי דאס דאזיקע רעכט ווערט אים פארלייקנט פון א מיליאן, צי פון איינעם. רעכט איז רעכט, און א מאיאריטעט וואס שטעלט זיך אוועק צו דיקטירן צו מינאריטעטן, פארוואנדלט זיך איינפאך אין טיראנען; זיי ווערן אוזורפאטארס; זיי בארויבן זייערע מיטמענטשן פון זייערע נאטירלאכע רעכט. אבער, ווערט איר זאגן, דאס וואלט דאך געמאכט א

סוף צום גאנצן געשעפט פון די געזעץ־פאבריקן. וואס וואלט גע־ווארן פון אונזערע געזעץ־מאכער? יא, הער ריכטער, אבער א מענטש א געזעץ־מאכער איז, לויט מיין באשיידענער מיינונג, א מענטשלאכער שווינדל. גיט נאר א טראכט, מיין הער, וועגן די אלע געזעץ־פאבריקן וואס מיר האבן דא בא אונז, די לעגיסלאטורן פון די שטאטן און פון לאנד, וואו מען פאבריצירט געזעצן, פונקט ווי מען גייט אין א פאבריק צו פאבריצירן שיך. אבער, הער ריכ־טער, דיזעלביקע פאר שיך וועלן דאך ניט פאסן צו יעדן איינעם; ווי זשע קאנט איר מאכן א געזעץ וואס זאל זיך לאזן צופאסן צו די באזונדערע פאלן פון יעדן איינעם?

דאס נאטירלאכע, אומצושטערבארע רעכט פון אלעמען איז דאס רעכט פון יעדן איינעם זיך אליין צו קאנטראלירן. אנארכיע איז א פרייע געזעלשאפט, וואו עס איז ניטא קיין קאנצענטרירטע אדער צענטראליזירטע מאכט, קיין שטאט, קיין קעניג, קיין קייזער, קיין רעגירער, קיין פרעזידענט, קיין מאגיסטראט, קיין מאכטהאבער פון וואס פאר עס איז מין. געזעץ איז די פארשקלאפנדע מאכט פון מענטשן. בלעקסטאן דעפינירט דאס געזעץ אלס א כלל פאר האנדלונג. איך גלויב, אז דאס איז זיין דעפיניציע. קאלאנעל פאסטער, דערלויבט מיר צו פרעגן אייער מיינונג, צי איך ציטיר ריכטיק. בלעקסטאן דערקלערט, אז דאס געזעץ איז א כלל פאר האנדלונג, א כלל, וואס שרייבט פאר דאס וואס איז רעכט און פאר־ווערט דאס וואס איז אומרעכט. זייער ריכטיק. נו, אנארכיסטן האלטן, אז עס איז אן אומרעכט אז איין מענטש זאל פארשרייבן א צווייטן, ווי עס איז רעכט פאר אים צו האנדלען, און דערנאך צווינגען דעם צווייטן אויסצופאלגן די פארשריפט. דעריבער האלטן מיר, אז רעכט האנדלען באשטייט אין דעם, אז יעדער מענטש זאל זיך פארנעמען מיט זיינע אייגענע זאכן און לאזן יעדן אנדערן טאן דאסזעלבע. דער וואס שרייבט פאר א כלל פון האנדלונג פאר א צווייטן אויסצופאלגן, איז א טיראן, אן אוזורפאטאר, א שונא פון פרייהייט. דאס איז פונקט וואס יעדער סטאטוט, יעדעס געשרי־בענע געזעץ טוט. אנארכיע איז דאס נאטירלאכע געזעץ, אנשטאט דעם מענטשן־געמאכטן סטאטוט, און גיט די מענטשן פירער אנ־שטאט אנטרייבער און באסעס. יעדעס פאליטישע געזעץ, סטאטוט אדער מנהג, באקומט זיין רעכט צו אפעלירן פון דעם סטאטוט; דערפאר זיינען אלע פאליטישע געזעצן סטאטוט־געזעצן. א סטא־

טוט־געזעץ איז א געשריבענער שפּיצל, דורך וועלכן דער ביטראַק קליגלט איבער דעם נאַאיוון, נאַרט אים אריין צו טאָן דאָס און דאָס, צוזאָגנדיק אים, אז מען וועט אים באַשיצן, ווען ער וועט עס טאָן. מיט אנדערע ווערטער, א סטאַטוט איז די וויסנשאפט פון לומפּעריי אָדער דאָס געזעץ פון אוזורפּאַציע. ווען עטלאכע פּראָצענטניקעס רויבן אוועק בא די מענטשן די גאַנצע ערד, טרייבן זיי ארויס פון זייערע הייזער און היימען, מאַכן זיי פאר אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע שקלאַפן און בעטלער, לאָזן זיי פירן און אויסגיין פון הונגער, — דערוואַרט מען נאָך, אז די אָרעמע מענטשן זאָלן געהאָרכן און פאָלגן דעם סטאַטוט, ווייל ער איז הייליק!

אָט דער לעבערלאַכער אומזין, אז מענטשלאכע געזעצן זיינען הייליק און אויב זיי וועלן ניט רעספּעקטירט און אויפגעהאַלטן ווערן, קאָנען מיר ניט לעבן אין וואוילטיק, איז דער נאַרישסטער און פאַרברעכערישסטער קאָשמאַר פון אונזער צייט. סטאַטוטן זיינען די לעצטע און גרעסטע קללה פון׳ם מענטשן, און ווען זיי וועלן אָפּגעשאַפט ווערן, וועט די וועלט ענדלאַך זיין פריי. דאָס סטאַטוטן־בוך איז א בוך פון געזעצן, מיט דער הילף פון וועלכע איין קלאַס פון פאָלק קאָן אין זיכערקייט ארויפטרעטן אף א צווייטן קלאַס. אָן דעם בוך וואָלט איין מענטש קיינמאָל ניט געוואגט איבערצומרעטן דאָס רעכט פון א צווייטן. יעדעס סטאַטוט־געזעץ ווערט אלעמאָל גענוצט אנטקעגנצושטעלן זיך וועלכן עס איז נאַטירלאכן געזעץ, אָדער צו אונטערשטיצן א צווייטן, פונקט אזא שעדלאכן סטאַטוט. דער סטאַטוט איז די גרויסע וויסנשאפט פון לומפּעריי, מיט דער הילף פון וועלכער די ווייניקע טראַמפּלען אף די פילע און פאַרשקלאַפן זיי. דער מענטש איז פאַרזאָרגט מיט נאַטירלאכע געזעצן פאר יעדער סאָרט ארבעט וואָס ער דאַרף טאָן. די נאַטירלאכע געזעצן פירן זיך אליין דורך. זיי באַשטראָפן אלע די, וואָס זיינען עובר אף זיי, און באַלוינען אלע די, וואָס פאָלגן זיי. זיי קאָנען ניט צוריקגערופן ווערן, אמענדירט ווערן, אויסגעמידן אָדער אונטערגעקויפט ווערן, און עס קאָסט ניט קיין געלט און קיין צייט און קיין באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט זיי אָפּצוהיטן.

ס׳איז די העכסטע צייט מען זאָל אויפהערן פאַרפאַסן סטאַטוטן נעגן זיי. מיר ווילן געהאָרכן געזעצן, ניט מענטשן, ניט די קונצשטיק, די דריידלאַך פון מענטשן. סטאַטוטן זיינען מענטשלאכע דריידלאַך. דאָס געזעץ — דאָס סטאַטוט - געזעץ — איז דאָס

געווער פון׳ם פייגלינג, דאָס געצייג פון דעם גנב, און נאָך מער — די שילד און דער פּאַנצער פון יעדער ריזיקער געמיינהייט, און דער שוידערלאַכער טאַטע פון אלע פארברעכנס. יעדע גרויסע רויבעריי, וואָס איז ווען באַגאַנגען געוואָרן איבער א פאָלק, איז געווען מיט׳ן כוח און אין נאָמען פון געזעץ. מיט אָט דעם גנבים־געצייג זיינען די גרויסע מענטשן־מאַסן, וואָס באַוואוינען אונזער פּלאַנעט, באַ׳גזל׳ט געוואָרן פון זייער גלייכן רעכט אָף דעם געברויך פון׳ם באָדען און פון אלע באַקוועמלאַכקייטן און געלעגענהייטן וואָס די נאַטור באַט זיי אָן. אין נאָמען פון אָט דעם מאָנסטער (סטאַטוט־געזעץ) זיינען גרויסע סעקציעס פון דער מענטשן־ראַסע געקויפט און פארקויפט געוואָרן ווי פי; דורך אָט דעם סטאַטוט־געזעץ איז די גרויסע מערהייט פון דער מענטשלאַבער ראַסע נאָך היינט־צו־טאָג אונטער דעם אינדוסטריעלן יאָך פון לוין־שקלאַפעריי, און אין זיין נאָמען איז אונזער שיינע ערד אָן א שיעור מאָל פארפלייצט געוואָרן מיט מענטשן־בלוט. פייגלינגע און גנבים, טיראַנען און אוזורפּאַטאָרס באַנוצן זיך מיט אָט דעם געצייג אָף אויסצופלינדערן די עקזיסטענץ־מיטלען פון זייערע מיטמענטשן, אָף אויסצושווינדלען בא זיי זייערע נאַטור־רעכטן, אָף אוועקרויבן בא זיי זייער פרייהייט.

דעם מענטשנס געזעצלאַכע רעכט זיינען אומעטום אין צוזאַמענשטויס מיט זיינע נאַטירלאַכע רעכט; דערפון קומט די טיף־פּאַרוואָרצלטע און ווייט־פארשפּרייטע אומרואיקייט אין אונזער מאָדערנער ציוויליזאַציע. דאָס איינציק הייליקע אייגנטום־רעכט איז דאָס נאַטירלאַכע רעכט פון׳ם ארבעטער אָף דעם פּראָדוקט, וואָס איז די שאַפונג פון זיין ארבעט. דאָס געזעצלאַכע רעכט פון׳ם קאַפּיטאַליסט אָף רענט, פּראָצענט און פּראָפיט איז די אבסאָלוטע פאַרלייקענונג פון דעם נאַטירלאַכן רעכט פון ארבעט. פרייער צוטריט צו די פּראָדוקציאָנס־מיטלען איז דאָס נאַטירלאַכע רעכט פון יעדן מענטשן, וואָס איז פייאיק און וויליק צו ארבעטן. אָבער עס איז דאָס געזעצלאַכע רעכט פון׳ם קאַפּיטאַליסט ניט צו דערלאָזן אזא פרייען צוטריט צו ארבעט און אוועקצונעמען באַם ארבעטער, פאַר באַווילקן אים די פּריווילעגיע פון ארבעטן, דאָס גאַנצע רייכטום וואָס ער שאַפט איבער די נייטיקסטע טרוקענע עקזיסטענץ־מיטלען זיינע.

אַן ארבעטער האָט א נאַטירלאַך רעכט אָף לעבן, און אזוי ווי

לעבן איז אוממעגלאַך אָן די מיטלען פון פּראָדוקציע, נעמט שוין אריין דאָס גלייכע רעכט אַף לעבן אויך דאָס גלייכע רעכט אַף די מיטלען פון פּראָדוקציע. דאָס געזעצלאַכע רעכט פון'ם קאַפּיטאַ־ליסט איז פּאַקטיש די באהויפּטונג, אז איין מענטש האָט א גרע־סער רעכט אַף לעבן ווי א צווייטער, מחמת עס לייקנט דאָך אָפּ די גלייכקייט פון די נאַטירלאַכע באַדינגונגען פאר אלעמען. אונזער איצטיקער געזעלשאַפטלאַכער סיסטעם איז דערום געשטיצט אַף דער לעגאַליזירונג פון רויב, שקלאַפעריי און מאָרד. דער ארבעטער, וואָס קריגט ניט מער ווי א שטיקל טרוקענע עקזיסטענץ אלס פרוכט פון זיין האָרעוואַניע, איז בארויבט. דער ארבעטער, וואָס איז גע־צוואונגען צו בעטלען ארבעט און מוז עס אָננעמען אונטער סאַי וועלכע באַדינגונגען אָדער אויסגיין פאר הונגער, איז א שקלאַף. דער ארבעטער, וועלכער קאָן ניט באַקומען קיין ארבעט, אָבער ער באַזיצט צופיל מענטשלאַכן שטאָלץ צו ווערן א בעטלער, א גנב אָדער א פּראָפעסיאָנעלער קבצן, — אזא ארבעטער ווערט איינפאַך דערמאָרדעט דורך דעם פארפיינערטן פּראָצעס פון לאַנגזאַמער פאַר־הונגערונג.

געזעצן — געראַבטע געזעצן — נאַטירלאַכע געזעצן — ווערן ניט געמאַכט, נאָר אנטדעקט; מאַכן געזעצן איז א באַליידיקונג פאר דער געטלאַכער אינטעליגענץ; און די דורכפירונג פון'ם געזעץ איז א טאַדל אַף גאָט'ס פולקאָמענהייט און זיין מאַכט. איך מאַך, אלס אַנאַרכיסט, די דאָזיקע דערקלערונג פאַר דעם בענעפיט פון אונזערע קריסטלאַכע פּאַסטאָרן, וועלכע זיינען דאָך, דאַכט זיך, אזוי לאָיאַל און איבערגעגעבן צו גאָט'ס געזעצן, און דאָך פארגעסן זיי זיך קיינמאָל ניט מתפּלל צו זיין און צו ארבעטן פאר דער אויבערהער־שאַפט פון די מענטש־געמאַכטע געזעצן און פון דער מענטש־געמאַכ־טער רעגירונג, — אָט די פרומע שווינדלער, וועלכע באַהויפּטן זייער גלויבן אין דער „מאַכט" פון גאָט, בעת זיי באַשעפטיגען פּאָליציי, מיליץ און אנדערע באוואפנטע, פאר געלט גערונגענע נפשות, כדי ארויפצוצווינגען זייערע מענטש־געמאַכטע געזעצן און אויפצוהאַלטן זייער „מאַכט" איבער זייערע מיטמענטשן. א לאָגיק, אָ אויסגע־האַלטנקייט, דו ביזט ווירקלאַך א זעלטענער שאַץ! די דאָזיקע הי־פּאָקריטן האָבן אָפּטמאָל, ווי זיי טוען עס היינט, אנגעווענדט ברו־טאַלע געוואַלט צו צווינגען זייערע מיטמענטשן צו פאָלגן און צו דינען זיי, בעת זיי פרעפלען הינטער זייערע כלומר'שט פרומע

מאַסקעס וועגן זייער „ליבע צו מענטשן און צו גאָט׳ס גרויסער מאַכט“. איך האָף, אז מאַנכע פון זיי וועלן קומענדיקן זונטיק פרי פּריידיקן אף זייערע בעלעמערס איבער אָט דער באַליבטער טעמאַ זייערער.

די עקאָנאָמיק רעגולירט און קאָנטראָלירט דעם געזעלשאַפטלאַכן שטאַנד פון מענטשן. דער וועג, דער אופן ווי מיר פּראָדוצירן אונזער לעבנס־אויסקום באַווירקט אונזער גאַנצן לעבן; די אַלץ־דורכדרינגנדיקע אורזאַך איז די עקאָנאָמישע, ניט די פּאָליטישע, מאָראַלישע אָדער רעליגיעזע, און סאָציאַלע אינסטיטוציעס פון יעדן מין און גראַד שטאַמען, וואַקסן ארויס און ווערן באַשאַפן פון דער עקאָנאָמישער אָדער אינדוסטריעלער איינאָרדנונג פון דער געזעלשאַפט. יעדעס מענטשלאַכע וועזן, באַוואוסטזיניק אָדער אומבאַוואוסטזיניק, איז באַווירקט און קאָנטראָלירט דורך דעם אין אַלצדינג וואָס ער דענקט, זאָגט אָדער טוט. דערפון איז קיין אנטלויפן ניטאָ; קיין אויסמיידונג פון די קאָנזעקווענצן. ס׳איז לאָגיק. ס׳איז אורזאַך און ווירקונג. בייזקייט, רשעות עקזיסטירט אף שריט און טריט; די וואויל־געניייגטע, די פילאַנטראָפּישע, די ברייטהאַרציקע, די גוטע נשמות זוכן רעטונג פון די בייזע איינפלוסן דורך מאָראַלער איינווירקונג, דורך זעלבסט־פאַרלייקענונג, דורך רעליגיע, דורך פּאָליטיק, א. א. וו., א. אַ. וו., אָבער אומזיסט, אומזיסט! די איבלען בלייבן, און ניט נאָר זיי בלייבן, זיי ווערן אַלץ ערגער און ערגער. ווי קאָן דען אנדערש זיין? אז דער קוואַל איז פאַרפּעסטעט, קאָן דען דער שטראָם זיין ריין? ווען די אורזאַך בלייבט, מוזן דען ניט די ווירקונגען נאָכפאָלגן? געפענגענישן, ריכטער און הענקע־פּאָליציי, אַרמייען און פלאָטן, מגפות, נויט, אומוויסנהייט, אויסגעלאַסנקייט, איבלען פון אַלע סאָרטן, פון העכערן און נידעריקערן גראַד, — אַלע פליסן זיי פון איין קוואַל. יענער פליסנדער קוואַל פון מענטשלאַכן וויי איז די עקאָנאָמישע אָדער אינדוסטריעלע אונטעריאָכונג און פאַרשקלאַפונג פון מענטש צו מענטש. יעדע מענטשלאַכע צרה ווערט ארויסגערופן דורך דער פאַרלייקענונג אָדער פאַרלעצונג פון דעם מענטשנס נאַטירלאַכע רעכט, אָדער דורך דער פאַרנאַכלעסיקונג אָדער אומוויליקייט פון׳ם מענטשן צוצופּאַסן זיין לעבן צו די פאָדערונגען פון דער נאַטור. רשעות, פאַרדאָרבנקייט, געפאַלנקייט, אומוויסנהייט, זינד, פאַרברעכן, אָרימקייט זיינען די שטראָפן וואָס די נאַטור לייגט ארויף אף אירע אומגעהאָרכזאַמע

קינדער. דער נאַטירלאכער מענטש איז א גליקלאכער מענטש. ער איז טוגנדהאַפט און גערעכט; דאָס איז באמת אזוי. און דער וואָס טרעט אריבער איבער דאָס רעכט פון א צווייטען, וועט פריער אדער שפּעטער זיך אליין באשטראָפען. די נאַטור איז אומדערבארימלאך. פון איר שטראָף איז קיין אנטלויפען ניטאָ. אָבער אין א גריכט פון גזלנים — פון דער אזויגערופענער „גערעכטיקייט"—אויב איר זיינט א מיטגליד פון דער „סיטיזענס אסאָסיאיישאָן", אָדער אויב איר פארמאָגט א גרויסען באנק־דעפּאזיט — מיט אנדערע ווערטער, אויב איר זיינט א מיטגליד פון דעם אייגענטימער־קלאַס, קאָנט איר ארויס־קריכען פון יעדער צרה וואס איר ווילט נאָר, ווארים דאָס געזעץ איז צום פארקויפען; דאָס הייסט, ווער עס קאָן נאָר קויפען דעם לאָיער, אָנפּאקען די דזשורי און אונטערשמירען דאָס געריכט, דער קאָן גע־ווינען. פאראַן בלויז איין געזעץ פאר די אָרימע, און דאָס איז: פאָלגט די רייכע!

דער עקזיסטירנדער עקאָנאָמישער סיסטעם האָט ארויסגע־שטעלט צום פארקויף אפילו דעם מענטשנס נאַטירלאכע רעכט. וואָס זיינען די דאָזיקע רעכט? נו, פון צווישען די פילע וועל איך אויסרעכענען בלויז איינעם אָדער צוויי. דאָס רעכט צו לעבען, צום ביישפּיל, איז א רעכט וואָס קאָן באַין אופן ניט אוועקגענומען ווערן. אזוי איז אויך דאָס רעכט צו פרייהייט און צו דעם שטרעבען נאָך גליק. נו, ווי אזוי קאָן איך האָבען די דאָזיקע רעכט און גענישען פון זיי, ווען די סאַמע ערשטע באדינגונגען און מיטלען זיי זיך איינ־צושאפען זיינען אין באזיץ פון א צווייטען אלס זיין אייגנטום?

שעקספּיר לאָזט שיילאָק'ן זאָגן אין געריכט־הויז פון ווענעדיג: „דו נעמסט בא מיר דאָס לעבן, ווען דו נעמסט בא מיר אוועק די מיטלען צום לעבן". נו, די לעבנס־מיטלען זיינען מאָנאָפּאָליזירט; די נייטיקסטע עקזיסטענץ־מיטלען פון אלעמען זיינען פארכאפּט און מאָנאָפּאָליזירט פון א הייפעלע מענטשן. דער באָדן, די אינס־טרומענטן פון פּראָדוקציע און קאָמוניקאציע, די רעסורסן פון לעבן ווערן איצט געהאלטן אלס פּריוואט אייגנטום, און די באזיצער צווינגען ארויס א צינז פון די באזיצלאָזע. אף אזא אופן ווערן זיי א פּריווילעגירטער קלאַס פון מיליאָנערן. זיי פארלייקענען דאָס גלייכע רעכט פון יעדן איינעם אף דעם פרייען געברויך פון אונזער אלעמענס ירושה, די ערד. די פארלייקענונג פון דעם דאָזיקן רעכט מיינט טויט פאר דעם, וועמען עס ווערט פארלייקנט. דאָס רעכט

אַף לעבן איז געמאכט געוואָרן פאַר אַ פּריווילעגיע דורכ'ן געזעץ, איז באוויליקט דורכן געזעץ, באוויליקט אדער אָפּגעזאָגט דורך דעם באזיצער צו די באַזיצלאָזע. מענטשלאכע רעכט זיינען צום פאַר־קויפן. „ווען דו ארבעסט ניט, זאָלסטו אויך ניט עסן", זאָגט די הייליקע שריפט. אָבער די וואָס קאָנען באַצאָלן דערפאַר, דרייען זיך ארוים אומבאַשטראָפט פון דעם געבאָט. די וואָס ארבעטן, עסן ניט; און די וואָס עסן ארבעטן ניט. זיי דאַרפן ניט ארבעטן. זיי דינגען אַ הונגעריקן אָרימען טייוול צו ארבעטן פאַר זיי. דער הונ־געריקער מענטש, וואָס בא דעם געדאנק אליין וועגן אים וואָלט די קאַפּיטאַליסטישע פּרעסע אים געוואָלט אויפפרעסן מיט די אויגן, און וואָס די פרומע שווינדלער דערקלערן, אז די געטלאכע השגחה אליין האָט געוואָלט ער זאָל הונגעריק זיין, און וועמען מיר ווען שטענדיק האָבן צווישן אונז, — אָט דער הונגעריקער, געדונגענער מענטש איז אַ סאָציאַלע מכה, דער אויסוואוקס פון אַ צעפּוילטן, פאַרדאָרבענעם אינדוסטריעלן רעזשים.

צום שלום וויל איך זאָגן, אז צוואַנג איז שקלאַפעריי, און די וואָס זיינען אנטערבט, בארויבט געוואָרן פון זייערע נאַטירלאכע רעכט מוזן זיך פארדינגען, מוזן דינען און פאָלגן דעם אונטערדרי־קער־קלאַס, אדער פארהונגערן. קיין אנדער ברירה האָבן זיי ניט. פאַראַן זאַכן וואָס זיינען אומשאצבאר; די אובשאצבארסטע פון זיי זיינען לעבן און פרייהייט. אַ פרייער מענטש איז ניט צום קויפן און ניט צום דינגען.

איר באשולדיקט די אנארכיסטן אין נוצן אדער אין ראָטן אנ־דערע זיך צו באנוצן מיט געוואלט. דאָס איז פאלש. „פון אייער אייגענעם מויל שטייט איר פארדאמטע". די עקזיסטירנדע געזעל־שאַפטלאכע אָרדנונג איז געשטיצט אַף גוואלט, ווערט אויפגעהאלטן און פארליינגערט דורך גוואלט. אָט דער קאַפּיטאַליסטישער סיס־טעם, וואָס מיר האָבן היינט־צו־טאָג, וואָלט קיין פיר און צוואנציק שעה ניט עקזיסטירט, ווען ער וואָלט ניט צוזאמענגעהאלטן געוואָרן דורך די בולאַוועס און די באַיאָנעטן פון דער פּאָליציי און מיליץ. ניין, מיין הער, ס'וואָלט קיין מעת־לעת ניט געהאלטן! נו, זיינען מיר געגן דעם. מיר פראָטעסטירן געגן דעם. אָבער איר באשול־דיקט אונז, אָדער די אָנקלעגער דאָ באַשולדיקן אונז אין די סאמע פאַרברעכנס, אין וועלכע זיי אליין זיינען שולדיק. ס'איז די אלטע, אלטע מעשה פון עזאָפּ'ס פאַבל. דאָס לעמעלע שטייט אין וואסער,

און דער וואָלף שטייט איבער אים. דאָס לעמעלע קוקט ארויף. דאָס וואַסער לויפט צו אים אראָפּ, און דער וואָלף שטייט הויך איבער אים. דער וואָלף קוקט אראָפּ צום לעמעלע און זאָגט: „העי דו, וואָס מאכסטו מיר שמוציק דאָס וואַסער?“ ענטפערט דאָס לעמעלע: „מיין פריינט, איך בין נידעריקער פון דיר אין שטראָם.“ זאָגט דער וואָלף: „דאָס מאכט ניט; סאַי ווי ביזטו מיין פליייש.“ און ער גייט צו אים און פרעסט אים אויף. דאָס איז פּונקט די שטעלונג פון דעם קאַפּיטאַליסט צום אַנאַרכיסט. איר טוט די סאַמע זאַך, אין וועלכער איר באשולדיקט אונז, און געגן וואָס מיר פּראָטעסטירן. נו, די אינסטיטוציע, וואָס איז געשטיצט אף גוואַלט, איז פון זיך אליין פארדאַמט. עס זיינען ניט נייטיק קיין ארגומענטן, לויט מיין מיינונג, עס צו באַווייזן.

די הערשנדע פּאָליטישע עקאָנאָמיע איז געשריבן געוואָרן צו באַרעכטיקן דאָס אוועקנעמען עפּעס פאר גאָרנישט; זי איז געשריבן געוואָרן צו באַהאַלטן די שאַנד פון די רייכע, בעת זיי קוקן אין די פּנים׳ער פון די אָרימע. זיי זיינען דאָס די וואָס שטעמפּלען דעם אַנאַרכיזם אלס א געמיש פון „אונטערצינדעריי, רויבעריי און מערדעריי“; זיי זיינען דאָס די וואָס באַראַבעוועט דאָס פאָלק; זיי וואָס האָבן ליב מאכט און האָסן גלייכהייט; זיי וואָס דאָמינירן, דעגראַדירן און עקספּלואַטירן זייערע מיטמענטשן; זיי, וועלכע נוצן ברוטאַלע מאכט, גוואַלט און אַגולנעם מאָרד, כדי אויפצוהאַלטן און פארלייגנערן זייערע פּריווילעגיעס.

דעם 14טן יולי האָט דער דזשורי־קאַנדידאַט העמיל פאַרנומען זיין פּלאַץ דאָ אין דזשורי־באָקס, און די פראַגע איז אים געשטעלט געוואָרן:

פראַגע: „גלויבט איר אין סאָציאַליזם, אַנאַרכיזם אדער קאָמוניזם?“

ענטפער: „אין אייניקע פון די פּרינציפּן גלויב איך.“

לאַיער אינגהעם וועט זיך דערמאָנען, אז דער דזשורי־מאַן האָט עס געזאָגט.

פראַגע: „גלויבט איר אין טויט־שטראָף, אין הייננגען פאר מאָרד?“

ענטפער: „ניין, איך גלויב ניט.“

פראַגע: „גלויבט איר אין זעלבסט־פארטיידיקונג?“

ענטפער: „יאָ, מיין הער.“

פראגע: „דאן, גלויבט איר ניט, אז די געזעלשאפט האט א רעכט זיך צו באשיצן?"

ענטפער: „ניט אף צו נעמען דאס לעבן."

פארבראקירט „פאר אן אורזאך" דורך מר. אינגהעם.

נו, זעט איר, דא איז א פאזיטיווער באווייז, אז דער קאפיטא־ליסטישער סיסטעם ווערט אויפגעהאלטן דורך גוואלט, ווערט פאר־לייגנערט דורך גוואלט. לאיער אינגהעם רופט עס מיט'ן אבסטראק־טען נאמען „געזעלשאפט". וואס מיינט איר מיט דעם ווארט „גע־זעלשאפט"? וואס איז „געזעלשאפט"? פארשטייט זיך, א לוין־ארבעטער איז ניט קיין צד צו אייער געזעלשאפט, איז ניט קיין טייל פון איר, אויסער וואס ער בויט פאלאצן פאר די לייט, וועלכע פארוואלטן מיט דער געזעלשאפט, זיי זאלן האבן וואו צו וואוינען, און באזארגט זיי מיט פיינע קליידער, געשמאקע וויינען, מיט לוק־סוסן און פארגעניגנס, און אזוי ווייטער. זיי — די ארבעטער — זיינען ניט מער צד צו דער געזעלשאפט, ווי דער שקלאף איז געווען א שותף צו דער פלאנטאציע אין דער סויט. זיי זיינען א טייל פון דער געזעלשאפט, ווי די שטאל־יונגען וואס טוען די ארבעט, האבן אבער קיין חלק ניט אין די בענעפיטן. דאס איז די געזעלשאפט, אף וועלכער מיין פריינט אינגהעם פאררופט זיך.

נו, ווילן מיר ניט זיין קיין אויספאלגער, — מיר אנארכיסטן. מיר ווילן ניט פאלגן דער געזעלשאפט — אט דער אבסטראקטער געזעלשאפט. וואס זיינען זיי — וואנדערבילט, און גולד, און מר. פיל. ארמור, און די גאנצע חברה זייערע? זיי זיינען די פאראזיטן, די פיאווקעס, וועלכע נעמען צו אלץ און גלוסטען נאך מער. דאס איז די געזעלשאפט. דאס שטעלט צוזאמען די היינטיקע געזעל־שאפט. נו, האבן מיר די חברה ניט ליב; מיר ווילן זיי ניט פאלגן. מיר ווילן זיי ניט דינען; מיר ווילן ניט זיין זייערע שקלאפן, און דערפאר, צום טייפל! — וועלן זיי נעמען אונזערע לעבנס, ווייל מיר ווילן זיי ניט פאלגן; ווייל מיר זיינען אנארכיסטן, ווארים אנארכיע מיינט איינפאך אומגעהארכזאמקייט.

איז דאס ניט שענדלאך? — איז דאס ניט לעבערלאך? די איצטיקע געזעלשאפט איז די שקלאפעריי פון די ארבעטער.

נו, יעדער דזשורי־מאן איז געפרעגט געווארן די דאזיקע פראגן פון מר. גרינעל, גלויב איך — אדער מר. אינגהעם: „גלויבט איר אין אפהיטן און מאכן אפהיטן דאס געזעץ?"

„גלויבט איר, אז די געזעלשאַפט האָט א רעכט זיך צו באַ־שיצן דורך'ן געזעץ?"

„האָט איר וועלכע סימפּאַטיעס מיט וואָס פאר עס איז פּע־זאָן אָדער קלאַס, וואָס שטעלט זיך פאר א ציל צו שטירצן געזעץ און רעגירונג דורך גוואַלט?"

נו, הער ריכטער, פרעג איך אייך, וואָס איז רעגירונג, אויב ניט גוואַלט? וואָס איז עס דען? גוואַלט, צוואַנג. דאָס לעצטע מיטל, צו וועלכן געזעץ פאַלט צו, איז צוואַנג. זיי האָבן אין רעזערוו, אלעמאָל אין רעזערוו, פאַרשטייט איר מיך, די פּאָליציי און די מיליץ, אלע־מאָל. כל זמן קיינער פרעגט ניט אָפּ דאָס געזעץ, ווערט נאַטירלאך גאָרנישט געזאָגט וועגן דעם פּאָליציי־שטעקן אָדער דעם באַיאָנעט. אָבער זאָל א סטרייק אויסברעכן; זאָל דער אַרבעטער קלאַס זיך אָפּזאָגן פון איבעראַרבעטן זיך, פון הונגער־לוין, פון געצוואונגענעם ליידיק־אַרומגיין, — גלייך באַווייזט זיך די פּאָליציי, די מיליץ און די פינקערטאָן־אַרמיי, כדי צו פאַרהיטן „געזעץ און אָרדנונג", כדי צו צווינגען, אריינצוטרייבן די אַרבעטער אין געהאָרכזאַמקייט און נאָכגיביקייט, און אזוי אַרום „באַשיצן" די געזעלשאַפט. אויף אזא'ן אופן איז די אַרבעטערשאַפט פאַרשקלאַפט דורך'ן געזעץ. אָ, איר ביטרע זשוליקעס! אָ, איר ביטרע יונגען! דאָס זיינט איר דאָך די וואָס צווינגען דעם אַרבעטער — באַזונדערס ווען ער איז אן אַנאַר־כיסט — צו פאַרנעמען אזא פּאָזיציע. ער איז פאַרדאַמט, ווען ער פאָלגט, און ער איז פאַרדאַמט ווען ער פאָלגט ניט. ס'איז שלעכט אזוי און שלעכט אזוי, אלצאיינס וועלכע שטעלונג ער זאָל ניט נעמען אין דער דאָזיקער פראַגע מיט אָט די דזשענטל־לייט.

און איצט לאָמיך אייך דערמאָנען: דעם 8טן יולי האָט דזשורי־מאַן איימס, פאַרנעמענדיק זיין פּלאַץ אין דזשורי־באָקס, דערציילט, אז ער איז א סוחר פון היטלען און קאַפּן; און ענטפערנ־דיק אויף דער פראַגע, צי האָט ער וועלכע ס'איז פאָראורטיילן געגן אנאַרכיסטן, קאָמוניסטן און סאָציאַליסטן, האָט ער דערקלערט: „די אומגעבונג, אין וועלכער איך האָב פון קינדהייט אָן זיך געהאָ־דעוועט, און מיין גאַנצע דערציאונג זיינען געווען אין פולן געגנ־זאַץ צו עפּעס אזוינס פון דעם סאָרט".

דער שטאַט־פּראָקוראָר גרינעל האָט זיך דאָן אויפגעשטעלט און פּראָטעסטירט געגן דעם וואָס מען פרעגט אויס די דזשוראָרס

וועגן זייער פּאַראורטייל געגן אַנאַרכיזם, קאָמוניזם און סאָציאַליזם. איר פארשטייט? מר. גרינעל האָט געדיינקט, אז ווען ער קאָן נאָר קריגן דעם מאַן — אַזאַ סאָרט מאַן — אין דער דזשורי אריין, וואָלט עס דען ניט געווען א פיינע זאַך פאר אים? און ער האָט ניט געוואָלט, אז אַזאַ סאָרט מענטש זאָל אויסגעפּרעגט ווערן וועגן זיינע פּאַראורטיילן. איינער וואָס איז געגן אַזאַ סאָרט שטאָף און געגן די אלע זאַכן — גרינעל האָט געוואוסט, אז אַזאַ סאָרט מענטש וועט זיין שטאָל און אייזן פאר היינגען אַ מענטשן בלויז דערפאַר וואָס ער גלויבט אין אַזעלכע אידייען. איך בין זיך משער, אז דאָס איז געווען גרינעל׳ס געדאַנק; איך וויים ניט, וואָס פאר אן אנדער אורזאַך ער האָט געקאָנט האָבן צו פּראָטעסטירן. באַ יענער געלעגנהייט האָט גרינעל געזאָגט: „דאָס איז א קלאַגע פון מאָרד. אָט די פראַגע פון אנארכיע איז דאָ איבעריק.“ איר געדיינקט דאָס אודאי, מיינע הערן. „מיר זיינען דאָ צו פּראָצעסירן די מענטשן פאר מאָרד, און ניט ווייל זיי זיינען אַנאַרכיסטן.“ פארגעסט ניט, דאָס איז געווען אָפן צווייטן טאָג פון פּראָצעס. דאָס איז געווען מר. גרינעל; אָבער ער האָט פונדעסטוועגן זייער שטאַרק אין זינען געהאַט אויסצופרעגן יעדן דזשורי־מאַן, צי איז ער אקאָרשט ניט אין סימפּאַטיע, צי איז ער חלילה ניט צו גונסטן פון דער ארבעטער באַוועגונג; צי איז ער אקאָרשט ניט א מיטגליד פון אן ארבעטער־אָרגאַניזאַציע, פון א טרייד יוניאָן — אָ, אים איז געגאַנגען אין לעבן דאָס אויסצוגעפינען; און שפּעטער, ארגומענטירנדיק פאר דער דזשורי, האָט ער — און נאָך אים זיינע געהילפן — סוף כל סוף דאָך דערקלערט, אז די אַנאַרכיע שטייט דאָ פאר׳ן געריכט, און אז דאָס איז אייגנטלאַך די זאַך, צוליב וועלכער מיר דארפן פאר׳משפט ווערן.

און אָט איז אויפגעטראָטן דער דזשורי־מאַן ר. ע. גרייוועס, אַן אויפזעער פון אן אייזנבאַן.

פראַגע: „זיינט איר געגן לייבאָר יוניאָנס, אָדער האָט איר וועלכע פּאַראורטיילן געגן מיטגלידער פון ארבעטער אָרגאַניזאַציעס?“

ענטפער: „יאָ, איך בין געגן; איך בין געגן ארבעטער אָרגאַניזאַציעס פון יעדן און פון אלע מינים.“

ריכטער גערי האָט אים גענומען אויספאָרשן אף אַזאַ אופן:

פראַגע: „איר גלויבט אין אינדיווידואַליזם — דאָס הייסט, אַז יעדער איינער, אַ קאַפּיטאַליסט אדער אַן ארבעטער, זאָל האַנדלען פאַר זיך אַליין, — גלויבט איר אַזוי? איר זיינט געגן קאָמבינאַציעס?"

ענטפער: יאָ, מיין הער."

לאַיער פּאָסטער: „גלויבט איר אין אייזנבאַן־טראָסטס?"

ענטפער: „יאָ, מיין הער."

ער איז ארויסגעלאָכט געוואָרן פון געריכט־זאַל. נו, ריכטער גערי, אין זיינע פראַגן וואָס ער האָט געשטעלט דעם מאַן, לערנט אונז אינדיווידואַליזם. אָבער דאָס איז דאָך אַנאַרכיע, פּראָסט און פשוט.

ריכטער: „נעמט איר דאָס פון סטענאָגראַפישן באריכט?"

פּאַרסאָנס: יאָ, מיין הער."

לאַיער פּאָסטער: „דאָס איז אמת, אף וויפיל עס באַציט זיך אפן ענטפער פון'ם עדות."

ריכטער: „עס קלינגט ניט ווי עפּעס אַזוינס וואָס איך וואָלט געזאָגט."

פּאַרסאָנס: „גלויבט איר אין אינדיווידואַליזם, אַז יעדער איינער, קאַפּיטאַליסט צי ארבעטער זאָל האַנדלען פאַר זיך אַליין— גלויבט איר ניט? הער ריכטער, איך האָב עס אַליין פאַרצייכנט, ווען איר האָט עס געזאָגט. דאָס נעם איך ניט פון סטענאָגראַפישן באריכט."

ריכטער: „מיך ארט ניט; גייט ווייטער."

פּאָסטער: „אף וואָס איך האָב זיך בארופן, איז דעם דזשוראר'ס ענטפער."

ריכטער: „מיינע אייגענע ווערטער זיינען דאָ ציטירט געוואָרן. איך געדיינק עס ניט איצט, אָבער עס איז ניט וויכטיק. גייט אָן."

פּאַרסאָנס: ווען יעדער איינער זאָל האַנדלען פאַר זיך אַליין, ווי דער ריכטער האָט געזאָגט, וואָלט דאָך דאָס געווען פרייהייט, און פרייהייט איז דער סוף פון אויטאָריטעט, פון רעגירונג און פון סטאַטוט־געזעצן.

יולי דעם 13טן — דזשורי־מאַן ריד, אַ מוזיק־הענדלער פון סטייט סטריט. לאַיער אינגהעם פרעגט אים: „אויב די אָנגעקלאָגטע זיינען שולדיק, ווילט איר זיי זען פאַראורטיילטע; און אויב זיי זיינען אומשולדיק, ווילט איר זיי זען פריינעשפּראָכענע, — ניט

אמת?" און ווייטער: „קאָנט איר דען ניט צוהערן זיך צום עדות־זאָגן אין גייסט פון יושר און אומפּאַרטייאישקייט און באשליסן, צי זיי זיינען שולדיק אָדער אומשולדיק?"

דזשורי־מאַן ריד האָט געענטפערט:

„ווען זיי פּריידיקן ניט א לערע, וואָס גראָבט אונטער דאָס געזעץ, וואָס ברעכט דאָס געזעץ, דאַן איז ניטאָ וואָס אויסצוזעצן געגן ארבעטער אָרגאַניזאציעס. עס קאָן דאַן ניט זיין קיין זאך וואָס אויסצוזעצן. איך האָב א פּאַראורטייל געגן וואָס פאר עס איז מאַן, וועלכער זוכט אונטערצוגראָבן די סאָציאלע און פּאָליטישע געזעצן פון לאַנד. איך בין א פריידיינקער."

נו, אָט דער מאַן האָט אונז פאַראורטיילט צום טויט, ווייל מיר זוכן צו אונטערגראָבן די סאָציאלע און פּאָליטישע געזעצן פון לאַנד. ער איז א פריידיינקער. צוליב דער אורזאך האָבן מיר אים אָנגענומען, ווייל מיר האָבן זיך געטראכט, אזוי ווי ער פאַרלאַנגט פאר זיך דאָס רעכט פון פרייען דיינקען אין רעליגיעזע ענינים, וועט ער זיכער זיין קאָנזעקווענט און אונז געבן דאָס רעכט פון פרייען דיינקען אין פּאָליטישע און סאָציאלע פראַגן. אָבער אך! דזשורי־מאַן ריד איז א באָסטאָנער. דאָס איז די געגנט, וואו מען פלעגט פאַרברענען מכשפות און פארמשפט'ן צום טויט אפיקורסים — אָפּטריניקע פון רעליגיע. דאָס רעכט אף פרייען געדאנק איז געוואונען געוואָרן נאָך א יאָרהונדערט פון בלוט־פאַרגיסונג און קאַמף; און איצט, ווייל מיר אַנאַרכיסטן זיינען סאָציאלע און פּאָליטישע אפּיקורסים, וויל ער אונז דערוועַרגן אף דער תליה. דזשורי־מאַן ריד גיט צו דאָס רעכט פון פרייען דיינקען, בעת ער זאָגט אונז אָפּ דאָס רעכט פון פרייען האַנדלען. וואָס פאר א ווערט האָט דאָס איינע אָן דעם צווייטן? וואָס פאר א חוזק עס איז צו זאָגן צו דעם שקלאַף: „דו ביזט פריי צו דיינקען, אז דו וואָלסט געדאַרפט זיין פריי, אָבער דו האָסט קיין רעכט ניט צו זיין פריי!" צו צווינגען מיך צו ארבעטן און ליידן פאר אייער וואוילטיק, און דאַן מיך טרייסטן מיט דער פאַרזיכערונג, אז איך בין פריי צו טראַכטן וועגן דעם וואָס מיר געפעלט, — דאָס איז דאָס גרעסטע חוזק מאַכן פון פרייהייט. דאָס איז די פרוכט פון אויטאָריטעט, פון צוואַנג, פון רעגירונג. דזשוראָר ריד וואָלט געהאַנגען געוואָרן מיט א הונדערט יאָר צוריק. ער הייגט מיך היינט־צו־טאָג. איז דען א וואונדער וואָס איך בין אן אנאַרכיסט?

איך וויל דאָ לייענען פון דעם „אלארם“ אן ארטיקל, וואָס רופט זיך: „ווייסע שקלאַפן — דער ביטערער געשריי פון אָרימע ארבעטער־מיידלאך — אן אמת בילד פון דער ציוויליזאציע אונטער די נידערטרעכטיקייטן פון׳ם קאפּיטאליזם — לעבן, פרייהייט און גליק אין אמעריקא — פאקטן פאר פאַטערס און מוטערס צו באַטראכטן.“ — דערנאָך פאָלגט א צוויי־קאָלומדיקער ארטיקל, ארויסגענומען פון נויאָרקער „איווינינג טעלעגראַם“, א קאפּיטאליסטישע צייטונג, וואָס באשרייבט דאָס לעבן פון די נייטאָרינס אין נויארק — אמעריקאנער מיידלאך, די קינפּטיקע מוטערס פון אמעריקאנער בירגער. איך וועל ניט פארנעמען די צייט פון׳ם געריכט מיט לייענען עס אין גאנצן. איך וועל לייענען א קורצן אויסצוג:

„מען מוז מודה זיין, אז די אויסזיכט פאר די ארבעטער אין אַלע צווייגן פון דער אינדוסטרי איז זייער אנטמוטיקנדיק. עס מאכט לעבעדיק אין געדאנק די מורא׳דיקע געשיכטע אין בלעקוואוד, וואו א געפענגניש פון אייזן איז אזוי געבויט געוואָרן, אז עס זאָל זיך ביסלאַכווייז צענויפציען, ביז עס זאָל ווערן אן אייזערנער קיטל, וואָס צוקוועטשט דעם אַרעסטאנט און מאכט פון אים א פּאַרמלאַזן טייג. די ארבעטערשאפט איז איינגעקלעמט אין אן אייזערנעם שטייג, צונויפגעשטעלט פון צוויי טיילן, — די טענדענץ פון קאפּיטאל צו קאָנצענטרירן זיך אין ווייניקע הענט און דער אומבאַשטרייטבארער פאקט, אז די צאָל ארבעטער וועט שטענדיק וואקסן אין א גרעסערער פּראָפּאָרציע, ווי דער סכום פון ארבעט פאר זיי. אָט די פּונקטן אליין, אויב עס וועט ניט אונטערקומען א סיסטעם וואָס זאָל אָפּ א טיכטיקן אופן זיי אנטקעגנווירקן, וועלן מיט דער צייט אראָפּברייינגען דעם ארבעטער צו א שטאנד, וואָס וועט זיין פיל ערגער ווי שקלאַפעריי. פאקטיש איז שקלאַפעריי געווען אין אַלע פארגאנגענע צייטן די איינציקע שטיקל רפואה געגן די אומדערטרעגלאכע ווייטיקן פון דעם ארבעטס־מענטשן, אָבער א רפואה וואָס האָט אונטערגעגראָבן און רואינירט איין ציוויליזאציע נאָך דער אנדערער.

„דערוויל לאָמיר האָפן, אז די פרויען פון אמעריקא וועלן זיך איינשטעלן פאר זייער געשלעכט און וועלן עפנטלאך פארדאַמען אוממענטשן, וועלכע באָטן אָן יונגע מיידלאך צו ארבעטן זעכציק שטונדן א וואָך פאר ווייניקער וויפיל עס איז נייטיק צו שפּייזן און קליידן זיי. ווי יונג די אמעריקאנער נאציע זאָל ניט זיין, שטייט זי

אָבער היינט פּנים אל פּנים מיט דעם וואונדערלאכסטן פּראָבלעם פון דער ציוויליזאציע. גערעכטיקייט פאר די סטרייקנדע מיידלאך פון וואלאך'ס העמדער־פאבריק איז ניט בלויז אן ענין פאר די פּרוויּעז פון דער גאנצער וועלט; ס'איז אויך דער קלין, וואָס דאַרף פּאַנאנדערפּענען דעם גרויסן פּראָבלעם: „וואָס זיינען די רעכט פון ארבעט?" עס דאַרף זיין קלאָר פאר יעדן סענאטאָר און קאָנגרעסמאן און פאר יעדן איינעם וואָס האָט אן אינטערעס אין פּאָליטישער עקאָנאָמיע, אז דאָס לעבן איז ניט ווערט געלעבט צו ווערן, ווען ערלאכע מיידלאך קאָנען זיך אליין ניט אויסהאַלטן דורך זעכציק שטונדן פון אָנגעשטריינגטער ארבעט. ס'האָט קיין זין ניט צו פּלאפּלען וועגן די גרויסע געזעצן פון אָנבאָט און נאָכפראגע, פּנים אל פּנים מיט דעם מורא'דיקן פאקט, אז אן ערלאך מיידל, וואָס ארבעט אָן אויפהער א גאנצע וואָך, ווערט ניט באלוינט גענוג צו קאָנען באצאָלן פאר איר טיש און איר קליידונג. אין אמעריקא ענדערן מיר באדינגונגען און פארריכטן אומרעכטן דורך אונטערזוכונגען. אין אייראָפּא אָבער גרייט זיך א סאָציאלע רעוואָלוציע, אנטקעגן וועלכער די גרויסע רעוואָלוציע פון פראנקרייך וועט פארטונקלט ווערן."

איך האָב ציטירט דעם ארטיקל, בלויז כדי צו איבערציינגן יענע לייט, וואָס שרייען, אז אונזערע טענות און קריוודעס זיינען אויסגעטראכטע — צו איבערציינגן זיי, אז אָט די קריוודעס זיינען פּאקטן, ניט קיין איינבילדונג.

און איצט לאָמיר באטראכטן די שטאָט שיקאגא. לאָמיר נעמען, הער ריכטער, די פירונג פון די פּאָליטישע ענינים בא אונז אין שטאָט. שיקאגא איז בארימט מיט איר פּאָליטישער קאָרופּציע. לאָמיר נעמען די פּאָליסלייט — ניין, איך גיי ניט זידלען די פּאָליסלייט; דער פּאָליסמאן איז אן ארבעטער, פּונקט אזוי ווי איך. נו, איז עס באוואוסט, אז דעם פּאָליסמאן'ס פּאָזיציע אין דער פּאָליציימאכט היינגט אויסשליסלאך אָפּ פון זיין פייאיקייט און וויליקייט צו שלאָגן, און צו שלאָגן וואָס מער — ארייַנצושלעפּן יעדן איינעם וואָס קומט נאָר אונטער דער האַנט און אים שלאָגן. די פּאָליסלייט דאַרפן קריגן זייערע שטעלעס דורך די אָלדערמען. ס'איז א באוואוסטע זאך, אז זיי דאַרפן געברויכן קאָרופּטע מעטאָדן, כדי דאָס צו קריגן, און ווען איינער איז שוין איינמאָל אין דער פּאָליציי, קאָן מען זיך שוין פאָרשטעלן ווי אונטערוואָרפן ער איז צו די העכערע באאמטע. וואָס זיין עלצטער טראָגט אים אונטער, מוז ער טאָן.

ער מוז פֿאָלגן. ער מוז עס טאָן אַניט פֿאַרלירט ער זיין דזשאַב. איך באַשולדיק ניט די פּאָליציי. דאָס זיינען ניט די איינצלנע וואָס דאַרפֿן באַשולדיקט ווערן. איך זאָג דאָ וואָס איך האָב געזאָגט אויפֿן היימאַרקעט — מיר שטרייטן ניט געגן יחידים, ניט געגן דעם מענטשן, נאָר געגן דעם סיסטעם וואָס פּראָדוצירט די אַלע זאַכן. געגן דעם פּראָטעסטירן מיר.

דאָ איז אויפֿגעהויבן געוואָרן די קלאַגע, אַז מיר זיינען „אויסלענדער“, פּונקט ווי עס וואָלט געווען אַ פֿאַרברעכן געבאָרן צו ווערן אין וואָס פֿאַר עס איז אַנדער לאַנד.

מיינע אור־אור־עלטערן זיינען געקומען אַהער אין לאַנד מיט גאַר אַ היבשער צייט צוריק. מיין פֿריינט נעעבע דאָ איז אַ זון פֿון אַ פּענסילווייניאַ דאָטשמאַן. ער און איך זיינען די איינציקע צוויי, וואָס האָבן געהאַט דעם מזל אָדער דעם שלימזל, ווי איינער קוקט דאַרויף — איך פֿון מיין זייט ווייס ניט און עס אַרט מיך ניט — געבאָרן צו ווערן דאָ אין לאַנד. מיינע אור־אור־עלטערן האָבן געהאַט אַ האַנט אין אויסאַרבעטן און פֿאַרטיידיקן די דעקלאַראַציע פֿון אומאָפּהענגיקייט. מיין אור־אור־אָנקל האָט פֿאַרלאָרן אַ האַנט אין דער שלאַכט אויף באַנקער היל. איך האָב געהאַט אַן אור־אור־אָנקל מיט וואַשינגטאָן אין ברענדיווייַן, מאָנמאָוט און וואַלי פֿאָרדזש. דיינק איך, אַז איך בין דאָ אין לאַנד געווען לאַנג גענוג מיינע רעכט זאָלן מיר גאַראַנטירט ווערן, ווייניקסטנס, אין דער קאָנסטיטוציע פֿון לאַנד. איך בין דערצו נאָך אַן אינטערנאַציאָנאַליסט.

מיין פּאַטריאָטיזם שפּרייזט אַריבער די גרעניץ־ליניע פֿון אַן איין־איינציקן שטאַט. די גאַנצע וועלט איז מיין לאַנד, און די גאַנצע מענטשהייט — מיינע לאַנדסלייט. דאָס איז וואָס דער עמבלעם פֿון דער רויטער פֿאָן באַדייט; ס׳איז דער סימבאָל פֿון די פֿרייע, פֿון די עמאַנציפּירטע אַרבעטער. די אַרבעטער האָבן קיין פֿאָטערלאַנד ניט. אין אַלע לענדער זיינען זיי די באַרויבטע, און אַמעריקע איז קיין אויסנאַם ניט. די אַרבעטער זיינען אין יעדן לאַנד די אָפּהענגיקע לוין־שקלאַפֿן פֿון די רייכע. זיי זיינען איבעראַל סאָציאַלע פּאַריאַס, אָן אַ היים און אָן אַ לאַנד. פּונקט ווי זיי באַשאַפֿן אַלע רייכטימער, אַזוי קעמפֿן זיי אויך אויף אַלע שלאַכטפֿעלדער, ניט פֿאַר זיך, נאָר פֿאַר זייערע הערן. עס וועט נעמען אַמאָל אַ סוף צו אָט דער זעלבסט־דערנידעריקונג. אין דער צוקונפֿט וועלן זיי

קעמפן בלויז אין זעלבסט־פארטיידיקונג און ווען ארבעטן פאר זיך אליין, ניט פאר קיין אנדערן. יעדע רעגירונג איז א קאנספּי־ראציע צו פארשקלאפן דעם ארבעטער.

און איצט לאמיר כאפן א קוק אף דער מאראל פון'ם קאפּי־טאליסטישן סיסטעם. אין דער מאראל פון'ם קאפיטאליסטישן סיסטעם איז אלצדינג צום פארקויף. ליבע, ערע, פרייהייט, — אלעס איז צו פארקויפן; אלץ האט א פרייז אונטער דעם מאדנעם סיס־טעם פון קאמערציאליזם, פראפיט אדער פארלוסט, מ י י נ ס און ד י י נ ס. און דאס הערשט יעדן מענטשן צו ווערן א ליגנער און א היפּאקריט. מענטשן ווערן געלערנט צו זיין היפּאָ־קריטן, צו טראגן א מאסקע אפן פנים, צו ליגנערן, צו מיסרעפּרע־זענטירן, פעלשן יעדע זאך. קיין מענטש קען ניט בלייבן ערלאך און גלייכציטיק מאכן געלט, אדער האבן דערפאלג אין געשעפט. עס איז אוממעגלאך. ערלאכקייט ווערט באשטראפט מיט ארימ־קייט, און אומערלאכקייט באדט זיך אין אלערליי לוקסוסן.

נו, מיין הער, איז דאס ערלאך און אנשטענדיק צו משפט'ן א מענטשן דורך א קלאס־דזשורי פאר אומטרייהייט צו אט דעם קלאס? אן אורטייל פון „שולדיק", וואס קומט פון אזא קוואל, איז אין פארויס באשטימט. קען מען אזא פראצעס באצייכענען אלס אן ערלאכן, אומפּארטייאישן, אדער ניט פאראורטיילהאפטן פראצעס? אומזין! איך גלויב, אז ווען עס וואלטן געווען עטלאכע ארבעטער אין דער דאזיקער דזשורי, וואלטן זיי עפּעס פארשטאנען וועגן אט דער פראגע; זיי וואלטן באטראכט דעם ענין א היבש ביסל אנדערש. ווייניקסטנס, וואלטן זיי געגעבן אונזער צד א גלייכן שאנס.

מען האט דא בארירט דעם קוילן־מאנאפּאל. די קאפּיטאליס־טישע צייטונגען אין שיקאגא האבן זיך צעשריען: „דערשטיקט עס!" דאס איז וואס פילדן האט געזאגט אפן היימארקעט. די צרה איז, וואס אזוי גיך ווי די פראגע ווערט בארירט, גיט זיך א ריס אויף די טיר צום סאציאליזם, און עס דוכט זיך זיי, אז זיי אלע פאלן אהין אריין מיט'ן קאפּ אראפּ. עס איז אומזיסט צו ריידן צו זיי וועגן דעם. די קוילן־באראנען האבן זיך געטראפן אין א קאבי־נעט פון א ניו יארקער האטעל — לעצטן יאר איז דאס געווען — און האבן געהעכערט דעם פרייז פון קוילן, וואס איז א פרייע מתנה פון דער נאטור פאר אלע אירע קינדער, אזוי ווי לופט, פייער און

וואסער. אַט די קוילן־מאָנאָפּאָליסטן, זאָג איך, האָבן געהעכערט דעם פּרייז פון קוילן מיט פופציק סענט אפן טאָן, וואָס דאָס מאכט אויס א יערלאכע העכערונג פון 30 מיליאָן דאָלאר אפן חשבון פון די נויטבאדערפטיקע מאַסן פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

אָבער מיט א פּאָר טעג צוריק זיינען דיזעלביקע קוילן־מאָנאָפּאָליסטן ווידער זיך צענויפגעקומען און האָבן געהעכערט דעם פּרייז פון אַנטראַציט (הארטע קוילן) מיט 15 סענט אפן טאָן, און דורך באַגרעניצונג פון דער פּראָדוקציע האָבן זיי נאָך ווייטער געהעכערט דעם פּרייז פון די קוילן וואָס זיי האָבן געהאט אין זאַפּאַס אפן מארק — און דערמיט פאַקטיש ארויפגעלייגט א שטייער אף אַט דעם סאַמע נייטיקסטן לעבנס־מיטל, באַשטייערנדיק דאָס פּאָלק, וועסט און איסט, און ארויסווארפנדיק פון דער ארבעט א הונדערט טויזנט מיינערס, צו ליידן הונגער און קעלט.

לעצטן יאָר בין איך געווען אין דער וועסט. איך בין ארויסגערופן געוואָרן פון די נייטס אָוו לייבאָר אין קענזעס אפן פערטן יולי, צו האלטן פאַר זיי א רעדע. רייזנדיק דורך דער געגנט בין איך דורכגעפאָרן קענזעס, נעבראַסקאַ, אייאָווא און מיזורי, און צווישן די פּלעצער וואָס איך האָב באַזוכט, זיינען אויך געווען די קוילן־מינעס. איך בין ארונטערגעגאנגען אין די קוילן־גרובן. איך האָב געזען ווי די קוילן־ביזנעס ווערט אָנגעטריבן. זיי גראָבן ארויס די קוילן פון טיף־גרונט, און ברענגען עס ארויף צו א פּלאַץ, וואָס זיי רופן „סקרינינג" — די „זיפּעריי". עס זיינען פאַראַן עטלאכע סאָרטן קוילן, דרייערליי — די גרויסע שטיקער, די נוס און די „זיפּשטיקלאך". די זיפּ־שטיקלאך זיינען יענער טייל פון דער קויל, וואָס פאַלט דורך א געוויסער זיפּ, און אין דעם גייט אריין דער שטויב, גאַנץ קליינע שטיקלאך קויל. אַט דער סאָרט, זאָגן מיר די מיינערס, מאכט אויס ארום א פערטל טאָן צו יעדן טאָן קוילן. נו, דער מיינער קריגט גאָרנישט פאַר אַט די דראָבנע קוילן, קיין איין סענט נישט. פאַר דעם באַצאָלט מען נישט. לעצטן פערטן יולי האָב איך צוגעזען די אלע זאַכן, פאָרנדיק דורך די שטאַטן, און ווען איך בין צוריקגעקומען, בין איך געווען אין א זייער געדריקטער לאַגע. איך האָב נישט געהאט גענוג געלט צו קויפן א טאָן קוילן מיט אַמאָל. איך האָב געדאַרפט קויפן מיינע קוילן עמערלאך־ווייז, און איך האָב געצאָלט צען סענט פאַר אַן עמערל קוילן יענעם ווינטער, און די קוילן וואָס איך האָב געקויפט, זיינען געווען די

„סקרינינג“ — דער זיפּ־שטויב, פאַר וועלכע די מיינערס קריגן קיין סענט ניט. עס האָט מיר געקאָסט 9 דאָלאַר א טאָן, און די מיינערס האָבן דערפאַר קיין סענט ניט באַקומען. און דאָך זיינען פאַראַן מענטשן, וואָס זאָגן, אַז אונזערע קריוודעס זיינען איינגערעדטע, אַז עס איז ניטאָ קיין ממשות אין זיי.

נו. דאָ האָט איר א שיינע זאַך צו לייענען בא אונז אין לאַנד, אין דער איצטיקער צייט. א מאַן איז אינטערוויואירט געוואָרן די טעג פון א צייטונג אין שיקאַגאָ. זיין נאָמען איז גראַף אָדער פירסט שאַסטאַקאָוו, מיניסטער פון דער רוסישער פלאָטע, וועלכער רייזט איבער אַמעריקאַ צוליב זיין געזונט. אָט דער מיניסטער, אָט דער גרויסער מאַן פון׳ם צאַר׳ס הויכן ראַט, האָט אויפגענומען די רעפּאָרטערס, און ער האָט געפרעגט: „האָט איר שוין געהאַנגען אייערע ניהיליסטן?“, מיינענדיק די פאַר׳משפט׳ע אַנאַרכיסטן. און ווען מען האָט אים געזאָגט, אַז אַלע זיינען זיי פאַר׳משפט, אַז זיי זיצן אין געפענגניש און דאַרפן באַלד געהאַנגען ווערן, האָט ער אויסגעדריקט זיין האָפנונג, אַז די הינריכטונג וועט פאַרקומען וואָס גיכער. און האָט שטאַרק געטאַדלט יעדע פאַרשפּעטיקונג אין אַזאַ ענין. אָט אָט איר אייך אַן אויסלענדער — א „פאַרייַנער“ — איר וואָס איר רעט כסדר וועגן „פאַריינערס“ — אָט האָט איר א „פאַריינער“ זייער א גוטן, לויט אייער געשמאַק. איר גייט הייגגען די מענטשן אויפן סמך פון דער טעאָריע, וואָס זיי זיינען אויסלענדער. עס איז פאַקטיש געמאַכט געוואָרן א גאַנצער ווען פון אָט דעם פּונקט — דער פּראָקוראָר האָט עס אַריינגע׳טענה׳ט אין דער דזשורי — אַז אַזוי ווי מיר זיינען אויסלענדער, זיינען מיר פיינדלאַך צו די גרויסע און נאָבעלע אינסטיטוציעס פון אונזער אַמעריקאַ. „זיי זיינען ניט געבאָרן געוואָרן דאָ“; און מען האָט ווירקלאַך זיך גענומען די מי צו מאַכן די דזשורי גלויבן, אַז קיינער פון אונז איז דאָ ניט געבאָרן געוואָרן — אַז אַלע זיינען מיר אימפּאָרטירטע; און דאָס האָט גענומען די דזשורי; עס האָט געהאַט א ווירקונג אַף איר. און אָט קומט דער חברהמאַן פון צאַר׳ס מלוכה.

ער זאָגט: „דזשענטלמען, דאָס איז געווען א גוטער דזשאָב!
פירט עס דורך ביזן סוף; האָט מיט זיי קיין איינזעעניש ניט!“

נו, איך פאַרדאַם אַזאַ האַנדלונג. אָבער איר זאָגט מיר זיינען רעוואָלוציאָנערן. נו, און אַז מיר זיינען, ווער האָט אונז געמאַכט פאַר אַזעלכע? זיינען עס ניט די עקספּלואַטאַטאָרס פון אַרבייטער, די

מאָנאָפּאָליסטן, די צאַרן פון מינען, פאַבריקן און וואַרשטאַטן, וואָס באַשאַפן די רעוואָלוציע? זיי זיינען די רעוואָלוציאָנערן.

איך בין בלויז אן אומצופרידענער, א „קיקער“. איך פּראָטעסטיר, איך זאָג: „ניין! נעמט אראָפּ דעם יאָך פון מיין נאקן, נעמט אים אראָפּ, איך וויל אים ניט האָבן דאָרט“, און זיי ענטפערן: „דו שטיי אקאָרשט שטיל, און לאָז אונז ארײנשטעקן נאָך א שטיפט און נאָך א קלאמער, און נישקשה, דו וועסט שוין טראָגן דעם יאָך אויסגעצייכנט — אויב ניט, וועלן מיר דיך אוועקפירן אין דער פּאָליציי; און טאָמער וועסטו מאכן א ליאַרם וועגן דעם, וועלן מיר דיך הייגען!“ מיין הער, אונזער היינריכטונג וועט זיין א לעגאַלע באַקאַנטמאַכונג צו די ארבעטער פון אמעריקע, זיי זאָלן געוואָרנט זיין דורך אונזער שיקזאַל, אז זיי טאָרן ניט האָפן און דערוואַרטן, אז וועלכע ס'איז פון זייערע טענות, פון זייערע אזויגערופענע „איינגעבילדעטע“ קריוודעס זאָלן פארריכט און גוטגעמאַכט ווערן.

נו, הער ריכטער, איך האָב זיך אויסגעברייטערט אין דעם ענין צוליב דעם ווייל איר האָט געזאָגט, אז עס איז ניטאָ קיין שום אנטשולדיקונג פאר אזעלכע שאַרפע רייד ווי מיר האָבן גערעדט, און פאר אַזאַ סאָרט אָרגאַניזאַציע, ווי אונזערע. איך גלויב, אז איר האָט באַנוצט אזא שפּראַך. איך האָב זיך אלזאָ ארײנגעלאָזט באריכות אין דעם ענין, כדי אייך צו ווייזן, א אין פאַל איר זיינט פארפירט געוואָרן פון א מיספארשטענדעניש, בין איך גרייט דאס דאָזיקע מיספארשטענדעניש אויפצוקלערן. דאָס איז געווען דער צוועק פון דעם וואָס איך האָב געזאָגט און געהאַט צו זאָגן. און איצט, איידער איך ענדיק אָפּ מיט דעם פונקט וועגן „ניטאָ קיין אנטשולדיקונג“, וויל איך איבערלייענען א לייט־ארטיקל פון „שיקאַגאָ דיילי ניוס“ פון'ם 25טן סעפּטעמבער. וואָס איז היינט? דאַכט זיך, אָקטאָבער?*)

---

*) באַמערקונג: איך בין געווען שטאַרק אויסגעמאַטערט פון פיזישער און גייסטיקער אָנשטרענגונג, האָבנדיק גערעדט צוויי שטונדן דעם טאָג פריער און איבער פיר שעה אָן אויפהער דעם זעלביקן טאָג, ווייל דער ריכטער האָט מיר אָפּגעזאָגט אפילו א קורצן איבער־רייס מיטאָג־צייט. מערערע מאָל, אין פארלויף פון מיין רעדע, האָט דער ריכטער, דורך זיינע האַנדלונגען און מינעס, ארויסגעוויזן זיין אומגעדולד, פארשאַפנדיק אומבאַקווימלאַכקייט דעם רעדנער. ווען איך האָב געפרעגט די פראַגע, האָב איך געפילט, אז מיין זכרון פארלאָזט מיך.

דזשענעראל פארסאנס. — יא, דער 9טער אקטאבער.

פארסאנס. — ס'האנדלט זיך וועגן דער דאזיקער ארבעטער באוועגונג: „די גאר שטארקע מעגלאכקייט, אז מר. דזשארדזש זאל דערוויילט ווערן אלס מעיאר פון נויארק, האט אויך א באדייטונג פאר דעם אזויגערופענעם קאפיטאליסטישן קלאס אין אונזער שטאט. א קורצער איבערבליק איבער דעם אנהויב און אנטוויקלונג פון דער אנארכיסטישער באוועגונג, וואס האט זיך פארענדיקט אפן היימארקעט דעם לעצטן פערטן מאי, וועט דאס קלאר מאכן:

„נאך די גרויסע אייזנבאן־סטרייקס פון 1877 איז געקומען דער באנקראט פון די סייווינגס־ביינק (שפאר־באנקען), די אומבאשטראפטע פארבאפונגען פון די לייט, וועמען די ארימע האבן אנפארטרויט זייערע לעצטע אפגעשפארטע סענטן, און די אומגעהייערע אימיגראציע וואס האט פארגרעסערט די קאנקורענץ פאר ארבעט און אריינגעבראכט אין לאנד א גרויסן שטראם פון די קרבנות פון ביסמארק'ן און ביסמארק'ס קנעכטשאפט־רעזשים — אן עלעמענט וואס האט געקאכט מיט לעבן און איז גרייט געווען אף פארצווייפלטע אקטן. אונטער אזעלכע אומגינסטיקע אומשטענדן האבן זיך פארמירט ארבעטער־פארטייען און ארבעטער ליסטן זיינען ארויסגעשטעלט געווארן אין די וואלן. מאנכע פון די דאזיקע פארטייען זיינען פארשלונגען, אנדערע דיסארגאניזירט געווארן, אבער א טייל פון זיי זיינען אריינגעפאלן אין די הענט פון די סאציאליסטן, וועלכע האבן געפונען צייט אויפצובויען א פארטיי, וואס האט דערוויילט פריינק שטאובער צום סיטי קאונסיל אין פערצנטן װארד". איך, הער ריכטער, בין געווען א פראמינענטער טוער אין אט די אלע זאכן, וואס ווערן דערציילט אין די „ניוס".

„שטאובער איז שפעטער פארשטארקט געווארן דורך דער דערוויילונג פון אלפיטער אין זעקסטן װארד און פון נאך איינעם אין פערצנטן װארד און פון קרים מייער אין פופצענטן, בעת די סאציאליסטישע ארבעטער קאנדידיטן פארן פינפטן און זיבעטן װארד זיינען באזיגט געווארן בלויז מיט א גאנץ קליינער מערהייט. אלפיטער און שטאובער האבן צוריקגעווארפן אלע איינלאדונגען און אנבאטן מצד דעם רינג, וואס האט דאמאלס, אזוי ווי איצט, קאנטראלירט די שטאט־פאליטיק. זיי זיינען געווען געפאנצערט קעגן אלע פארזוכן פון אונטערקויפן און איינשרעקן, און די פארטיי, וואס

זיי האָבן אזוי געטריי און ערנהאפט רעפּרעזענטירט, איז געווען אפן וועג צו ווערן א מעכטיקע און זייער אומבאקוועמע אָפּאָזיציע צום רינג. אבער בא די שטאָט־וואלן נעקסטן יאָר האָט „קעבעדזש“ רייען אין זעקסטן וואָרד אָן אין אפּענעם אופן אריבערגעטראָטן דעם געזעץ פון׳ם שטימקאסטן. דורכדעם איז אלפּיטער ארויסגעשווינדלט געוואָרן פון זיין פּלאַץ אין סיטי קאָונסיל און דער געזעץ־ברעכער איז באשיצט געוואָרן פון שטראָף; די קלאגע געגן אים איז ארויס־געוואָרפן געוואָרן פון געריכט אָן א שום פארהער. דאָן, אין א יאָר ארום, זיינען געקומען נאָך אומגעזעצלאכע אקטן, דאָס אויפברעכן פון׳ם שטימקאסטן אין צווייטן דיסטריקט פון׳ם פערצנטן וואָרד און דער שווינדל און פאלש שווערן, דורך וועלכע שטאובער איז פאר 23 חדשים צייט ניט צוגעלאָזן געוואָרן צו זיין פּלאַץ אין סיטי קאונסיל, און דער שווינדל און דאָס פאלש שווערן זיינען ווידער אמאָל פארקוקט געוואָרן פון די געריכטן. דאָס איז געשען אין דעם זעלביקן טאָג און אין די זעלביקע וואלן, ווען קולערטאָן האָט גע־וואונען מיט א פארדעכטיקער מערהייט פון בלויז 20 שטימען אי־בער א סאָציאליסט מיט׳ן נאָמען באומאַן, און דער סיטי קאונסיל האָט דעם געגן־קאנדידאט פאקטיש ניט געגעבן קיין שום געלעגנ־הייט פארצולייגן זיינע טענות אין פארטיידיקונג פון זיינע רעכט. איינער פון די שווינדלען איז באגאנגען געוואָרן אין די אינטערעסן פון דער רעפּובליקאנישער פארטיי, א צווייטער — אין די אינטע־רעסן פון דער דעמאָקראטישער פארטיי. די געשיכטע נייטיקט זיך ניט אין קיין קאָמענטאַרן, און עס איז קיין וואונדער ניט וואָס די פארטיי איז ארויסגעשטויסן געוואָרן פון פּאָליטישן פעלד, ניט זייענ־דיק בכח זיך צו ראנגלען מיט די זשוליקעס פון די אנדערע פּאר־טייען.“

און דער לייט־ארטיקל־שרייבער באמיט זיך ווייטער צו ווייזן, אז עס זיינען געווען אָט די זאכן, וואָס האָבן געבראכט צו אַנאַרכיע און דערפירט צו דער היימארקעט־אפּערע; געבראכט צו דער אפּערע — דאָס הייסט, הער ריכטער, ער נעמט אָן, אז מיר, די אָנגעקלאָגטע, די פאראורטיילטע פון דער דזשורי, זיינען טאקע שולדיק אין דעם אקט, וואָס מיר לייקענען דאָ איצט אויסדריקלאך אָפּ. אָבער דער רעדאקטאר פון „ניוס“, אָננעמענדיק אז מיר זיינען די אמת־שול־דיקע, זאָגט דאָך, אז עס זיינען געווען מילדערנדע אומשטענדן; אז עס איז געווען אימיצער, וואָס טראָגט די מאָראלישע פאראנטוואָרט־

לאכקייט, אפילו ווען מיר זאלן זיין פערזענלאך שולדיק אין דעם פארברעכן.

אין פארבינדונג מיט אט די „מילדערנדע אומשטענדן" האט מען מעיאר העריסאן׳ן מיט א דריי וואכן צוריק געשטעלט די פראגע: „ווי געפעלט אייך דער אורטייל איבער די אנארכיסטן?" ער האט געענטפערט: „איך האב קיין חשק ניט צו ריידן וועגן דעם. מיר האבן באשטראפט די מענטשן וואס האבן געבראכן דעם געזעץ, און איצט בלייבט פאר אונז צו היילן די קראנקהייט". וואס מיינט דאס, הער ריכטער? דאס מיינט, אז מיר זיינען אן עפעקט, א רעזולטאט. מעיאר העריסאן זאגט, אז מיר זיינען דער רעזולטאט פון א קראנקהייט. נו, וואלט עס ניט געווען קאמיש, ווען א דאקטאר זאל זיך נעמען היילן דעם רעזולטאט פון א קראנקהייט, אנשטאט די קראנקהייט גופא? איר וואלט דאך קיינמאל ניט לויז געווארן פון דער קריינק, ניט אמת? איר וואלט דאך אזויערנאך קיינמאל ניט אנגערירט די אורזאך. דער מעיאר פון דער שטאט שיקאגא זאגט, אז מיר זיינען דער עפעקט, דער רעזולטאט. נו, לייג איך דאס דא פאר אלס א מילדערענדן אומשטאנד און אלס א טייל פון מיין בקשה פאר א נייעם פראצעס.

דער מעיאר האט געזאגט: „ס׳איז דא א ווייט-פארשפרייטע אומצופרידנקייט צווישן דער ארבעטער-באפעלקערונג — וועגן דעם איז קיין ספק ניטא; עס קאן ניט געהיילט ווערן מיט קוילן אדער מיט די בולאוועס פון די פאליסלייט. מיר דארפן פריער פון אלץ באזייטיקן די סבה, די אורזאך. דאס איז די אויפגאבע, וואס שטייט היינט-צו-טאג פאר די דיינקנדע מענטשן, פאר די געזעצגעבער. עס איז קיין צווייפל ניט, אז די ארבעטער-מאסן איבערן גאנצן לאנד האבן א גרונט צו זיין אומצופרידן. געזעצגעבונג אין די אינטערעסן פון די גרויסע קארפאראציעס און מאנאפאלן און קיין שום געזעצגעבונג לטובת די ארבעטער קלאסן — דאס איז דער פאקט. דאס איז וואס מאכט דעם ארבעטס-מאן אומצופרידן. איר מוזט דאס אלעס ענדערן, און עס מוזן דערווייל ווערן געזעצגעבער, וועלכע קאנען ניט געקויפט ווערן פון די קארפאראציעס — אניט, וואס וועט געשען? עס וועט קומען א טאג, ווען דאס פאלק וועט זיך אויפהויבן, המון נאך המון, און וועט מוזן אונטערדריקט ווערן מיט קוילן, און דאס וועט זיין דער סוף פון פרייער רעגירונג."

אבער, הער ריכטער, דאס איז דאך גענוי וואס איך האב גע-

זאָגט א הונדערט. אפשר א טויזנט מאָל. דאָס איז אַלץ וואָס איך האָב ווען עס איז געזאָגט. גייט און כאַפּט העריסאָנען — ברייגגט אים אהער. ער איז פאַרן געזעץ פּונקט אזוי שולדיק, אפן סמך פון יענע ווערטער, ווי איך היינט נאָכמיטאָג. איך זאָג עס, כדי צו ווייזן, אז עס זייגען פאַראַן מילדערנדע אומשטענדן — אפילו ווען מיר זאָלן זיין שולדיק, ווי אָנגעקלאָגט, וואָס דאָס לייקענען מיר. מעיאָר העריסאָן זאָגט, אז עס איז דאָ א „ווייט־פאַרשפּרייטע אומ־צופרידנקייט צווישן דער ארבעטער באַפעלקערונג, וואָס קאָן ניט געהיילט ווערן דורך קוילן און פּאָליציייסקע שטעקנס.״ נו, ווייל איך פרעגן דעם ריכטער, אויב ער דיינקט, אז די אומצופרידנקייט קאָן געהיילט ווערן דורכדעם וואָס מען וועט אונז הייגגען?

נעמט דעם גאָווערנאָר פון דעם דאָזיקן שטאַט — גאָווערנאָר אָגלסבאַי. ניט לאַנג צוריק האָט ער געהאַלטן א רעדע וועגן מאָנאָ־פּאָל. ער האָט געזאָגט, אז מיר שטייען אף א סאָציאַלן וואולקאַן. וואָס האָט ער געמיינט דערמיט? ווען ער וואָלט געמאכט אזא באַ־מערקונג אפן היימארקעט, וואָלט ער היינט געזעסן דאָ אף דער באַשולדיקונגס־באַנק און וואָלט איבערגעליפערט געוואָרן צום תליון. ווען ער וואָלט צופעליק זיך געפונען אפן היימארקעט מיטינג און געמאכט אזא באַמערקונג — ווען עס וואָלט געווען אזא צוזאַמענ־שפּיל פון אומשטענדן, וואָס וואָלט אים געבראכט אפן היימארקעט, און ווען ער וואָלט געווען אן ארבעטער — וואָלט דאָס געווען זיין שיקזאַל.

קיינער פון די אָנגעקלאָגטע איז קיינמאָל ניט געווען ארעסטירט, קיינער פון אונז; און איך בין קיינמאָל ניט ארעסטירט געוואָרן. איך בין געקומען אין געריכט מיט מיין אייגענעם ווילן. די אנדע־רע זיבן זייגען קיינמאָל פריער ניט געווען ארעסטירט, קיינמאָל ניט שכור געווען, קיינמאָל ניט הפקר׳דיק געווען. ניכטערע, געזעצטע, פלייסיקע, אינטעליגענטע, אָרענטלאכע, ערנהאפטע, אנשטענדיקע ארבעטער, קיין פלעק, קיין פּגימה, קיין שפּריינקעלע ניט אף קיינעם פון די אכט.

און איצט צו דער פראגע פון גילמער און בוירנעט. איך, אלס איינער וואָס ווערט גע׳משפּט, וועלנדיק וויסן וואָס אייער באַשלוס וועט זיין אין דער פראגע, צי וועט מיר געגעבן ווערן א שאַנס צו באַווייזן מיין אומשולד, גע׳משפּט אף דאָס עדות זאָגן פון א מענ־

משן ווי גילמער, — איך האב אוועקגעשטעלט דעם מאן בוירנעט אלס געגנזאץ, אלס אפשטרייט צו גילמער'ן. בוירנעט איז אויסער יעדן חשד. קיינער האט ניט געצווייפלט אין זיין ווארהאפטיקייט. ער איז געשטאנען דא אלס ערנהאפטער מענטש. אבער ניט גילמער. דעם שטאטס־פראקוראר איז געגאנגען אין לעבן צו ברייננגען צו דעם רעזולטאט, וואס איז געווען ווי געוואונטשן פאר אים. און אגב אורחא — כ'וויל דא גלייך באמערקן, אז עס איז ניט קיין באזונ־דערער קרעדיט פאר דער אנקלאגע וואס זי האט ארויסגעבראכט אזא אורטייל. אלע רעגלען פון באווייזפירונג און געריכט־פראצעדור זיינען אומגעשטירצט געווארן דא אף דעם פראצעס. אנשטאט צו ווערן באטראכט אלס אומשולדיק, איידער אונזער שולד איז פעסטגעשטעלט געווארן, האט מען לכתחלה אנגענומען, אז מיר זיינען שולדיק, סיידן מיר זאלן פעסטשטעלן אונזער אומשולד. די גאנצע קאפיטאליסטישע פרעסע, די גאנצע פאליציי, די באנקירן, מיליאנערן א. א. וו., אלעס און אלע זיינען געווען געגן אט די מענ־טשן. מיר האבן ניט געהאט קיין געלט, קיין איינפלוס, קיין פריינט. ס'איז געווען גאר ניט שווער צו ברייננגען צו אזא רעזולטאט, און אויב זיי האבן ניט געהאט קיין פראצעס, האבן זיי אים געקאנט לייכט מאכן. ס'איז געווען זייער א לייכטע זאך פאר זיי עס צו טאן — זייער און זייער א לייכטע זאך. נו, מר. גרינעל האט גע־מוזט וויסן, אז גילמער'ס עדות זאגן איז פאלש. איך ווייס ניט באשטימט, צי ער האט געוואוסט, צי ניט. אבער מיר דוכט זיך, אז ער האט גערארפט, אז ער האט געקאנט וויסן, ווייל עס איז קלאר דעמאנסטרירט געווארן דורך דעם עדות בוירנעט, וועלכער איז געשטאנען דא פארן געריכט, און וועמעס עדות זאגן איז אויס־סער יעדן פארדאכט, — ס'איז באוויזן געווארן, אז נאך דעם 6טן מאי איז ער געגאנגען צו פראקוראר גרינעל און האט גערעט מיט אים, און מר. גרינעל האט געהאט מערערע אינטערוויוס מיט אים, מיט דעם אויסדריקלאכן צוועק אז ער, בוירנעט, זאל דערקענען דאס בילד פון שנאובעלט און פעסטשטעלן ניט אנדערש נאר אז ער, שנאובעלט הייסט עס, איז באגאנגען דעם פארברעכן. אבער בויר־נעט האט זיך אנטזאגט עס צו טאן. ער האט גע'טענה'ט: „ניין, ניין! דאס איז ניט דער מאן. אחוץ דעם, ס'איז ניט געווען אף דעם אופן ווי איר זאגט. דער מאן איז געשטאנען ווייטער ארונ־טער. ס'איז ניט געווען באם קווער־געסל."

נו, בוירנעט'ס עדות זאָגן האָט ווידערשפּראָכן יעדע דערקלע־רונג פון גילמער'ן, און בוירנעט איז אויסער חשד, און גילמער איז אומבאגלויבט. אויב דער פּראָקוראָר האָט געוואוסט דעם פאקט, אויב ער האָט געוואוסט, אז בוירנעט איז אן ערלאכער מאַן, און איז געקומען צו אים אין אָפּיס און האָט זיך אנטזאגט צו דערקענען שנאובעלט'ן, — הער ריכטער, האָט דער פּראָקוראָר ניט גענומען אף זיך א זייער בלוטיקע שטיקל ארבעט? איך זע ניט, ווי אזוי ער וועט זיך ריינוואשן פון דעם. מעגלאך אז יאָ, אָבער מיר דוכט זיך, אז ווען דער אורטייל זאָל אויסגעפירט ווערן, וועט אונזער בלוט זיין אף זיין קאָפּ — פאר דערמונטערן צו א פאַלשער שבועה. ס'קאָן זיין, אז איך האָב א טעות, הער ריכטער; איך וויל זיך ניט גריבלען אין א מענטשנס מאָטיוון. איך ווייס ניט, אבער מיר דוכט זיך, אז דאָס איז דער איינציקער וועג ווי אזוי מען קאָן אויסטייטשן גילמער'ס עדות זאָגן.

זינט דער אורטייל איז ארויסגעגעבן געוואָרן, האָבן צוויי עדות זיך געמעלדעט פּריוווויליק און אויסגעשוואָרן אן אפידייוויט, אז זיי זיינען אין דער נאָכט פון'ם 4טן מאַי געווען צוזאמען מיט גילמער'ן אף אן אנדער פּלאַץ, און אז גילמער איז דעריבער ניט געווען אפן היימארקעט. דאן קומט מר. באָנפילד, דער הויפּט פון די דעטעק־טיווס, וועלכער איז גרינעל'ס רעכטע האנט, — אָט דער מר. באָנ־פילד קומט און נעמט ארייין די צוויי מענטשן אין זיינע הענט, און דורך כאַבאַר אָדער טעראָר, אָדער אנדערע מיטלען, איך ווייס ניט מיט וואָס, מאכט ער, אז זיי זאָלן צוריקציען זייער געשוואָרענע דערקלערונג. איז דאָס ניט געווען א שמוציקע האנדלונג, ווי צוגע־מאָסטן צו דער געמיינהייט און קאָרופּציע פון א דעטעקטיוו־דעפּארטמענט?

הער ריכטער, איך האָב נאָך וואָס צו זאָגן, וואָס וועט מיר נעמען אַנדערהאַלבן, אפשר צוויי שעה ווייניקסטנס. איך בין גע־זואוינט געווען צו אן אקטיוון לעבן, אונטערן פרייען הימל, און ביז מיין ארעסט דאָ בין איך קיינמאָל ניט באַרויבט געוואָרן פון פער־זענלאכער אקטיוויטעט; און דאָס זיצן פארשפּארט אין אן אייג־גער, פינצטערער צעל — איך האָב בלויז דריטהאלבן שטונדן איבונג, פּאַקטיש בלויז צוויי שעה פון 24 — האָט נאַטירלאַך אביסל אונ־טערגעמינעוועט מיין פיזישן סיסטעם, און דערצו נאָך די לאנגע גייסטיקע מאַטערונג פון פּראָצעס. פרעג איך, צי דער הער ריכ־

טער וואָלט מיר ניט געקאָנט באוויליקן א קליינע פויזע פאר לאָנטשׁ, צי וואָלטן מיר ניט געקאָנט מאכן אן איבעררייס ביז צוויי אזייגער — ס'איז איצט איינס אזייגער — ווארים איך גלויב ניט, צי איך וועל קאָנען ענדיקן אין ווייניקער ווי צוויי שטונדן. דאָך, אויב דער הער ריכטער באשטייט, בין איך גרייט אָנצוגיין ווייטער.

ריכטער. — איך גלויב ניט, צי איך בין אונטער וועלכער עס איז פארפליכטונג צו מאכן ווידערהאָלטע איבעררייסן, כדי אויסצו־הערן פאַרלעזונגען פון צייטונגען אדער פארשונג־עקספעדיציעס אין דער פאָליטישער עקאָנאָמיע. די פראגע איז דאָ בלויז, צי האָבן די אנגעקלאָגטע דערמאָרדעט מאטיאס דיגאן. דאָס איז די איינציקע פראגע דאָ.

פארסאָנס. — יאָ, מיין הער; נאטירלאך.

ריכטער. — ניט צי זיי האָבן עס געטאָן מיט די אייגענע הענט, נאָר צי זיי האָבן געבראכט אין באוועגונג אורזאכן, וועלכע האָבן געפירט צו זיין טויט.

פארסאָנס. — גוט, הער ריכטער, איך נעם זיך אונטער דאָ אייך צו ווייזן, אז דורך א נייעם פראָצעס, דורך אָפּלייגן אָן א זייט דעם משפט פון דער דזשורי און דעם טויט־אורטייל, קאָנען מיר פעסטשטעלן אונזער אומשולד. דאָס איז וואָס איך נעם זיך אונ־טער צו טאָן, און דערפאר לייג איך דאָס פאָר. איר האָט געבראכט אויסצוגן פון אונזערע רעדעס, איר האָט פארגעלייגט מערערע אר־טיקלען פון אונזערע ארבעטער צייטונגען צו באווייזן, אז מיר „האָבן געבראכט אין באוועגונג אורזאכן, וועלכע האָבן דערפירט צו זיין (דיגאנס) טויט.“ נו, הער ריכטער, ווייז איך אייך דורך דעם זעל־ביקן מעטאָד פון באווייזן, גענומען פון די רעדעס און צייטונגען פון די מאָנאָפּאָליסטן, אז דאָס האָבן זיי, ניט מיר „געבראכט אין באוועגונג אורזאכן, וועלכע האָבן דערפירט צו זיין טויט“. און, מיין הער, איך לאָז עס איבער פאר דער וועלט צו אורטיילן, אויב אונזער עדות זאָגן געגן זיי איז ניט פונקט אזוי שטארק אָדער נאָך שטאר־קער, איידער אייער עדות זאָגן געגן אונז. פארשטייט זיך, דאָס איז ניט קיין געשוואָרן עדות זאָגן; עס קאָן ניט זיין. איך קאָן ניט ברייגגען אהער עדות צו שווערן אף די רעדעס און די ארטיקלען אין די מאָנאָפּאָליסטישע צייטונגען. איך אליין וואָלט ניט גע־קאָנט שווערן אף זיי; סאיז דער צוועק, די כונה זייערע וואָס איך זוך ארויסצוברייגגען. אָבער איר האָט דאָך אויך ניט געבראכט

קיין עדות צו שווערן אף אונזערע רעדעס און צייטונגס־ארטיקלען. איר האט עס אנגענומען פאר זעלבסטפארשטענדלאך, אז מיר טאקע האבן עס געזאגט, אז מיר האבן עס געשריבן. נו, מיין הער, אנטקעגן אונזערע האב איך אוועקגעשטעלט די אויסזאגונגען און צייטונגס־ארטיקלען פון די מאנאפאליסטן. און וואס איז שייך מיין לאנגן איבערבליק איבער דער ארבעטער פראגע, איז דאס געטאן געווארן מיט דעם אויסדריקלאכן צוועק, אז איר, הער ריכטער, זאלט פארשטיין די מאטיוון וואס האבן אונז באוועגט אין דער ארבעטער באוועגונג; כדי איר זאלט זען, אז די ארבעטער האבן קריווודעס; אז זיי האבן אורזאכן זיך צו ארגאניזירן; אז עס איז ניט גלאט אזוי א קאפריזנע אומצופרידנקייט פון אונזער זייט, ווי מאנכע ניט־דיינקנדע מענטשן באשולדיקן אונז, אדער אז די טענות און קריוודעס פון די ארבעטער זיינען איינגעבילדעטע, איינגערעדטע זאכן, ווי עס באהויפטן יענע מענטשן, וועלכע האבן ניט קיין שום אינטערעס אין דער דאזיקער פראגע.

צוריקווייזנדיק אונזער פארלאנג פאר א נייעם פראצעס, האט איר, הער ריכטער, זיך אזוי אויסגעדריקט: „צי די אנגעקלאגטע, ווער עס ניט איז פון זיי, האבן זיך באטייליקט אין ווארפן די באמבע אין דעם אוונט פון׳ם 4טן מאי, אדער האבן געווארט אף דער געשעעניש — אט די פראגע דארף איך ניט באטראכטן, ווייל מיינע אינסטרוקציעס צו דער דזשורי האבן עס גאר ניט בארירט. די דזשורי איז ניט אינסטרואירט געווארן צו געפינען זיי שולדיק, אויב זי גלויבט, אז זיי האבן זיך באטייליקט אין ווארפן די באמבע, אדער אין האבען דערמונטערט און געראטן צו ווארפן די באמבע, אדער אין האבן אין פארויס געוואוסט, אז די באמבע וועט געווארפן ווערן, אדער ענלאכעס פון דעם סארט. זיי זיינען געפונען געווארן שולדיק ניט אף דעם גרונט, אז זיי זאלן האבן פאקטיש זיך באטייליקט אין דעם אקט, וואס האט פאראורזאכט דיגאן׳ס טויט, נאר אף דעם גרונט — אין גייסט פון מיינע אינסטרוקציעס — אז זיי האבן בכלל, דורך ווארט און שריפט, געראטן א גאנצן קלאס מענטשן צו באגיין מארד, איבערלאזנדיק די געלעגנהייט, צייט און פלאץ צו דעם ווילן, איינפאל און קאפריז פון די יחידים, וואס זיינען אזוי געראטן געווארן; און אז אלס פועל יוצא פון דעם ראט, אין אויספאלגונג פון דעם ראט און באאיינפלוסט דורך אים, האט איינער, מען ווייסט ניט ווער, געווארפן די באמבע וואס האט פאראורזאכט

דיגאַן׳ס טויט. נו, אויב דאָס איז ניט קיין קאָרעקטער געזעץ־פּרינ־ציפּ, דאַן זיינען די אָנגעקלאָגטע באַרעכטיקט צו א נייעם פּראָצעס. אָט דער פאַל האָט ניט קיין פּרעצעדענט. ניטאָ קיין ביישפּיל אין די געזעץ־ביכער פון אַזאַ מין פאַל. אַזאַ פּאַסירונג איז פריער קיינמאָל ניט פאָרגעקומען אין דער געשיכטע פון דער וועלט.״

נו, הער ריכטער, איר, דורך אייערע אייגענע ווערטער, גיט אָפּ צו, אז מיר זיינען ניט פאַראורטיילט געוואָרן פאַר אַן אקט וואָס מיר האָבן באַגאַנגען, נאָר איינפאַך פאַר געהאַלטענע רעדעס און אויסגעדריקטע מיינונגען. דערפאַר ווייז איך אייך, אז די באָמ־בע איז געוואָרפן געוואָרן פון ארבעטער שונאים, אף דעם באַפעל פון די מאָנאָפּאָליסטן, און ניט דורך אונז. זייערע רעדעס, זייערע אויסזאָגונגען, זייערע צייטונגען האָבן אָפּן געלערנט און גערעטן „דורך וואָרט און שריפט״ צו באַגיין פונקט אַזעלכע אקטן. האָבן זיי עס ניט געטאָן? זיינען זיי דען ניט די שולדיקע פאַר דעם אקט? די פראַגע — באַנוצנדיק זיך מיט דעם הער ריכטער׳ס שפּראַך — איז „ניט צי זיי האָבן עס געטאָן מיט זייערע אייגענע הענט, נאָר צי זיי (די מאָנאָפּאָליסטן) האָבן געבראַכט אין באַוועגונג אורזאַכן, וועלכע האָבן דערפירט צו דער היימארקעט טראַגעדיע.״ דורך זייערע אייגענע אָנמוטונגען און פאָרשלאָגן האָב איך אייך געוויזן, אז זיי האָבן עס געטאָן.

סאָציאַליזם, הער ריכטער, מיינט די אָפּשאַפונג פון לוין־שקלאַפעריי, ווייל עס מאַכט מעגלאַך פאַרן פאָלק אָנצוגיין מיט פּראָדוקציע און געברויך דורך א סיסטעם פון אוניווערסאַלער קאָאָפּעראַציע. דאָס האָב איך געזאָגט אפן היימארקעט. איך האָב דאָרט אפן היימארקעט אנגעוויזן אף דעם פאקט, אז די ארבעטער ווערן באַרויבט, לויט דער דערקלערונג פון קאָלאָנעל רייט, דעם קאָמישיאָנער פון דער ביוראָ אוו לייבאָר סטאַטיסטיקס פון די פאַר־אייניקטע שטאַטן. ער באַווייזט דורך סטאַטיסטיק, אז זיי פּראָ־דוצירן זאַכן אין ווערט פון 10 דאָלאַר א טאָג און קריגן באַצאָלט ניט מער ווי איין דאָלאַר מיט פופצן סענט א טאָג; אז זיי ווערן אף אַזאַ׳ן אופן באַרויבט אף דער סומע פון 8.85 דאלאר טעגלאך. נו, האָב איך צו זיי געזאָגט: „אָט דאָס איז עס. דער סאָציאַליזם וועט אייך געבן יענע 8.85 דאלאר; אונטערן סאָציאַליזם וועט איר באַקומען די גאַנצע 10 דאלאר, בעת אונטערן לוין־סיסטעם קריגט איר בלויז 1.15 דאלאר דערפון. אָבער דאָס איז ניט אַלעס: דער

סאָציאַליזם וועט מאַכן די ארבעט־איינשפּאַרנדיקע מאַשינען פאַר א ברכה, אַנשטאָט דעם וואָס זיי זיינען איצט א קללה פאַר אייך. דורך זיי וועט דאָס רייכטום פאַרמערט ווערן און די פּראָסטע האָרעוואַניע וועט פאַרמינגערט ווערן אָן א שיעור. סאָציאַליזם איז איינפאַכע גערעכטיקייט, ווייל רייכטום איז א סאָציאַלער, ניט קיין אינדי־ווידועלער פּראָדוקט, און דאָס וואָס דאָס רייכטום ווערט אריינגע־נומען אין די הענט פון אייניקע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט באַשאַפט א פּריווילעגירטן קלאַס — א קלאַס, וואָס מאָנאָפּאָליזירט אַלע בענעפיטן פון דער געזעלשאַפט דורך דער פאַרקנעכטונג פון דעם פּראָדוצירענדן קלאַס".

דאָס, הער ריכטער, איז עס, וואָס רייצט אויף די מאָנאָפּאָ־ליסטן געגן די אַנאַרכיסטן. דאָס ברענגט אריין אין א צאָרן די קאָרפּאָריישאָן־לייט. זעט נאָר וואָס זיי זאָגן. דער רעזולטאַט איז, אז אַן אורטייל פון „שולדיק" מוז ארויסגעטראָגן ווערן געגן סאָציאַ־ליזם; ווייל, ווי דער פּראָקוראָר האָט דאָ דערקלערט, דאָס געזעץ און די רעגירונג און אַנאַרכיע ווערן דאָ גע'משפּט. דאָס איז די אורזאַך. ניט פאַר דעם וואָס איך האָב געטאָן, נאָר פאַר דעם וואָס איך גלויב איז דאָס. געגן דעם וואָס איך זאָג פּראָטעסטירן זיי. דער אורטייל איז געווען געגן דעם סאָציאַליזם, ווי די שיקאַגאָ „טיימס" האָט עס דערקלערט א טאָג נאָך דעם אורטייל.

„לויט דער מיינונג פון אסך דיינקנדע מענטשן האָט די אר־בעטער פראַגע דערגרייכט א פּונקט, וואו בלוט־אָפּצאַפּונג איז גע־וואָרן א נויטווענדיקייט," זאָגט דער שיקאַגאָ „אייראָנמייקער".

„די אויספירונג פון דער טויט־שטראָף איבער די סאָציאַליס־טישע פאַרברעכער אין שיקאַגאָ וועט אין איר עפעקט זיין גלייך צו דער אויספירונג פון טויט־שטראָף איבער דער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע אין לאַנד.

„דער טויט־אורטייל, וואָס איז ארויסגעגעבן געוואָרן פון א שיקאַגאָ'ער דזשורי געגן די סאָציאַליסטישע פאַרברעכער, איז דער טויט־אורטייל פון דעם אמעריקאַנער פאָלק געגן דעם פאַרברעכן וואָס הייסט סאָציאַליזם," זאָגט די שיקאַגאָ „טיימס". מיט דעם „אמעריקאַנער פאָלק" מיינט די „טיימס" די מאָנאָפּאָליסטן.

אָדער אין די מער באַקאַנטע ווערטער, וואָס די „טיימס" האָט ביז אהער באַנוצט: „אַנדערע ארבעטער וועלן זיך אראָפּנעמען א

מוסר פון זייער גורל און זיי וועלן לערנען דערפון א ווערטפולע לעקציע." אין יאָר 1878 האָט די „טיימס" געראַטן, אז „האַנט־גראַנאַטן (באָמבעס) זאָלן געוואָרפן ווערן צווישן די סטרייקנדע מאַטראָזן", וועלכע האָבן געזוכט זיך צו דערשלאָגן צו העכערע שכירות, ווייל אַזאַ באַהאַנדלונג וועט זיין פאַר זיי א ווערטפולע לעקציע, און אַנדערע וועלן אף זיי קוקנדיק זיין געוואָרנט, ניט אריינצופאַלן אין זייער גורל.

אַלזאָ, זעען מיר דאָ, אז „האַנט־גראַנאַטן פאַר סטרייקערס" און „תליות פאַר סאָציאַליסטן" ווערן רעקאָמענדירט דורך דעם אָרגאַן פון מאָנאָפּאָל, אלס טעראָר־מיטל געגן ביידע.

דער סאָציאַליזם צילעוועט זיך ניט אף די לעבנס פון יחידים, נאָר אף דעם סיסטעם וואָס מאַכט מעגלאַך, אז עס זאָל זיין אביונים פון איין זייט און מיליאָנערן פון דער אנדער זייט. דער סאָציאַ־ליזם באַצוועקט ניט דעם טויט פון וועלכן ס'איז מענטשן און אויך ניט די צושטערונג פון אייגנטום, און די קאַפּיטאַליסטישע פּרעסע זאָגט ליגן, און זי ווייסט עס, ווען זי מאַכט אַזעלכע באַשולדיקונ־גען געגן די סאָציאַליסטן. זיי זאָגן ליגן וועגן אונז, כדי אָפּצו־נאַרן דאָס פּאָלק. אָבער דאָס פּאָלק וועט לענגער זיך ניט לאָזן נאַרן. ניין, ניט מער. די מאָנאָפּאָליסטישע אָרגאַנען פון אונזערע שטעט האָבן שוין צו לאַנג רעקאָמענדירט האַנט־גראַנאַטן, סטריי־כינין, ארסעניק און בליי, אָנשטאָט ברויט, פאַר די ארבעטסלאָזע און פאַר די וואָס זוכן צו פאַרבעסערן זייער לאַגע. עס איז שוין צייט דאָס זאָל אויפהערן. ווען וועט נעמען א סוף דערצו?

אין דער „באַרג־דרשה" האָט קריסטוס געזאָגט: „איז פאַראַן א מענטש צווישן אייך, וואָס ווען זיין זון וועט בא אים בעטן ברויט, זאָל ער אים געבן א שטיין, און ווען ער וועט בא אים בעטן פיש, זאָל ער אים געבן א שלאַנג? דערפאַר, אַלץ וואָס איר ווילט אז מענטשן זאָלן טאָן צו אייך, טוט עס פריער צו זיי." אָבער דאָס וואָס קריסטוס האָט זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן, האָט יאָ פּאַסירט צום סוף פון 19טן יאָרהונדערט פון דער קריסטלאַכער צייט־רעכ־נונג, אין דער שטאָט שיקאַגאָ, וואו דער רעדאַקטאָר־ארויסגעבער פון דער „שיקאַגאָ־טריביון" האָט דערלויבט אָפּדרוקן אין זיין צײַ־טונג — ניט געפינענדיק אפילו פאַר נייטיק אויסצוריידן דעם שרייַ־בער — אַזעלכע ווערטער: „ווען א וואַגאַבונד", — דאָס מיינט אַן אומבאַשעפטיקטער און הונגערנדיקער ארבעטער — „וועט בא דיר

בעטן א שטיקל ברויט, טו ארויף סטריכין אפן ברויט, וועט ער דיך שוין צורולאָזן אף אייביק, און אנדערע פון זיין מין וועלן שוין וויכן פון דער נאכבארשאפט." — איך בין זיך משער, הער ריכ־טער, אז דאָס איז געשריבן געוואָרן פון א פרומינקן אָנהייננגער פון „געזעץ און אָרדנונג".

דער דאָזיקער אורטייל, ווי ער שטייט איצט, פּראָקלאַמירט פאר דער וועלט, אז דער וואָס ווארפט א באָמבע און דער׳הרג׳עט א פּאָר צענדליק מענטשן, איז גוזיכערט גענן שטראף, בעת איינער וואָס רעט אדער שרייבט אדער ארבעט צו אָרגאַניזירן די ארבעטער, כדי אָפּצושאָפן אף א פרידלאכן אופן — ווייל איך לייקן די באשול־דיקונג, אז מיר האָבן זיך אָרגאַניזירט מיט דעם צוועק אימיצן צו אַטאַקירן; קיין שום פּאַקט באווייזט עס ניט, באשטעטיקט ניט און שטיצט ניט אזא באשולדיקונג — כדי אָפּצושאָפן אף א פרידלאכן אופן די אורזאך פון׳ם פאָלק׳ס אומצופרידנקייט, — אזא איינער איז אין געפאר ארייננגעשליידערט צו ווערן אין א פינסטערן קאַ־זעמאַט אדער אומצוקומען אף דער תליה.

יעדער איינער וואָס איז גערופן געוואָרן זיך צו באטייליקן אין דער דזשורי, האָט געשוואָרן, אז ער איז א שונא פון דער ארבעטער־באוועגונג, אז ער איז אָנגעשטעקט מיט פּאַראורטייל געגן דער אידייע פון סאָציאַליזם אדער פרייער ארבעט. ניט צופירדנגע־שטעלט מיט אזא דזשורי, האָבן די שונאים פון פרייע רעכט זיך נאָך באהאָלפן מיט פאַלש שווערן און אנדערע אוממענטשלאכע אקטן, כדי ארויסצוקריגן א פאראורטיילונג. מיט א פּאָר טעג צור־ריק, אין אן אינטערוויו פאר דער „ניו־יאָרק וואָרלד", וואָס איז קאָפּירט געוואָרן פון די שיקאגאער צייטונגען, האָט מעיאר הערי־סאָן געזאָגט: „טאַקע דאָ גלייך וואָלט איך געוואָלט זאָגן, אז עס איז געווען די הארציקסטע קאָאָפּעראַציע צווישן מר. גרינעל און מיר פון אָנהייב ביז׳ן סוף, ווארים אָן מיר וואָלט ער קיינמאָל ניט געווען אימשטאַנד צו קריגן געוויסע באווייזן, וואָס כדי צו באקו־מען זיי האָב איך געטאָן אזוינס, וואָס ווען דאָס וואָלט אָפּגעטאָן געוואָרן אין לאָנדאָן, וואָלט עס אומגעשטירצט דעם טראָן פון קעניגין וויקטאָריא. דאָס וואָס וואָלט ניט געקאָנט געטאָן ווערן מיט זיכערקייט אין א מאָנארכישער מדינה, איז דאָ געטאָן געוואָרן; ווייל אין פולער סימפּאַטיע מיט׳ן פאָלק, אלס א דינער פון פאָלק, האָב איך געטאָן פּונקט דאָס, וואָס איך האָב געוואוסט, אז דאָס

פאָלק וויל עס זאָל געטאָן ווערן און וועט עס אונטערשטיצן; עפּעס אַזוינס, וואָס ווען אַפילו אַן אומרעכט, וועט דאָס פאָלק לייכט עס פאַרריכטן."

איר הערט, הער ריכטער, אומרעכטן זיינען דאָ געטאָן געוואָרן. דער מעיאָר זאָגט עס. איר קענט זיי פאַרריכטן. סוספּענדירט אייער אורטייל. גיט אונז אַ שאַנס פאַר אַ נייעם פּראָצעס. וואָרים אָט איז דער העכסטער באַאַמטער פון שטאָט, וועלכער גיט אָפן צו, אַז ער האָט אָנגעווענדט אומגעזעצלאַכע מיטלען, כדי צו פאַראורטיילן אונז, ווייל דאָס פאָלק האָט געוואָלט ער זאָל עס טאָן. האָט דאָס דאָזיקע געריכט, האָט דער שטאַט־פּראָקוראָר, האָט די פּאָליציי געטאָן דיזעלביקע זאַכן, כדי אונז צו פאַראורטיילן? מעיאָר העריסאָן מיינט דערמיט דאָס אַרעסטירן פון פּערזאָנען, די פאַרכאַפּונג פון אייגנטום, די איבערפאַלן אויף היימען און געשעפט־פּלעצער, אָן געריכט־באַפעלן; ער מיינט דאָ די אָפענע מיסאַכטונג פון די קאָנסטיטוציאָנעלע און געזעצלאַכע גאַראַנטיעס פון פּערזענלאַכע פרייהייטען און רעכט, וואָס די שטאָט־פּאָליציי האָט גענומען פּראַקטיצירן גלייך נאָכ'ן מיטינג פון פערטן מאַי, 1886. און וואָס דער מעיאָר זאָגט, איז אַ פאַקט: זינט יענער נאַכט האָט אין אונזער שטאָט ווירקלאַך זיך אָנגעהייבן אַן ערא פון אָפיציעלער געזעצלאָזיקייט בנוגע די קאָנסטיטוציאָנעלע באַוואָרענישן וואָס, לויט מעיאָר העריסאָן, וואָלט עס ניט טאָלערירט געוואָרן אין קיין קאָנסטיטוציאָנעלער מדינה פון דער וועלט; וואָס ווען מ'טוט עס אין לאָנדאָן, וואָלט עס אומגעוואָרפן דעם טראָן פון וויקטאָריא, און וואָס וואָלט, ווי דער מעיאָר זאָגט, ניט געקאָנט געטאָן ווערן מיט זיכערקייט אין קיין מאָנאַרכישער מדינה.

דעם מעיאָר'ס וידוי איז אָפּנהאַרציק צום באַוואונדערן, און איז זייער כאַראַקטעריסטיש. איז עס אמת, אַז אין אָט דעם לאַנד, וואָס רימט זיך מיט פרייהייט, קאָנען די רעכט פון'ם יחיד מיט מער זיכערקייט געטראַמפּלט ווערן, כדי צוליב צו טאָן אַ געוואַלט־שרייענדיקן המון ווי אין אַ וועלכער עס איז אַנדערער ציוויליזירטער מדינה? איז דאָס אמת, אַז די הערשנדע, רייכע קלאַסן קאָנען אומבאַשטראָפט אָוועקלייגן אין אַ זייט דאָס געזעץ פון לאַנד? איז דאָס אמת, אַז מיר לעבן אין אַן ערא, ווען בלויז אייגנטום איז הייליק, און ניט די פרייהייטן און רעכט פון געוויינלאַכן בירגער; ווען אַן אָרימער מענטש קאָן אַרעסטירט ווערן,

אָדער א געהאַסטע מינאָריטעט געהאנגען ווערן אומגעזעצלאך, אבער אָנצורירן די אינסטיטוציע פון אייגנטום איז גענליכן צו גאָט־לעסטערונג? איז דאַס אמת, אז דער פּראָצעס, וואָס האָט געבראכט צו דעם אורטייל, איז געוועזן פונקט אזוי אומגעזעצלאך, ווי יענע ערשטע שריט געגן אונז זיינען געוועזן מוטוויליק הפקר'דיק, ניט אויטאָריזירט, ווי דער מעיאָר אליין איז מודה? איז דאַס אמת, אז דער אורטייל גופא איז א רעזולטאט פון דערזעלביקער צוויל־דעטער שטימונג פון המון, וואָס האָט געשטיצט יענע אומאויטאָריזירטע אומגעזעצלאכע פירונגען, ווען וועלכע מעיאר הערריסאָן רעט? קאָן דאַס אלץ אמת זיין?

גיט נאָר א קוק אף די מעטאָדן וואָס זיינען אָנגעווענדט געווארן צענויפצוקלאַפּן די באוויזן געגן אונז? דעם 22טן אויגוסט, 1886, אף מאָרגן נאָך אונזער פאראורטיילונג, האָט פּאָליס־קעפּטן מייקל שאַאק, וועמען עס ווערט צוגעשריבן דער „פּאַרדינסט" פון פּאַבריצירן די באווייזן געגן אונז, ארויסגעגעבן א דערקלערונג, וואָס די „אסאָשיאייטעד פּרעס" האָט צושיקט און וואָס לייענט זיך ווי פּאָלגט: ער איז געפרעגט געוואָרן, צו די פּאָליציי איז איצט פארטיק מיט איר ארבעט? — „פארטיק"?" — האָט ער געענטפערט — „עס הייבט זיך ערשט אָן. מיר האָבן בדעה צו ברייננען צום גע־ריכט נאָך אנדערע, וואָס קאָנען צוגעצויגן ווערן צו פאראַנטוואָרט־לאַבקייט אונטער דיזעלביקע קלאָגן. איך זאָג אייך, אז דער אנאַר־כיסטישער עסק אין שיקאגא האָט זיך ערשט אָנגעהויבן, און ביז ער וועט זיך פארענדיקן, וועלן מיר זיי האָבן אלעמען אין געפענג־ניש, אדער אף דער תליה, אדער פארטריבן פון שטאָט." — האָט איר נעבטן עמיצן ארעסטירט? — „דאַס וועל איך אייך ניט זאָגן." — דער קלאָנג איז, אז ארעסט־באַפעלן זיינען ארויסגעגעבן געוואָרן פאר א גרויסער צאָל פערזאָנען. — „ווען איר וואָלט נאָר א ווײַלע א טראַכט געטאָן, וואָלט איר אליין איינגעזען, ווי נאַריש די אידייע איז. ערשטנס, האָבן מיר קיין פּלאַץ ניט גענוג אין די געפענגנישן פאר א גרויסער צאָל פערזאָנען. צווייטנס, וואָלט עס געוועזן אַן אומזיסטע הוצאה צו ארעסטירן זיי אלעמען מיט אמאָל. מיר קענען זיי קריגן אזוי גיך ווי מיר ווילן זיי האָבן. מיר דאַרפן זיי גאָרניט ארעסטירן גלייך אפן אָרט. זאָלן זיי פּרוּוון פארלאָזן די שטאָט. ס'וועט זיין צייט גענוג צו ארעסטירן זיי, ווען זיי וועלן עס פּרוּוון טאָן." — וועלן וועלכע ס'איז פרויען ארעסטירט ווערן? —„פּאַרוואָס

ניט?—אייניקע פון זיי זיינען אַן א שיעור ערגער ווי די מענער.״—
„מיינט איר״ האָט דער קעפּטן ווייטער געזאָגט, „אז ווען איך וואָלט דערציילט די צייטונגען וואָס איך טו, ווען דער אנארכיסטי־שער פּראָצעס איז אנגעגאנגען, — מיינט איר, אז די דזשורי וואָלט ארויסגעבראכט דעם אורטייל פון נעכטן? ניין, מיין הער, טויזנט מאָל ניין! יעדער פון די ארעסטירטע וואָלט ארויס פריי. יעדער רעפּאָרטער וואָס איז געקומען צו מיר איז אוועק מיט גאָרנישט. איך האָב געהאַלטן אין צענויפשטוקעווען די באווייזן, שטיקל פאר שטיקל, ברעקל פאר ברעקל, צושטעלנדיק יעדע קלייניקייט דארט וואו עס באַלאַנגט. ווען איך וואָלט דערציילט אלץ וואָס איך ווייס, אזוי גיך ווי איך האָב באקומען מיינע פונקטן, וואָלט די פארטיי־דיקונג דאָך געוואוסט, וועלכע באווייזן עס וועלן געבראכט ווערן, און זיי וואָלטן געווען גרייט צו באַגעגענען.״

איצט, הער ריכטער, לאָמיך אייך דערמאָנען, אז בעת׳ן פּראָ־צעס איז געמאכט געוואָרן די באהויפּטונג — דער פּראָקוראָר האָט אין פארלויף פון פּראָצעס מער ווי איין מאָל געזאָגט, אז ער דער־וואַרט מיט פולן צוטרוי אַן אורטייל פון „שולדיק״. זיי האָבן פאַר־זיכערט, אז עס איז גאָר קיין ספק ניטאָ וועגן דעם. ווייל איך ציען אייער אויפמערקזאמקייט צו דער דערקלערונג פון שאאק: „ניין מיין הער, טויזנט מאָל ניין. יעדער פון די ארעסטירטע וואָלט ארויס פריי, ווען איך וואָלט דערציילט וואָס איך ווייס, אזוי גיך ווי איך האָב באקומען מיינע פונקטן. די פארטיידיקונג וואָלט גע־וואוסט, וועלכע באווייזן עס וועלן געבראכט ווערן, און וואָלט געווען גרייט צו באגעגענען זיי.״ — דאָס איז דאָך פונקט ווי ער וואָלט געזאָגט, אז ווען די אָנגעקלאָגטע וואָלטן געוואוסט, וועלכע באווייזן עס וועלן געבראכט ווערן געגן זיי, וואָלטן זיי געבראכט געגן באַ־ווייזן, וואָס וואָלטן געגנוג געווען „טויזנט מאָל אריבער״ זיי פריי־צושפּרעכן. דאָס מיינט דאָך בוכשטעבלאָך זיך מודה געווען, אז מיר זיינען פאראורטיילט געוואָרן צום טויט אף „באווייזן״, וואָס זיינען געהאַלטן געוואָרן אין געהיים סיי פון אונז און סיי פון פּוב־ליקום, און וועלכע זיינען פלוצלינג ארויסגעשאסן געוואָרן אף אונז אין מיטן פּראָצעס. אזוי איז גילמער ארויסגעשאָסן געוואָרן אף אונז. דער פּראָקוראָר, ווען ער האָט געעפנט דעם פּראָצעס, האָט געהאט דערקלערט, אז ער האָט גאָרנישט וואָס צו באהאלטן; אז ער וועט זיין יושר׳דיק און אויפריכטיק און ערלאך אין דער זאך;

אז ער וועט דערציילן אונז, וואָס ער האָט בדעה צו באווייזן, און אין מיטן פּראָצעס ברייינגט ער ארויף אָט דעם מאַן גילמער, א זאַך וואָס איז געווען פולשטענדיק אומגעריכט פאר אונז, און דאָס איז געווען דער האָר, אף וועלכן עס איז געהאנגען דער פאָדים, וואָס האָט אונז פארבונדן מיט מאַטיאַס דיגאַן, און דער אינסטרומענט, מיט וועלכן דער אורטייל איז ארויסגעשלעפּט געוואָרן פון דער דזשורי. דער פּראָקוראָר האָט געזאָגט, אז ער וועט גארנישט באַ-האַלטן, און תוך כדי דבור באהאַלט ער דעם עיקר.

נו, הער ריכטער, אָט דאָס מודה זיין זיך, אז געוויסע באווייזן זיינען אונז אונטערגעוואָרפן געוואָרן פּלוצלונג אין מיטן פּראָצעס, אלס סורפּריזן, ווי אָט די גילמער-מעשה, צום ביישפּיל, וואו אונז איז ניט געגעבן געוואָרן די געלעגנהייט באצייטנס זיי צו באַגעגע-נען, און קעפּטן שאַאַק'ס צוגעבן, אז מיר וואָלטן „טויזנט מאָל אריבער" פרייגעשפּראָכן געוואָרן, ווען מיר ווייסן וועגן די „באַ-ווייזן" אין פאָרויס און האָבן די מעגלאַכקייט זיי אָפּצושלאָגן און זיי צו פארענטפערן; אָט דאָס צוגעבן, זאָגט די באַסטאָנער „ליבער-טי", קאָמענטירנדיק איבער דער שענדלאַכקייט פון דעם מעטאָד, איז אין עצם א צוגעבן, אז מיר זיינען אומשולדיק, און אז קעפּטן שאַאַק האָט געוואוסט, אז מיר זיינען אומשולדיק, אדער — וואָס דאָס איז דאסזעלביקע — אז ער האָט געוואוסט, אז עס זיינען דא באווייזן, וואָס וואָלטן אונז זיכער פרייגעשפּראָכן, ווען מען גיט אונז די געלעגנהייט זיי צו ברייינגען. אבער ער שטאָלצירט מיט דעם פאַקט, וואָס ער איז געווען פיל קליגער פון אונז; אז באַהאַלטנ-דיק די „באווייזן" פון אונז און פון פּובליקום, האָט ער אונז אונ-טערגעשטעלט א פאַסטקע; א פאַסטקע, הער ריכטער, וואָס ער און נאָך איינער — איך גלויב ער מיינט דעם שטאַט-פּראָקוראָר — האָבן צוגעגרייט פאר אונז, און אף אַזאַ'ן אופן ארויסגעקראָגן אונזער פאַראורטיילונג.

נו, אויב דאָס איז ניט א מודה זיין זיך מצד קעפּטן שאַאַק, אז ער און נאָך איינער, זיינער א מיטהעלפער, האָבן באוואוסט-זיניק זיך פארגענומען צו דערפירן צו א יורידישן מאָרד אף זיבן אומשולדיקע מענטשן; מענטשן וואָס זיי אליין דערקלערן פאר אומ-שולדיק, וואָס ער און זיין מיטהעלפער ווייסן, אז זיי זיינען אומ-שולדיק — אויב ניט דאָס, וואָס איז עס? קלאָר, אז דאָס איז עס, ניט קיין אנדער זאַך. שאַאַק'ס צוגעבן, אז אונזערע באווייזן זיי-

נען געווען פון אזא כאראקטער, אז ווען זיי ווערן צוגעלאזן, וואלטן זיי אונז אף א טויזנטפאכן אופן רייננעוואשן, איז גלייך ווי צוצוגעבן, אז אונזערע באווייזן זיינען אמת'ע, און אז ארויסקריגן א פאראורטיילונג דורך אונטערדריקן אט די באווייזן אונזערע איז ווי ארויסקריגן א יורידישן מארד פון זיבן אומשולדיקע מענטשן. און די דאזיקע ארבעט, זאגט קעפטן שאאק, וועט אנגיין, ביז ער וועט האבן אלע אנארכיסטן ארייגעפאקט אין געפענגניש, אדער געהאנגען אף דער תליה, אדער פאריאגט פון שטאט.

הער ריכטער, אט דא וואלט איך געוואלט מאכן א באמערקונג. דארף מען א שטארקערן באווייז צו דעמאנסטרירן דעם שענדלאכן כאראקטער פון אונזערע אזוי גערופענע קרימינעלע געריכטן? עס איז דאך קלאר, אז די געריכטן אליין זיינען קרימינעל, אלע איינס צי די פערזאנען, וועלכע זיי פאראורטיילן זיינען קרימינעל אדער ניט. אויב די אומשטענדן בלייבן ווי זיי זיינען, איז דאך קלאר, אז א פראצעס קאן קיין שאטן פון גערעכטיקייט אדער פארנינפטיקייט ניט האבן אין זיך, אדער זיין עפעס אנדערש ווי א פארשווערונג צו פאראורטיילן א מענטשן, צי שולדיק אדער אומשולדיק, סיידן אים איז דערלויבט צו וויסן, וואס מען גייט באווייזן געגן אים. דאס וואלט געווען גערעכטיקייט, אבער די אפיציעלע גערעכטיקייט און געזעץ זיינען גאר אנדערע זאכן.

נו, א טייל פון אט דער נידערטרעכטיקער קאנספיראציע איז געווען דעם פראקוראר'ס האנדלונג, ווען ער האט פלוצלינג ארויסגעשטעלט געגן אונז זיין עדות, גילמער, דאן, ווען עס איז שוין געווען צו שפעט פאר אונז צו באווייזן, אז ער איז א פראטעזשירטער פאלש־שווערער און ליגנער; און דאס מודה זיין זיך פון אט דעם מאן שאאק איז נוגע דאס גאנצע אמעריקאנער פאלק. אלע אמעריקאנער דארפן עס זיך נעמען אין אכט, אז דער פראצעס, הער ריכטער, איז ניט איינפאך דער פראצעס און די פאראורטיילונג פון זיבן אנארכיסטן, נאר עס איז דער פראצעס פון דער רעגירונג פון'ם שטאט אילינאיס, רעפרעזענטירט דורך די העררן פון דער אנקלאגע, ווי אויך דער פראצעס פון דער רעגירונג פון די פאראייניקטע שטאטן גופא. די אונטערדריקונגען, געגן וועלכע מיר טרעטן ארויס אלס אנקלעגער, זיינען פון דעם סארט, וואס די רעגירונג פון די פאראייניקטע שטאטן איז פאראנטווארטלאך פאר זיי און וואס מיליאנען, פאקטיש כמעט די גאנצע באפעלקערונג פון לאנד, שרייען

געגן זיי. איר דאַרפט ניט מיינען, אַז מיר זיינען די איינציקע שרייער. איניקע שרייען מיט מער פאַרצווייפלונג אין קול, אָבער אַלע אין אַזאַ טאָן, וואָס לוינט זיך ניט פאַר קיין רעגירונג, בפרט פאַר אַ רעגירונג, וואָס פּרעטענדירט צו זיין אַ פאָלקס־רעגירונג — דאָס צו איגנאָרירן.

נו, אין אָט דעם צושטאַנד איז אַ מאָרד באַגאַנגען געוואָרן פון עמיצן, ניט פון אונז, ניט פון קיינעם פון אונז, נאָר פון עמיצן וואָס איז דערווייל נאָך אומבאַקאַנט. מיר זיינען דערקלערט געוואָרן פאַר אומשולדיק פון דעם הויפּט־אַגענט, וואָס האָט געבראַכט צו אונזער פאַראורטיילונג און וועלכער האָט זיך מודה געווען, אַז מיר האָבן געהאַט איבערגענוג באַווייזן פון אונזער אומשולד, און אַז ווען מען וואָלט אונז געגעבן די געלעגנהייט, וואָלטן מיר געקאָנט באַווייזן אונזער אומשולד „טויזנט מאָל אַריבער" — אין די ווערטער פון קעפּטן שאַאַק. אָבער די רעגירונג, וועלכע, לויט דער מיינונג פון די פאַרצווייפלטע מיליאָנען, וועמעס ליידן און ווייען שרייען אַרויס דורך אונז, איז פאַראַנטוואָרטלאַך פאַר די אַלע איבלען. אָבער אָט די רעגירונג קאָן ניט דולדן קיין שום גוואַלטיקן ווידערשטאַנד אפילו מצד איין איינציקן מענטשן. זי באַטראַכט אָט דעם איינציקן מענטשן פאַר אַ פאַקל, וואָס קאָן עקספּלאָדירן און אָנצינדן מיט פייער די הערצער פון גרויסע צאָלן אַנדערע. זי פאָדערט דאַרום ניט בלויז אַ קרבן, נאָר קרבנות. זיי מוזן האָבן קרבנות, צי זיי זיינען שולדיק אָדער אומשולדיק. די אומשולדיקע קאָנען פונקט אַזוי דינען פאַר אָפּשרעק־ביישפּילן, ווי די שולדיקע... „אַוועק מיט זיי! קרבנות — דאָס דאַרפן מיר!" — שרייען די מאָנאָפּאָלן און די קאָרפּאָראַציעס. און אַזוי ווי זיי זיינען ניט בכוח צו געפינען דעם אמת'ן שולדיקן, ווערט די מאַשינעריע געבראַכט אין באַוועגונג צו פאַראורטיילן אָנשטאָט אים זיבן אומשולדיקע.

העַר ריכטער, עס איז אָפּן גערעדט געוואָרן אָפן פּראָצעס וועגן דער „באָרד אוו טרייד דעמאָנסטראַציע", און וועגן די רויטע און שוואַרצע פאָנען.

זיך אָפּזאָגנדיק אונז צו באַוויליקן אַ נייעם פּראָצעס, גיט איר אָן אַלס איינעם פון די אורזאַכן פאַרוואָס אָסקאַר נעעבע דאַרף געשיקט ווערן אין געפענגניש פאַר פופצן יאָר, דאָס וואָס ער איז געווען פאָרזיצער אויף אַרבעטער מיטינגען און וואָס ער האָט אָרגאַניזירט מערערע טרייד־יוניאָנס. איר זאָגט:

„וואָס איז שייך צו נעעבע'ס אָנטייל, האָבן מיר די אויסזאָגונגען פון עדות, אז ער איז געוועזן פאָרזיצער אף מיטינגען, גערופן פון זעלביקן קלאַס מענטשן, פון וואַנען אָט די דאָזיקע גאַנצע חברותא שטאַמט, און אז ער אליין האָט גערופן מיטינגען פון מענטשן, וועלכע זיינען געוועזן אריינגעצויגן אין דער באַוועגונג. עס זיינען דאָ באַווייזן, אז ער האָט מאַרשירט אין דער באָרד אוו טרייד פּראָצעסיע, וואָס איר צוועק, ווערט אנגעגעבן, איז געוועזן צו פאַרניכטן די געביידע."

פרעג איך אייך, מיין הער, האלט איר עס פאר א פאַרברעכן צו אָרגאַניזירן די ארבעטער אף צו פאַרטיידיקן זיך געגן א „דיעטע פון ביקסן, פּאָליצייאישע שטעקנס, סטריכינין", א. א. וו., אדער צו זיין פּאָרזיצער אף מיטינגען פון ארבעטער? איר זאָגט, אז דער צוועק פון דער באָרד אָוו טרייד דעמאָנסטראַציע איז געוועזן „די פאַרניכטונג פון דער געביידע". ווער האָט עס אייך געזאָגט? פון וואַנען האָט איר באַקומען די אינפאָרמאַציע? עס זיינען ניטאָ קיין שום באַווייזן דערויף פאַר'ן געריכט. קיין ברעקעלע ניט. איר זאָגט, אז דער צוועק איז געוועזן „חרוב צו מאכן די באָרד אוו טרייד". לעכערלאַך! פון וואַנען האָט איר, הער ריכטער, באַקומען אזא אידייע? עס איז ניטאָ קיין שום עדות זאָגן דערויף. וואָס פאַר א רעכט האָט איר, הער ריכטער, צו מאַכן השערות וועגן אונזערע מאָטיוון, צוצושרייבן אונז כוונות וואָס זיינען געגן די באַווייזן? נו, מיין הער, איך לייקן עס. עס איז ניט אמת.

צוריקוויינדיק אונזער פאַרלאַנג פאַר א נייעם פּראָצעס, זאָגט איר, הער ריכטער, אז אונזער צוועק איז געוועזן צו „צושטערן די געביידע", „חרוב צו מאַכן די געביידע". וואו זיינען די באַווייזן? דער ארטיקל, וואָס איך האָב נאָר וואָס פאָרגעלייענט און וואָס גיט די באַשרייבונג פון דער דעמאָנסטראַציע, זאָגט, אז די אבזיכט איז געוועזן צו פּראָטעסטירן געגן די פירונגען פון די מאָנאָפּאָליסטן; דאָס איז געוועזן אלעס. עס איז געפּלאַנעוועט געוועזן אלס א מאַניפעסטאַציע פון ארבעטסלייט, וואָס זיינען אומצופרידן מיט דער עקזיסטירנדער אָרדנונג; א פּראָטעסט געגן די פירונגען פון דעם קלאַס, וואָס די באָרד אָוו טרייד רעפּרעזענטירט. נו, מיין הער. ווילט איר אף באַווייזן פון דעם סאָרט אוועקנעמען בא אונז דאָס לעבן און די פרייהייט? איז דאָס דער גרויסער פאַרברעכן, פאַר וועלכן מיר דאַרפן באַשטראָפט ווערן מיט טויט? דערפאַר וואָס

מיר האָבן געדופן אזעלכע מיטינגען און געהאלטן אזעלכע רעדעס, באַהויפּטעט איר, אז מיר זיינען פאַראַנטוואָרטלאַך פאַר דעם אַקט פון דער פּערזאָן, וואָס האָט געוואָרפן די באָמבע אפן היימאַרקעט. אויב דאָס איז געזעץ, וואָלט יעדער אומצופרידענער אַרבעטער — מאַן אָדער פרוי — אין אַמעריקא געקאָנט פאַראורטיילט ווערן אפן זעלביקן גרונט.

הער ריכטער, דאָס איז א קלאַסן־אורטייל. איין זאַך וועל איך צוגעבן: איך גלויב, אז דער אורטייל איז צו א גרויסן טייל אַרויס־געצוואונגען געוואָרן אף דער דזשורי. ווען דער סטייט־אטוירני קומט און ברייננט די פּאַרבלוטיקטע קליידער פון די פּאָליסלייט, באַדעקט מיט פּאַרגליווערטע פלאַמעס און פול מיט לעבער, און שפּרייט אויס די קליידער פאַר דער דזשורי — וואָס איז דער צוועק געווען דערפון? צו באַווייזן, אז די פּאָליסלייט זיינען דער׳הרג׳עט געוואָרן? קיינער לייקנט עס דאָך ניט. צו וואָס־זשע האָט ער עס געטאָן? כדי איינצופלאַנצן א פּאַראורטייל בא דער דזשורי, אויפ־צורייצן זייערע הערצער, און אין דער שפּראַך פון מר. גרינעל, באַם שלוס פון זיין רעדע, ווען ער האָט געזאָגט: „זאָלן די זאַכן פאַר־האַרטעווען אייערע הערצער געגן אָט די נידעריקע נפשות און שורקעך".

לאָמיר אָננעמען, אז יענער מאַן פון אינדיאַנאַפּאָליס, געשיקט פון די מאָנאָפּאָליסטן, איז טאַקע געקומען אהער און האָט געוואָרפן די באָמבע, און דאָ אין געריכט־זאַל טראָגט מען זיך אַרום מיט די פּאַרבלוטיקטע קליידער, כדי צו פאַרהאַרטעווען די הערצער פון דער דזשורי, כדי אַרויסצורייסן בא איר א פּאַראורטיילונג פון אכט אומ־שולדיקע מענטשן. איך בעט אייך, הער ריכטער, — איך בעט א נייעם פּראָצעס.

מיט צונויפגעדריקטע פויסטן, מיט א געשוואָלענעם נאַקן און מיט בלוט־אָנגעלאָפענע אויגן האָט לאָיער אינגהעם אויסגעשריען צו דער דזשורי: „דער שטאַט אילינאָיס איז גענוג שטאַרק צו קאָ־נען הייננען יעדן איינעם פון אָט די אַנאַרכיסטן!" ווער זאָגט דען, אז ער קאָן ניט? אָבער ווער וואָלט אים געהאלטן פאַר אזויפיל געמיין, ער זאָל עס טאָן בלויז ווייל ער קאָן עס? דער ברוטאַלער חיה־מענטש פאַרגוואַלטיקט א הילפלאָזן קרבן פשוט דערפאַר, ווייל ער איז געמיין גענוג צו קאָנען עס טאָן.

איצט וועגן דעם שטימצעטל. הער ריכטער, איר האָט מסתמא

געהערט וועגן דער „געזעץ און ארדנונג ליג“ אין אונזערע פאראייניקטע שטאטן. זי איז ארגאניזירט געווארן אין שיקאגא, און האט זיך אליין באצייכנט אלס א ליג אדער אסאציאציע פון קאנסערוואטארס. עס איז אן ארגאניזאציע פון גרויסע שטייער־צאלער. אויב איר האט געהערט דערפון, און זיי קומען ארויס און דערקלערן אפן, אז זיי האבן ניט בדעה צו דערלויבן די „נייטס און לייבאר“ און די ארבעטער צו דערשלאגן זיך צו מאכט דורך דעם שטימקאסטן. דאס איז זייער אייגענע דעקלאראציע; זיי האבן עס באקאנט געמאכט דורך די צייטונגען, אף זייערע מיטינגען און אין זייערע באריכטן. נאטירלאך וויים איך מער ניט וועגן זייערע פלענער. אבער איך וויל אייך פרעגן אט די פראגע: דענקט איר ניט, אז א מענטש וואס איז ניט בכוח צו קאנטראלירן זיין ברויט — און איר ווייסט וואס איך מיין דערמיט — האט וואס פאר עס איז שאנס צו קאנטראלירן זיין שטימע? מיט אנדערע ווערטער, דענקט איר ניט, אז די לייט וואס קאנטראלירן די אינדוסטריען פון לאנד, קאנען קאנטראלירן און קאנטראלירן אויך די שטימען פון׳ם דאזיקן לאנד? דענקט איר ניט, אז א מענטש וואס מוז פארקויפן זיין ארבעט אדער פארהונגערן צום טויט, וועט פארקויפן זיין שטימע, ווען ער וועט געשטעלט ווערן פאר דערדאזיקער ברירה? קאנטראלירט די פאליטיק דאס רייכטום אדער דאס רייכטום די פאליטיק? זיינען די עקאנאמיש־פארשקלאפטע פאליטיש פריי? הער ריכטער, פאליטישע פרייהייט אן עקאנאמישער פרייהייט איז א פוסטע פראזע. דער לוין־שקלאף איז פאליטיש א פרייער מענטש. יא, ער איז פריי אויסצוקלייבן פון צווישן זיינע עקאנאמישע הארן דעם יעניקן וואס זאל הערשן און רעגירן איבער אים. אן אויסוואל פון הארן איז דאס, דאס אלץ. אט אזוי פלאנעוועט די „געזעץ און ארדנונג ליג“ צו קאנטראלירן די שטימען פון זייערע לוין־שקלאפן.

און איצט וועגן היימארקעט, וואס איז דאס געווען? איך בין געווען אוועקגעפארן קיין סינסינעטי. איך בין ארויסגעפארן קיין סינסינעטי שבת נאכט, דעם ערשטן מאי. איך האב גערעט דארט זונטיק פרי אדער דורכ׳ן טאג, אף א גרויסער ארבעטער־דעמאנסטראציע, אן אכט־שטונדן דעמאנסטראציע, אף א פיקניק פון די ארבעטער פון סינסינעטי. זיי האבן געשיקט נאך מיר איך זאל אריבערקומען. בין איך דארט געשטאנען איבער זונטיק; בין אויך געגאנגען צו זייער וועלדל זונטיק נאכט, און מאנטיק נאכט בין איך

ארויסגעפאָרן צוריק קיין שיקאגא, און אָנגעקומען אהער דינסטיק פרי, דעם 4טן מאי, געגאנגען אהיים ארום אכט אזייגער און געזען מיין פרוי. איך האָב געכאַפּט א דרעמל אף דער סאָפע. ארום 10 אזייגער האָט זי מיך אויפגעוועקט, און זי זאָגט צו מיר: „מיר האָבן געהאט זייער אן אינטערעסאנטן מיטינג לעצטן זונטיק בא די שניידער־מיידלאך, די נייטאָרינס פון שיקאגא, זייער א גרויסן מיטינג. איך האָב גערעט צו זיי, אדרעסירט זייער מיטינג; זיי וואָלטן זייער געוואָלט זיך אָרגאַניזירן, און מיר מוזן וואָס טאָן צו העלפן אָט די נייטאָרינס זיך אָרגאַניזירן און זיך אָנשליסן אָן דער 8 שטונדן באוועגונג, ווייל זיי ארבעטן שווערער, ווי ווער עס איז; עס איז זייער שווער צו ארבעטן אף אָט די גרויסע ניי־מאַשינען."

דערמיט האָט זיך געענדיקט אונזער געשפּרעך. זי האָט מיר אָנגעוויזן, ווי וויכטיק עס איז צו רופן א מיטינג גלייך און וואָס עס איז צו טאָן פאר דער אכט־שטונדן באוועגונג צווישן די מיידלאך. אַלזאָ, האָב איך זיך געלאָזט גיין מיט מיין וועג צום אונטערשטן טייל פון שטאָט, און איך בין אריין אין גרייפ'ס האָל. אלע זאַלן זיינען פארנומען געווען; אַסך מיטינגען זיינען דאָרט אָנגעגאנגען. איך האָב אין ערגעץ ניט געקענט קריגן קיין זאַל, און סיי ווי האָט עס געזאָלט זיין א געשעפט־זיצונג. ס'האָט ניט געזאָלט זיין קיין אלגעמיינע פארזאַמלונג, נאָר א זיצונג אף צו שאַפן געלט, צו באשליסן ווי אזוי צו האנדלען און צו באַשטימען א קאָמיטע אף אָפּצודרוקן צירקולאָרן און צו דינגען א האָל א. א. וו. דאָס איז געווען אלעס, ס'האָט זיך ניט געפאָדערט פיל; יעדער געוויינלאַכער צימער, א קליינער צימער, וואו ניט איז, וואָלט געדינט פאר דעם צוועק, און דער אָפיס פון דער „ארבעטער צייטונג", אין 107 פינפטע עוועניו, וואָלט געווען גוט גענוג דערפאַר. נו, האָב איך בא זיך באַשלאָסן, אז אזוי וועט זיין און איך האָב דעם מיטינג אָנאָנסירט אין די „ניוס", ארום 12 אזייגער, גלויב איך, און עס איז געווען געדרוקט אין די „ניוס" פון נאָכמיטאג פון יענעם טאָג. עס איז דאָרט ניט געזאָגט געוואָרן צו וואָס דער מיטינג ווערט גערופן, נאָר סתם, פאר א זייער וויכטיקן ענין. אזוי אז ארום 8 אזייגער, אדער האלב נאָך זיבן יענעם אָוונט האָבן מיר, איך, מיין פרוי און מרס. האָלמס פארלאָזן אונזער היים, 245 וועסט אינדיאנא סטריט, באַגלייט פון אונזערע צוויי קליינע קינדערלאך — איר האָט זיי דאָ געזען, א מיידעלע פון פינף יאָר און א אינגל פון

זיבן; איר האט זיי אפט געזען דא אין געריכט־צימער. עס איז געווען א שיינער אוונט, און מיר האבן שפאצירט צום אונטערשטן טייל פון שטאט, ביז מיר זיינען געקומען צו ראנדאלף און האלסטעד סטריטס. — יא, דעמזעלביקן נאכמיטאג, שפעט נאכמיטאג, ווען איך בין געווען אין אפיס פון דער „ארבעטער־צייטונג", האב איך זיך דערוואוסט, אז א פארזאמלונג דארף פארקומען אין אוונט אפן היימארקעט. אבער דער מיטינג אין 107 פינפטע עווענין איז שוין געווען גערופן, האב איך צו דער היימארקעט פארזאמלונג ניט געקאנט גיין. אזוי אז באלד נאך זיבן האב איך פארלאזן מיין היים מיט מיין פרוי, מרס. האלמס און די קינדער, און מיר זיינען אנגעקומען צו האלסטעד סטריט. צוויי רעפארטערס, דערזעענדיק מיך, האבן געמיינט, אז זיי קענען בא מיר קריגן עפעס, זיינען זיי צוגעקומען צו מיר — איינער פון „טיימס", א צווייטער פון דער „טריביון" — איך האב פארגעסן זייערע נעמען.

— העלאו, פארסאנס, וואס איז נייס? — האט איינער פון זיי געפרעגט.

— איך ווייס פון קיין זאך ניט.

— וועט דא זיין א מיטינג היינט אוונט?

— יא, איך מיין אזוי.

— וועט איר ריידן?

— ניין.

— וואו גייט איר איצט?

— איך האב אן אנדער מיטינג אף מיינע הענט היינט אוונט.

און עפעס א שפאסיקע באמערקונג איז געמאכט געווארן. איך האב א קלאפ געטאן איינעם פון זיי איבערן רוקן. איך בין גוט באקאנט געווען מיט די מענטשן, און מיר האבן זיך דורכגעווארפן מיט איינעם אדער צוויי קורצע באמערקונגען, און ווי זיי האבן דערקלערט אפן עדות־שטול, בין איך טאקע גלייך אפן שטעל ארויף אף א קאר, מיט מיין פרוי און צוויי קינדער, אין באגלייטונג פון מרס. האלמס, און זיי האבן עס געזען. איך בין ארונטערגעפארן צו פינפטע עווענין. ווען איך בין אהין אנגעקומען, האב איך דארט געפונען פיר אדער פינף דאמען, און — נו, ארום צוועלף אדער פופצן מענער. עס איז געווען ארום האלב נאך אכט, ווען מיר האבן די זיצונג געעפנט — איך גלויב אזוי. מיר האבן דארט פארבראכט ארום א האלבע שטונדע. מיר האבן פארענדיקט אונזער

ענין. ארום דער צייט, ווען מיר זיינען פּאַרטיק געוואָרן, איז געקומען א קאָמיטע פון היימאַרקעט און האָט דערקלערט: „דאָרט איז קיינער ניטאָ, אחוץ שפּיז'ן, און דאָרט איז פאַרזאַמלט א מוראדיק גרויסער עולם, 3000 אדער 4000 מענטשן. ווי גאָט איז אייך ליב, שיקט עמיצן אריבער. קומט, פּאַרסאָנס; קומט, פילדען." זיינען מיר אהין געגאַנגען. אונזער מיטינג איז געווען געשלאָסן, און מיר זיינען אלע צוזאַמען אוועק אהין — מיר אלע; מיין פרוי, מרס. האָלמס, צוויי אנדערע דאַמען און מיינע צוויי קליינע קינדער. אלע זיינען מיר אריבער צו דעם היימאַרקעט מיטינג. און די לייַדים זיינען געזעסן צען פוס הינטער דעם וואָגן, פון וועלכן איך האָב גערעט.

הער ריכטער, איז דאָס מעגלאך, אז א מאַן וועט זיך ארייננלאָזן אין א דינאַמיט-באָמבע-עסק אונטער אזעלכע באַדינגונגען און אזעלכע אומשטענדן? עס איז אוממעגלאך, עס איז אבסאָלוט געגן דער מענטשלאַכער נאַטור צו גלויבן אז אזא זאך איז מעגלאך.

נו גוט, אף מאָרגן — איך האָב שוין דערציילט אפן עדות שטול אלץ וואָס איך האָב געזען — אף מאָרגן, האָב איך געזען, אז זיי שלעפּן די מענטשן אין געפענגניש, באַהאנדלען זיי אף א שענדלאַכן אופן, האָב איך פאַרלאָזן די שטאָט. כ'בין אוועק קיין זשעניוואַ, אילינאָיס, פאַר א פּאָר טעג; כ'האָב פאַרווײַלט דאָרט בא מיין פריינט האָלמס. דערנאָך בין איך אוועק קיין עלדזשין, אילינאָיס, און דאָרט פאַרווײַלט א פּאָר טעג. דאַן האָב איך דעם פּלאַץ פאַרלאָזן און בין אוועק קיין וואָקישא, וויסקאַנסין, וואו איך האָב געקראָגן באַשעפטיקונג, צוערשט אלס סטאָלער און דערנאָך אלס מוליער, און האָב פאַרבראַכט איבער זיבן וואָכן אין וואָקישא. מיין געזונט איז געווען אפּגעשוואַכט, פלעג איך גיין צו די קוואַלן, ווען איך בין געווען דאָרשטיק. דאָס הויז, וואו איך האָב געאַרבעט, איז געווען בלויז א האַלבער קוואַרטאַל פון די קוואַלן, און איך האָב געדאַרפט צעשטרייאונג און אָפּרו, און ריינע לופט און אויסער דעם טאַקע דאָס וואַסער. ווען איך האָב געזען, אז דער טאָג איז שוין באַשטימט פאַר דער דערעפנונג פון'ם פּראָצעס, און ווייסנדיק אז איך בין אומשולדיק, און פילנדיק, אז עס איז מיין פליכט ארויסצוקומען און טיילן מיט מיינע חברים דאָס וואָס דער גורל זאָל זיי ניט האָבן באַשערט, און אויך צו שטיין מיט זיי, ווען נויטיק, אפן עשאַפאָט, כדי צו פאַרטיידיקן די רעכט פון ארבעט, די אידייע פון

פרייהייט און הילף פאר די אונטערדריקטע — בין איך צוריק־געקומען. ווי אזוי בין איך צוריקגעקומען? עס וואלט געווען אינ־טערעסאנט, אבער עס וועט נעמען צייט צו דערציילן, וועל איך עס ניט טאן. איך האב אנגענומען דעם ארויסרוף און זיך געלאזט אף ריזיקע. פון וואקישא בין איך געפארן קיין מילוואקי. איך האב גענומען דעם סט. פאול־צוג אין דער פרי אף דעם מילוואקי וואק־זאל און זיך געלאזט קיין שיקאגא; כ׳בין אנגעקומען אהער האלב נאך אכט, גלויב איך, אין דערפרי. איך בין אוועק צום הויז פון מיין פריינט, מרס. האלמס, אף מארגאן סטריט. געשיקט נאך מיין פרוי און געהאט א געשפרעך מיט איר, און איך האב געלאזט וויסן קעפטען בלעק, אז איך בין דא און בין גרייט זיך אויסצוליפערן. ער האט מיר צוריק אפגעענטפערט, אז ער איז גרייט מיך אויפצו־נעמען. ער האט מיך באגעגנט אפן שוועל פון אט דער געביידע, און מיר זיינען ארויף אהער צוזאמען און איך האב זיך געשטעלט פאר׳ן געריכט. איך האב גארנישט, אפילו איצט, וואס צו באַ־דויערן.